STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04306

DER DAMEN-HELD

A. Verbitskaia

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

АННА ВЕРБИЦКАЯ.

דער דאַמען-העלד

(Духъ времени)

ראמאַן אין 4 טהיילען

פון

אַננאַ ווערביצקאַיאַ

איבערזעצט פון רוסיש פון

מ. אַשעראָוויטש

ערשטער באַנד

ערשטער און צווייטער טהיילען

ארויסגעגעבען פון
פאַרלאַג „ליטעראַטור"
1919

Copyright, 1919 by
Literature Publishing Co.
New York, N. Y.

א פאר ווערטער וועגען אננא ווערביצקאיא.

דעם אידישען לעזער אין אמעריקא איז דער נאמען ווערביצקאיא ביז ניט לאנג צוריק אין גאנצען געווען אומבאקאנט. אבער אין רוסלאנד איז איהר נאמען באריהמט און זי ווערט פאררעכענט אלס איינע פון די טאלאנטפולסטע און הויפטזעכליך ערפאלגרייכסטע שריפטשטעלערין.

איהרע ראמאנען און ערצעהלונגען האבען אלע מאל געמאכט א רושם ניט נור אין דעם ליטעראַרישען וועלטעל, נור אויך צווישען די מאסען לעזער און לעזערינס. מען האט זיי געלעזען מיט אינטערעס, מען האט זיך פון זיי ניט געקענט אפרייסען, ווייל זיי זיינען ווירקליך זעהר שפאנענד און שעהן אנגעשריבען.

יעדער ראמאן איהרער איז ארויסגעגאנגען אין צעהנדליגע טויזענטער עקזעמפליארען. דער ראמאן „דוך ווראעמעני", וועלכער הייסט אין דער אידישער איבערזעצונג „דער דאמען העלד", האט ביז 1911 אויסגעהאלטען עטליכע און פערציג טויזענד עקזעמפליארען.

אזוי שנעל ווי ער איז ערשיענען, איז געוואָרען א געלאף נאך איהם, און דאס איז ניט געווען אומזיסט; אין איהם האט זי א שטיק פון איהר נשמה אריינגעלעגט, אין איהם האט זי געשילדערט אינטערעסאנטע, לעבעדיגע מענשען פון דער צייט פון דער רוסישער רעוואלוציע אין 1905; זי האט זיי געשילדערט אין זייער גרויסקייט ווען זיי האבען זיך אויף צו דער מדרגה פון אויבערמענשען, וועלכע זיינען גרייט דאס לעבען אוועקצוגעבען פאר'ן אידעאל. און זי האט זיי אויך געשילדערט אין די מאמענטען, ווען זיי קענען זיך ניט באפרייען פון דעם פשוט־מענשליכען געפיהל, וואס נארט נאך פערזענליכען גענוס און פארגעניגען.

די הויפט העלדען פון דעם ראמאן — טאבאלצעוו, פאטאפאוו, ליזא, קאטיא, סאניא, טשערנאוו, טאבאלצעוו'ס מוטער, איהר זוהן, קאפיטאן און ניקאלאי, ווי אויך די אנדערע טיפען זיינען ביי דער

פערפאסעריין ארויסגעקומען אזוי לעבעדיג געשילדערט, אזוי סימ־פאטיש געמאָלען, אז מען מוז זיי געדענקען לאנג נאָך דעם ווי מען האָט שוין דעם בוך איבערגעלעזען.

איבער דריי יאָהר האָט די מאַדאַם ווערביצקאיא אויף דעם ראָ־מאַן געאַרבייט, און ווען ער איז ערשיענען, האָט מען וועגען איהם אין רוסלאַנד אַלס גערעדט און אַ סך געשריבען.

געבאָרען געוואָרען איז די ווערביצקאיא אין וואָראָנעזש, אין׳ם יאָהר 1861. איהר פאָטער איז געווען אַ פאָלקאָווניק (זיאַבלעוו האָט ער געהייסען).

שטאַמען שטאַמט זי פון אַ משפחה פון קינסטלער און אַר־טיסטען. איהר זיידע איז געווען דער באַריהמטער רוסישער שויש־פּיעלער איוואַן מאַטשאַלאָוו, וועלכער איז אין יענע צייטען באַ־טראַכט געוואָרען אַלס דער גרעסטער רוסישער אַרטיסט. וועגען איהם האָט בעלינסקי געשריבען, אַז ער איז אַ געניע.

איהר באָבע, וועגען וועמען זי שרייבט אַזוי סימפּאַטיש און שעהן אין איהר גרויסען בוך „צו מיין לעזער“, איז געווען די גרויסע רוסישע שוישפּיעלערין אַנאַסטאַסיאַ ניקיטיטשנאַ מאַטשאַלאָווא, וועלכע האָט פערציג יאָהר פאַרנומען איינע פון די אָנגעזעהענסטע פּלעצער אויף דער רוסישער ביהנע.

דער פערפאסעריין׳ס מוטער האָט אויך געהאַט אין זיך אַ גרויסען טאַלאַנט פאַר דער ביהנע, אָבער די מאַדאַם מאַטשאַלאָווא האָט ניט דערלאָזט, אַז זי זאָל זיין אַן אַקטריסע. די אַלטע איז געווען ענטוישט נאָכדעם, ווי זי האָט אַזוי פיעל שווערע ערפאָהרונגען דורכגעמאַכט אין איהר קאַריערע אויף דער ביהנע, און דאַריבער האָט זי באַשלאָסען, אַז איהר טאָכטער זאָל קיין אַקטריסע ניט זיין.

דער פערפאסעריין׳ס מוטער איז געווען איינע פון די שעהנסטע און אָנגעזעהענסטע דאַמען אין דער מאָסקווער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. זי האָט איהר טאָכטער געגעבען אַ גוטע ערציהונג; און כאָטש די פערפאסעריין איז ערצויגען געוואָרען אין אַן אַריסטאָ־קראַטישען קרייז, איז איהר הארץ אַלע מאָל געווען פול מיט ליעבע און סימפּאַטיע פאַר די אָרימע און אונטערדריקטע. זי האָט געהאַט אַ סך אידישע פריינד, און די אידישע טיפּען, וועלכע זי שילדערט אין איהרע ראָמאַנען און ערצעהלונגען, קומען ביי איהר אַלע מאָל ארויס אַלס סימפּאַטישע און אינטערעסאַנטע מענשען.

מ. א.

ערשטער טהייל

ערשטער קאפּיטעל.

געווען איז דאָס אין אַ אָסיענדיגען טאָג, אין יאָהר 1903. פון אין דער פריה אַז האָט אַ דריבנער רעגען גענומען מראָקען, און די גאַנצע שטאָדט איז אין אַ געדיכטען נעבעל געווען איינגעהילט.

כאָטש עס איז אין דרויסען געווען אַזאַ שלעכטער וועטער, זיינען דאָך מאַסען מענשען געקומען צו דער לויה פון דעם באַקאַנטען שרייבער, וועלכער איז געשטאָרבען פאַר דער צייט. סטודענטען פון אוניווערסיטעטען האָבען דעם ארון אויף זייערע אַקסלען געטראָגען און הינטען זיינען נאָכגעגאַנגען אַהן אַ שיעור מענשען: פאַרשטעהער פון רעדאַקציעס, רעפּאָרטערס פון צייטונגען, קורסיסטקעס, גימנאַזיסטקעס און אַ מאַסע יונגע פרויען.

די ערשטע נאָכ'ן ארון איז געגאַנגען די אלמנה. פּאַמעלאַך, טריט ביי טריט האָט זי געשפּאַנט. די אויגען אַרונטער געלאָזט צו דער ערד. און קיין טרעהרען האָט מען אין איהרע אויגען ניט געזעהן. גלייך ווי זי וואָלט זיך געשעהמט אַרויסצו־ווייזען איהר וועהטאָג פאַר פרעמד׳ע מענשען. אין איהר ניט שעהנעם, אָבער נאָך גאַנץ יונגען פּנים, אין דער פאַר'עקשנ'טען בליק, אין איהר גאַנצער ברייט־פּלייציגער פיגור און אין איהר גאַנג האָט זיך געפיהלט, אַז דאָס איז אַ פרוי, וועלכע קען אַ סך צרות איבערטראָגען און זיך דאָך פאַר קיינעם ניט קלאָגען.

— ווער איז געשטאָרבען? — האָבען פאַרבייגעהער נייגעריג געפרעגט.

דער פארשטארבענער שרייבער איזביים לעבען ניט געווען גענוג באקאנט צווישען די ברייטע מאסען. אליין איז ער געווען א זוהן פון א פשוט'ען פויער און געשריבען האט ער בלויז וועגען דארפישען לעבען. די פויערים, וועמענס לעבען ער האט אין זיינע ערצעלונגען געמאלען, האבען איהם ניט געלעזען. דערפאר אבער האבען איהם געלעזען סטודענטען און ארבייטער און זיי האבען זיין טאלאנט אפגעשאצט.

וואס אמאל איז די לויה געווארען אלץ גרעסער און גרעסער. איבער גאסען און גאסען האט זי זיך געצויגען. ביז דער גאנצער עולם, אן אויסגעווייקטער פון'ם רעגען, איז ענדליך אנגעקומען צום בית עלמין.

די קעפ ארונטערגעלאזט, די אטהעמס איינגעהאלטען האבען זיך דעם פארשטארבענעמס קרובים און פריינד אוועקגעשטעלט ביים אפענעם קבר. און ווען די צוויי קברות-לייט האבען דעם ארון אהין ארונטערגעלאזט און עס האט זיך דערהערט עפעס אזא מאדנע טעמפער קלאנג, איז אלעמען איבערגעלאפען א סקרוך איבער די לייבער.

די נידערגעשלאגענע אלמנה איז אויך געשטאנען ביים אפענעם קבר און געהאלטען ביי די הענטעלאך איהרע צוויי קליינע מיידעלאך, וועלכע זיינען געווען זעהר ארים אנגעטאן און שטארק געציטערט פאר קעלט. און דאס אינגעלע, וועלכער האט אויסגעקוקט צו זיין אלט א יאהר נייז, האט פארביסען די הינטערשטע ליפ און מיט שרעק א קוק געטאן אין דעם נאסען קבר. דערביי האט ער אויסגעצויגען דאס דינע העלזעל זיינס און שטארק צוגעקוועטשט דאס היטעלע, וואס ער האט געהאלטען אין די פארפהארענע הענטלאך.

מען האט אנגעהויבען האלטען רעדעס ביים אפענעם קבר. דער ערשטער האט גערעדט דער רעדאקטאר פון דער צייטונג, וואו דער שרייבער איז געווען א מיטארבייטער. ער האט דעם פארשטארבענעם קיין לויב-געזאנגען ניט געזשאלעוועט, און דער גאנצער עולם האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט.

ואהן א שיעור רעדעס האט מען ביים אפענעם קבר געהאלטען.
און יעדער רעדנער האט דעם פארשטארבענעם אלץ געלויבט — וואס פאר א פיינער מענש ער איז געווען, וואס פאר א זעלטענע מעלות ער האט באזעסען און וואס פאר א גוטער שרייבער ער איז געווען; ווי ער האט געשריבען פאר'ן פאלק און ווי ער האט מיט זיין שרייבען אויפגעקלערט דאס פאלק.

דער עולם האט געמיינט, אז מעהר וועט שוין קיינער קיין רעדע ניט האלטען און איניגע האבען זיך שוין אנגעהויבען קלייבען צו געהן אהיים. אבער פלוצים האט מען דערזעהן ווי א הויכער בלאנדער יונגערמאן, וועלכער איז לעבען דעם אפענעם קבר געשטאנען האט געגעבען א הויב אויף די האנד און מיט זיינע צוויי ליכטיגע אויגען אויף אלעמען א קוק געטאן.

איניגע האבען זיך גענומען שושקען:

— דאס איז טאבאלצעוו!

— וואס? אט דאס איז טאבאלצעוו? טאקי? — האט געפרעגט איינע א שעהנע יונגע מיידעל.

— יא, אט דאס איז ער! — האט איהר געענטפערט זיידמאן, א אידישער סטודענט מיט אן אויסגעבלייכטען פנים.

עס איז געווארען שטיל. אלע האבען געוואלט הערען, וואס טאבאלצעוו וועט ריידען. און די מיידלאך, וועלכע זיינען געשטאנען פון דער ווייטענס, האבען זיך אויף די שפיץ פינגער אויפגעשטעלט כדי זיי זאלען גוט קענען זעהן דעם שעהנעם יונגען מאן מיט'ן גלאט ראזירטען פנים.

— וואס פאר א טייערינקער ער איז! — האט איין קורסיסטקע דער אנדערער איינגערוימט א סוד אין אויער.

און טאבאלצעוו האט אנגעהויבען:

„אויף אייביג זיינען דיינע ליפען פארשלאסען געווארען, שטרענגער דיכטער. מיר וועלען שוין קיינמאל די שטארקע ווערטער פון דיין מויל ניט הערען, אונערמידליכער קעמפפער".

קלאר און דייטליך האט זיין שטארקע ברוסטיגע שטימע געקלונגען. עס איז געווען קענטיג, אז דער מענש דארף קיין ווערטער אין

קעשענע ניט זוכען און אז ער דארף זיך ניט אַנשטרענגען צו ריידען שעהן. אַלע האָבען איהם מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט געהערט, ווייל אין זיין ריידען האָט זיך געפיהלט עפּעס אזא ווייכקייט, וואָס מען קען גאַר מיט'ן ריכטיגען נאָמען ניט אנרופען. אין זיין טאָן האָבען אַלע געפיהלט עפּעס אַ באַזונדער מין צאַרטקייט וואָס באַצויבערט.

ער האָט גערעדט וועגען געדיכטע כמארעס וואָס פאַרשפּרייטען זיך איבער'ן הימעל דוקא דאָן ווען די אויגען פון טויזענדער און מיליאָנענדער מענשען קוקען ארויס אויף דער ליכטיגער זון; וועגען טרערען, וואָס גיסען זיך ווי אַט דער דריבנער רעגען און וועגען אַ טיעפען אומעט, וואָס עסט זיך איין אין די ביינער ווי אַט דער גרויער נעבעל; וועגען דעם ווי שלעכט עס איז ווען מענשען בלאָנדזשען אין דער פינסטער אהן אַ וועג און אהן אַ וועג־ווייזער.

כאָטש די ווערטער זיינען געווען גאַנץ געוועהנליכע, האָבען זיי דאָך אויף אַלעמען אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט, ווייל אין זיי האָט זיך געפילט די שטאַרקייט פון דעם מענשען, וואָס האָט זיי ארויסגעזאָגט.

נאָך דעם האָט מען אויפ'ן ארון ארויפגעשאָטען די ערשטע לאָפּעטע ערד. די צווייטע, די דריטע. די אלמנה פון דעם פאַרשטאָרבענעם שרייבער איז דערביי געשטאַנען און געגאָסען מיט טרערען.

אויך די אַלטע מאַמע האָט ביטער געוויינט; דאָס אינגעלע מיט דעם דינעם העלזעל האָט געכליפּעט און עפּעס אזוי אומבאהאָלפען און רחמנות'דיג זיך געטוליעט צו דער מאַמען. און ווען די לאָפּעטעס ערד האָבען געקלאַפּט איבער די אויבערשטע ברעטלאַך פון דעם ארון, פריהער שטאַרק און דערנאָך אַלץ פאַרדומפּפּענער און שוואכער, זיינען אַלע געשטאַנען באַוועגלאָז, געריהרט ביז אין די טיעפסטע טיעפעניסען פון דער נשמה, און די פרויען האָבען געוויינט אין דער הויך, אויפ'ן קול.

דער רעגען האָט אַלץ געגאָסען און געגאָסען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט קיינמאָל ניט אויפהערען.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען צו צוגעהן. מיט די אויפגע־עפּענטע זאָנטיקעס האָט מען זיך געלאָזט געהן צום ארויסגאַנג פון'ם בית עלמין.

— וויערא איוואַנאָוונאַ! — האָט דער רעדאַקטאָר זיך אָפּ־גערופען צו דער אַלמנה און פריינדליך זי אָנגענומען פאַר דער האַנד. — קומט מיט אונז!

געהאָרכזאַם האָט די אַלמנה די אויגען אויסגעווישט, אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און צורעכט געמאַכט די היטלאַך אויף די קעפּלאַך פון איהרע צוויי מיידעלאַך. די קינדער האָבען זיך אָנגעטשעפּעט אָן איהר קליידעל, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך מורא געהאַט אַ ריהר צו טאָן אָהן איהר.

— מיטיאַ! — האָט זי אַ זאָג געטאָן צום אינגעלע. — טו אָן דאָס היטעל און שנייץ אויס די נאָז... וואו איז דיין פאַר־טשיילעבעל? געבנוג שוין צו וויינען!

די יונגע־לייט און די מיידלאַך האָבען זיך געשפּאַרט וועגען די רעדנער; איינער האָט געזאָגט, אַז די ישענסטע רעדע האָט דער רעדאַקטאָר געהאַלטען און אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז ניין, אַז דעם רעדאַקטאָרס רעדע האָט דוקא געטויגט אויף כפּרות, און שפּאַרענדיג זיך אַזוי האָט מען כמעט ווי גאָר פאַר־געסען אָן טויטען.

ווען טאַבאַלצעוו האָט זיך שוין געלאָזט אַוועקגעהן, איז צוגעגאַנגען צו איהם אַ יונגע שעהנע קורסיסטקע און איהם גע־דאַנקט פאַר דער שעהנער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען.

— איהר האָט מיך פּשוט גערירט ביז טרערען. — האָט איהם די יונגע מיידעל געזאָגט.

דארויף האָט ער איהר געענטפערט מיט אַ ליבליכען שמייכעל און דריקענדיג פעסט איהר האַנד, האָט ער זי מיט די אויגען אַזוי דורך און דורך געגומען, אַז זי האָט זיך אַזש פאַרשעהמט און איז רויט געוואָרען. עס האָט זיך איהר געדוכט, אַז מיט די

אויגען טוט ער זי אוים א נאקעטע... אין דער זעלבער צייט האט זי זיך אבער געפיהלט געשמייכעלט אויך, וואס ער, אזא שעהנער יונגערמאן, קוקט אזוי אויף איהר. און זי האט גאר ניט געוואוסט די נאאיווע מיידעל, אז טאבאלצעוו קוקט אזוי אויף אלע שעהנע פרויען...

די מיידלאך, וועלכע האבען איהם ניט געקענט, האבען זעהר געוואלט וויסען ווער ער איז — ער, דער שעהנער יונגער מאן, וועלכער קען אזוי פיין ריידען.

— וואס איז ער? אן אקטיאר? — האט א פרעג געטאן א אידישע קורסיסטקע מיט צוויי שעהנע שטאלצע אויגען.

— ניין, ער איז ניט קיין אקטיאר, נור גלאט אזוי א באַקאנטער מענש. — האט איהר א סטודענט געענטפערט. — איהם האבען אלע ליעב. אממעהרסטע פרויען... ער שטאמט פון זעהר א רייכער פאמיליע אין סיביר.

אלע האבען גערעדט פון איהם. אלע האבען זיך מיט איהם אינטערעסירט, און אין טויטען האט מען כמעט פארגעסען.

ווען טאבאלצעוו איז שוין געווען ביי'ם טויער פון'ם בית עלמין האט איהם דער סטודענט איוואנצאוו אפגעשטעלט:

קען איך מיט אייך ריידען א פאר ווערטער, הערר טאבאלצעוו?

— א געוויס. — האט טאבאלצעוו געענטפערט, — אבער אזוי ווי איך אייל זיך זעהר, וועל איך אייך בעטען, אז איהר זאלט פאהרען מיט מיר צוזאמען אין מיין קארעטע און אויפ'ן וועג וועט איהר מיר שוין זאגען, וואס איך קען טאן פאר אייך.

ניט זיכער האט זיך דער ארימער סטודענט אוועקגעזעצט אין דער פריצישער קארעטע, וועלכע איז אזוי לייכט אונטערגעשפרונגען אויף די גומענע רעדער און שנעל אריבערגעיאגט די אלע בריטשקעס, וועלכע זיינען נאך פריהער פון'ם בית עלמין אוועקגעפארען. באטראכטענדיג די ברייטע פלייצעס פון דעם פארפוצטען קוטשער (פורמאן) דעם גרויסארטיגען שפאן און די גוט אויסגעפרעסטע טייערע הויזען פון דעם רייכען סוחרישען זוהנדעל, האט דער ארימער סטודענט איוואנצאוו פאר־

לוירען דעם מוט צו ריידען וועגען דעם, וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט די אַלע וואונדערבאַרע זאַכען, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט וועגען טאַבאַלצעוו׳ען, האָט ער ווידער באַקומען מוט און געזאָגט, וואָס פאַר אַ בקשה ער האָט צו איהם.

— פארשטעהט איהר, הערר טאַבאַלצעוו, — האָט דער סטודענט אָנגעהויבען, — אזוי ווי מיר ווייסען, אַז איהר זענט זעהר אַ גוטער מענש און טוט אויף זעהר אַ סך פאַר אונזערע מענשען, האָבען מיר צו אייך אַ בקשה. עס געפינען זיך ביי אונז צוויי מיידלאַך, געוועזענע קורסיסטקעס. איינע איז אַ גענעראַל׳ס אַ טאָכטער, אָבער איהרע עלטערן האָבען זיך פון איהר אין גאַנצען דערוויטערט. דערפאַר וואָס זי איז אַ רעוואָלוציאָנערקע. ביידע מיידלאַך זיינען אַ שטיק צייט געזעסען אין טורמע. זיי זיינען ביידע קראַנק. איינע ליידעט פון רומאַטיזם און די צווייטע איז שרעקליך היסטעריש. ווען זי ווערט היסטעריש איז געפעהרליך. עס איז דאָן אַ רחמנות און אַ שרעק אויף איהר צו קוקען! און ווי מיר דוכט זיך, האָט זי נאָך בירושה געקראָגען די סוכאָטקע. מען וואָלט זיי ביידע געדאַרפט אַוועקשיקען קיין קרים אויף אַ דאַטשע. נו, פארשטעהט איהר דאָך, אַז קיין געלד האָבען מיר ניט... זיי געפינען זיך איצטער ביי אַ קורסיסטקע. אָבער זיי קענען דאָרטען מעהר ניט זיין; די בעל הבית׳טע פון׳ם הויז האָט איינמאָל באַמערקט ווי די איינערע האָט באַקומען היסטעריקע, האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד: — „אַרויס פון דאַנען! אייער זוואַניע זאָל דאָ ניט זיין! אַט לויף איך שוין דערצעלען דער פּאָליציע!“

— האָט מען אייך, הייסט עס געשיקט צו מיר, אַז איך זאָל פאַר די קראַנקע מיידלאַך עפּעס טאָן? — האָט טאַבאַלצעוו געפרעגט.

— יאָ צו אייך. — האָט דער סטודענט איוואַנצאָוו געענטפערט.

— גוט, שיקט זיי צו מיר. א וואוינונג האב איך א גאנץ גרויסע און זיי װעלען זיך דארטען פילען ווי אין דער היים.

— און איהר דארפט ניט פארגעסען, אז מען טאר זיי ניט לאזען אליין, מען מוז אויף זיי גוט אויפפאסען, ווייל זיי זיינען אזוי אומבעהאלפען פונקט ווי קליינע קינדער.

— דאס װעלען מיר אויך פארזארגען. איך האב א דינסט, אן עלטערע פרוי, האט זי א דימענטענע הארץ און זי וועט ׳שוין אויף זיי אויפפאסען.

— זענט איהר פארהייראט? — האט איוואנצאוו נייגעריג געפרעגט.

גאט באוואר! — האט זיך טאבאלצעוו צולאכט. — פאר־הייראט גאר! דאס לעבען האט מיר דערווייל נאך ניט דער־עסען... חתונה האבען און פארציהען א שטריק אויפ׳ן האלז איז ביי מיר פונקט דאס זעלבע...

ביידע האבען געלאכט.

פאהרען גלייך אהיים האט ער איצטער ניט געקענט, ווייל ער איז געווען פארנומען מיט געשעפטס־זאכען. האט ער איוואנ־צאוו׳ן געהייסען ברענגען די צוויי קראנקע מיידלאך צו זיך אהיים און זאגען, אז ער, אנדרעי טאבאלצעוו האט זיי געשיקט, און אליין, האט ער געזאגט, וועט ער קומען ארום פינף א זייגער פארנאכט... און ער האט געהאלטען ווארט. פונקט פינף א זייגער איז ער געקומען אהיים.

די אלטע דינסט האט איהם געעפענט די טיר, און אין דעם בליק, וואס זי האט אויף איהם געווארפען, האט מען גלייך געקענט דערקענען, אז זי האט חשק איהם אביסעל אויסצו־מוסר׳ען. ער האט אויף שנעל אויסגעטאן זיין ראק, אליין איהם אויפגעהאנגען און ווי א שולדיגער שטיפער א שמייכעל געטאן צו איהר.

פון׳ם עס־צימער האט זיך געהערט א קלאפעריי פון מעסערס און גאפלען, א הילכינער ברייטער געלעכטער און עטליכע פרויען־שטימען.

— נאָך וועניג וואָס אויף אַלע דיוואַנען און בעטען שלאָפען דאָ ווילד פרעמדע מענשען און מאַכען פון אַלעם אַ תל. — האָט די אַלטע געטרייע דינסט אומצופרידען געזאָגט — האָט מען נאָך אהער געבראַכט צוויי מוידען... געשיקט זיך, אַז זיי וועלען דאָ נעכטיגען אויך? עס איז דאָך אַ שאַנדע און אַ חרפה פאַר לייטען... צוויי מוידען גאָר! מאָרגען וועט דאָך די מאַמע אהער קומען... פע, עס איז ניט ושהן!

אומגעדולדיג האָט טאַבאַלצעוו זיך צופּאַטעלט די האָר און צערטליך ארויפגעלעגט די האַנד אויף דער אַלטער'ס אַקסעל.

— ניאַניעטשקאַ, טייערע... זייט ניט בייז. בעסער זעהט, אַז דער סאַמאָוואַר זאָל אויפזידען אין צייט און מיר זאָלען קענען טרינקען אַ גלעזעל טהעע... און וועגען דער מאַמען דאַרפט איהר זיך אויך ניט זאָרגען. איך וועל מאָרגען צופאָרען צו איהר נאָך מיטאָג... און פאַר די צוויי מיידלאַך זאָלט איהר מאַכען דאָס בעט אין מיין שלאָף־צימער. זיי וועלען היינט דאָ נעכטיגען...

— אַט האָסטו דיר!... און וואו וועסטו שלאָפען?

— פאַר מיר דאַרפט איהר זיך ניט זאָרגען... איך וועל שוין יאַקאַש ניט פאַרפאַלען ווערען. גאָט איז אַ פאָטער! פאַרגעסט ניט, אַז איינע פון די מיידלאַך איז אַ קראַנקע...

— וואָס? אַ קראַנקע? — האָט זיך די אַלטע דינסט אַ כאַפּ געטאָן. אַזעלכע מוידען זיינען דען קראַנק?

אין דער מינוט האָט זיך פון'ם עס־צימער דערהערט אַ היל־כיגער, געזונטער מיידעלשער געלעכטער.

— יאַ־אַ ניאַניעטשקאַ, — האָט טאַבאַלצעוו געזאָגט דער אַלטער ארויפלעגענדיג זיין האַנד אויף איהר אַקסעל. — איינע פון די מיידלאַך איז זעהר אַ קראַנקע און מען וועט באַלד מוזען ברענגען אַ דאָקטאָר אהער. זיי זיינען ביידע אָרימע יתומות און מען מוז זיי ארויסהעלפען. מען טאָר זיי ניט לאָזען פאַלען...

— נו, גוט, גוט. — איז די אַלטע שוין ווייכער געוואָרען. — איך וועל שוין אַלעם פאַרזאָרגען.

— אַט איז ער, דער בעל הבית אליין! — האָבען זיך דער־

הערט פרעהליכע אויסרופען פון׳ם עס־צימער ווען מען האט טאבאלצעוו׳ען דערזעהן.

— איך האב די עהרע זיך פארצושטעלען! — האט טאבאלצעוו געזאגט דערלאנגענדיג די האנד די צוויי אומבעקאנטע מיידלאך. — וועלכע איז דא די קראנקע?

איינע — א הויכע, געזונטע, פעסט־געבויטע בלאנדע מיידעל, מיט אונטערגעשארענע האר און מיט א דיקער, מענערשער שטימע, האט איהם פשוט איבערראשט מיט איהר לעבעדיגקייט. עס האט זיך געדוכט, אז עס קען גאר ניט זיין דאס אזא מיידעל זאל אמאל האבען געזעסען אין טורמע; זי האט ניכער געמאכט דעם איינדרוק פון א צובאלעוועטע גענעראלסקער טאכטער, וועלכע האט קיינמאל אין איהר לעבען פון קיין צרות ניט געוואוסט און קיינמאל אין קיין זאך קיין מאנגעל ניט געהאט. די צווייטע איז געווען א קליינינקע, א שווארצינקע, מיט א פרעכען פנים, אבער איהרע צוויי דונקעלע אויגען זיינען געווען טרוימעריש. און ווען זי האט מיט אימיצען גערעדט, האט זי געקוקט אן א זייט.

„אט די שווארצינקע מוז דאס זיין די קראנקע“. — האט טאבאלצעוו געטראפען. און קוקענדיג אויף איהר האט ער זיך שוין פארגעשטעלט וויפיעל צרות זי האט נעבאך אריבערגעטראגען. און זיין הארץ איז שוין געווען פול מיט רחמנות.

חוץ די צוויי מיידלאך איז ביי׳ם טיש נאך געזעסען א גאנצע חברה. צווישען זיי איז געווען שובויעוו, א יונגער מאן מיט א גוטמוטיגען פנים, וועלכער האט אויסגעקוקט ווי א פשוט׳ער פויער. אנגעטאן איז ער געווען אין א העמדעל, ארומגעבונדען מיט א לעדערנעם גארטעל, און זיינע ברענענדיגע, דרייסטע אויגען האבען זיך נאך מעהר אנגעצונדען אלע מאל ווען עס האט איהם עפעס פארדראסען און ער האט זיך אנגעהויבען היצען. לעבען איהם איז געזעסען דימיטריעוו, א יונגער סטודענט פון׳ם ערשטען קורס. ער האט געוואוינט ביי טאבאלצעוו׳ען, ווייל ער האט דא, אין מאסקווא, ניט געהאט קיין קרובים און

קיין פריינד ביי וועמען צו זיין. געקומען אַהער איז ער פון ווייט, אַזש פון קראַסנאָיאַרסק, און דאָ, ביי טאַבאַלצעוו'ען איז ער שוין דעם צווייטען מאָנאַט, וואַרטענדיג אַלץ צו קריגען אַרבייט ביי וואָס עס איז. געווען איז ער אַ בחור מיט ברייטע פּלייעס און מיט רויטע באַקען, אָבער זעהר אַ נאַאיווער. און אַזוי ווי שובויעוו'ען איז זעהר געפעלען געוואָרען, וואָס אַזאַ געזונטער, ברייט־פּלייציגער בחור איז אַזוי נאַאיוו ווי אַ קליין קינד, האָט ער זיך אַלץ גע'חכמה'ט אויף זיין חשבון. לעבען דימיטריעוו'ען איז געזעסען איוואַנצאָוו, דער סטודענט, וועלכער האָט אַהער די צוויי קורסיסטקעס געבראַכט.

עס האָט קיין סך ניט געדויערט און אַלע האָבען שוין צווישען זיך גערעדט אַזוי, גלייך ווי זיי וואָלטען שוין יאָהרען לאַנג גע־וועזן באַקאַנט.

בלויז די קראַנקע מיידעל, די שוואַרצינקע, האָט זיך גע־האַלטען פון דער ווייטענס, דערפאַר איז די צווייטע — טאַניאַ האָט מען זי גערופען — שוין געווען צו היימיש און זיך געהאַלטען אַזוי גלייך ווי זי וואָלט די גאַנצע חברה געקענט שוין אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

פון וואָס צו ריידען האָט מען געהאַט. אין אָנפאַנג האָט מען גערעדט וועגען אַלגעמיינע באַקאַנטע, און דערנאָך איז מען אַרויפגעקומען אויפ'ן לעבען פון דער היינטיגער צייט.

די גאַנצע צייט, וואָס טאַבאַלצעוו האָט גערעדט, האָט די קראַנקע מיידעל — נינאַ האָט זי געהייסען — פון איהם די אויי־גען ניט אַראָפּגענומען. ער איז איהר שטאַרק געפעלען געוואָרען...

— וואָס פאַר אַ טייערינקער ער איז!

און ביי־נאַכט האָט זי שוין איבער דעם באַקומען היסטעריקע...

גאָר פּלוצים האָט זי מיט אַ מאָל געגעבען אַ וואָרף אַרונטער פון זיך די קאָלדרע, זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט און מיט ברייט פונאַנדערגעעפענטע אויגען גענומען קוקען אויף דער סטעליע, גלייך ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס דערזעהן.

— עס הויבט זיך שוין אָן! — האָט זיך טאַניאַ דערשראָקען.

— איך האב אבער געוואוסט, אז עס וועט אזוי זיין! ניא־ניעטשקא, איך בעט איך, לויפט שנעלער, רופט אימיצען אריין!

די דינסט איז אז איבערגעשראקענע אריינגעלאפען אין דעם צימער, וואו די מענער זיינען געזעסען ביים טיש און געטרונ־קען וויין. ווי עס האט זיך נור דערהערט דער קווימש, זיינען זיי אלע אריינגעלאפען אין דעם שלאף צימער, וואו די צוויי מיידלאך זיינען געווען. אבער ווען זיי האבען דערזעהן טאניא'ן אין איין העמד, מיט בארפוסע פיס, זיינען זיי אין גרוים פאר־לעגענהייט געבליבען שטעהן ביי דער שוועל און ניט געוואוסט וואס צו טאן — געהען ווייטער אדער ניט...

— שרעקט איך ניט, קומט אריין! — האט טאניא זיך אפגערופען. — איך וועל זיך איינהילען אין דער קאלדרע...

די קראנקע איז געלעגען אויף דער פאדלאגע אן איינגעקאר־טשעטע, א צונויפגעשרומפטע און פיבעריש געציטערט. עס האט לאנג געדויערט ביז מען האט זי דערמינטערט. דערנאך זיי־נען אלע מענער ארויסגעגאנגען פון'ם צימער און טאבאלצעוו איז געבליבען.

— טייערינקער, געהט ניט אוועק, — האט טאניא געבעטען טאבאלצעוו'ען — לעגט איך אוועק אט דא א... איך האב מורא...

א גאנצע נאכט איז ער אויף א שטול געזעסען לעבען דער קראנקער, און די גאנצע צייט געהאלטען איהר האנד אין זיינער. אלע מאל האט ער איינגעדרעמעלט און זיך באלד אויפגעכאפט. עס איז געווען גענוג, אז ער זאל דער מיידעל'ס האנד ארויס־לאזען פון זיינער, האט זי זיך גלייך א דערשראקענע א כאפ גע־טאן און שטיל זיך געבעטען:

— טייערינקער, געהט ניט אוועק!... געהט ניט אוועק!...

צווייטער קאפיטעל.

מיט א וואך שפעטער זיינען די מיידלאך אוועקגעפארען קיין קרים, אויף טאבאלצעוו'ס רעכענונג. עס האט זיך זיי גאר ניט געגלוסט אוועקצופארען פון דאנען, ווייל אין די עטליכע טעג, וואס זיי זיינען דא געווען, האט מען זיי זעהר אפגעהיט און זיי געגעבען עסען דאס שענסטע און דאס בעסטע.

זיי וואלטען געווען פארבליבען אויף נאך א וואך, אבער דער דאקטאר האט געזאגט, אז מען מוז די קראנקע נינא וואס גיכער אוועקשיקען קיין קרים, ווייל עס ווייזען זיך ביי איהר סימנים פון שווינזוכט.

טאבאלצעוו האט אלעם פארזארגט. אפילו א בארמהערציגע שוועסטער (נוירס) האט ער מיט זיי אויך געשיקט.

מיט טרערען אין די אויגען האט דער סטודענט איוואנצאוו געדאנקט טאבאלצעוו'ען פאר דער גרויסער זאך, וואס ער טוט פאר די מיידלאך.

ער האט גוט געוואוסט דער סטודענט, אז די גאנצע געשיכטע וועט טאבאלצעוו'ען קאסטען אמוועניגסטען צוויי טויזענד רובעל, און ער האט אויך געוואוסט, אז קיין סך געלד האט ער שוין נים.

אויפ'ן וואקזאל, ביים געזעגענען זיך האבען זיך די מיידלאך צוקושט מיט טאבאלצעוו'ען. — פריינד... ברודער! האט די בלאנדע טאניא עטליכע מאל איבערגעח'זר'ט. — מיר וועלען פארבלייבען אמת'ע פריינד אויפ'ן גאנצען לעבען.

טאבאלצעוו איז געווען בלאס און נערוועז געביסען די ליפען. די שעהנע אויגען פון דער קראנקער נינא האבען אנגעצונדען זיין נשמה, און ער האט זיך איבער דעם געפילט עפעס אזוי מאדנע. ער האט געוואוסט, אז אין דער וואך צייט, וואס ער האט אויף איהר אויפגעפאסט, האט זי זיך אין איהם פארליבט מיט דעם גאנצען פייער און ברען פון איהר נוסס'דיגען לעבען.

ער האט געפילט, אז די קראנקע נינא האט צוגענומען ביי איהם א טייל פון זיין נשמה. און אז ניט אזוי שנעל וועט ער פאר־געסען די קרענקליכע שעהנהייט פון אט דער אומגליקליכער מיי־דעל...

ער האט אויך געוואוסט אז די װענען פון זיין און איהר לעבען האבען זיך בלויז צופעליגערווייזע באגעגענט און מעהר װעלען זיי זיך שוין קיינמאל ניט באגעגענען...

— —

דער נאך איז שוביעװ אװעקגעפארען. און קיינער האט ניט געוואוסט וואוהין.

אבער מיט א טאג שפעטער האט מען ביי טאבאלצעװ'ן אין הויז געמאכט אן אביסק. ווען פאליציי איז אריינגעקומען האבען זיך אלע יונגע לייט אין איינע שרעק א כאפ געטאן פון די סאפעס און פון די שטוהלען. די אלטע דינסט האט שיעור ניט גע'חלש'ט פאר שרעק. נור איין טאבאלצעװ איז געבליבען רוהיג און גע־לאסען, און מיט א שמייכעל אויפ'ן פנים האט ער ערקלערט אז אט די אלע מענשען זיינען זיינע שכנים. גראדע האבען אלע געהאט פאספארטען; קיין געפערליכע, פארבאטענע זאכען האט מען ניט געפונען, אויסער א פאר ביכלעך. דאך האט מען טא־באלצעװ'ען אפגעהאלטען א וואך אין טורמע און דערנאך האט מען איהם אפגעלאזט.

דער אלטער דינסט, װעלכע איז געװען א קינסטלערין צו שווייגען ווען מען האט געדארפט, האט ער אנגעזאגט, אז זי זאל זיך פאר זיין מוטער מיט קיין װארט ניט ארויסכאפען, זיך ניט דערװעגען צו דערצעלען דעם אמת, אז מען האט איהם ארעסטירט. איז זי צוגעפארען צו דער מוטער און דערצעלט א מעשה, אז דער, „יונגער פרינץ" איז אוועקגעפארען אויף א קורצער צייט קיין בארקאװ.

— עס איז א רחמנות אויף דער מאמע'ן. — האט די אלטע געשאקעלט מיט'ן קאפ. — װען זי וועט דאס געוואר ווערען, וועט זי נאך, חלילה, קראנק ווערען...

— ניש־קשה, זי וועט ניט געוואָר ווערען, — האָט זי טאַ־באַלצעוו בארוהיגט. די הויפּט זאַך — האַלט ס'מויל!

— נו, וועסטו אַ מאָל אַריינפאַלען. איבער דיין גוטהער־ציגקייט. — האָט די אַלטע דינסט מיט אַ מוסר טאָן ניט איין־מאָל איהם געזאָגט. — נעבאַי וואָלסטו כאָטש אויף דער מאַמען רחמנות געהאַט... זי האָט גענוג טרעהרען איבער דיר פאַרגאָסען...

און ווירקליך, זיין מוטער, אַננאַ טאַבאַלצעווא, האָט אַ וועלט מיט צרות אַריבערגעטראָגען ביז זי האָט איהם פאַר אַ לייט געמאַכט. אַליין איז זי געווען אַ פרומע קריסטין, אַלע יאָהרען געטראָגען אַ דונקעל שאַלכעל אויפ'ן קאָפּ. זי איז אויך געווען זעהר אַ שטרענגע, און ווען זי וואָלט זיך פאַר איהם ניט געווען איינגעשטעלט וואָלט איהר מאַן איהם קליינערהייד אַ לע־בעדיגען געווען באַגראָבען, אַזוי שטאַרק שלאָגען פלעגט ער איהם.

געשטאָמט האָט דער אַלטער טאַבאַלצעוו (דער פאָטער פון'ם העלד) פון סיביר. זעהר אַ פרומער קריסט געווען, אַ שרעק־ליכער פאַנאַטיקער אין רעליגיאָנס זאַכען און אַ מערקווירדיג פע־היגער מענש צו געשעפטס זאַכען. געהאַנדעלט האָט ער מיט פוטער, און צוליעב דעם פלעגט איהם אויסקומען אָפט מאָל צו פאָרען קיין מאָסקווא. איין מאָל, ווען ער איז נאָך בחר'ווייז קיין מאָסקווא אָנגעקומען, האָט ער זיך צופעליגערווייזע באַקאַנט מיט אַננאַ'ן וועלכע איז דאַן זעהר אַ שעהנע מיידעל געווען, און ער האָט זיך גליייך אין איהר פאַרליעבט. נאָך קיין גדן האָט ער זיך ניט געיאָגט, כאָטש די כלה האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע צוויי־גאָרענדיגע שעהנע הויז און צעהן טויזענד רובעל. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס געהאַט ביי איהם, דעם פעהיגען, ערפאָלגרייכען סוחר? ער האָט זיך קיינמאָל צו איהר געלד ניט צוגעריהרט, ווייל ער האָט זיך ניט גענויטיגט אין דעם. ווען ער האָט מיר איהר חתונה געהאַט, האָט ער צו איהר גרויס ליעב־שאַפט אַרויסגעוויזען, ער האָט פאַר איהר אויך גרויס אָפּשיי געהאַט, כאָטש ער פלעגט גאַנץ אָפט, ווען ער איז נאָר געקומען קיין ניזשני־נאָווגאָראָד, זשוליעווען אויף וואָס די וועלט שטעהט

און ארויסגעבעבן מאסען געלד אויף אנדערע פרויען... ערשט זיבען יאהר נאך דער חתונה האט ער באמערקט, אז די פרוי בענקט און איז שטענדיג שטארק פארזארגט. און דאן האט ער זיך דאס ערשטע מאל שטארק פארטיעפט אין געדאנקען און עס איז איהם עפעס אין קאפ אריין. — וואס קען דאס זיין וואס זי ווערט אזוי שטארק א תל ? !

אין דעם סיבירער שטעדטעל איז געווען א גוטער דאקטאר וועלכער האט זיך אפגעגעבען מיט פראקטיקע מעהרסטענטהיילס צווישען די פאליטישע פארברעכער. אלע האבען איהם שטארק ליעב געהאט, איהם ממש אויף די הענט געטראגען. אבער קיריל טאבאלצעוו, „דער אלטער", האט ווי די מעהרסטע פשוט'ע מוזשיקעס אין סיביר, אין קיין דאקטוירים ניט געגלויבט. נור אזוי ווי ער האט אויף זיין פרוי רחמנות געהאט האט ער ביי זיך געפועלט צו רופען צו איהר דעם דאקטאר.

ווען דער דאקטאר האט איהם געזאגט, אז זיין פרוי איז ערנסט קראנק און מען מוז אזוי שנעל ווי מעגליך בייטען דעם קלימאט, האט זיך קיריל געפיהלט ווי פון א דונער געטראפען. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיין פרוי, אננא, האט די גאנצע צייט זעהר שטארק געבענקט אהיים, קיין מאסקווא; דאס לעבען אין סיביר איז איהר ניט געווען צום הארצען, און דערפאר איז זי געווארען זעהר נערוועז, און עס איז זעהר נויטיג געווען זי צו ראטעווען באצייטענס.

וואס א טאג האט אננא אנגעהויבען אויסקוקען ערגער; די אויגען זיינען איהר טיעף אונטער'ן שטערן אריין און דאס פנים איז געווארען שרעקליך בלאס.

קיריל טאבאלצעוו האט דאן אויף זיך די האר פון'ם קאפ געריסען. — פאר וואס בענקט זי אהיים? פאר וואס נאגט איהר אזוי דאס הארץ? — האט ער פאר גרויס פארצווייפלונג זיך אליין געפרעגט. — בין איך דען א שלעכטער מאן? היט איך זי דען ניט אפ ווי דאס שווארצאפעל פון'ם אויג? ניט אנ-

דערש, נור גאט'ס צארן האט זיך אויף מיר אויסגעגאסען... גאט שווייגט ניט... ער שטראפט מיך פאר מיינע זינד אין ניזשני נאווגאראד...

און וויפיעל ער האט ביי איהר ניט געפרעגט, וואס ס'איז איהר, האט זי איהם גאר ניט געענטפערט. מיט אן ארונטערגעלאזטענע קאפ, א שעהנע, אן ערדעלע און א פארטראכטע איז זי געזעסען און אלץ געשוויגען. גלייך ווי זי וואלט גאר ניט געהאט אזעלכע ווערטער, מיט וועלכע זי זאל קענען אויסדריקען איהר טיעפען צער און איהר גרויסען וועהטאג... און דאן האט קיריל געטראכט וועגען דעם, אז זי איז שטענדיג פארזארגט, און אז פאר די אלע זיבען יאהר, זינט ער האט מיט איהר חתונה געהאט, האט ער נאך ניט געהערט, אז זי זאל א מאל א לאך טאן...

דאס האט אויף איהם אזוי שטארק געווירקט, אז ער איז אליין אויך א תל געווארען, דערפילט ווי די עלטער רוקט זיך אן אויף איהם, כאטש דאן איז ער ערשט אלט געווען פופציג יאהר.

אין פארלויף פון א האלב יאהר צייט האט ער אויספארקויפט אלע זיינע געשעפטען, דערנאך איז ער מיט דער גאנצער פאמיליע אריבערגעפארען קיין מאסקווא און זיך באזעצט אין דעם צוויי־גארענדיגען הויז, וואו אננא האט איהרע קינדער יאהרען פארבראכט. און דארטען איז געבוירען געווארען אנדריושא... (דער העלד פון'ם ראמאן).

עס האט קיין סך ניט געדויערט און ער איז אין מאסקווא אויך געווארען א סוחר. און אזוי זיינען זיך די יאהרען געגאנגען.

צוויי פון זיינע זיהן האבען זיך פון קינדווייז אויף אן געלערנט ארויסצוהעלפען דעם טאטען אין געשעפט. צו בילדונג האבען זיי קיין נייגונג ניט געהאט. דער עלטסטער זוהן איז געווארען דעם טאטען'ס רעכטע האנד. אבער קיין באזונדער גרויסע פעהיגקייטען האט ער ניט ארויסגעוויזען. עס האט איהם

געפעהלט דעם טאטענס ברייטקייט, זיין שטעל. ער האט ניט געקענט פאלען אויף קיין נייע המצאות, גאר ניט געקענט אויפ־טאן, און עפעס צופיעל מיט חשד געקוקט אויף די משרתים אין מאגאזין, ווי די מעהרסטע אומפעהיגע סוחרים, וועלכע ווייסען ניט ווי אזוי א געשעפט צו פיהרען...

דאן פלעגט זיך דער אלטער טאבאלצעוו טראכטען אזוי:

— עך־עך־עך! איך בין שוין אן אלטער שקראב! שוין ניטא די אמאליגע כוחות... ווען איך וואלט אצינד יענע כוחות געהאט, וואלט איך דיר טיפש איינער, געוויזען ווי מען פיהרט געשעפטען!

בטבע איז אננא געווען אן עדעלע נשמה. זי איז אויך געווען א קלוגע פרוי. און ווען אנדריושא איז אונטערגעוואקסען, האט זי גלייך באמערקט, אז ער באזיצט מעהר פעהיגקייטען און אויך מעהר עדעלקייט פון די אנדערע צוויי ברידער זיינע. און דערפאר איז זי פעסט באשטאנען דארויף, אז מען זאל איהם צו געשעפטס־זאכען ניט נעמען און איהם אוועקגעבען אין דער קאמערץ־שולע. איבער דעם האבען איהם די עלטערע ברידער נאך מעהר פיינט געקראגען. זיי האבען שוין טאקי לאנג באמערקט ווי די מוטער איז צו זיי קאלט און צו אנדריושא'ן ווייזט זי ארויס מעהר ליעבע.

צוועלף יאהר איז אנדריושא אלט געווען ווען ער איז צופעליגערווייזע, אהן די עלטערן'ס וויסען אריינגעפאלען אין א טעאטער. מען האט דאמאלסט געשפיעלט א גוטע פיעסע, די אקטיארען האבען זיך אין זייערע ראלען אויסגעצייכענט און דערפאר האט זיי דאס פובליקום מיט שטארקע אפלאדיסמענטען באדאנקט. איז דאס איהם, דעם צוועלף יעהריגען אינגעל זעהר געפעלען געווארען און אין א ווינקעל פון זיין מוח האט זיך שוין אריינגע'גנב'עט א געדאנק, אז ווען ער וועט אויסוואקסען וועט ער אויך זיין אן אקטיאר.

פון דאן אן האט ער געגומען פיהלען, אז עפעס פעהלט איהם, אז צו עפעס דארף ער שטרעבען. צוליעב דעם האט ער אלע מאל

זעהר אַ סך ביכער געלעזען. און ווען ער איז אונטערגעוואַקסען האַט ער זיך נים געדרעהט אין דעם קרייז, אין וועלכען זיינע צוויי עלטערע ברידער האָבען זיך געדרעהט; ער האַט זיך גע־חבר'ט מיט סטודענטען און גימנאַזיסטען, געלערנט פלייסיג ביז ער איז אריין אין אוניווערסיטעט. אָבער דעם געדאַנק צו ווער־רען אַן אַרטיסט האַט ער אַלץ ניט אויפגעגעבען. דאָס איז גע־ווען זיין אידעאַל.

וואָס אין הויז האַט זיך אָפּגעטאָן ווען מען איז געוואָהר גע־וואָרען, אַז ער ליגט אימער אין טעאַטער און האַט אין זינען נאַרישקייטען! אַפילו די מוטער, וועלכע האַט איהם אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט, האַט אויף איהם אַן אוים־חן געוואָרפען. און ווען דער פאָטער האַט איהם איין מאָל אַזוי צושלאָגען, אַז ער איז אַ גע'חלש'טער אומגעפאַלען אויף דער ערד, האַט זי, די מוטער, אַ גאַנצע נאַכט געבעטען גאָט פאַר איהם...

די ערגסטע צרות האָט ער אין דער היים אריבערגעטראָגען, אָבער אונטערגעבען האָט ער זיך ניט. ער האָט העלדיש געקעמפּפט פאַר זיינע חלומות און האָפנונגען. פאַרליערען דער מוטער'ס ליעבע איז פאַר איהם זעהר שווער געווען, האַט ער זיך שטילענקערהייט גע'גנב'עט צו איהר און אַזוי שעהן און עדעל מיט איהר וועגען זיינע געפיהלען גערעדט. ער האָט פאַר איהר ליעדער געזונגען, וועגען טעאַטער מיט איהר גערעדט. און זי האַט איהם אויסגעהערט קוקענדיג אויף איהם מיט די צוויי גרויסע פאַר'חלום'טע אויגען, און דערביי האָט זי געפיהלט אַ מורא פאַר דעם גייעם און געהיימען, וואָס רייסט זיך אריין צו איהר אין הארצען. זי האָט זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון דעם „שלעכטען גייסט“, וואָס גנב'עט זיך אריין אין איהר פרו־מער נשמה. אָבער עס האָט זי ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגען צו קוקען אויף דעם באַגייסטערטען פנים'על פון איהר געליעבטען זוהן און הערען זיין ציטערדיגע שטימע... אַלע אויף דער נאַכט פלעגט זי זיך מיט איהם פאַרשפאַרען אין אַ צימער און ריידען מיט איהם שטילערהייט, קיינער זאָל ניט הערען.

אמאל פלעגט זי זיך דערביי אזוי פארטראכטען, זיך אזוי פארטיפען אין זיך אז זי האט גאר ניט געהערט, וואס ער האט איהר דערצעהלט... ווייל קוקענדיג אויף אנדריושא'ן האט זי זיך דערמאנט אין אן אנדער פנים, וואס קוקט אויס פונקט אזוי ווי זיינער... פונקט אזעלכע גאלדענע לאקען, פונקט אזעלכע שארפע אויגען... ווי א שעהנער חלום האט פאר איהר א שוועבּ געטאן דאס פנים פון דעם פריקאזשטשיק, דעם סיביריאק וועל־כער האט ביי איהר מאן אין מאגאזין געארבייט... זי האט זיך דערמאנט אן זיין ברענענדיגער ליעבע צו איהר און אן זיין פייערדיגער ליידענשאפט... אזוי קלאהר האט זי נאך אצינד געדענקט די ברייטקייט פון דער אויסערוועהנליכער נאטור זיי־נער; ווי שעהן ער האט געזונגען; ווי גוט ער האט געשפיעלט אויף דער הארמאניקע, וועלכע האט אין זיינע הענד ארויס־געגעבען אזעלכע טענער, וואס האבען אי געוויינט אי געלאכט אין דער זעלבער צייט, און געוועקט אין איהר הארצען די חלומות פון איהרע יונגע יאהרען, וועלכע זיינען אזוי שנעל אפּ־געווישט געווארען דורך דעם, וואס זי האט חתנה געהאט מיט א מענשען, וועלכער איז צוויי מאל אזוי אלט ווי זי, און וועל־כען זי האט ניט ליעב געהאט...

עס איז איהר געוועזן אזא פארדרוס! ער, דער רייכער סוחר, דער אלטער בחור, האט זי געקויפט. און אזוי גרינג איז דאס איהם אנגעקומען! גלייך איהר הארץ וואלט זיך אין מיטען וועג געוואלגערט, און ער, דער רייכער סוחר, א צו־פעליגער פארבייגעהער, האט עס אויפגעהויבען...

און נאך דעם דער שעהנער פריקאזשטשיק, דער סיביריאק... ווען זי האט זיך איבערגעגעבען... אזא קורצע צייט איז זי מיט איהם גליקליך געווען... אזוי וועניג האט זי פון זיין ליעבע גע־נאסען... און דערנאך איז ער פארשוואונדען געווארען. מען האט דאן געזאגט, אז אויפ'ן וועג פון סיביר קיין מאסקווא, האט מען איהם דער'הרג'עט און צוגענומען ביי איהם די עטליכע טויזענט רובעל וואס ער האט מיט זיך געפיהרט. דאס האט פאסירט א

האַלב יאָהר אייהער זיי האָבען זיך איבערגעצויגען קיין מאָסקווא אנדריושאַ'ן האָט זי שוין דאַמאָלסט אונטער איהר הארצען גע־טראָגען, און זי האָט געוואוסט ווער עס איז דער פאָטער פון דעם קינד... — — —

איצט, צוהערענדיג זיך צו די מעשיות, וואָס אנדריושאַ האָט איהר דערצעהלט, האָט זי ווידער אַמאָל איבערגעלעבט אַזוי שאַרף דעם פארגעניגען פון יענער זינדיגער ליעבע, און זי האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען דעם איינפלוס פון יענע שעהנע, גן עדן'דיגע עראינערונגען...

ביי־נאַכט, פאַר'ן שלאָפען פלעגט זי לאַנג שטעהן אויף די קניע און בעטען גאָט, אַז ער זאָל פאַר איהרע זינד ניט שטראָפען דאָס אומשולדיגע קינד...

גענוג האָט אנדריושאַ טאַבאַלצעוו געליטען איבער דעם, וואָס ער איז געוועזען ערגער און פיינער פון די איבעריגע קינדער. אממערסטען האָט ער געליטען פון'ם פאָטער.

עס איז אָבער געקומען אַ צייט ווען דער פאָטער איז גע־שטאָרבען.

דאַן האָט טאַבאַלצעוו שוין געהאַט געענדיגט די קאָמערץ־שוהלע און איז אריינגעטרעטען אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. צווישען די סטודענטען האָט ער זיך באַקאַנט מיט סטעפאַן פאָ־טאַפאָוו און איהם גלייך שטאַרק ליעב געקראָגען דערפאַר, וואָס ער איז געוועזען אינטערעסאַנטער פון אַלע אַנדערע סטודענטען.

פאָטאַפאָוו איז געוועזען אַ זעלטען גוטער רעדנער און דערפאַר איז איהם געלונגען צו גרופירען ארום זיך אַלע יונגע כוחות. אַלע סטודענטען האָבען איהם זעהר ליעב געהאַט. מיט זיין מיינונג האָט מען זיך אין דער פאַרטיי שטאַרק גערעכענט.

לאַנג האָט טאַבאַלצעוו אין דער פאַרטיי ניט געאַרבייט; זיין אַרטיסטישע נשמה האָט איהם ניט געלאָזט רוהען און ער האָט אַלץ געזוכט עפּעס נייעס. דאָך איז ער אין גאַנצען פון זיינע חברים ניט אוועק. ער האָט געפונען אַ וועג ווי אַזוי זיי ארויס־צוהעלפען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: ער האָט גע־

געבען פארשטעלונגען צו גונסטען דער פארטיי; געקליעבען געלד; געהאלטען ביי זיך אונלעגאלע ביכער און אפגעגעבען זיין וואוינונג פריי פאר וואנדערענדע חברים. נאך מעהר, עס האט זיך איהם זאגאר איינגעגעבען צו געווינען די פרומע מוטער אויף זיין זייט, פונקט אזוי ווי ער האט זי מיט זיינע רייד געבראכט דערצו, אז זי זאל ליעב האבען אלעס, וואס ס'איז שעהן, האט ער זי אויך געבראכט דערצו אז זי זאל מיט געלד ארויסהעלפען זיינע חברים. אזא מערקווירדיגער כשוף איז אין זיין ליידענשאפטליכער זיסער שטימע געלעגען.

עס האט לאנג ניט געדויערט. ניט מעהר ווי איין יאהר, און טאבאלצעוו'ס מוטער, אננא, האט אהן'ם וויסען פון איהרע זיהן געגעבען עטליכע טויזענד רובעל אויף פארטיי צוועקען.

פאטאפאוו האט גאר אנגעקוואלען פון טאבאלצעוו'ס מוטער. אזעלכע נאטורען, האט ער געזאגט, זיינען א זעלטענהייט אפילו צווישען אונזעריגע. איהר אליין האט ער איין מאל געזאגט אזוי:

— אין אלגעמיין האלט איך שטארק פון פרויען, אבער אין אייך בין איך פשוט פארליעבט.

און די אלטע האט פון פאטאפאוו'ען אויך שטארק געהאלטען און עס האט איהר שטארק הנאה געטאן, וואס איהר זוהן איז מיט איהם אזוי באפריינדעט.

— איך וועל אייך אלע ארויסהעלפען מיט וואס איך וועל נור קענען, — האט זי געזאגט. — און ווען איהר דארפט באהאלטען אזעלכע ביכלעך וואס זיינען פארבאטען, ברענגט זיי אהער... דא, ביי מיר אין הויז וועט זיי קיינער ניט זוכען...

א מערקווירדיגער אינטערעסאנטער מענש איז ער געווען, דער פאטאפאוו. געשטאמט האט ער פון א קאזאצקער פאמיליע אין סיביר; אין קראסנאיארסק האט ער געענדיגט די גימנאזיע מיט א גאלדענעם מעדאל, אבער ער האט דעם מעדאל ניט גענומען. אין טאמסק האט ער געוואלט אריין אין אוניווערסיטעט, אבער מען האט איהם ניט געוואלט אריינגעהמען. כאטש ער איז גע־

ווען אַז איין־איינציגער זוהן ביי זיינע עלטערן און זיי האָבען איהם זעהר ליעב געהאַט. האָט ער דאַך מיט זיי קיין שלום ניט גע־קענט האַלטען. ער האָט זיך מיט זיי צוקריעגט און אַהן אַ גראָ־שען געלד איז ער אַוועק פון זיי. צופוס האָט ער געשפּאַנט איבער פאַרשיעדענע שטעדטלאַך און דערפלאַך און אויפ'ן וועג האָט ער ווי אַ פשוט'ער אַרבייטער געהאָרעוועט פאַר אַ שטיקעל ברויט, אָדער פאַר אַ נאַכטלעגער. וואַכען־לאַנג האָט ער געוואַנדערט, אויסגעריסען געוואָרען ביז ער האָט זיך סוף כל סוף דערשלאָגען קיין מאָסקווא און איז דאָך אַריין אין'ם דאָרטיגען אוניווערסיטעט, וואו ער האָט זיך גלייך גענומען אַנזעהן, אַ דאַנק זיינע זעלטענע פעהיגקייטען.

טאַבאַלצעוו'ס מוטער איז געווען גרייט איהם אַרויסצוהעלפען מיט געלד און איהם געבען די מעגליכקייט צו לעבען ווי אַ פּרינץ. אָבער ער האָט בשום אופן אומזיסט קיין געלד ניט געוואָלט נעה־מען. האָט ער דערפאַר פון צייט צו צייט אַרויסגעהאָלפען אין געשעפט: געפאָהרען, געגאַנגען, וואוהין מען האָט איהם גע־שיקט און פאַר דער אַרבייט זיינער אַליין באַשטימט אַ פּרייז, און דוקא ניט קיין שלעכטען פּרייז, ווייל די צייט איז ביי איהם געווען טייער.

געוואוינט האָט ער אין אַ פּאַרוואָרפענעם אָרימען געגענד, אויסער דער שטאָדט, אין אַ קליין, ניעדעריג צימעריל אויפ'ן העכסטען שטאָק. אַזוי ניעדעריג איז די סטעליע פון זיין צי־מעריל געווען, אַז ווען ער, דער הויכער, געזונטער פּאַטאַפּאָוו, איז אַהין אַריינגעקומען, האָט ער געמוזט אַנבויגען דעם קאָפּ און זיך גלייך אַוועקזעצען. שטעהן דאָרט האָט ער ניט געקענט.

— ווי קענסטו וואוינען אין אַזאַ לאָך? — האָט איהם טאַ־באַלצעוו געפרעגט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט פּאַטאַפּאָוו געלאַכט — דו געפּיעס־טעטער זוהנדעל! דו מיינסט, אַז דאָ איז שלעכט צו וואוינען? נאַרישקייטען. אין טורמע איז נאָך טויזענד מאָל ערגער...

פון טעאטערע און אפעראס האט ער ניט געהאלטען. צו קונסט־אויסשטעלונגען איז ער קיינמאל ניט געגאנגען. — דאס, וואס ס'איז ניט פאר די ברייטע מאסען פון'ם פאלק, איז ניט פאר מיר — האט ער פעסט באשלאסען. — צו וואס אוועקגעבען צייט אומזיסט און אומנישט? די זעלבע פיעסע קען איך דאך אליין איבערלעזען, אויב עס איז נור כדאי.

— וואס רעדסטו? — האט זיך טאבאלצעוו געקאכט — פון לעזען א פיעסע ביז זעהען זי אויף דער ביהנע איז א גרויסער אונטערשיעד. יעדער אקטיאר טייטשט אוים די ראלע אויף אן אנדער שטייגער און שטעלט פאר דעם טיפ אזוי ווי ער פארשטעהט איהם.

— נו, ווער דארף דאס האבען דעם אקטיאר'ס אויסטייטשונגען און ווען געהט דאס אן די טיפען? דו גיב מיר אין א פיעסע א געדאנק, אן אידעע. אלא ניט, דארף איך זי אין גאנצען האבען אויף כפרות...

טאבאלצעוו האט איהם געוואלט איבערשפארען און צוליעב דעם האט ער איהם געבראכט ראיות פון אנגעזעהענע מענשען און גרויסע שרייבער. אבער דאס איז געווען אומזיסט

— איך האב געלעזען אלעס, וואס יענע גרויסע שרייבער האבען דארטען אנגעפלאפלט מיט יאהרען צוריק — האט פאטאפאוו גרינגשעציג געענטפערט. — איצט אבער לעבען מיר אין אן אנדער צייט; איצט באגרייפען מיר אנדערש דאס לעבען. און איך זאג מיר מיינס: אט די אלע אקטיארען, וואס טייטשען אוים ראלען, האבען קיין נשמה ניט. ווען זיי שפיעלען מאכען זיי א גאנצען טאראראם. כדי מען זאל מיינען, אז זיי שפיעלען מיט הארץ. אבער אין דער אמת'ן איז דאס ניט קיין הארץ, נור פארע...

זייערע מיינונגען זיינען געווען אזוי פארשיעדען און דאך זיינען זיי געווען אזוי באפריינדעט, אז זיי האבען זיך איינער אהן דעם אנדערען ניט געקענט באגעהן.

— וואָס ס'בינדט מיך צו דיר, ווייס איך אַליין ניט. — האָט פּאַטאַפּאָוו איין מאָל טאַבאַלצעוו'ן געזאָגט. עפּעס איז מיר אָנגענעהם צו ריידען מיט דיר, פאַרברענגען מיט דיר. אַ כּאַד־נע זאַך! ווער עס איז פאַרטאָן אין קאַרטען, ווער אין פיהרען ליעבעם מיט פרויען, און איך — כאַ־כאַ כאַ — איך בין פאַרטאָן אין דיר...

ווען פּאַטאַפּאָוו האָט אָנגעהויבען פאַרדיענען מעהר, האָט ער זיך שוין פאַרגונען צו דינגען פאַר זיך אַ צימער פאַר גאַנצע צוועלף רובעל אַ חודש. דאָס צימער איז אַפילו געווען ניט אַזוי אי־אי־אי. אין די ווינטערדיגע טעג האָט מען דאָרטען געקענט כאַפּען אַ גוטען ציטער און אויף די פענסטער איז אַלע מאָל גע־לעגען פאַרפרוירענע שנעע. אָבער פּאַטאַפּאָוו'ן האָט די קעלט ניט געאַרט; ער האָט פון זיין נייע דירה גאַר אָנגעקוואָלען.

— נישט קשה, — האָט ער געזאָגט, — עס איז דאָ טאַקי קאַלט, די פענסטער זיינען פאַרפרוירען, דערפאַר איז דאָ אָבער פּאַראַן אַ וועלט מיט לופט... און ווי פּאַסט דאָס גאָר פאַר אַ געבוירענעם אין סיביר מורא צו האָבען פאַר קעלט!...

פּאַטאַפּאָוו איז געפעלען געוואָרען טאַבאַלצעוו'ן ניט נור פאַר זיינע מעלות, נור אויך פאַר זיין אויסערליכען אויסזעהן. גע־ווען איז ער אַ ריעז. אַ הויכגעוואַוקסיגער, מיט ברייטע פּלייי־צעס, אַ פּעסט געבויטער און אַ שטאַרקער יונג. די בלאָנדע באָרד האָט איהם זעהר שעהן געפּאַסט צום פּנים; און אין זיין שטאַר־קער באַסאָווער שטימע און אויך אין יעדער באַוועגונג זיינער האָט זיך געפיהלט דער כח פון דער קאַזאַצקער בלוט און די ברייטקייט פון די סיבירער סטעפּעס.

אַלס אַ ליעבהאָבער פון שעהנקייט און קראַפט האָט טאַ־באַלצעוו גאָר אָנגעקוואָלען פון איהם.

— איך זאָג דיר, סטעפּאַן (אַזוי האָט פּאַטאַפּאָוו געהייסען), — אין דיין גאַנצער פיגור פיהלט זיך עפּעס אַ ווילדע קראַפט.

ווען איך וואָלט געווען אַ סקולפּטאָר וואָלט איך פון דיר געמאַכט אַ סטאַטוע, אַט אַזוי ווי די שטעהסט, און דער סטאַטוע וואָלט איך אַ נאָמען געגעבען „דער רוסישער העלד". — און געשיקט, זיך, סטעפּאַן, אַז דו, אַזאַ געזונטער, שעהנער יונג, האָסט נאָך גאָר קיין מאָל אין לעבען קיין איין ראָמאַן ניט דורכגעמאַכט? עפּעס גלויבט זיך עס מיר ניט...

— עט, נארישקייטען! האָט פּאָטאַפּאָוו אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. — דו מיינסט אַז אמת אַז אָהן ווייבער קען מען זיך ניט באַגעהן? דו האָסט ליעב צו פיהרען ראָמאַנען? געזונטערהייט. אָבער מיין ניט, אַז אַלע זיינען געראָטען אַז דיר. איך בין גאָר אַן אַנדער מענש...

— פונדעסטוועגען, דענק איך, אַז ווען עס איז, גאָר אומגעריכטערהייט פאַר זיך אַליין וועסטו אריינפאַלען... און חתונה האָבען וועסטו מיט אַ פּשוט'ער שיקסע... פאַרשטעהסטו, מען מעג זיך זיין אַ אידעאַליסט, ארבייטען פאַר דער מענשהייט, אָבער אָהן פערזענליכען גליק קען זיך אַ לעבעדיגער מענש ניט באַגעהן. ובפרט נאָך אַזאַ געזונטער בחור ווי דו! דו האָסט דאָך אַ קערפּער ווי אַ ריעז און די בלוטען שטורמען אודאי אין דיר, האַ?

— חתונה האָבען איז חתונה האָבען! און פאַרוואָס טאַקע ניט מיט אַ פּראָסטער שיקסע? — האָט פּאָטאַפּאָוו געשמייכעלט גלעטענדיג זיך די שעהנע באָרד. — אַזאַ מענש ווי איך, וואָס קען היינט זיין דאָ און מאָרגען אין טורמע, טאָר זיך ניט פאַרבינדען מיט קיין צובאַלעוועטער פּריצ'טע. דו פאַרשטעהסט. גוטער ברודער, פאַר אַ נויט געהט די „שיקסע" אַוועק וואַשען פרעמדע וועש, און פאַרשפּאַרט צו שטאַרבען פאַר הונגער...

אין יענער צייט איז די יונגוואַרג אין מאָסקווא געווען שטאַרק פּאַרטאַן אין טעאַטער. אויסער דעם שטענדיגען באַריהמטען מאָסקווער „קונסט־טעאַטער" האָבען די סטודענטען אַליין צו־נויפגעשטעלט טרופּעס פון ליעבהאָבער, וועלכע האָבען אויפ־געפיהרט די בעסטע פּיעסען.

די שוועגערין איהרע, פימאַ, איז מעהרסטענטיילס געווען פאַר־נומען מיט מאַדעס. שטונדען־לאַנג האָט זי געקענט ארומגעהן איבער די קראַמען און זיך איינקוקען אין די פאַרשיעדענע מאָ־דעס, און ווען זי איז געגאַנגען, האָט זי מיט גענומען ליזאַ'ן אויך.

— ווייסטו וואָס, ליזאַ — האָט פימאַ איינמאָל געזאָגט — לאָמיר ביים שניידער פאַר זיך באַשטעלען צוויי אַלץ איינע קליי־דער! זעהסט, וואָס פאַר אַ שעהנע קליידער מען טראָגט אַצינד!

— נו, גוט, לאָמיר באַשטעלען — האָט ליזאַ קאַלטבלוטיג געענטפערט.

אַז אַנדערש מאָל האָט זי איהר געזאָגט אַזוי:

— אַה, ליזאַ, האָב איך אין מאַגאַזין געזעהן אַ הוט — אַן אויסנאַהם אין דער וועלט! אָט דאָ אַזוי אַ, און דאָרט אַזוי אַ... און פון פאָרענט אַ גרויסע פעדער. קויף זיך אַזאַ הוט און דער־נאָך וועל איך צושטעהן צו מיין „יאַלד" ער זאָל מיר אויך קויפען אַזאַ.

— זאָל זיין אַזוי — איז ליזאַ באַשטאַנען און זיך געקויפט אַזאַ הוט, ווי פימאַ האָט געוואָלט.

געלד האָט ליזאַ אַלע מאָל געהאַט גענוג. בלויז אַ העלפט פון איהר קאַפּיטאַל האָט זי אַוועקגעגעבען דעם מאַן אויף אריינ־צולעגען אין דער פירמע, און מיט'ן איבעריגען האָט זי געקענט טהאָן, וואָס זי האָט געוואָלט. פימאַ האָט זי שטאַרק מקנא גע־ווען דאַרויף און זי האָט איהר ניט איינמאָל געזאָגט:

— דיר, ליזאַ, איז גוט, דיר בין איך מקנא.. דו האָסט אַלע מאָל געלד, און דו קענסט קויפען, וואָס דו ווילסט.

דאַן האָט ליזאַ ברייט די אויגען פונאַנדערגעעפענט און עפּעס אַזוי מאָדנע אַ קוק געטהאָן אויף דער שוועגערין. דער קוק האָט באַדייטעט: „גרויסער נאַר, וואָס דו ביזט, דו מיינסט טאַקי, אַז געלד איז דער עיקר?" און דערנאָך האָט זיך אויף איהר פּנים אַ לייכטער שמייכעל פאַרשפּרייט. — יאַ, מיר איז גוט... און ווייטער געשוויגען...

טאבאלצעוו האט ניט געקענט פארשטעהן, וואס פאר א מענש ליזא איז. איינמאל האט ער ווענען איהר געזאגט אזא חכמה.

— שטילע וואסער גראבט טיעף...

אט די חכמה איז פימא'ן שטארק געפעלען געווארען און זי האט זיך שטארק פונאנדערגעלאכט. אבער די אלטע מאדאם טאבאלצעוו איז דערפאר געווען בייז אויף איהר זוהן.

— זאלסט דאס מעהר ניט זאגען, אנדריושא...

וואס אמאל זיינען ביידע שוועגערינס געווארען מעהר צוגעבונדען איינע צו די אנדערע. ליזא האט געטהאן וואס פימא האט איהר געהייסען, גלייך זי אליין וואלט קיין אייגענעם ווילען ניט געהאט...

— וואס ביזטו אזוי פארשלאפען און שווייגענדיג? — האט פימא ליזא'ן ניט געקענט פארשטעהן? — אויב עס איז דיר אומעטיג, טו פארליעב זיך אין אימיצען!...

— זיך פארליעבען? — האט ליזא איבערגעפרעגט. — אין ווער? — און זי האט זיך שטארק פארטראכט...

איהר לעבען איז פאר איהר געווען פוסט און לאנגווייליג און זי האט ניט געהאט מיט וואס עס אויסצופילען. האט זי אנגעהויבען לעזען א סך. שטונדען־לאנג האט זי געקענט אפליגען אויפ'ן דיוואן און לעזען. זי האט ממש געשלונגען די ביכער. און א חוץ דעם, האט זי גאנץ אפט פארטריבען די אומעטיגע געדאנקען דורך דעם, וואס זי האט זיך געשפיעלט מיט פימא'ס קינדער. א באזונדער מין ליעבשאפט האט זי צו זיי ארויסגעוויזען, זי האט אזוי היים געקושט זייערע ווייכינקע, פוכקינקע, הענטעלאך, אזוי שעהן זיי געצערטעלט און אזעלכע וואונדערליכע פאנטאסטישע מעשה'לעך דערצעהלט. אלע מאל, ווען זי האט זיך געשפיעלט מיט די קינדער, האט זי גאר אן אנדער פנים באקומען; איהרע צוויי גרויסע אויגען האבען אנדערש געקוקט און איהר שמייכעל האט עפעס אזא זיסע ווארימקייט אויסגעדריקט...

טאַבאַלצעוו האָט דאָס באַמערקט און דערפאַר האָט זי איהם אָנגעהויבען נאָך מעהר צו אינטערעסירען...

איינמאָל איז ער אריינגעקומען אין דעם צימער, וואו ליזא האָט זיך געשפּיעלט מיט די קינדער. זי איז דאַן געלעגען אויס־געצויגען אויפ'ן ראָג און די קינדער האָבען זיך געפּלאָנטערט אַרום איהר. דעם קאַרסעט האָט זי דאַן ניט געטראָגען, און די שעהנע ברוסטען איהרע, וועלכע האָבען זיך אַזוי רייצענד ארויס־געקייקלט פון אונטער דער לייכטער בלוזע, האָבען זיך האָס ער־שטע אַ וואָרף געטהאָן טאַבאַלצעוו'ען אין די אויגען, און דער־נאָך — די ליניען פון איהרע שעהנע פיס. — „ווי שעהן זי איז!“ — האָט טאַבאַלצעוו אַ קלעהר געטהאָן. און עס האָט איהם שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס אַזאַ שעהנע, יונגע ווייבעלע איז אָנגעקומען צו אַזאַ בהמה, ווי זיין ברודער איז...

— ליזא, פאַר וואָס זעהסטו ניט צו האָבען אַזעלכע אייגענע חברה? — האָט ער אין שפּאַס אַ זאָג געטהאָן און דערביי זי געטהאָן אַ מעסט אָב מיט די אויגען פון קאָפּ ביז די פיס...

ליזא איז רויט געוואָרען, שנעל זיך אויפגעהויבען און צו־רעכט געמאַכט די האָר.

— וואָס־זשע אַנטלויפסטו? וואַרט איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען — האָט ער געפּרובירט זי פאַרהאַלטען.

— איך בין דאָך ניט אָנגעטהאָן — האָט זי געענטפערט און איז ארויסגעלאָפען שנעל, ווי אַ ווילדע ציגעל.

ער האָט איהר נאָכגעקוקט און דאָס האַרץ האָט איהם אונ־רוהיג געקלאַפּט.

* * *

צייטענווייז האָט זיך אויף ליזא'ס פּנים געוויזען אַ נייער, זעהר מאָדנער אויסדרוק. עפּעס אַ מין בענקשאַפט... מעהר־סטענטיילס האָט זיך אויף איהר פּנים אַזאַ אויסדרוק געוויזען ווינטער אָדער אין סאַמע פריהלינג, ווען דער שנעע הויבט זיך אָן צוגעהן און שמאָלע ריטשקעלאָך נעהמען פליסען. אין די פאַר־נאַכטען ווען די זון האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרגעהן, איז

ליזא'ן מיט אמאל געווארען אזוי שווער אויפ'ן הארצען פון דער בענקענים, וואס האט זיך איין איהר געשטיקט, און זי האט אוועק־געלייגט דעם בוך, צוגעלאפען צום פענסטער, אנגעשפארט דעם קאפ אןביידע הענד און לאנג געקוקט, ווי די זון פארגעהט, און מיט אמאל, ווי ניט מיט איהר קול, זיך אנגערופען:

— קום, פימאטשקא, לאמיר זיך דורכפאהרען אביסעל! אבער שנעל! לאמיר פאהרען אין פארק, איידער די זון פארגעהט!

און ביידע שוועגערינס האבען זיך אויף שנעל אנגעטהאן און אוועקגעפאהרען אין פארק.

טאבאלצעוו האט זיך די גאנצע צייט צוגעקוקט, ווי ליזא פארהאלט זיך אין הויז און וואס מעהר ער האט זיך צוגעקוקט, אלץ מעהר איז זי איהם געפעלען. אבער ער האט זי ניט געקענט פארשטעהן — א מאדנע פרוי!...

דער אמת איז געווען, אז ביידע שוועגערינס, אי פימא, אי ליזא, זיינען געווען ענטציקט פון טאבאלצעוו'ן. אט אזא מזל־ האט ער שוין געהאט: די מעהרסטע פרויען, מיט וועמען ער האט זיך באגעגענט, זיינען געווען ענטציקט פון איהם.

צייטענוויז פלעגט ער מיט ביידע יונגע שוועגערינס מא־כען שפאס, זיך ערלויבען א שטיקל צו טהאן מיט זיי, אבער ער האט זיך אין גיכען איבערצייגט, אז וואס מען מעג זיך ערלויבען מיט פימא'ן, טאר מען זיך ניט ערלויבען מיט ליזא'ן, ווארים לי־זא איז גאר אן אנדערער מענש; אין דער צייט, ווען פימא האט איהם פראנק און פריי געקושט און זיך געלאזט קושען אויף דעם חשבון. וואס ער איז איהרער א שוואגער, האט זיך ליזא גע־האלטען וואזשנע; איהם קיין איין מאל קיין קוש ניט געטהאן און ניט געלאזט ער זאל זי א קוש טהאן. און דאס איז טאבאל־צעוו'ן שטארק געפעלען געווארען...

עס האט קיין ספק ניט געדויערט און טאבאלצעוו איז שוין געווען פארליעבט אין ליזא'ן, ווי א קינסטלער איז פארליעבט אין א נייעם אידעאל. דאן איז פאר איהם זיין לעבען אין דער היים ווידער געווארען אינטערעסאנט. עס האט באקומען א זין...

פינפטער קאַפּיטעל.

טאַבאַלצעוו'ס שוועגערין, פימא, האָט געמאַכט אַ שמחה און איינגעלאַדען אַלע איהרע פריינדינס, כדי זי זאָל זיך פאַר זיי קענען באַריהמען מיט איהר פיינעם שוואָגער.

— אָבער זעה, אַז קיין מיידלאַך זאָלען אויף דער שמחה ניט זיין! — האָט איהר טאַבאַלצעוו אָנגעזאָגט..

— פאַר וואָס?

— ווייל מיידלאַך זיינען אַ שטערונג. מען קען זיך ניט באַנעהמען פריי אין זייער געזעלשאַפט. און איך האָב חשק אייך צו דערצעהלען שעהנע מעשה'לאַך פון פאַריזער לעבען...

פימא האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, האָט זי פאַר גרוים גדולה אַזש געגעבען אַ שפרונג אונטער.

— אַך, ווי גוט! מעשה'לאַך פון פאַריזער לעבען. דאָס מוז אודאי זיין זעהר אינטערעסאַנט און שפּאַנענד...

די געסט זיינען געקומען. אַלע יונגע, שעהן פאַרפוצטע דאַמען. און נאָך דער וועטשערע, ווען די מאַנסבילען זיינען שוין געווען גוט שיכור און זיך גענומען שפּיעלען אין קאַרטען, זיינען די דאַמען אריין צו פימא'ן אין צימער, וואו טאַבאַלצעוו האָט נאָך פריהער אויסגעשטעלט דאָס מעבעל לויט זיין געשמאַק. זיי האָבען זיך אַלע אוועקגעזעצט אויף די ווייכע, סאַמעטענע סאָפעס און שטוהלען די פיסלאַך אונטער זייך, און פאַר יעדער איינער איז אויף אַ קליין טישעל געשטאַנען אַ בעכערעל ווײן און אַ קוישעלע מיט פאַרבייסענס און פרוכטען

אויף אַ ווייכער סאַמעטענער שטוהל האָט זיך ליזאַ אוועקגעזעצט ווייט פון אַלעמען, און ווי שטענדיג, איז זי אויך דאָס מאָל געווען אַ שווייגענדיגע, אַ ניכטערע, כאָטש זי האָט שוין געהאַט ווײן געטרונקען.

עס איז דאָ געווען פרעהלאַך. פימא האָט געהאַלטען אין איין

פלאפלען, און די דאמען, וגעלבע זיינען שוין געווען אביסעל שיכור־לאך, האבען געהאלטען אין איין לאכען.

טאבאלצעוו איז אריינגעקומען, זיך העפליך פארנייגט פאר אלע דאמען און זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ראג לעבען ליזא'ס פיס.

אלע האבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען, נור ליזא האט זיך אפילו קיין ריהר ניט געטהאן. און ווען טאבאלצעוו האט אנגעשפארט דעם קאפ אן איהרע קניע און א קוק געטהאן אויף איהר פון אונטען ארויף, האט זי אויף איהם די ברייט פונאנדערגעעפענטע אויגען אויסגעשטעלט און עפעס אזוי פול באדייטענד א ווילע געקוקט אויף איהם, און דערנאך האט זי אין גאנצען די אויגען פארמאכט און דערביי א טיעפען זיפץ געטהאן...

— נו, דערצעלט זשע עפעס ! — האבען די צובאלעוועטע דאמען פון אלע זייטען גענומען בעטען טאבאלצעוו'ן — דערצעהלט וועגען פאריז, וועגען ליעבע און וועגען פרויען.

האט טאבאלצעוו זיי אלעמען אפגעמאסטען מיט זיינע צוויי ליכטיגע אויגען, זיך אוועקגעזעצט אויפ''ן ראג, ארומגענומען ביידע קניען מיט די הענד און אנגעהויבען דערצעהלען.

אזוי ,שעהן און גלאט האט ער דערצעהלט וועגען פאריזער בולווארען, וועגען די שעהנע פרויען און וועגען די רייכע רעסטאראנען, אז די גאנצע שטאדט איז ווי אויסגעוואקסען פאר זייערע אויגען און עס האט זיך זיי געדוכט, אז זיי זעהען אט דאס אלעס וואס ער דערצעהלט.

— ווען עס קומט דער אויף־דער־נאכט, — האט טאבאלצעוו דערצעהלט — ווערט אין אלע קאפע־הייזער לעבעדיג און פרעהליך. די עלעקטרישע ליכט, וואס שיינט פון אינוועניג ארויס, פארכאפט די אויגען פון יעדען פארבייגעהער, עס הערען זיך שטימען פון שאנסאנעטקעס — קען מען ניט ביישטעהען דעם נסיון און מען מוז אריינגעהן. אינוועניג זיינען אלע טישלאך פארנומען, און צווישען די טישלאך דרעהען זיך ארום אזעלכע שעהנע גאסען־פרויען, אז עס איז א פערגעניגען צו קוקען אויף זיי. אנגעטהאן זיינען זיי

ווי רייכע דאמען, אין דונקעלע העטס. זיי האלטען זיך פיין, ערדעל און עפּעס אזוי פארטויערט קוקען זיי אריין יעדען מאנסביל אין די אויגען.

— טאקע ? ! — האט זיך א כאפּ געטהאן איין דאמע — און איך האב זיך פארגעשטעלט גאר אנדערש...

— אין די גאסען קאכט דאס לעבען ווי אין א קעסעל, — האט טאבאלצעוו ווייטער דערצעהלט — מען לויפט, מען זינגט, מען לאכט, מען פרעהט זיך. און אין דעם טומעל פלאנטערען זיך פאר די פיס די צייטונגס־פארקויפער. א גאנץ רעדעל מיט מענשען שטע־לען זיך אב לעבען א גרויסער שילד, וועלכע איז בעלויכטען מיט צעהנליגער עלעקטרישע לעמפּעלאך פון פארשיעדענערליי קאלי־רען. אלע פרעהען זיך אזוי ווי קליינע קינדער. וואס איז ? אין דער און דער צייטונג הויבט זיך אן דרוקען א נייער ראמאן. מען געהט, מען איילט זיך, מען איז פול מיט ליידענשאפט ; עס איז לעבעדיג, פרעהליך אין אלע שענקליך, קאפע־הייזער, רעסטאראנען און טעאטערע... אפילו די אויסגעלאסענהייט איז דארטען אויך א שעהנע. אלעס ווערט דארט געטהאן מיט געשמאק...

איך שטעל זיך פאר, וואסט דו האסט דארטען צוארבייט, טייערינקער מיינער ! — האט זיך אנגערופען פימא. אלע האבען אויסגעשאסען א געלעכטער. טאבאלצעוו האט אויך געלאכט און בשעת מעשה א קוק געטהאן אויף ליזא'ן. זי איז געזעסען אנגע־בויגען, אנגעשפארט די עלענבויגענס אויף די קניע און די מאר־דעטשקע אין די הענד. איהרע אויגען האבען געקוקט אויף טא־באלצעוו'ן אזוי אומרוהיג, אז עס איז איהם אזש געווארען אומ־היימליך.

— און די פאריזער דאמען זיינען שעהנע ? — האט זי איהם אין מיטען דארינען א פרעג געטהאן.

— זיי זיינען ניט אזוי שעהן ווי ווייבליך, — האט ער געענט־פערט — אלע זיינען זיי אזעלכע שלאנקע, גראציעזע, טהאן זיך אן מיט געשמאק, פארקאמען זיך שעהן און די שיכלעך אויף די פיס זיינען עפּעס אזוי ווי צוגעוואקסען...

— נו, און דאָס ליב איז ביי זיי אויך שעהן, ביי די פּאַריזער דאַמען? — האָט פימא א פרעג געטהאן און זיך פאנאנדער געלאַכט.

— ווי וועמען געפעלט — האָט טאַבאַלצעוו געענטפערט — דאָס ווענדט זיך אין דעם, וואָס פאַר א געשמאַק מען האָט. אונ־זער׳ן א סוחר׳ל, וועלכער אַכטעט אין א פרוי בלויז דאָס פליייש, וואָלט קיין פּאַריזער פרוי ניט געפעלען...

— און דיר זיינען זיי יאָ געפעלען געוואָרען? — האָט ליזא א פרעג געטהאָן.

האָט טאַבאַלצעוו זיך אויסגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו איהר און געענטפערט:

— יאָ, יאָ, טייערע ליזאַטשקע מיינע, מיר זיינען זיי זעהר געפעלען געוואָרען. זיי זיינען פרעהליכע, לעבעדיגע, גוטע און איינפאַכע. היסטעריש זיינען זיי קיינמאָל ניט... מיט א פּאַריזער דאַמע קען מען א לעב טהאָן א פּאָר וואָכען און דערנאָך זיך צוגעהן און בלייבען די בעסטע גוטע פריינד. א פּאַריזער דאַמע מאַכט ניט קיין אייפערזוכט־סקאַנדאַלען. די טרערען פון א פּאַריזער דאַמע האָבען די מעלה, וואָס זיי ווערען פּאַרטריקענט זעהר שנעל; ווען זי געהט זיך פאנאנדער מיט א געליעבטען, לויפט זי זיך ניט טריב־קען, נור זי לויפט און געפינט זיך אויס אַן אַנדערען... מעהר־סטענטיילס פאַרליעבט זי זיך אין אַן אַנדערען, ווען זי האָט נאָך מיט׳ן ערשטען אין גאַנצען די באַציהונגען ניט איבערגעריסען... א פּאַריזערין איז אין דער ליעבע ניט קיין שקלאַף, נור א חבר, און א גלייכבאַרעכטיגטער חבר. יאָ, אין פראַנקרייך איז יעדע פרוי, אַפילו די נידעריגסטע, א פּערזענליכקייט. זי פיהלט איהר ערשאַפט איבער אונז, מענער, באַנוצט זיך דערמיט און פּאָדערט, אַז מען זאָל פאַר איהר האָבען רעספּעקט אַפילו דאַן, ווען מען איז מיט איהר אין די נאָהענטסטע באַציהונגען. דאָרטען ווייס אַפילו א גאַסען־פרוי איהר ווערטה און זי וועט אויף קיין פאַל זיך ניט לאָ־זען באַליידיגען... און איך גלויב, אַז נור אין אַזא לאַנד וועט באַ־שאַפען ווערען די נייע פרוי, וועגען וועלכער מיר טרוימען.

— און וועגען וועלכער נייער פרוי טרוימסטו ? — האָט ליזא נייגעריג געפרעגט — ווי שטעלסטו זיך פאָר די נייע פרוי ?

— די נייע פרוי וועט איהר גליק נעהמען אליין — האָט טאַבאַלצעוו געענטפערט — זי וועט זיך באַציהען צו א מאַנסביל ניט ווי צו א באַליבאָס, א הערשער, נור ווי צו א חבר, צו א גלייכען מענשען ; זי וועט געניסען פון זיין ליידענשאַפט בשעת זי וועט איהם ליעבען, און איהם אוועקוואַרפען ווי א שמאַטע, ווען זי וועט וואַרפען אן אום־חן אויף איהם... אט אזוי שטעל איך זיך פאָר די נייע פרוי !

— און וואָס דאַרף מען טהאָן כדי צו ווערען אזא ? — האָט ליזא פאַרטראַכט געפרעגט.

טאַבאַלצעוו האָט גענומען גלעטען איהר האַנד, און געענטפערט :

— אָ, זעהר א סך, ליזאַטשקע, דאַרף מען טהאָן ! פריהער פון אַלץ דאַרף מען קויפען א נייעם בעזים און אַרויסקעהרען דעם גאַנצען שמוץ און די אַלע שמאַטעס און טראַנטעס, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען אין די הערצער פון די פרויען. און דערנאָך דאַרף מען ערשט עפענען די אויגען און זיך אויסלערנען צו קוקען דעם לעבען גלייך אין פנים אריין.

— ווי אזוי טהוט מען דאָס ? — האָט איין דאַמע נייגעריג א פרעג געטהאָן.

— גאַנץ איינפאַך — האָט טאַבאַלצעוו געענטפערט — מען דאַרף קוקען אויף ליעבע, ווי אויף א נויטווענדיגער, אומבעדינגט נויטווענדיגער זאַך אין לעבען, פון וואָס מען טאָר זיך ניט אָפּזאָגען... אָהן וואָס קיינער, סיי א מאַן און סיי א פרוי, קען ניט לעבען... דאָס איז ערשטענס. און, צווייטענס, דאַרף מען זעהן, אז די ליעבע זאָל ניט זיין קיין דראַמע, נור א פרייד, א גליק... ווי אן אָפּרוה נאָך א שווערער אַרבייט... די ליעבע און איהר גענוס דאַרפען זיין נויטיג אין לעבען, אָבער זיי דאַרפען ניט זיין דאָס לעבען אַליין. קורץ גערעדט, איהר פרויען, דאַרפט זיך אויס־

לערנען זיך באציהען צום געגום פון ליעבע אזוי ווי מיר, מענער... את דא ליגט דער הונד באגראבען...

אלע דאמען זיינען געבליבען זיצען שטיל, און ליזא האט גע־קוקט אויף טאבאלצעוו'ען אן אומעטיגע, א פארזארגטע. דערנאך האט זיך איינע אפגערופען:

— אבער וואס וועט אונז בלייבען אויף דער וועלט, אויב מען וועט ביי אונז צונעהמען די ליעבע? אונזער לעבען וועט דאך בליי־בען פוסט...

— עס איז ניט געפעהרליך — האט טאבאלצעוו געענטפערט — אויב איהר ווילט, אז אייער לעבען זאל ניט זיין פוסט, דאן פילט דאס אן דערמיט, וואס איהר וועט ווערען זעלבסטשטענדיגע מענשען. פאראינטערעסירט זיך מיט געזעלשאפטליכער ארבייט, לערענט זיך אויס צו זיין גוטע מאמעס. מיט איין ווארט: ווערט מענשען, זייט ניט מעהר קיין קוקלעס, מיט וועלכע מען שפיעלט זיך...

אלע דאמען זיינען געבליעבען זיצען שטיל. פאר זיי זיינען טאבאלצעוו'ס ווערטער געווען א שפאגעל נייע תורה.

— דערצעהל בעסער נאך עפעס א מעשה וועגען פאריז, — האט פימא איבערגעריסען די אנגעצויגענע שטילקייט. און טא־באלצעוו האט דערצעהלט:

— איך בין איינמאל געווען אין פאריז אויף א באל. די פאר־לאך האבען דארטען אויסגעטאנצט פארשיעדענערליי טענץ, ביז מען האט זיך א נעהם געטהאן צו עפעס א לייבענשאפטליך־ווילדען, במעט אומפארשעהמטען טאנץ. ווי די שלענג האבען זיך די טאנ־צענדע פרויען געבויגען און געדרעהט אזוי, אז יעדע ליניע פון'ם קערפער האט זיך ארויסגעוויזען מיט א באזונדער מין רייץ. אין מיטען־דארינען האט איין יונגערמאן א כאפ געטהאן א מיידעל, מיט וועלכער ער האט געטאנצט, און פאר אלעמען אין די אויגען זי געגעבען א שטעל אוועק מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף.

— אך! — האבען אלע דאמעס אויסגעשריגען און אויסגע־שאסען א געלעכטער.

טאַבאַלצעוו איז אויפגעשטאַנען און פאַרלעגט ביידע הענד אויפ'ן האַרצען:

— נו, אַ שעהנע מעשה'לע, האַ?

פלוצלונג האָט פימאַ געגעבען אַ שפּרונג און זיך אַ וואָרף גע־טהאָן טאַבאַלצעוו'ן אויפ'ן האַלז:

— אַנדריושאַ, טייערער, לערן מיך אויס יענעם טאַנץ...

— געהט עס! און ער האָט מיט איהר גענומען טאַנצען. אָבער עס איז נישט געגאַנגען. ווייל זי האָט שוין געוואויגען פינף פּוד און עס איז איהר געווען שווער זיך צו ריהרען.

אַלע האָבען געלאַכט. ליזאַ האָט זיך צוגערוקט מיט די פּליי־צעס צו דער וואַנט און אויך געלאַכט, און אין איהר געלעכטער האָט זיך געפיהלט עפּעס אַ מין צולהכעיס.

די שמחה איז געוואָרען נאָך גרעסער ווען טאַבאַלצעוו האָט זיי אויסגעלערענט דעם ניגון פון אַ פּאַריזער לידעל. אַלע האָבען דעם ניגון געזונגען און דערנאָך האָט זיך טאַבאַלצעוו אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייכען שטוהל אין מיטען צימער און אַלע דאַמען האָבען זיך אויפ'ן ראָג אויסגעזעצט אַרום איהם. די פיס אונטער זיך און די קלייד־לאַך צושפּרייט.

פון אַלע זייטען האָט מען איהם פּאַרוואַרפען מיט פראַגען:

— איז טאַקי אמת, וואָס מען דערצעהלט, אַז אין פּאַריז זיי־נען פאַראַן אַזעלכע קאַפּע־הייזער, וואו פרויען געהן אַרום אין גאַנ־צען נאַקעטע?

אָדער:

— איז טאַקי אמת, וואָס מען דערצעהלט, אַז אין פּאַריז זיי־נען פאַראַן אַזעלכע שענקלאַך, וואו...

אַלעס האָבען זיי געוואָלט וויסען די צובאַלעוועטע דאַמען. און ער האָט זיי צלעמען אויף די פראַגעס געענטפערט.

ליזאַ איז אַלץ געשטאַנען ביי דער וואַנט ניט ריידענדיג אַ וואָרט. איהרע באַקען זיינען געווען בלאַס און די ברוסט האָט זיך אומרוהיג געהויבען אַרויף און אַראָפּ.

— ליזא... קום אהער צו מיר! — האט ער עפעם ווי ניט מיט זיין קול אויסגעשריען. אין דער מינוט איז זי איהם שטארק געפעלען געווארען... זי האט דערוועקט אין איהם א באזונדער מין ווילדע ליידענשאפט. די סיביריער בלוטען האבען אין איהם גע־זמען ריידען...

ליזא האט זיך פון'ם ארט ניט געריהרט און גלייך ניט זי מיינט מען דאס האט זי געעפענט דאס פענסטער און אריינגע־אטעמט אין זיך די פרישע לופט. ערשט ווען אין צימער איז גע־ווארען א גאנצער גערודער דערפון, וואס פימא האט זיך אוועק־געזעצט ביי טאבאלצעוו'ען אויף די קניע און געשמאק איהם א קוש געטהאן אין די ליפען, און טאבאלצעוו האט שטיפעריש א זאג געטהאן: „ווער וויל נאך?" האט זיך ליזא א ריהר גע־טהאן, ווי א נאכט וואנדלעריין איבערגעגאנגען דאס צימער, צו־געגאנגען צו טאבאלצעוו'ען און דאס ערשטע מאל איהם שטיל א קוש געטהאן אין די ליפען.

דאס הארץ האט איהם אומרוהיג גענומען קלאפען און אין קאפ זיך ביי איהם גענומען פלאנטערען א געדאנק:

— געשיקט זיך, אז איך בין טאקע פארליעבט אין איהר?...

זעקסטער קאפיטעל.

פון יענעם אויף דער נאכט אן האט ליזא ליעב געקראגען טאבאלצעוו'ען נאך מעהר ווי פריהער. גאנצע נעכט האט זי קיין אויג ניט צוגעטהאן און אלץ געקלערט פון איהם. און גע־קלערט פון איהם האט זי אזוי שעהן און ערעל. איהר נשמה און איהר קערפער איז אנגעפילט געווארען מיט א נייעם שטראם; זי איז שטענדיג ארומגעגאנגען א פארטראכטע, א צוטראגענע און עס האט איהר געהאלטען אין איין פאלען פון די הענד.

— וואָס איז מיט דיר, ליזאַטשקאַ ? — האָט זי די שוויגער געפרעגט.

— גאָר ניט. — האָט זי פאַרשעהמט געענטפערט און גע־האַלטען די אויגען ארונטערגעלאָזט, גלייך ווי זי וואָלט קיין מוטה ניט געהאַט מיט דער שוויגער'ס בליק זיך צו באַגעגענען.

און טאַבאַלצעוו האָט אויך אַנגעהויבען ארומגעהן א צוטראַ־גענער, ווי א מענש ניט פון דער וועלט, און ער האָט אַליין ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. ווארים אין לעבען האָט זיך איהם אַלעס גרינג איינגעגעבען, עס האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען אַז א פרוי זאָל איהם שווער אַנקומען, ער האָט נאָך קיינמאָל איבער א פרוי קיין איינציגע טרער ניט פאַרגאָסען, קיין איין זיפץ ניט געטהאָן... דאָ האָט איהם א שטאַרקער ווילדער ליידענשאַפטליכער באַגעהר באַהערשט צו קריגען ליזא'ן און ער האָט גענומען עקשנות'דיג אַנוועגדען אַלער־ליי מיטלען זי צו קריגען... גלייך פון סאַמע אָנפאַנג האָט ער באַנגעגנט א שטאַרקען ווידערשטאַנד פון איהר זייט, און דאָס האָט איהם נאָך מעהר צורייצט און ער האָט זיך ווי א יעגער פאַר־לעגט זי צו באַזיעגען... — וואָס קען דאָס זיין ? ! — האָט ער זיך אַליין געוואונדערט ארומדרעהענדיג זיך ווי א צומישטער איבער'ן הויז און אַנכאָפענדיג זיך אַלע ווייל ביים קאָפּ. — וואָס איז דאָס, ליעבע אָדער ליידענשאַפט ? און ווי ער האָט זיך ניט אַנגע־שטרענגט ניט צו קלערען האָט ער אַלץ געקלערט...

ניקאָלאַי'ן, ליזא'ס מאַן האָט ער גאָר ניט גענומען אין אכט. דער באַוואוסטזיין, אַז ליזא איז פאַרליעבט אין איהם און ניט אין ניקאָלאַי'ען, איז פאַר איהם געווען גענוג. און ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זי גיט זיך ניט נאָך נור דערפאַר וואָס זי איז א פרומע, א גלויביגע...

אַלע טאָג איז ער מיט איהר צוזאַמען אין פאַרק ארויסגע־פאָהרען, און ווי ער האָט זי נור דערפיהלט לעבען זיך, האָבען זיינע הייסע בלוטען גענומען קאָכען אין איהם און ער האָט זי געמוזט א כאַפּ טהאָן צו זיך אויף די קניע... געוועהרט האָט זי

זיך קיינמאל ניט, אבער אין די ליפען א קוש טהאן האט זי איהם קיינמאל ניט געלאזט. און אלע מאהל איז אויסגעקומען אזוי, אז ווען זיי זיינען ביידע צוריק פון'ם פארק געקומען, איז ער געווען בייז און שווייגענדיג, און זי — בלאס און ניעדערגעשלאגען.

איינמאל, ווען אין דרויסען איז געווען א שטארקער פראסט און טאבאלצעוו מיט ליזא'ן זיינען פון'ם פארק געפאהרען, האט ער דעם קוטשער זיך געהייסען אפשטעלען לעבען א באקאנטען האָ-טעל.

אין דעם ווארימען צימער האט טאבאלצעוו באשטעלט שאמ-פאניער וויין און זיך אוועקגעזעצט לעבען ליזא'ן.

— ליזאטשקא, טייערע, — האט ער שטיל געזאגט, אנגעה-מענדיג איהר האנד און קוקענדיג אויף איהר עפעס אזוי מאדנע מיט די צוויי גרויסע ליכטיגע אויגען זיינע, — האב מיך ליעב... זעהסטו דען ניט ווי איך ווער א תל? איך שלאף ניט דורך די נעכט און האלט אין איין קלערען וועגען דיר... נו, פארוואס-זשע מוטשעסטו מיך? דעם מאן האסטו דאך במילא ניט ליעב... און פאר גאט דארפסטו קיין מורא ניט האבען... ער וועט אונז דערפאר ניט שטראפען... וואס קעהר ער זיך אן מיט אונז? ביזטו דען ניט אליין די הערשערין איבער דיין אייגענעם קערפער?...

א דערשראקענע האט זי אויף איהם איהרע אויגען אנגע-שטעלט. אט די פשוט'ע, גראבע ווערטער זיינע זיינען געווען אזוי ווייט פון איהרע פארלאנגען און געפיהלען צו איהם... און זי האט זיך איבער דעם געפיהלט שטארק באליידיגט. ער האט זי ליידענשאפטליך אין פנים א קוש געטהאן און זי האט דארבי-געהאלטען די ליפען שטייף צוגעמאכט.

— ליזאטשקא, — האט ער כמעט ווי אויסגעשריען א צוריי-טער, — איך קען ניט לעבען אהן דיין ליעבע! וואס דארפסטו דא קלערען אזוי לאנג און ארויסציהען דאס חיות? האסטו דען גע-נוג כח צו קעמפפען געגען מיין פייערדיגע ליידענשאפט?... קען עס דען זיין אנדערש, ווען עס ציהט אונז פארט איינער צום אנ-

דערען ? ליזא... פיהלסטו דען ניט, אַז סוף כל סוף וועסטו זיך מיר מוזען איבערגעבען ?...

זיין שטימע האָט געציטערט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ניט ער, נור אַן אַנדערער, עפּעס אַ באַזונדער מין קראַפט, זאָגט אָט די ווערטער פאַר איהם. און זיי זיינען ביידע געוואָרען בלאַס, גלייך זיי וואָלטען אינסטינקטיוו דערפיהלט, אַז דאָס אומפאַר־מיידליכע מוז געשעהן...

ער האָט געזעהן ווי זי האָט מיט דעם גאַנצען קערפּער אַ ציטער געטהאָן, און דאַן האָט ער זי ווילד געגעבען אַ כאַפּ ארום... אָבער זי האָט, אַן איבערגעשראָקענע, געגעבען אַ קוויטש און זיך גענומען וואַרפען ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגעל.

איהרע טרערען און איהר קוויטש האָבען איהם אַזוי צוטר־מעלט, אַז ער האָט זיך געגעבען אַ כאַפּ און איז אויפגעשטאַנען.

— נו, זאָל זיין אַזוי, ליזא, — האָט ער אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. — איך בין ניט דיין מאַן... בלויז אַן אייגענער מאַן קען זיך פאַרגינען אַזאַ פאַרגעניגען ווי פאַרגוואַלטיגען זיין פרוי... איך וויל דאָס ניט. מיר, וויל איך, זאָלסטו זיך איבערגעבען מיט פייער, מיט ברענענדיגע ליידענשאַפט...

ליזא האָט אָנגעהויבען כליפּען נאָך שטאַרקער און שטיל ארויס־גערעדט :

איך האָב ניט קיין מאַן... איך האָב קיינמאָל קיין מאַן ניט געהאַט... און דאָ האָט זי זיך דאָס פּנים פאַרשטעלט מיט בייד־דע הענד, גלייך זי וואָלט זיך געשעהמט איהם גלייך אין די אויג־גען אריינצוקוקען, אָדער ווי זי וואָלט שוין חרטה געהאַט דערויף, וואָס זי האָט פאַר איהם איהר סוד דערצעהלט...

דערהערענדיג דאָס, איז טאַבאַלצעוו געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער. ער האָט געפיהלט, ווי אין זיין נשמה האָט זיך עפּעס אָפּגעריסען און פאַרלאָשען געוואָרען.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער אוועקגעזעצט לעבען איהר אויף דער סאָפאַ. זי האָט נאָך אַלץ געוויינט און מיט'ן גאַנצען קער־פּער געציטערט. מיט דער באַק האָט זי זיך צוגעשפּאַרט צו זיין

פּנים, איהם שטארק ארומגענומען און איהם היים געקושט, און דערנאך האט זי עפּעס אזוי צואווארפען גענומען ריידען וועגען זיך — ווי זי איז געווען אומגליקליך פון קינדווייז אן, ווי זי האט חתונה געהאט כדי איבערצוכאפּען דעם אטהעם און פּטור צו ווערען פון דער היים, וואו זי האט זיך געפיהלט ווי אין אגיהנים; ווי זי האט זיך עטליכע מאל געקליבען צו באגעהן זעלבסטמארד און דאך ניט באגאנגען, ווייל דאס איז א גרויסע עבירה... נאכדעם האט זי באהאלטען דאס פּנים ביי איהם אויפ'ן הארצען און שעהמעוודיג דערצעהלט. וואס פאר א שרעק עס האט זי באפאלען אין דער ערשטער נאכט נאך דער חתונה! וואס פאר אן עקעל זי האט געפיהלט, ווען ניקאלאי איז געקומען צו איהר! אפילו קוקען האט זי אויף איהם ניט געקענט און זי האט איהם אוועקגעטריבען... — און דאן, זאגט זי, האב איך פארשטאנען, אז איך וועל שוין זיין אן אומגליקליכע אלע מיינע יאהרען. דאן האב איך פארשטאנען, אז דאס בעסטע פאר מיר וואלט געווען צו ווערען א מאנאשקע...

— דו ביזט א מאדנער מענש, ליזא, — האט טאבאלצעוו געזאגט. — אבערגלויביג, ליידענשאפטליך, אייפערזיכטיג און פרום...

ליזא האט געשוויגען. זי האט אליין ניט געקענט פארשטעהן, ווי זי האט איהם, אט דעם פרעמדען מענשען, געקענט הערצעהלען א סוד, וואס זי וואלט אפילו איהר אייגענער מוטער ניט דערצעהלט.

— גט זיך מיט ניקאלאיען און פאהר אוועק מיט מיר ערגעץ אין דער ברייטער וועלט אריין, — האט טאבאלצעוו געזאגט, ניט אראפּנעהמענדיג די אויגען פון איהר. — אזא פרוי ווי דו, דארף זיין גליקליך. אזא פרוי ווי דו, דארף האבען קינדער.

— שווייג! מען טאר אזוי ניט ריידען! — האט זי זיך א כאפּ געטהאן, — עס איז אן עבירה פאר גאט ווען מען רעדט אזוי! וואס גאט האט צונויפגעפיהרט, טאר א מענש ניט צורייסען... איך בין שולדיג אין דעם, וואס איך האב א י ה ם פיינט און

די שווענעריין איהרע, פימאַ, איז מעהרסטענטהיילס געווען פאַר־נומען מיט מאָדעס. שטונדען־לאַנג האָט זי געקענט ארומגעהן איבער די קראָמען און זיך איינקוקען אין די פאַרשיעדענע מאָ־דעס. און ווען זי איז געגאַנגען, האָט זי מיט גענומען ליזאַ'ן אויך.

— ווייסטו וואָס, ליזאַ — האָט פימאַ איינמאָל געזאָגט — לאָמיר ביים שניידער פאַר זיך באַשטעלען צוויי אַלץ איינע קליי־דער! זעהסט, וואָס פאַר אַ שעהנע קליידער מען טראָגט אַצינד!

— נו, גוט, לאָמיר באַשטעלען — האָט ליזאַ קאַלטבלוטיג געענטפערט.

אַן אַנדערש מאָל האָט זי איהר געזאָגט אַזוי:

— אַך, ליזאַ, האָב איך אין מאַגאַזין געזעהן אַ הוט — אַן אויסנאַהם אין דער וועלט! אָט דאָ אַזוי אַ, און דאָרט אַזוי אַ... און פון פאָרענט אַ גרויסע פעדער. קויף זיך אַזאַ הוט און דער־נאָך וועל איך צושטעהן צו מיין „יאַלד" ער זאָל מיר אויך קויפען אַזאַ.

— זאָל זיין אַזוי — איז ליזאַ באַשטאַנען און זיך געקויפט אַזאַ הוט, ווי פימאַ האָט געוואָלט.

געלד האָט ליזאַ אַלע מאָל געהאַט גענוג. בלויז אַ העלפט פון איהר קאַפּיטאַל האָט זי אַוועקגעגעבען דעם מאַן אויף אריינ־צולעגען אין דער פירמע. און מיט'ן איבעריגען האָט זי געקענט טהאָן, וואָס זי האָט געוואָלט. פימאַ האָט זי שטאַרק מקנא גע־ווען דאַרויף און זי האָט איהר ניט איינמאָל געזאָגט:

— דיר, ליזאַ, איז גוט, דיר בין איך מקנא.. דו האָסט אַלע מאָל געלד, און דו קענסט קויפען, וואָס דו ווילסט.

דאַן האָט ליזאַ ברייט די אויגען פונאַנדערגעעפענט און עפּעס אַזוי מאָדנע אַ קוק געטהאָן אויף דער שווענעריין. דער קוק האָט באַדייטעט: „גרויסער נאַר, וואָס דו ביזט, דו מיינסט טאַקי, אַז געלד איז דער עיקר?" און דערנאָך האָט זיך אויף איהר פּנים אַ לייכטער שמייכעל פאַרשפּרייט. — יאַ, מיר איז גוט... און וויי־טער געשוויגען...

טאבאלצעוו האט ניט געקענט פארשטעהן, וואס פאר א מענש ליזא איז. איינמאל האט ער ווענגען איהר געזאגט אזא חכמה.

— שטילע וואסער גראבט טיעף...

אט די חכמה איז פימא'ן שטארק געפעלען געווארען און זי האט זיך שטארק פונאנדערגעלאכט. אבער די אלטע מאדאם טאבאלצעוו איז דערפאר געווען בייז אויף איהר זוהן.

— זאלסט דאס מעהר ניט זאגען, אנדריושא...

וואס אמאל זיינען ביידע שוועגערינס געווארען מעהר צוגעבונדען איינע צו די אנדערע. ליזא האט געטהאן וואס פימא האט איהר געהייסען, גלייך זי אליין וואלט קיין אייגענעם ווילען ניט געהאט...

— וואס ביזטו אזוי פארשלאפען און שווייגענדיג? — האט פימא ליזא'ן ניט געקענט פארשטעהן? — אויב עס איז דיר אומעטיג, טו פארליעב זיך אין אימיצען!...

— זיך פארליעבען? — האט ליזא איבערגעפרעגט. — אין וועמען? — און זי האט זיך שטארק פארטראכט...

איהר לעבען איז פאר איהר געווען פוסט און לאנגווייליג און זי האט ניט געהאט מיט וואס עס אויסצופילען. האט זי אנגעהויבען לעזען א סך. שטונדען־לאנג האט זי געקענט אפליגען אויפ'ן דיוואן און לעזען. זי האט ממש געשלונגען די ביכער. און א חוץ דעם, האט זי גאנץ אפט פארטריבען די אומעטיגע געדאנקען דורך דעם, וואס זי האט זיך געשפיעלט מיט פימא'ס קינדער. א באזונדער מין ליעבשאפט האט זי צו זיי ארויסגעוויזען, זי האט אזוי היים געקושט זייערע ווייכינקע, פוכקינקע, הענטעלאך, אזוי שעהן זיי געצערטעלט און אזעלכע וואונדערליכע פאנטאסטישע מעשה'לעך דערצעהלט. אלע מאל, ווען זי האט זיך געשפיעלט מיט די קינדער, האט זי גאר אן אנדער פנים באקומען; איהרע צוויי גרויסע אויגען האבען אנדערש געקוקט און איהר שמייכעל האט עפעס אזא זיסע ווארימקייט אויסגעדריקט...

טאַבאַלצעוו האָט דאָס באַמערקט און דערפאַר האָט זי איהם אַנגעהויבען נאָך מעהר צו אינטערעסירען...

איינמאָל איז ער אריינגעקומען אין דעם צימער, וואו ליזאַ האָט זיך געשפּיעלט מיט די קינדער. זי איז דאַן געלעגען אויס־געצויגען אויפ'ן ראָג און די קינדער האָבען זיך געפּלאָנטערט אַרום איהר. דעם קאָרסעט האָט זי דאַן ניט געטראָגען, און די שעהנע ברוסטען איהרע, וועלכע האָבען זיך אַזוי רייצענד אַרויס־געקייקלט פון אונטער דער לייכטער בלוזע, האָבען זיך האָס ער־שטע אַ וואָרף געטהאָן טאַבאַלצעוו'ען אין די אויגען, און דער־נאָך — די ליניען פון איהרע שעהנע פּיס. — „ווי שעהן זי איז!" — האָט טאַבאַלצעוו אַ קלעהר געטהאָן. און עס האָט איהם שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס אַזאַ שעהנע, יונגע ווייבעלע איז אַנגעקומען צו אַזאַ בהמה, ווי זיין ברודער איז...

— ליזאַ, פאַר וואָס זעהסטו ניט צו האָבען אַזעלכע אייגענע חברה? — האָט ער אין שפּאַס אַ זאָג געטהאָן און דערביי זי געטהאָן אַ מעסט אַב מיט די אויגען פון קאָפּ ביז די פּיס...

ליזאַ איז רויט געוואָרען.. שנעל זיך אויפגעהויבען און צו־רעכט געמאַכט די האָר.

— וואָס־זשע אַנטלויפסטו ? וואַרט איך וויל מיט דיר עפּעס ריידען — האָט ער געפּרובירט זי פאַרהאַלטען.

— איך בין דאָך ניט אַנגעטהאָן — האָט זי געענטפערט און איז אַרויסגעלאָפען שנעל, ווי אַ ווילדע ציגעל.

ער האָט איהר נאָכגעקוקט און דאָס האַרץ האָט איהם אומ־רוהיג געקלאַפּט.

* * *

צייטענווייז האָט זיך אויף ליזאַ'ס פּנים געוויזען אַ נייער, זעהר מאָדנער אויסדרוק. עפּעס אַ מין בענקשאַפט... מעהר־סטענטיילס האָט זיך אויף איהר פּנים אַזאַ אויסדרוק געוויזען ווינטער אָדער אין סאַמע פריהלינג, ווען דער שנעע הויבט זיך אַן צוגעהן און שמאָלע ריטשקעלאך נעהמען פליסען. אין די פאַר־נאַכטען ווען די זון האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרגעהן, איז

ליזא'ן מיט אמאל געווארען אזוי שווער אויפ'ן הארצען פון דער בענקענים, וואס האט זיך אין איהר געשטיקט, און זי האט אוועק־געלייגט דעם בוך, צוגעלאפען צום פענסטער, אנגעשפארט דעם קאפ אןביידע הענד און לאנג געקוקט, ווי די זון פארגעהט, און מיט אמאל, ווי ניט מיט איהר קול, זיך אנגערופען:

— קום, פימאטשקא, לאמיר זיך דורכפאהרען אביסעל! אבער שנעל! לאמיר פאהרען אין פארק, איידער די זון פארגעהט!

און ביידע שוועגערינס האבען זיך אויף שנעל אנגעטהאן און אוועקגעפאהרען אין פארק.

טאבאלצעוו האט זיך די גאנצע צייט צוגעקוקט, ווי ליזא פארהאלט זיך אין הויז און וואס מעהר ער האט זיך צוגעקוקט, אלץ מעהר איז זי איהם געפעלען. אבער ער האט זי ניט געקענט פארשטעהן — א מאדנע פרוי!...

דער אמת איז געווען, אז ביידע שוועגערינס, אי פימא, אי ליזא, זיינען געווען ענטציקט פון טאבאלצעוו'ן. אט אזא מזל האט ער שוין געהאט: די מעהרסטע פרויען, מיט וועמען ער האט זיך באגעגענט, זיינען געווען ענטציקט פון איהם.

צייטענווייז פלעגט ער מיט ביידע יונגע שוועגערינס מאַ־כען שפאס, זיך ערלויבען א שטיף צו טהאן מיט זיי, אבער ער האט זיך אין גיכען איבערצייגט, אז וואס מען מעג זיך ערלויבען מיט פימא'ן, טאר מען זיך ניט ערלויבען מיט ליזא'ן, ווארים לי־זא איז גאר אן אנדערער מענש; אין דער צייט, ווען פימא האט איהם פראנק און פריי געקושט און זיך געלאזט קושען אויף דעם חשבון. וואס ער איז איהרער א שוואגער, האט זיך ליזא גע־האלטען ווארשנע; איהם קיין איין מאל קיין קוש ניט געטהאן און ניט געלאזט ער זאל זי א קוש טהאן. און דאס איז טאבאל־צעוו'ן שטארק געפעלען געווארען...

עס האט קיין ספק ניט געדויערט און טאבאלצעוו איז שוין געווען פארליעבט אין ליזא'ן, ווי א קינסטלער איז פארליעבט אין א נייעם אידעאל. דאן איז פאר איהם זיין לעבען אין דער היים ווידער געווארען אינטערעסאנט. עס האט באקומען א זין...

פינפטער קאַפּיטעל.

טאַבאַלצעוו'ס שוועגעריז, פימאַ, האָט געמאַכט אַ שמחה און איינגעלאַדען אַלע איהרע פריינדינס, כדי זי זאָל זיך פאַר זיי קענען באַריהמען מיט איהר פיינעם שוואָגער.

— אָבער זעה, אַז קיין מיידלאַך זאָלען אויף דער שמחה ניט זיין ! — האָט איהר טאַבאַלצעוו אַנגעזאָגט..

— פאַר וואָס ?

— ווייל מיידלאַך זיינען אַ שטערונג. מען קען זיך ניט באַנעהמען פריי אין זייער געזעלשאַפט. און איך האָב חשק אייך צו דערצעהלען שעהנע מעשה'לאַך פון פאַריזער לעבען...

פימאַ האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, האָט זי פאַר גרויס גדולה אַזש געגעבען אַ שפּרונג אונטער.

— אַה, ווי גוט ! מעשה'לאַך פון פאַריזער לעבען. דאָס מוז אודאי זיין זעהר אינטערעסאַנט און שפּאַנענד...

די געסט זיינען געקומען. אַלע יונגע, שעהן פאַרפּוצטע דאַמען. און נאָך דער וועטשערע, ווען די מאַנסבילען זיינען שוין געווען גוט שיכור און זיך גענומען שפּיעלען אין קאָרטען, זיינען די דאַמען אריין צו פימאַ'ן אין צימער, וואו טאַבאַלצעוו האָט נאָך פריהער אויסגעשטעלט דאָס מעבעל לויט זיין געשמאַק. זיי האָבען זיך אַלע אוועקגעזעצט אויף די ווייכע, סאַמעטענע סאָפעס און שטוהלען די פיסלאַך אונטער זיך, און פאַר יעדער איינער איז אויף אַ קליין טישעל געשטאַנען אַ בעכערעל וויין און אַ קוישעלע מיט פאַרביי־סענס און פרוכטען

אויף אַ ווייכער סאַמעטענער שטוהל האָט זיך ליזאַ אוועקגע־זעצט ווייט פון אַלעמען, און ווי שטענדיג, איז זי אויך דאָס מאָל געווען אַ שוויינענדיגע, אַ ניכטערע, כאָטש זי האָט שוין געהאַט וויין געטרונקען.

עס איז דאָ געווען פרעהלאַך. פימאַ האָט געהאַלטען אין איין

פלאפלען, און די דאמען, וועלכע זיינען שוין געווען אביסעל שיכור־לאך, האבען געהאלטען אין איין לאכען.

טאבאלצעוו איז אריינגעקומען, זיך העפליך פארניינגט פאר אלע דאמען און זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ראנג לעבען ליזא'ס פיס.

אלע האבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען. נור ליזא האט זיך אפילו קיין ריהר ניט געטהאן. און ווען טאבאלצעוו האט אנגעשפארט דעם קאפ אן איהרע קניע און א קוק געטהאן אויף איהר פון אונטען ארויף, האט זי אויף איהם די ברייט פונאנדערגעעפענטע אויגען אויסגעשטעלט און עפעס אזוי פול באדייטענד א ווײלע געקוקט אויף איהם. און דערנאך האט זי אין גאנצען די אויגען פארמאכט און דערביי א טיעפען זיפץ געטהאן...

— נו, דערצעלט זשע עפעס ! — האבען די צובאלעוועטע דאמען פון אלע זייטען גענומען בעטען טאבאלצעוו'ן — דערצעהלט וועגען פאריז, וועגען ליעבע און וועגען פרויען.

האט טאבאלצעוו זיי אלעמען אפגעמאסטען מיט זיינע צוויי ליכטיגע אויגען, זיך אוועקגעזעצט אויפ''ן ראנג, ארומגענומען ביידע קניען מיט די הענד און אנגעהויבען דערצעהלען.

אזוי ׳שעהן און גלאט האט ער דערצעהלט וועגען פאריזער בולווארען, וועגען די שעהנע פרויען און וועגען די רייכע רעסטאראנען, אז די גאנצע שטאדט איז ווי אויסגעוואקסען פאר זייערע אויגען און עס האט זיך זיי געדוכט, אז זיי זעהען אט דאס אלעס וואס ער דערצעהלט.

— ווען עס קומט דער אויף־דער־נאכט, — האט טאבאלצעוו דערצעהלט — ווערט אין אלע קאפע־הייזער לעבעדיג און פרעהליך. די עלעקטרישע ליכט, וואס שיינט פון אינוועניג ארויס, פארכאפט די אויגען פון יעדען פארבייגעהער, עס הערען זיך שטימען פון שאנסאנעטקעס — קען מען ניט ביישטעהען דעם נסיון און מען מוז אריינגעהן. אינוועניג זיינען אלע טישלאך פארנומען, און צווישען די טישלאך דרעהען זיך ארום אזעלכע שעהנע גאסען־פרויען, אז עס איז א פערגעניגען צו קוקען אויף זיי. אנגעטהאן זיינען זיי

ווי רייכע דאַמען, אין דונקעלע העמט. זיי האַלטען זיך פיין, ערדעל און עפּעס אַזוי פּאַרטויערט קוקען זיי אַריין יעדען מאַנסביל אין די אויגען.

— טאַקע ? ! — האָט זיך אַ כאַפּ געטהאַן איין דאַמע — און איך האָב זיך פאַרגעשטעלט גאָר אַנדערש...

— אין די גאַסען קאָכט דאָס לעבען ווי אין אַ קעסעל, — האָט טאַבאַלצעוו ווייטער דערצעהלט — מען לויפט, מען זינגט, מען לאַכט, מען פרעהט זיך. און אין דעם טומעל פּלאָנטערען זיך פּאַר די פיס די צייטונגס־פאַרקויפער. אַ גאַנץ רעדעל מיט מענשען שטע־לען זיך אָב לעבען אַ גרויסער שילד, וועלכע איז בעלויכטען מיט צעהנליגער עלעקטרישע לעמפּעלאַך פון פאַרשיעדענערליי קאָלי־רען. אַלע פרעהען זיך אַזוי ווי קליינע קינדער. וואָס איז ? אין דער און דער צייטונג הויבט זיך אָן דרוקען אַ נייער ראָמאַן. מען געהט, מען איילט זיך, מען איז פול מיט ליידענשאַפט ; עס איז לעבעדיג, פרעהליך אין אַלע שענקליך, קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען און טעאַטערע... אפילו די אויסגעלאַסענהייט איז דאָרטען אויך אַ שעהנע. אַלעס ווערט דאָרט געטהאַן מיט געשמאַק...

איך שטעל זיך פאָר, וואָסט דו האָסט דאָרטען צוארבייט, טייערינקער מיינער ! — האָט זיך אָנגערופען פימאַ. אַלע האָבען אויסגעשאָסען אַ געלעכטער. טאַבאַלצעוו האָט אויך געלאַכט און בשעת מעשה אַ קוק געטהאָן אויף ליזא'ן. זי איז געזעסען אָנגע־בויגען, אָנגעשפּאַרט די עלענבויגענס אויף די קניע און די מאַר־דעטשקע אין די הענד. איהרע אויגען האָבען געקוקט אויף טאַ־באַלצעוו'ן אַזוי אומרוהיג, אַז עס איז איהם אַזש געוואָרען אומ־היימליך.

— און די פּאַריזער דאַמען זיינען שעהנע ? — האָט זי איהם אין מיטען דערינען אַ פרעג געטהאַן.

— זיי זיינען ניט אַזוי שעהן ווי ווייבליך, — האָט ער געענטפערט — אַלע זיינען זיי אַזעלכע שלאַנקע, גראַציעזע, טהאַן זיך אַן מיט געשמאַק, פאַרקאַמען זיך שעהן און די שיכלעך אויף די פיס זיינען עפּעס אַזוי ווי צוגעוואַקסען...

— נו, און דאָס ליבּ איז בּיי זיי אויך שעהן, בּיי די פּאַריזער דאַמען? — האָט פימאַ אַ פרעג געטהאָן און זיך פאַנאַנדער געלאַכט.

— ווי וועמען געפעלט — האָט טאַבּאַלצעוו געענטפערט — דאָס ווענדט זיך אין דעם, וואָס פאַר אַ געשמאַק מען האָט. אונ־זער'ן אַ סוחר'ל, וועלכער אַכטעט אין אַ פרוי בּלויז דאָס פליישׁ, וואָלט קיין פּאַריזער פרוי ניט געפעלען...

— און דיר זיינען זיי יאָ געפעלען געוואָרען? — האָט ליזאַ אַ פרעג געטהאָן.

האָט טאַבּאַלצעוו זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו איהר און געענטפערט:

— יאָ, יאָ, טייערע ליזאַטשקע מיינע, מיר זיינען זיי זעהר געפעלען געוואָרען. זיי זיינען פרעהליכע, לעבּעדיגע, גוטע און איינפאַכע. היסטעריש זיינען זיי קיינמאָל ניט... מיט אַ פּאַריזער דאַמע קען מען אַ לעבּ טהאָן אַ פּאָר וואָכען און דערנאָך זיך צוגעהן און בּלייבּען די בּעסטע גוטע פריינד. אַ פּאַריזער דאַמע מאַכט ניט קיין אייפערזוכט־סקאַנדאַלען. די טרערען פון אַ פּאַריזער דאַמע האָבּען די מעלה, וואָס זיי ווערען פאַרטריקענט זעהר שנעל; ווען זי געהט זיך פאַנאַנדער מיט אַ געליעבּטען, לויפט זי זיך ניט טרינ־קען, נור זי לויפט און געפינט זיך אוים אַ אַנדערען... מעהר־סטענטיילס פאַרליעבּט זי זיך אין אַן אַנדערען, ווען זי האָט נאָך מיט'ן ערשטען אין גאַנצען די בּאַציהונגען ניט איבּערגעריסען... אַ פּאַריזערין איז אין דער ליעבּע ניט קיין שקלאַף, נור אַ חבר, און אַ גלייכבּערעכטיגטער חבר. יאָ, אין פראַנקרייך איז יעדע פרוי, אפילו די נידעריגסטע, אַ פּערזענליכקייט. זי פיהלט איהר הערשאַפט איבּער אונז, מענער, בּאַנוצט זיך דערמיט און פאָדערט, אַז מען זאָל פאַר איהר האָבּען רעספּעקט אפילו דאַן, ווען מען איז מיט איהר אין די נאָהענטסטע בּאַציהונגען. דאָרטען ווייס אפילו אַ גאַסען־פרוי איהר ווערטה און זי וועט אויף קיין פאַל זיך ניט לאָ־זען בּאַליידיגען... און איך גלויבּ, אַז נור אין אַזאַ לאַנד וועט בּאַ־שאַפען ווערען די נייע פרוי, וועגען וועלכער מיר טרוימען.

— און וועגען וועלכער נייער פרוי טרוימסטו? — האָט ליזא נייגעריג געפרעגט — ווי שטעלסטו זיך פאָר די נייע פרוי?

— די נייע פרוי וועט איהר גליק נעהמען אליין — האָט טאַ־באַלצעוו געענטפערט — זי וועט זיך באַציהען צו אַ מאַנסביל ניט ווי צו אַ באַליבאָס, אַ הערשער, נור ווי צו אַ חבר, צו אַ גלייכען מענטשען; זי וועט געניסען פון זיין ליידענשאַפט בשעת זי וועט איהם ליעבען, און איהם אוועקוואַרפען ווי אַ שמאַטע, ווען זי וועט וואַרפען אַן אום־חן אויף איהם... אַט אַזוי שטעל איך זיך פאָר די נייע פרוי!

— און וואָס דאַרף מען טהאָן כדי צו ווערען אַזאַ? — האָט ליזא פאַרטראַכט געפרעגט.

טאַבאַלצעוו האָט גענומען גלעטען איהר האַנד, און געענט־פערט:

— אַ, זעהר אַ סך, ליזאַטשקע, דאַרף מען טהאָן! פריהער פון אַלץ דאַרף מען קויפען אַ נייעם בעזים און אַרויסקעהרען דעם גאַנצען שמוץ און די אַלע שמאַטעס און טראַנטעס, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען אין די הערצער פון די פרויען. און דערנאָך דאַרף מען ערשט עפענען די אויגען און זיך אויסלערנען צו קוקען דעם לעבען גלייך אין פנים אריין.

— ווי אַזוי טהוט מען דאָס? — האָט איין דאַמע נייגעריג אַ פרעג געטהאָן.

— גאַנץ איינפאַך — האָט טאַבאַלצעוו געענטפערט — מען דאַרף קוקען אויף ליעבע, ווי אויף אַ נויטווענדיגער, אומבעדינגט נויטווענדיגער זאַך אין לעבען, פון וואָס מען טאָר זיך ניט אָפּ־זאָגען... אָהן וואָס קיינער, סיי אַ מאַן און סיי אַ פרוי, קען ניט לעבען... דאָס איז ערשטענס. און, צווייטענס, דאַרף מען זעהן, אַז די ליעבע זאָל ניט זיין קיין דראַמע, נור אַ פרייד, אַ גליק... ווי אַן אָפּרוה נאָך אַ שווערער אַרבייט... די ליעבע און איהר גע־נוס דאַרפען זיין נויטיג אין לעבען, אָבער זיי דאַרפען ניט זיין דאָס לעבען אַליין. קורץ גערעדט, איהר פרויען, דאַרפט זיך אויס־

לערנען זיך באציהען צום גענוס פון ליעבע אזוי ווי מיר, מענער... אט דא ליגט דער הונד באגראבען...

אלע דאמען זיינען געבליבען זיצען שטיל, און ליזא האט גע־קוקט אויף טאבאלצעוו'ען אן אומעטיגע, א פארזארגטע. דערנאך האט זיך איינע אפגערופען:

— אבער וואס וועט אונז בלייבען אויף דער וועלט, אויב מען וועט ביי אונז צונעהמען די ליעבע? אונזער לעבען וועט דאך בליי־בען פוסט...

— עס איז ניט געפעהרליך — האט טאבאלצעוו געענטפערט — אויב איהר ווילט, אז אייער לעבען זאל ניט זיין פוסט, דאן פילט דאס אן דערמיט, וואס איהר וועט ווערען זעלבסטשטענדיגע מענשען. פאראינטערעסירט זיך מיט געזעלשאפטליכער ארבייט, לערענט זיך אויס צו זיין גוטע מאמעס. מיט איין ווארט: ווערט מענשען, זייט ניט מעהר קיין קוקלעס, מיט וועלכע מען שפיעלט זיך...

אלע דאמען זיינען געבליעבען זיצען שטיל. פאר זיי זיינען טאבאלצעוו'ס ווערטער געווען א שפאגעל נייע תורה.

— דערצעהל בעסער נאך עפעס א מעשה וועגען פאריז, — האט פימא איבערגעריסען די אנגעצויגענע שטילקייט. און טא־באלצעוו האט דערצעהלט:

— איך בין איינמאל געווען אין פאריז אויף א באל. די פאר־לאך האבען דארטען אויסגעטאנצט פארשיעדענערליי טענץ, ביז מען האט זיך א נעהם געטהאן צו עפעס א ליידענשאפטליך־ווילדען, כמעט אומפארשעהמטען טאנץ. ווי די שלענג האבען זיך די טאנ־צענדע פרויען געבויגען און געדרעהט אזוי, אז יעדע ליניע פון'ם קערפער האט זיך ארויסגעוויזען מיט א באזונדער מין רייץ. אין מיטען־דארינען האט איין יונגערמאן א כאפ געטהאן א מיידעל, מיט וועלכער ער האט געטאנצט, און פאר אלעמען אין די אויגען זי נעגעבען א שטעל אוועק מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף.

— אך! — האבען אלע דאמעס אויסגעשריגען און אויסגע־שאסען א געלעכטער.

טאַבאַלצעוו איז אויפגעשטאַנען און פאַרלעגט ביידע הענד אויפ׳ן האַרצען:

— נו, א שעהנע מעשה׳לע, הא?

פלוצלונג האָט פימא געגעבען א שפרונג און זיך א וואַרף גע־טהאַן טאַבאַלצעוו׳ן אויפ׳ן האַלז:

— אנדריושא, טייערער, לערן מיך אויס יענעם טאַנץ...

— געהט עס! און ער האָט מיט איהר געגומען טאַנצען. אָבער עס איז נישט געגאַנגען. ווייל זי האָט שוין געוואויגען פינף פוד און עס איז איהר געווען שווער זיך צו ריהרען.

אַלע האָבען געלאַכט. ליזא האָט זיך צוגערוקט מיט די פּליי־צעס צו דער וואַנט און אויך געלאַכט, און אין איהר געלעכטער האָט זיך געפיהלט עפּעס א מין צולהכעיס.

די שמחה איז געוואָרען נאָך גרעסער ווען טאַבאַלצעוו האָט זיי אויסגעלערענט דעם ניגון פון א פּאַריזער לידעל. אַלע האָבען דעם ניגון געזונגען און דערנאָך האָט זיך טאַבאַלצעוו אוועקגעזעצט אויף א ווייכען שטוהל אין מיטען צימער און אַלע דאַמען האָבען זיך אויפ׳ן דאָג אויסגעזעצט ארום איהם, די פיס אונטער זיך און די קלייד־לאַך צושפּרייט.

פון אַלע זייטען האָט מען איהם פאַרוואָרפען מיט פראַגען:

— איז טאַקי אמת, וואָס מען דערצעהלט, אז אין פּאַריז זיי־נען פאַראַן אַזעלכע קאַפע־הייזער, וואו פרויען געהן ארום אין גאַנ־צען נאַקעטע?

אָדער:

— איז טאַקי אמת, וואָס מען דערצעהלט, אז אין פּאַריז זיי־נען פאַראַן אַזעלכע שענקלאַך, וואו...

אַלעס האָבען זיי געוואָלט וויסען די צובאַלעוועטע דאַמען. און ער האָט זיי צלעמען אויף די פראַגעס געענטפערט.

ליזא איז אַלץ געשטאַנען ביי דער וואַנט ניט ריידענדיג א וואָרט. איהרע באַקען זיינען געווען בלאַס און די ברוסט האָט זיך אומרוהיג געהויבען ארויף און אראָפּ.

— ליזא... קום אהער צו מיר! — האט ער עפעס ווי ניט מיט זיין קול אויסגעשריען. אין דער מינוט איז זי איהם שטארק געפעלען געווארען... זי האט דערוועקט אין איהם א באזונדער מין ווילדע ליידענשאפט. די סיביריער בלוטען האבען אין איהם גע־זומען ריידען...

ליזא האט זיך פון'ם ארט ניט געריהרט און גלייך ניט זי מיינט מען דאס האט זי געעפענט דאס פענסטער און אריינגע־אטעמט אין זיך די פרישע לופט. ערשט ווען אין צימער איז גע־ווארען א גאנצער גערודער דערפון, וואס פימא האט זיך אוועק־געזעצט ביי טאבאלצעוו'ען אויף די קניע און געשמאק איהם א קוש געטהאן אין די ליפען, און טאבאלצעוו האט שטיפעריש א זאג געטהאן: „ווער וויל נאך?" האט זיך ליזא א ריהר גע־טהאן, ווי א נאכט וואנדלערין איבערגעגאנגען דאס צימער, צו־געגאנגען צו טאבאלצעוו'ען און דאס ערשטע מאל איהם שטיל א קוש געטהאן אין די ליפען.

דאס הארץ האט איהם אומרוהיג גענומען קלאפען און אין קאפ זיך ביי איהם גענומען פלאנטערען א געדאנק:

— געשיקט זיך, אז איך בין טאקע פארליעבט אין איהר?...

זעקסטער קאפיטעל.

פון יענעם אויף דער נאכט אן האט ליזא ליעב געקראגען טאבאלצעוו'ען נאך מעהר ווי פריהער. גאנצע נעכט האט זי קיין אויג ניט צוגעטהאן און אלץ געקלערט פון איהם. און גע־קלערט פון איהם האט זי אזוי שעהן און עדעל. איהר נשמה און איהר קערפער איז אנגעפילט געווארען מיט א נייעם שטראם; זי איז שטענדיג ארומגעגאנגען א פארטראכטע, א צוטראגענע און עס האט איהר געהאלטען אין איין פאלען פון די הענד.

— וואָס איז מיט דיר, ליזאַטשקאַ ? — האָט זי די שוויגער געפרעגט.

— גאָר ניט. — האָט זי פאַרשעהמט געענטפערט און גע־האַלטען די אויגען אַרונטערגעלאָזט, גלייך ווי זי וואָלט קיין מוטה ניט געהאַט מיט דער שוויגער׳ס בליק זיך צו באַגעגענען.

און טאַבאַלצעוו האָט אויך אָנגעהויבען אַרומגעהן אַ צוטראַ־גענער, ווי אַ מענש ניט פון דער וועלט, און ער האָט אַליין ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. ווארים אין לעבען האָט זיך איהם אַלעס גרינג איינגעגעבען, עס האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען אַז אַ פרוי זאָל איהם שווער אָנקומען. ער האָט נאָך קיינמאָל איבער אַ פרוי קיין איינציגע טרער ניט פאַרגאָסען, קיין איין זיפץ ניט געטהאָן... דאָ האָט איהם אַ שטאַרקער ווילדער ליידענשאַפטליכער באַגעהר באַהערשט צו קריגען ליזאַ׳ן און ער האָט גענומען עקשנות׳דיג אָנווענדען אַלער־ליי מיטלען זי צו קריגען... גלייך פון סאַמע אָנפאַנג האָט ער באַגעגענט אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד פון איהר זייט, און דאָס האָט איהם נאָך מעהר צורייצט און ער האָט זיך ווי אַ יעגער פאַר־לעגט זי צו באַזיעגען... — וואָס קען דאָס זיין ? ! — האָט ער זיך אַליין געוואונדערט אַרומדרעהענדיג זיך ווי אַ צומישטער איבער׳ן הויז און אָנכאַפּענדיג זיך אַלע ווייַלע ביים קאָפּ. — וואָס איז דאָס, ליעבע אָדער ליידענשאַפט ? און ווי ער האָט זיך ניט אָנגע־שטרענגט ניט צו קלערען האָט ער אַלץ געקלערט...

ניקאָלאַי׳ן, ליזאַ׳ס מאַן האָט ער גאָר ניט גענומען אין אַכט. דער באַוואוסטזיין, אַז ליזאַ איז פאַרליעבט אין איהם און ניט אין ניקאָלאַי׳ען, איז פאַר איהם געווען גענוג, און ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זי גיט זיך ניט נאָך נור דערפאַר וואָס זי איז אַ פרומע, אַ גלויביגע...

אַלע טאָג איז ער מיט איהר צוזאַמען אין פּאַרק אַרויסגע־פאָהרען, און ווי ער האָט זי נור דערפיהלט לעבען זיך, האָבען זיינע הייסע בלוטען גענומען קאָכען אין איהם און ער האָט זי געמוזט אַ כאַפּ טהאָן צו זיך אויף די קניע... געוועהרט האָט זי

זיך קיינמאל ניט, אבער אין די ליפען א קוש טהאן האט זי איהם קיינמאל ניט געלאזט. און אלע מאהל איז אויסגעקומען אזוי, אז ווען זיי זיינען ביידע צוריק פון'ם פארק געקומען, איז ער געווען בייז און שוויינענדיג, און זי — בלאס און ניעדערגעשלאגען.

איינמאל, ווען אין דרויסען איז געווען א שטארקער פראסט און טאבאלצעוו מיט ליזא'ן זיינען פון'ם פארק געפאהרען, האט ער דעם קוטשער זיך געהייסען אפשטעלען לעבען א באקאנטען האָ־טעל.

אין דעם ווארימען צימער האט טאבאלצעוו באשטעלט שאמ־פאניער וויין און זיך אוועקגעזעצט לעבען ליזא'ן.

— ליזאטשקא, טייערע, — האט ער שטיל געזאגט, אננעה־מענדיג איהר האנד און קוקענדיג אויף איהר עפעס אזוי מאדנע מיט די צוויי גרויסע ליכטיגע אויגען זיינע, — האב מיך ליעב... זעהסטו דען ניט ווי איך ווער א תל ? איך שלאף ניט דורך די נעכט און האלט אין איין קלערען וועגען דיר... נו, פארוואס־זשע מוטשעסטו מיך ? דעם מאן האסטו דאך במילא ניט ליעב... און פאר גאט דארפסטו קיין מורא ניט האבען... ער וועט אונז דערפאר ניט שטראפען... וואס קעהר ער זיך אן מיט אונז ? ביזטו דען ניט אליין די הערשערין איבער דיין אייגענעם קערפער ?...

א דערשראקענע האט זי אויף איהם איהרע אויגען אנגע־שטעלט. אט די פשוט'ע, גראבע ווערטער זיינע זיינען געווען אזוי ווייט פון איהרע פארלאנגען און געפיהלען צו איהם... און זי האט זיך איבער דעם געפיהלט שטארק באליידיגט. ער האט זי ליידענשאפטליך אין פנים א קוש געטהאן און זי האט דארבי־געהאלטען די ליפען שטייף צוגעמאכט.

— ליזאטשקא, — האט ער כמעט ווי אויסגעשריען א צורייצ־טער, — איך קען ניט לעבען אהן דיין ליעבע ! וואס דארפטו דא קלערען אזוי לאנג און ארויסציהען דאס חיות ? האסטו דען גע־נוג כח צו קעמפפען געגען מיין פייערדיגע ליידענשאפט ?... קען עס דען זיין אנדערש, ווען עס ציהט אונז פארט איינער צום אנ־

דערען? ליזא... פיהלסטו דען ניט, אז סוף כל סוף וועסטו זיך מיר מוזען איבערגעבען?...

זיין שטימע האָט געציטערט, און עס האָט זיך געדאַכט, אז ניט ער, נור אן אנדערער, עפּעס א באזונדער מין קראַפט, זאָגט אָט די ווערטער פאר איהם. און זיי זיינען ביידע געוואָרען בלאַס, גלייך זיי וואָלטען אינסטינקטיוו דערפיהלט, אז דאָס אומפאר־מיידליכע מוז געשעהן...

ער האָט געזעהן ווי זי האָט מיט דעם גאַנצען קערפּער א ציטער געטהאָן, און דאַן האָט ער זי ווילד געגעבען א כאַפּ ארום... אבער זי האָט, אן איבערגעשראָקענע, געגעבען א קוויטש און זיך גענומען ווארפען ווי אן אונטערגעשאָסענער פויגעל.

איהרע טרערען און איהר קוויטש האבען איהם אזוי צוטומ־מעלט, אז ער האָט זיך געגעבען א כאַפּ און איז אויפגעשטאַנען.

— נו, זאל זיין אזוי, ליזא, — האָט ער א מאַך געטהאָן מיט דער האנד. — איך בין ניט דיין מאַן... בלויז אן אייגענער מאַן קען זיך פארגינען אזא פארגעניגען ווי פארגוואלטיגען זיין פרוי... איך וויל דאָס ניט. מיר, וויל איך, זאָלסטו זיך איבערגעבען מיט פייער, מיט ברענענדיגע ליידענשאַפט...

ליזא האָט אנגעהויבען כליפּען נאָך שטאַרקער און שטיל ארוים־גערעדט:

איך האָב ניט קיין מאַן... איך האָב קיינמאָל קיין מאַן ניט געהאָט... און דאָ האָט זי זיך דאָס פּנים פארשטעלט מיט ביי־דע הענד, גלייך זי וואָלט זיך געשעהמט איהם גלייך אין די אויגען אריינצוקוקען, אָדער ווי זי וואָלט שוין חרטה געהאָט דערויף. וואָס זי האָט פאר איהם איהר סוד דערצעהלט...

דערהערענדיג דאָס, איז טאַבאַלצעוו געבליבען שטעהן א צוטומעלטער. ער האָט געפיהלט, ווי אין זיין נשמה האָט זיך עפּעס אפּגעריסען און פארלאָשען געוואָרען.

דערנאָך האָט ער זיך ווידער אוועקגעזעצט לעבען איהר אויף דער סאָפא. זי האָט נאָך אלץ געוויינט און מיט'ן גאַנצען קער־פּער געציטערט. מיט דער באַק האָט זי זיך צוגעשפּאַרט צו זיי'ן

פּנים, איהם שטארק ארומגענומען און איהם הייס געקושט, און דערנאָך האָט זי עפּעס אַזוי צוואוואַרפען גענומען ריידען וועגען זיך — ווי זי איז געווען אומגליקליך פון קינדווייז אָן, ווי זי האָט חתונה געהאַט כדי איבערצוכאַפּען דעם אַטהעם און פּטור צו ווערען פון דער תיים, וואו זי האָט זיך געפיהלט ווי אין אַגיהנים; ווי זי האָט זיך עטליכע מאָל געקליבען צו באַגעהן זעלבסטמאָרד און דאָך ניט באַגאַנגען, ווייל דאָס איז אַ גרויסע עבירה... נאָכדעם האָט זי באַהאַלטען דאָס פּנים ביי איהם אויפ'ן האַרצען און שעהמענדיג דערצעהלט, וואָס פאַר אַ ישרעק עס האָט זי באַפאַלען אין דער ערשטער נאַכט נאָך דער חתונה! וואָס פאַר אַן עקעל זי האָט געפיהלט, ווען ניקאָלאַי איז געקומען צו איהר! אפילו קוקען האָט זי אויף איהם ניט געקענט און זי האָט איהם אוועקגעטריבען... — און דאָן, זאָגט זי, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך וועל שוין זיין אַן אומגליקליכע אַלע מיינע יאָהרען. דאָן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס בעסטע פאַר מיר וואָלט געווען צו ווערען אַ מאָנאַשקע...

— דו ביזט אַ מאָדנער מענש, ליזא, — האָט טאַבאַלצעוו געזאָגט. — אבערגלויביג, ליידענשאַפטליך, איינפערזיכטיג און פרום...

ליזא האָט געשוויגען. זי האָט אַליין ניט געקענט פאַרשטעהן, ווי זי האָט איהם, אַט דעם פרעמדען מענשען, געקענט דערצעהלען אַ סוד, וואָס זי וואָלט אפילו איהר אייגענער מוטער ניט דערצעהלט.

— גט זיך מיט ניקאָלאַיען און פאָהר אַוועק מיט מיר ערגעץ אין דער ברייטער וועלט אריין, — האָט טאַבאַלצעוו געזאָגט, ניט אַראָפּנעהמענדיג די אויגען פון איהר. — אַזאַ פרוי ווי דו, דאַרף זיין גליקליך. אַזאַ פרוי ווי דו, דאַרף האָבען קינדער.

— ישווייג! מען טאָר אַזוי ניט ריידען! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן, — עס איז אַן עבירה פאַר גאָט ווען מען רעדט אַזוי! וואָס גאָט האָט צונויפגעפיהרט, טאָר אַ מענש ניט צורייסען... איך בין שולדיג אין דעם, וואָס איך האָב א י ה ם פיינט און

קען אויף א י ה ם ניט קוקען... דערפאַר מוז אייך אַליין געדול־דיג אַלע צרות איבערטראָגען. און דיך, אַנדריושא, בעט איך: רייד מיר ניט איין צו טהאָן שלעכטעס... איך האָב מורא...

זיך פאַרבינדען מיט אַפרוי אַזוי, אַז ער זאָל שוין צו איהר זיין פאַרפּליכטעט, דאָס האָט טאַבאַלצעוו ניט געקענט. זיין פריי־הייט איז ביי איהם געווען טייערער פון אַלעס אין דער וועלט, און דערפאַר האָט ער אצינד מיט אַמאָל אַזוי מורא געקראָגען פאַר ליזא'ס ליידענשאַפט... ער האָט שוין מעהר ניט געגאַרט אַז זי זאָל זיך איהם איבערגעבען, און אַנשטאַט ליידענשאַפט האָט ער דערפיהלט א באַזונדער מין רחמנות צו איהר...

וואָרים ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז פאַרבינדען זיך מיט איהר הייסט פשוט זיך פאַרציהען א שטריק איבער'ן האַלז... דער באוואוסטזיין אַז זי איז נאָך א מיידעל, האָט איהם אפילו גע־רייצט. אַבער אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך קאָנטראָלירט, ווייל ער האָט זיך אַליין גוט געקענט און ער האָט געוואוסט, אַז סוף כל סוף וועט זי איהם דערעסען ווערען... ער האָט אויך גע־וואוסט, אַז ווען ער זאָל זיך מיט איהר פאַרבינדען, וואָלט זי איהם דערגאַנגען די יאָהרען מיט איהר איפּערויכט און זי וואָלט נאָך געהאַט טענות צו איהם פאַרוואָס ער האָט זי אַרונטערגעפיהרט פון'ם גלייכען וועג... ניין מיט אַזא היסטעריטשקע טאָר ער זיך אויף קיין פאַל ניט פאַרבינדען. דאָס וואָלט געהייסען זיך אַליין שמיעדען אין קייטען...

און צו וואָס דאַרף ער דאָס? וועניג שעהנע און וואוילע פרויען זיינען פאַראַן אויף דער וועלט? און עס איז דאָך מעהר ווי זיכער אַז יעדע נייע פרוי וועט מיט זיך פאַר איהם ברייגנען ליידענשאַפט. און וואָס איז דען דאָס גאַנצע לעבען, אויב ניט דאָס... אין ליעבע דאַרף מען זיך פיהלען פריי, ניט פאַרפּליכ־טעט צו קייטען. און מיט ליזא'ן וועט דאָס זיין אוממעגליך; ביי איהר וועט די ליעבע ניט זיין קיין גענוס, נור א טראַגעדיע, אַן אומגליק. און ער דאַרף האָבען אַזא פרוי, וועלכע זאָל זיין ליעבע אויפנעמען לייכט. עס זיינען פאַראַן גענוג אַזעלכע פרויען...

ער איז דאריבער געווען זעהר צופריעדען דערפון, וואס ס'האט זיך ניט געענדיגט אזוי ווי עס האט זיך געקענט ענדיגען, ווייל אויסער דעם אלעם האט ער נאך איצט גערענקט וועגען דעם, אז פאר זיין מוטער וואלט עס געווען א גרויסער אומגליק, און פאר־שאפען שמערצען איהר, דער מוטער, — דאס האט ער ניט גע־קענט, ווייל זי איז ביי איהם זעהר טייער געווען...

אבער עס זיינען דאך געווען מאמענטען ווען ער האט גע־פיהלט, אז די ליידענשאפט צו ליזא'ן לאזט איהם ניט רוהען. איבער דעם איז ער שטענדיג ארומגעגאנגען א צוטראגענער א צו־מישטער. און בארוהיגט האט ער זיך ערשט דאן ווען ער האט אנגעהויבען לעבען מיט א פראנצויזקע, א קאפע שאנטען טענצע־רין, וועלכע האט איהם צו קיין זאך ניט פארפליכטעט און קיין איין מאל קיין אייפערזוכטס־סצענע ניט געמאכט...

נאך מעהר בארוהיגט האט ער זיך ווען ער האט אליין צו־נויפגעשטעלט א קאמפאני פון ליעבהאבער אקטיארען און אק־טריסעס מיט וועמען ער האט גאנץ אפט געשפיעלט טעאטער פאר וואהלטעטיגע צוועקען.

די קאמפאני איז באשאנען פון רייכע מיידלאך, וועלכע האָ־בען זיך דעם קאפ איבער פרנסה ניט געדארפט פארדרעהען. אלע האבען זיך צום שפיעלען באצויגען זעהר ערנסט, גוט געשטודירט די ראלען, געקומען פינקטליך צו די רעפעטיציעס, און דאס איז טאבאלצעוו'ן שטארק געפעלען געווארען און ער האט שוין געהאט אין וואס זיין ענערגיע צו פארטהאן.

עס האט געדויערט ניט מעהר ווי א יאהר, און טאבאלצעוו'ס טרופע האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די מאסקווער צייַ־טונגען, און אלע האבען איהם געלויבט אין טאג אריין... א שעהנע מטבעה האט איהם דאס אפגעקאסט, און דערפאר זיינען זיינע צוויי ברידער אויף איהם נאך מעהר אין כעס געווען און ניקאלאי, ליזא'ס מאן, האט זיך געקאכט.

— ער וועט דאך פארליערען דעם קאפ זיינעם, דער משוגע־נער פראנצויז.

אָבער טאַבאַלצעוו האָט זיך וועניג וואָס צום האַרצען גענומען, וואָס זיינע ברידער קאָכען זיך. סיי ווי סיי האָט ער צו זיי ניט געדאַרפט אָנקומען, סיי ווי סיי האָט ער געוואוינט באַזונדער, איינער אַליין אין אַ גרויסע, שעהנע דירה, מיט טייערע מעבעל, וואָס די מוטער האָט פאַר איהם געקויפט.

פימא און ליזא פלעגען גאַנץ אָפט פאָהרען צו איהם צו גאַסט. נור מעהרסטענטיילס פלעגט ליזא קומען אַליין אַרום זעקס אַ זייגער, ווען ער עסט אָנבייסען. דאַן האָט זי זיך געקענט, נאָכ'ן עסען, אוועקזעצען לעבען איהם אויפ'ן ווייכען דיוואַן, די פיס אונטער זיך, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויף זיינע קניע און הערען ווי ער רעדט.

— דו ביזט אַזאַ וואוילע, ליזא, — האָט ער איהר איינמאָל געזאָגט. — דו באַזיצסט אַזאַ פעהיגקייט וואָס פרויען באַזיטצען זעלטען — דו קענסט הערען...

אַזוי זיינען זיי אָפט געזעסען אַ שטונדע און צוויי און דערנאָך האָט ער זי אַלע מאָל באַגלייט אַהיים, און זי האָט גרויס פאַרגעניגען געהאַט דערפון, וואָס זי געהט צו איהם, אַז קיינער זאָל ניט וויסען, ווייל די פאַמיליע וואָלט דאָס זיכער ניט געוואָלט ליידען.

שפּעטער איז איהר שווער געווען צו טרעפען טאַבאַלצעוו'ן אין דער היים, ווייל ער איז די אַלע אויף דער נאַכטען געווען פאַרנומען מיט זיין טרופּע. שטונדען־לאַנג פלעגט זי קענען אָפּזיצען אין דער פינסטער אויף דעם ווייכען דיוואַן, די פיס אונטער זיך, קוקען אויף איהר בילד, וואָס איז ביי איהם אויפ'ן שרייבטיש געשטאַנען און אַלץ קלערען: „הלואי זאָל ער כאָטש קיינמאָל אויף דעם זעלבען אָרט ניט אוועקשטעלען קיין בילד פון אַן אַנדער פרוי!“...

די אַלטע דיענסט האָט ניט ליעב געהאַט די „ציגיינערקע“־ליזא'ן, אָבער אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס, האָט זי רחמנות געהאַט אויף איהר. און אַלע מאָל ווען זי האָט געזעהן ווי זי זיצט אַזוי אין דער פינסטער, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אַן אַ זייט, אַ פאַרזאָרגטע, אַן אומעטיגע, האָט איהר געריסען דאָס האַרץ קור־

קענדיג אויף איהר, און זי איז יעדע וויילע געווען גרייט עפעס צו טהאן פאר איהר. — „אפשר וויל די פריצה א גלעזעל טהע? אפשר וויל די פריצה עפעס עסען?" נור ליזא האט קיינמאל גאר ניט געוואלט. אלע מאל, ווי דער זייגער האט נור אויסגעקלונגען אכט און טאבאלצעוו איז נאך אלץ ניט געקומען איז זי אראפ פון דעם ווייכען דיוואן, זיך אנגעטהאן דאס ווארימע פוטערל און איז אוועק אהיים.

איינמאל, ווען טאבאלצעוו האט דערזעהן ווי זי זיצט אזוי אן אומעטיגע און א פארבענקטע, האט ער זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר, זי צוגעצויגען צו זיך און אזוי פריינדליך גענומען ריידען מיט איהר:

— ליזאטשקא, דו ביזט דאך ניט קיין נאר, טא פארוואס־זשע זאלען ביי דיר אוועקגעהן די טעג און די יאהרען? פאראינטערעסיר זיך מיט עפעס, וועט דאס לעבען ביי דיר גאר אן אנדער פנים באקומען. פארגעס ניט אז א מענש לעבט בלויז איינמאל אויף דער וועלט. איידער מען ריהרט זיך, געהען די בעסטע יאהרען אוועק, און דערנאך איז שוין צו שפעט צו כאפען צוריק. יעדער מענש קען זיין אייגען לעבען מאכען שעהן. אט נעהם מיך פאר א ביישפיעל... נאראנים וועלען דיר זאגען: טאבאלצעוו — וואס איז ער? וואס טהוט ער אויף? ניט זיך אפ מיט נארישקייטען און האט אין זינען דער רוח ווייסט וואס... לאך פון זיי, ליזאטשקא! איך לעב מיט אלע פיברען פון מיין נשמה... גיב מיר צוויי לעבענס, און איך וועל זיך מיט זיי ספראווען! איך טהו אויף זעהר א סך. א דאנק מיר איז מיין מוטער אן אנדער מענש געווארען, און איך שפיגעל זיך אין איהר ווי א קינסטלער אין זיין מייסטערווערק. אין אלעם קען מען געפינען פארגעניגען און שעהנקייט! מען מוז דאס טהאן, ווייל היינט לעבט מען און מארגען שטארבט מען... היינט ליעבט מען און מארגען האסט מען...

טאבאלצעוו האט אויף איהר געהאט א גרויסע ווירקונג. זי האט איהם געפאלגט און איז געווארען טהעטיג אין א פאראיין,

וואו מען העלפט ארויס אָרימע קורסיסטקעס. אָבער די טהעטיג־קייט איז איהר באַלד נמאס געוואָרען. — וואס האָב איך דערפון ? — האט זי געפרעגט. — און אז איך האָב שוין געגעבען טויזענד רובעל א נדבה, האָב איך דען דערמיט עפּעס א גרויסע זאך אָפּ־געטהאָן ? איך קען געבען נאך צוויי, נאך דריי טויזענד רובעל, אָבער טהעטיג זיין דאַרטען וויל איך ניט, ווייל דאס שטעלט מיך ניט צופריעדען...

קיין זאך האט זי ניט צופריעדענגעשטעלט, ווייל זי האט אפילו אויף קיין איין מינוט ניט אויפגעהערט קלערען וועגען טאַ־באַלצעוו'ען. און דערפאר איז זי אזוי צופריעדען געווען ווען ער האט זיך איינמאל צו איהר געווענדעט מיט א בקשה, אז זי זאָל איהם ארויסהעלפען מיט א פינף הונדערט רובעל. ער דאַרף דאס האָבען אויף אויסגאבען פאר זיין טרופּע.

— וויפיעל דאַרפסטו, פינף הונדערט רובעל ? — האט זי זיך מיט א גדולה א כאַפּ געטהאָן. — איך קען דיר ארויסהעלפען מיט טויזענד, מיט צוויי טויזענד רובעל. וויפיעל דו ווילסט וועל איך דיר געבען.

טאבאַלצעוו'ן איז געווען זעהר אנגענעהם פון איהר אזעלכע ווער־טער צו הערען. עס פארשטעהט זיך, אז פאר זיך וואָלט ער ביי איהר קיין גראשען ניט גענומען, אָבער פאר דער קונסט איז גאָר עפּעס אנדערש. און מיט וואס קען ער איהר באדאַנקען דעפאר, אויב ניט דערמיט וואס ער וועט זי א הייסען קוש טהאָן און איהר זאָגען אז זי איז א טייערינקע א וואוילינקע...

פּאַמעלאך ביסלעכווייז האט זי זיך ארייגגע'גנב'עט אין זיין לעבען און זיך פאראינטערעסירט אין די זעלבע זאכען וואס ער, און ווען טאבאלצעוו האט דאס באמערקט, איז זי טאקע ביי איהם טייערער געוואָרען. ער האט זי זעהר אָפּט מיטגענומען אין דעם טעאַטער וואו ער האט געשפּיעלט, אָבער קיין גאָר גרויסען פאַר־געניגען האט זי דערפון ניט געהאט, ווייל אַלע מאָל ווען ס'איז איהר אויסגעקומען צו זעהן אויף דער ביהנע ווי ער נעהמט זיך ארום מיט אַן אנדערער, האט זי דערפון שרעקליך געליטען...

דאָס איינציגע שטיקעל פארגניגען וואָס ס'איז איהר געבליע־בען, איז געווען די וויזיטען וואָס זי האָט געמאַכט יעדען אָבענד צו איהם אהיים. דארטען האָט זי כאָטש אמאָל געקענט זיצען מיט איהם אליין, אָנשפּארענדיג איהר מיעדען קאָפּ אויף זיין ברוסט און הערען ווי ער רעדט אזוי שעהן. אָבער באַלד איז געקומען אַ צייט ווען זי האָט אַט דאָס שטיקעל פארגניגען שוין אויך ניט געקענט האָבען, ווייל טאבאלצעוו'ס דירה איז אין אַ קורצער צייט געוואָרען פול מיט אומזיסטע קווארטיראנטען, וועלכע האָבען ביי איהם געגעסען און געטרונקען. די מוטער איז דערפון אויך ניט צופריעדען געווען, ווייל זי האָט קיינמאָל צו איהם ניט געקענט קומען; עס איז איהר גאָר שווער געווען איהם אמאָל אין דער־היים צו טרעפען. און איינמאָל, ווען זי איז צו איהם האָט געקומען און דערזעהן וואָס פאר אַ תכלית מען האָט פון די טייערע מעבעל געמאַכט, האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איהם געזאָגט מוסר:

— זעה נור ווי מען האָט דאָ פון אַלעס געמאַכט אַ תל!

זי האָט אויך אויסגעפונען, אַז די זילבערנע לעפעל, און גאָ־פּעל, וואָס זי האָט פאר איהם געקויפט, פעהלען. און ווען זי האָט איהם געפרעגט וואוהין ער האָט דאָס זילבער פארטהאָן, האָט ער איהר מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

— איך האָב עס פארזעצט, מאַמאַטשקאַ... איך האָב גע־דארפט ארויסהעלפען אַ חבר און קיין געלד האָב איך ניט געהאַט, נו, האָב איך קיין אנדער ברירה ניט געהאַט...

זי האָט זיך שטארק געבייזערט איבער דעם. נור פון דעסט־וועגען האָט זי איהם אויפ'ן צווייטען טאָג צוגעשיקט דריי הונ־דערט רובעל, מיט אַ צעטעלע, אַז ער זאָל גאָר אַהן אַ תירוץ אויסקויפען צוריק דאָס זילבער...

די בריהער, קאַפּיטאַן און ניקאָלאַי, זיינען דערפאר געווען שטארק ברוגז און זיי האָבען זיך אַלץ געקאָכט:

— איהם, דעם „פראַנצויז", וואָלט זי אָפּגעגעבען דאָס לעבען מיט דער נשמה, און אונז האָט זי גאָר ניט אין זינען...

זיבעטער קאפיטעל.

דאס טעאטער וואו טאבאלצעוו האט געשפיעלט, איז געווען געפאקט מיט מענשען. דאס איז געווען אויף דער נאכט. מען האט דאן געשפיעלט א פיעסע, אין וועלכער טאבאלצעוו האט זיך שטארק אויסגעצייכענט.

נאכ'ן דריטען אקט האט מען איהם עטליכע מאל ארויסגערופען, בלומען איהם דערלאנגט, און דאן האט איינע, א שעהנע מיידעל, א פיאנא־לעהרעריז, וועלכע איז געזעסען צוזאמען מיט איהר אינגערע שוועסטער אין די ערשטע רייהען, געהאלטען אין איין קוקען אויף איהם, און ער איז איהר געווען אזוי קענטליך, אז עס איז ביי איהר גאר קיין צווייפעל ניט געווען, אז זי האט איהר ערגעץ געזעהן.

— סאניא, — האט זי זיך אנגערופען צו איהר אינגערע שוועסטער, — דו ווייסט ניט וואו מיר האבען געזעהן אט דעם שעהנעם יונגען מאן, טאבאלצעוו'ן?

— ניין, קאטיא, — האט די שוועסטער געענטפערט. — ער איז מיר אויך קענטליך, איך ווייס אויך, אז האס איז טאבאלצעוו, אבער וואו מיר האבען איהם געזעהן געדענק איך ניט.

נאך'ן שפיעלען, ווען טאבאלצעוו איז ארונטער געגאנגען פון דער ביהנע, אנגעטהאן אין א שווארצען פראק מיט אווייסען זשילעט, געארעמט מיט איינער פון זיינע שעהנסטע אקטריסעס, מאדאם זאסעצקאיא, א רייכע דאמע, וועלכע האט געשפיעלט טעאטער בלויז צוליעב טאבאלצעוו'ן, האט זי, קאטיא פון איהם די אויגען ניט ארונטערגענומען און זיך אלץ געבראכען דעם קאפ:

— וואו האב איך איהם געזעהן? ! ער איז דאך מיר פארט אזוי קענטליך. און זי האט זיך דערמאנט, אז זי האט איהם געזעהן אויף דער לויה פון דעם שרייבער, נאך מיט א צייט צוריק; זי האט זיך אויך חערמאנט, אז נאך דאן האט זיך איהר געוואר־

פען אין די אויגען זיין שעהן פנים און זיין געוויקסיגע, גלייכע פיגור.

זיין שוועגערין ליזא, וועלכע איז אויך געווען אין טעאטער צוזאמען מיט פימא'ן, האט אויך די גאנצע צייט געקוקט אויף איהם, און ווען דער באל האט זיך אנגעהויבען, האט זי געזעהן ווי ער דרעהט זיך נאך אלץ ארום, געארעמט מיט דער שעהנער מאדאם זאסיעצקאיא, איז זי געווארען מרה־שחורה'דיג און נערוועז...

די מאדאם זאסעצקאיא איז געווען באקאנט מיט דער פיאַ־נא־לעהרערין קאטיא און אויך מיט איהר שוועסטער סאניא, און זי האט פאר זי פארגעשטעלט טאבאלצעוו'ן.

ביי דער ערשטערבאקאנטשאפט האט טאבאלצעוו זיך כמעט ניט אומגעקוקט אויף קאטיא'ן. די גאנצע אויפמערקזאמקייט האט ער געשענקט איהר אינגערע שוועסטער, סאניא'ן. צו איהר האט ער אזוי ליעבליך געשמייכעלט, זי אזוי דורך און דורך געגר־מען מיט זיינע בליקען, דאס יענע האט זיך אזש גערויטעלט. צערטליך האט ער זי פאר דער טאליע אנגענומען און זיך איועק־געלאזט מיט איהר אין טאנץ אונטער די פאר'שיכור'ענדע קלאנ־גען פון דער מוזיק. די יונגע מיידעל האט צו איהם אויך זעהר ליעבליך געשמייכעלט און פון איהרע אויגען האט ארויסגעקוקט אזא שטארקער, ליידענשאפטליכער באגעהר נאך ליעבע און לאס־קעס, אז טאבאלצעוו האט דאס גלייך דערפיהלט.

— ווי געפעלט דיר דאס מיידעל ? — האט טאבאלצעוו מיט באגייסטערונג א זאג געטהאן ליזא'ן, אוועקזעצענדיג זיך לעבען איהר. — דאס איז דאך אן אויסערגעוועהנליך שעהנע מיידעל ! א קראסאוויצע... דו האסט זיך צוגעקוקט צו איהר ?

א פראגע צו זי האט זיך צוגעקוקט. זי האט שוין אפילו געליטען אויך דערפון, וואס ער שענקט איהר אזוי פיעל אויפ־מערקזאמקייט...

יענע נאכט האבען שוין ביידע שוועסטער, קאטיא און סאניא, ניט געקענט שלאפען. טאבאלצעוו'ס פנים איז זיי אלץ פאר די

אויגען געשטאַנען און זיי האָבען גאָר ניט געקענט אויפהערען קלעהרען וועגען איהם.

— אַזאַ שעהנער יונגערמאַן, אַזאַ געוואוקסיגער! און ווי שעהן און קלוג ער רעדט! — האָט יעדע איינע פאַר זיך געקלעהרט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז די רייכע מאַדאַם זאַסעצקאַיאַ גע־קומען צו די צוויי שוועסטער אַהיים. קאַטיאַ איז דאַן ניט געווען. סאָניאַ האָט דערלאַנגט טהע צום טיש און געפּלאַפּעלט וועגען אַלעם וואָס עס איז איהר נור אין מויל אַריין געקומען.

די מאַדאַם זאַסעצקאַיאַ האָט געמאַכט סאָניאַ'ן אַ פאָרשלאַג, אַז זי זאָל שפּיעלען אַ געוויסע ראָלע אין דער פּיעסע, וואָס טאַבאַל־צעוו געהט אין גיכען אויפפיהרען. האָט זיך סאָניאַ אַזוי דער־פרעהט אַז זי האָט אַזש אַנגעהויבען אונטערטאַנצען און פּאַטשען מיט די הענד. אָבער אין מיטען דערינען האָט זי זיך דערמאָנט, אַז עס קען נאָך זיין דאָס די שטרענגע קאַטיאַ, פאַר וועמען זי האָט אַזוי מורא, זאָל איהר נאָך ניט ערלויבען, און דערפאַר איז די גאַנצע שמחה איהרע פאַרשטערט געוואָרען.

ווי איבעראַשט איז זי אָבער געוואָרען ווען קאַטיאַ האָט איהר דאָס ערלויבט און געענטפערט אַזוי, דאָס מען האָט גלייך גע־קענט דערקענען, אַז זי אַליין איז אויך עפּעס פאַראינטערעסירט אין דעם.

— ווען וועט זיין די רעפּעטיציע? — האָט קאַטיאַ איבער־געפרעגט.

— מאָרגען, אַרום אַכט אַ זייגער אויף דער נאַכט, — האָט סאָניאַ געענטפערט.

— אַכט אַ זייגער וועלען מיר ניט קענען זיין, — האָט קאַטיאַ קאַלט ענגענטפערט, — מיר וועלען דאַרטען זיין מיט אַ שטונדע שפּעטער.

— שוועסטער מיינע, טייערע! — האָט זיך סאָניאַ דער־פרעהט און מיט אַ גדולה זיך אַ וואָרף געטהאָן קאַטיאַ'ן אויף האַלז. אָבער יענע האָט זי לייכט אָפּגעשטויסען פון זיך:

— משוגענע! זעה נור, ווי זי האָט זיך דאָס צוואווארימט!

אויף מארגען, פונקט ניין א זייגער, זיינעןביידע שוועסטער געקומען אין טעאטער צו דער רעפעטיציע. מען האט זיי דארטען זעהר פיין און פריינדליך אויפגענומען. צוזאמען מיט אלע אקטיארען און אקטריסעס האבען זיי ביים טיש טהע געטרונקען, און סאניא האט זיך גלייך דערפיהלט אזוי פריי, אז זי האט שוין אנגעהויבען מאכען אויגלאך און פראווען קאקעטישע שטיק.

אממעהרסטען האט זי קאקעטירט מיט דעם אקטיאר טשערנאוו, א הויכער, געזונטער בחור, זעהר א פוילער, וועלכער האט זיך די גאנצע צייט אויפגעהאלטען ביי טאבאלצעוו'ן אין הויז און אלץ געזאגט אז אט־אט כאפט מען איהם אוים אין א גרויסען טעאטער, וואו מען וועט איהם אפגילדען.

דער אקטיאר האט סאניא'ס קאקעטסטווא אנגענומען גאנץ ערנסט, און דערפאר האט ער אויפ'ן וועג צוריק אהיים, זיך געשוואויהען פאר טאבאלצעוו'ן, אז די מיידעל איז אין איהם שוין פארליעבט ביז איבער די אויערען.

— נו, איז דאס א שטיפערקע! — האט ער געזאגט, — ס'ברענט ווי א פייער... און זי האט מיר שוין געזאגט א סוד אין אויער, אז זי דענקט צו ווערען אן אקטריסע... און פאר דער עלטערער שוועסטער ציטערט זי ווי פאר פייער! נו, איז דאס א יאשטשערקע, אט די עלטערע שוועסטער איהרע, צום שווארצען יאהר האט זי געמעגט געהן! און דו ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען, עס איז גאר ניט קיין קרומע זאך חתונה צו האבען מיט אזא בחור'טע און אוועק מיט איהר איבער דער פראווינץ שפיעלען טעאטער... איך אין דער הויפט מענער־ראלע און זי אין דער הויפט פרויען־ראלע...

טאבאלצעוו האט זיך, ווי געוועהנליך, גאר ניט צוגעהערט צו דעם, וואס טשערנאוו רעדט.

ארויסגעוויזען האט זיך אז סאניא האט ניט קיין פעהיגקייטען פאר דער ביהנע. זי האט זיך צופיעל געשעהמט, ניט געוואוסט וואו די הענד אהינצוטהאן, ניט גערעדט ווי מען דארף און זיך ניט געקענט ריהרען אזוי ווי א קלאץ. ווען ניט איהר שעהן

פּנימ'ל, וואָלט גאָר געווען צרות. און אַזוי שנעל ווי טאַבאַלצעוו האָט זיך איבערצייגט אין דעם, אַז זי האָט ניט קיין פעהיגקייטען פאַר דער ביהנע, האָט ער איהר מעהר די מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט, און נאָך וועניגער אויפמערקזאַקייט האָט ער געשענקט דער עלטערער שוועסטער איהרער, קאַטיאַ'ן. דאָן האָט זיך די גאַנצע טרופּע אָפּגעטרייסעלט פון די צוויי שוועסטער און אָנגעהויבען קוקען אויף זיי פון אויבען אראָפּ.

קאַטיאַ האָט גוט געזעהן ווי טאַבאַלצעוו אינטערעסירט זיך מיט איהר גאָר ניט און דאָס האָט זי שאַרק פאַרדראָסען. עטליכע מאָל האָט זי שוין געהאַט באַשלאָסען מעהר אַהער ניט צו קומען. אָבער יעדען אָבענד האָט זי געמוזט אַהער קומען. עס האָט זי געצויגען אַהער ווי מיט אַ מאַגנעט...

מעהר ווי מיט אַלע פרויען אין דער קאָמפּאַני האָט זיך טאַבאַלצעוו אינטערעסירט מיט דער מאַדאַם זאַסעצקאַיאַ, ווייל חוץ דעם וואָס זי איז געווען אַ שעהנע און אַ ריהרעווידיגע, האָט זי גערעדט אַ גוטען פראַנצויזיש, אַ סך געלעזען און פיעל געוואוסט. און די הויפּט זאַך איז איהם געפעלען געוואָרען וואָס זי באַציהט זיך זעהר ערנסט צו דער ביהנע.

טשערנאַוו האָט איהם שטאַרק מקנא געווען דאַרויף, וואָס די שעהנע מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ באַציהט זיך צו איהם אַזוי גוט, נור איין זאַך האָט ער ניט געקענט פאַרשטעהן:

— פאַר וואָס גודיעט ער זיך מיט איהר אַזוי לאַנג?... ווען זי באַציהט זיך צו מיר אַזוי, וואָלט איך שוין ניט איינמאָל געווען מיט איהר אין אַ האָטעל... זי איז דאָך אַזאַ געשמאַקינקע ווייבעלע, אַז עס נעהמט אַזש אַן אַ חשק.

אין טעאַטער, ביי די רעפּעטיציעס און נאָך די רעפּעטיציעס האָט זיך געפיהלט, ווי די ליעבע טראָגט זיך ממש ארום אין דער לופט. ווארים די מעהרסטע יונגע לייט און יונגע דאַמען האָבען שוין אוספּייעט זיך צו פאַרליעבען איינע אין די אַנדערע. אויף יעדען שריט און טריט האָבען די פאַרלאַך ארויסגעוויזען די ליעבע איינע צו די אַנדערע. און דאָס האָט עפּעס מאָדנע געווירקט אפילו

אויף דער קאלטער, שטרענגער קאטיא'ן, און אלע מאל ווען זי האט דערהערט ווי טאבאלצעוו לאכט צו דער מאדאם זאסיעצקאיא, קור־קענדיג אויף איהר אזוי ווארים, האט זי געפיהלט ווי עס גיט איהר א שטאך אין הארצען.

סאניא האט זיך שטארק געערגערט דערפון, וואס טאבאלצעוו קוקט זיך כמעט אויף איהר ניט אום. איהם אויף צו להכעיס האט זי קאקעטירט מיט טשערנאוו'ן, און זי האט גאר ניט פארשטא־נען, די נארישע מיידעל, אז טשערטאוו איז צו איהר צוגעלאזט בלויז דערפאר, ווייל ער וויל אנציהען די זאסיעצקאיא...

א פאר טעג פאר'ן שפיעלען איז אומגעריכטערהייד געווארען א גאנצער טאראראם און עס האט געהאלטען דערביי, אז מען זאל די פיעסע ניט אויפפיהרען. א קלייניגקייט האט פאסירט: איין אקטריסע האט געזאגט, אז עס שטעהט איהר ניט אן צו שפיעלען די ראלע פון א פשוט'ע קעכין, און עס איז אויסגעקומען כאטש נעהם און מעק אוים די ראלע.

טאבאלצעוו האט זיך געקאכט. — ווי זיינען דאס מענשען אזוי? און וואס ועט אצינד זיין? ווער וועט שפיעלען די קעכין?

— אויב איהר ווילט וועל איך שפיעלען די קעכין — האט זיך פלוצים אנגערופען קאטיא.

— איהר?! — האט טאבאלצעוו אויף איהר אויסגעשטעלט זיינע צוויי גרויסע אויגען.

— נו, יא, איך — האט זי קאלט געענטפערט. — וואס־זשע? אזא גרויסע קונץ איז דאס? און חוץ דעם: איהר האט דען אן אנדער ברירה? סיי ווי סיי האט איהר דאך ניט קיין אנדערע...

טאבאלצעוו'ן איז געפעלען געווארען וואס זי איז אזא בוואטסקע מיידעל. ער האט איהר טיעף אין די אויגען אריינגע־קוקט און איהר דערלאנגט די האנד:

— געהט עס! צוגעשלאגען!

זי האט איהם שטארק די האנד א דריק געטהאן און אנגע־

שטעלט די אויגען אויף איהם, און ערשט דאַן האָט ער באַמערקט אַז זי איז אַ גאַנץ שעהנע מיידעל, מיט אַזאַ אָרענטליך פּנים.

אויף די רעפּיטיציעס האָט זי קיין פעהיגקייטען ניט אַרויס־געוויזען, און טאַבאַלצעוו האָט איבער דעם געדענקט, אַז זי וועט זיכער דורכפאַלען. אָבער ער האָט אַ גרויסען טעות געהאַט. זי האָט זיך אין דער פאָרשטעלונג אַזוי אויסגעצייכענט, אַז אַלע האָר־בען געגאַפּט. און דערנאָך, ווען טאַבאַלצעוו, אַ פּרעהליכער, אַ צופרידענער, האָט איהר געדריקט די האַנד און געדאַנקט, האָט ער זיך געהאַלטען אין איין וואונדערען:

— ווי קומט דאָס צו אייך? איהר זיינט דאָך אַ קינסטלערין!

און זי האָט, ווי איהר שטייגער איז געווען, קיין התפעלות ניט געכאַפּט, און בלויז געענטפערט קורץ און שאַרף:

— וואָס איז דאַ דער חידוש? איך האָב גערעדט ווי אַ קעכין דאַרף רייהדען, און דאָס אַלעס...

אַכטער קאַפּיטעל.

קאַטיאַ האָט אַזוי געוואָלט, אַז טאַבאַלצעוו זאָל זיך בלויז מיט איהר אינטערעסירען און ניט מיט אַנדערע פרויען. אָבער ווי אויף צו להכעיס איז איהר אַלץ אויסגעקומען צו זעהן ווי ער אינטערע־סירט זיך מיט אַלע שעהנע פרויען. אָט געהט ער מיט איינער און אָט געהט ער מיט אַ צווייטער. אַז פאַר יעדער שעהנער פרוי געפינט זיך פּלאַץ ביי איהם אין הארצען, פאַר יעדער שעהנער פרוי האָט ער אַ באַזונדער ליעבליכען שמייכעל. אַ נאַטור אַזאַ ביי איהם. און זי האָט דוקא געוואָלט, אַז ער זאָל זיין נור איהרער.

זי איז שוין דאַן געווען אין איהם אַזוי פאַרליעבט, אַז זי האָט גאָר ניט געקענט אויפהערען טראַכטען וועגען איהם אפילו אַ מי־נוט. כאָטש זי איז געווען ברוגז אויף זיך אַליין פאַר וואָס זי, אַזאַ שטאָלצע, אַזאַ שטרענגע און אַז אויסגערעכענטע, זאָל זיך אַזוי

נאכגעבען ווי א נאריש מיידעל ווען דער קאפ פארדרעהט זיך ווייל ער איז א שעהנער יונגער־מאן און גיט א שמייכעל צו איהר...

איינמאל ווען זי איז געקומען אויף דער נאכט צו א רעפעטי־ציע און געזעהן ווי טאבאלצעוו האלט זיך אין איין דרעהען ארום דער שעהנער מאדאם זאסיעצקאיא, איז איהר געווארען אזוי שווער אויפ'ן הארצען, אז זי האט שוין אויף קיין פאל אויף איין פלאץ רוהיג ניט געקענט איינזיצען. א צוטוטמעלטע האט זי זיך געגנ־מען בלאנקען איבער'ן האלב דונקעלען טעאטער און ווען זי האט דערזעהן די פיאנא, וואס איז געשטאנען פאררוקט אין א ווינקעל, האט זי זיך אזוי דערפרעהט, גלייך זי וואלט חאס דערזעהן א גוטען פריינד, פאר וועמען מען קען זיך גוט אויסוויינען ווען עס איז שווער און אומעטיג אויפן הארצען.

זי האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ביינקעל, וואס איז לעבען דער פיאנא געשטאנען, אנגעשפארט ביידע עלעבויגענס אן דעם דעקעל, אריינגענומען דעם קאפ צווישען ביידע הענד און געקלערט: „גאט מיינער! געשיקט זיך, אז איך בין אזוי פארליעבט אין איהם, אין דעם צובאלעוועטען זוהנדעל? און וואס וועט דערפון ווערען? מיין שוועסטער, סאניא, איז דאך אויך פארליעבט אין איהם... און זי איז אינגער פון מיר און שעהנער אויך... אזא נארישע מיידעל!... און ער — ער האט אלעמען ליעב צו־ביס־לאך... ער הערט אלע פרויען ווי דעם פאר־א־יאהריגען שנעע. ווייל וואס פעהלט איהם? דער שיקזאל אליין באלעוועט איהם...

זי האט געעפענט דאס דעקעל פון דער פיאנא און מיט כעס גענעבען א לויף איבער מיט די פינגער איבער די קלאווישען.

די שטילקייט, וואס ס'האט געהערשט אין'ם האלב דונקע־לען טעאטער האט א ציטער געהאן. איהר ברענענדיגע בענקשאפט און די גאנצע דערשטיקטע ליידענשאפט איהרע האט זיך אין די קלאנגען דורכגעריסען... עס האט זיך געדוכט, אז א נשמה וויינט און רייסט זיך אין דער ווייטקייט אריין...

ווי טאבאלצעוו האט נור דערהערט די קלאנגען פון דער פיא־נא, האט ער זיך געגעבען א כאפ, איבערגעריסען דעם געשפרעך

מיט דער שעהנער מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ און אַנווייזענדיג מיט דער האַנד אין יענער ריכטונג, פון וואַנען די קלאַנגען האָבען זיך גע־טראָגען, האָט ער געפרעגט:

— ווער שפּיעלט דאָס אַזוי שעהן?

— דאָס איז קאַטיאַ, מיין שוועסטער. — האָט סאָניאַ געענט־פערט.

טאַבאַלצעוו האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט זיינע צוויי גרויסע אויגען, און זיך באַלד אַ לאָז געטהאָן אין דער ריכטונג, פון וואַנען די שעהנע קלאַנגען האָבען זיך געטראָגען.

אַן אַנגעבויגענע איז זי געזעסען איבער דער פּיאַנאָ, האַלטענ־דיג פאַר'עקשן'ט דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט און דאָן האָבען זיך איהרע פּעך שוואַרצע האָר נאָך מעהר ווי אַלע מאָל געוואָרפען אין די אויגען... אונטער איהרע פינגער האָט די פּיאַנאָ געוויינט און געזונגען ווי אַ לעבעדיגער מענש... און די שטורמדיגע טענער האָט זיך געפיהלט דער גאַנצער קאָך פון איהר ברענענדיגער נשמה... פאַר'עקשן'ט, פאַרביסען האָט זי אַלץ געקוקט פאַר זיך אויף די ווייסע ביינדלאַך. איהר פּנים איז געווען בלאַס, די ליפּען צוזאַמענ־געפּרעסט און איהרע בלויע אויגען האָבען געבלישטשעט.

ווען זי האָט געענדיגט דאָס שפּיעלען און אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זי דאָס ערשטע דערזעהן טאַבאַלצעוו'ס געזיכט.

— אַך, — האָט זיך ביי איהר פון האַרצען אַ פריידענס־זיפץ אַרויסגעריסען.

— נאָך! שפּיעלט נאָך! איהר זיינט דאָך אַ גרויסע קינ־סטלערין!

אויף איהר פּנים האָט זיך אַ ברייטער צופריעדענער שמיי־כעל באַוויזען און זי האָט ווידער גומען שפּיעלען.

זי האָט געשפּיעלט אַ פרעהליכען פייערליכען מאַרש און אַלע מאָל האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַזוי ליעבליך אַ שמיי־כעל געטהאָן צו איהם. דער שמייכעל האָט באַדייטעט אַזוי: „זעהסט, אַט איצטער ביזטו מיינער... און דו וועסט שטענדיג זיין מיינער... אַך, ווי גוט!“.

אלע האבען באוואונדערט קאטיא'ס שפיעלען, און ווען די שוועסטער איהרע, האט דערזעהן ווי טאבאלצעוו קוקט אויף איהר, אויף קאטיא'ן האט זי גלייך פארשטאנען און געפיהלט, אז אלעס איז שוין פארפאלען, אז געווינען וועט קאטיא, ניט זי. און זי האט זיך שווער ניט פאנאנדערגעווײנט...

נאכדעם, ווען קאטיא האט געענדיגט דאס שפיעלען און זיך אויפגעהויבען פון'ם בענקעל, זיינען אלע צוגעלאפען צו איהר. די שעהנע מאדאם זאסיעצקאיא האט ממש געגאפט, די יונגע לייט האבען געקושט איהרע „גילדענע הענט". זי פארווארפען מיט קאמפלימענטען, און טאבאלצעוו האט גאר אנגעקוואלען:

— טייערינקע מיינע, — האט ער איהר געזאגט גלעטענדיג זי צערטליך איבער דער האנד, — דאס איז דאך א מתנה פון גאט אליין! נאך וואס פארלאזט איהר אייער טאלאנט? איהר זיינט דאך א גרויסע קינסטלערין! פאלגט מיך, פאהרט ערגעץ אוועק און ענטוויקעלט מעהר אייער טאלאנט. עס איז ביי מיר גאר קיין צווייפעל נים, אז איהר וועט אמאל זיין א וועלט-באריהמטע פיאניסטקע...

— ווי קען איך גאר קלערען וועגען אזעלכע זאכען, — האט קאטיא איינפאך גערעדט, — אז איך דארף אויסהאלטען א קראנקע, קרומע מוטער און אויך א שוועסטער? !

אלע האבען מיט פארוואורף א קוק געטהאן אויף סאניא'ן.

— און צו וואס דארף מען גאר ריידען וועגען אזעלכע זאכען?

— האט קאטיא ווייטער גערעדט. — איך בין פארשטעהט איהר מיך, א פראקטישער מענש, און איך וויים, אז ניט איין חבר'טע מיינע, וועלכע האט געענדיגט דאס קאנסערוואטאריום פונקט אזוי ווי איך, האט זיך ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק צו ווערען א וועלט-באריהמטע קינסטלערין און עס איז גארניט געווארען דערפון... און חוץ דעם בין איך שוין צו אלט...

נאך קיינמאל האט זי מיט קיינעם אזוי אפענהערציג ניט גערעדט, און דערפאר האט זי זיך איצט געפיהלט מאדנע און דאס הארץ האט איהר אומרוהיג געקלאפט.

— איהר זייט צו אַלט ? — האָט זיך איין יונגערמאַן פאַר־נאַנדערגעלאַכט. ווי אַלט זיינט איהר דען ? זאָגט דעם אמת...

— איך בין ניט פון די מיידלאַך, וועלכע פאַרלייקענען זייערע יאָהרען, — האָט קאַטיאַ שטאָלץ און אויפריכטיג געענטפערט, — איך בין שוין באַלד אַלט דרייסיג יאָהר.

עס איז שוין געווען שפּעט און זי האָט שוין געהאַט חשק צו געהן אַהיים. אָבער מען האָט זי שוין ניט אַפּגעלאָזט. אַלע האָ־בען זיך איצט מיט אַ באַזונדער מין רעספּעקט געדרעהט אַרום איהר. ווי אַ וואָזשנעם, גאָר געהויבענעם גאַסט האָט מען זי אַוועק־געזעצט ביים טיש, איהר דער ערשטער דערלאַנגט אַ גלאָז טהע און זי פאַרוואָרפען מיט פראַגען גלייך ווי זיי וואָלטען זי ערשט איצט דערקענט.

ווענייגער ווי אַלע האָט דעם אויף דער נאַכט גערעדט צו איהר טאַבאַלצעוו. דערפאַר אָבער איז ער איהר, אַ פאַרטראַכטער, גאָר ניט ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטען און פון איהר די אויגען ניט אַראָפּגענומען, ניט ריידענדיג אפילו אַ וואָרט. אָבער זיין שווייגען איז קאַטיאַ'ן געווען ליעבער, ווי אַלעם אין דער וועלט... דעם גאַנצען אויף דער נאַכט האָט זי אַזוי הילכיג און פרעהלאַך געלאַכט צי מען האָט יאָ געדאַרפט צי ניין. פון טאָ־באַלצעוו'ס בליקען האָט זי זיך געפיהלט ווי אויף'ן זיבעטען הימעל — גליקליך און צופריעדען. דערפאַר אָבער איז סאָניאַ געווען אומעטיג און געזעסען ווי אַ נעכטיגע. זי האָט געפיהלט, אַז קאַ־טיאַ האָט טאַבאַלצעוו'ען „אויסגעשפּיעלט“...

דעם גאַנצען וועג אַהיים האָט סאָניאַ געשוויגען, נור קאַטיאַ האָט דאָס אפילו ניט באַמערקט, ווייל זי איז צופיעל געווען פאַר־נומען מיט זיך אַליין.

ביי נאַכט האָט זיך קאַטיאַ אין מיטען דאַריינען אויפגעכאַפּט פון'ם שלאָף און אַ דערשראָקענע זיך אַוועקגעזעצט אויף'ן בעט. אין שלאָף האָט זי דערהערט ווי סאָניאַ כליפּעט, און ווען זי האָט זי אָנגעהויבען וועקען, האָט זיך יענע געמאַכט ווי זי שלאָפט.

דאן איז קאטיא אראפּ פון׳ם בעט, צוגעגאנגען צו סאניא׳ן און זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר.

— דו מוזט מיר שוין זאגען פאר וואס דו וויינסט ! — האט זי שטרענג געזאגט.

סאניא האט קאטיא׳ן צערטליך ארומגענומען, באהאלטען איהר שעהן פּנים׳על און מיט א וויינענדיגער שטימע אנגעהויבען ריידען:

— קאטינקא, טייערע, ס׳איז מיר עפּעס אזוי שווער און אומעטיג אויפ׳ן הארצען, אז איך קען דאס דיר גאר מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבען. איך בין דאך שולדיג אין דעם, וואס דו ביזט קיין וועלט־באריהמטע קינסטלערין ניט געווארען... ווען איך וואלט ניט געוועזן אזא צובאלעוועטע מייחעל, וואלסטו דאך שוין אודאי געווען א גרויסע פיאניסטקע...

— געה, ביזט א גרויסער נאר ! — האט איהר קאטיא מיט א ציטערדיגער שטימע געענטפערט גלעטענדיג איהרע האר. — קיינער איז אין דעם ניט שולדיג. און ווי האט דאס דען געקענט אנדערש זיין ? איך האב דאך ניט געקענט איבערלאזען דיך און די קראנקע, קרומע מאמע אונזערע און אין זינען האבען אזעלכע זאכען... אויסהאלטען א פאמיליע איז זעהר א וויכטיגע זאך.

— אבער איבער אונז האסטו דאך די בעסטע יאהרען דיינע פארלוירען ! — האט סאניא געזאגט, ארונטערגעווארפען פון זיך די קאלדרע און אראפּגעהאנגען די נאקעטע פיסלאך. — יעדער מענש מוז דאך געניסען פון לעבען און זיין גליקליך... און דו, מיין שוועסטער, ביזט נאך קיינמאל ניט געווען גליקליך. ערשט איצט. — האט זי אין מיטען דארינען שטארק גענומען כליפּען.

— עהשט איצט ביזטו גליקליך, ווייל ע ר האט דיר ליעב.

— ווער ? ?

— דו ווייסט דען ניט ווער ? טאבאלצעוו... ווען דו וואלסט געזעהן ווי זיינע צוויי גרויסע ליכטיגע אויגען האבען געברענט ווען דו האסט געשפּיעלט ! ווי ער האט אויף דיר געקוקט !

קאטיא איז מיט אמאל געווארען בייז און אנגעכאפּט סאניא׳ן פאר די אקסלען:

— שווייג ! שווייג, זאָג איך דיר !

— יאָ, ער האָט דיך ליעב ! ער האָט דיך ליעב ! — האָט סאָניא געגומען שרייען ניט מיט איהר קול — איך האָב אַלעס געזעהן... איך בין זיכער, אַז עס איז גענוג, אַז דו זאָלסט איהם זאָגען איין וואָרט און ער וועט זיין דיינער... ער וועט מיט דיר חתונה האָבען...

— שווייג ! שווייג ! שווייג ! — האָט קאַטיא ווילד גענומען שרייען קריצענדיג מיט די צייהן און טרייסלענדיג סאָניאַ'ן אַזוי, אַז יענע האָט זיך אַזש געוואָרפען. און מיט אַמאָל האָט איהר פּנים גאָר אַן אַנדער מינע באַקומען און זי האָט פאַר זיך אין דער שטיל געשעפּטשעט: — „גאָט מיינער, ער האָט מיך ליעב ! ער ! איך בין דאָך אַזוי גליקליך !"...

דערנאָך האָט זי געגעבען אַ פאַל אויפ'ן בעט און באַהאַלטען דאָס פּנים אין קישען.

אַ ווײַלע האָט סאָניאַ געשוויגען. דערנאָך האָט זי געגעבען אַ פאַל אויף דער קניע פאַר קאַטיאַ'ן און מיט אַ ציטערדיגע שטימע זיך מודה געווען פאַר איהר, אַז זי איז אויך פאַרליעבט אין טאַ־באַלצעוו'ן, אַז זי געהט פּשוט אויס נאָך איהם. אָבער, — האָט זי געזאָגט, — ביי דיר וועל איך איהם ניט צונעהמען... איך ווינש דיר מיט'ן גאַנצען האַרצען, אַז דו זאָלסט זיין גליקליך מיט איהם. און איך פאַרזיכער דיך, אַז גלייך נאָך דעם ווי דו וועסט מיט איהם חתונה האָבען, וועל איך אַוועקפאָהרען ווייט־ווייט, אין אַן אַנדער שטאָדט און דאָרטען וועל איך ווערען אַן אַקטריסע...

— נו גענוג שוין צו ריידען נאַרישקייטען ! — איז קאַטיא ווידער אַמאָל געוואָרען שטרענג.

— ביין, דאָס איז ניט קיין נאַרישקייטען ! — האָט סאָניאַ גע־ענטפערט. — דאָס איז אַן אמת ; ער האָט דיך ליעב ! און דו האָסט איהם אויך ליעב... און אויב דו שעהמסט זיך איהם דאָס צו זאָגען, וועל איך דאָס איהם זאָגען...

— וואָס וועסטו איהם זאָגען, דו ווילדע ציעג, דו ? ! וואָס

פאר שטיק פראוועסטו ? וואס הייסט עפעס, זיך ווארפען א יונגען מאן אויפ׳ן האלז ? !

— קאטיא, דו האסט מיך ניט פארשטאנען. — האט סאניא ווייך געזאגט. — איך האב ניט געמיינט. אז איך וועל זיך שטע־לען אין דיין וועג, אז איך וועל איהם ביי דיר צונעהמען. ניין, איך האב בלויז געמיינט צו זאגען, אז אויב דו ביזט צו שטאלץ, וועל איך דאס איהם זאגען פאר דיר...

קאטיא איז נאך מעהר אין כעס געווארען.

— דו זאלסט זיך ניט דערוועגען מעהר א ווארט צו ריידען וועגען דעם ! — האט זי בייז געזאגט דראהענדיג מיט׳ן פינגער. — דעק זיך צו מיט דער קאלדרע און שלאף.

סאניא האט געפאלגט, זיך איינגעדעקט מיט דער קאלדרע, אבער שלאפען האט זי ניט געקענט. דאס הארץ האט אין איהר געוויינט, ווייל זי האט געפיהלט אז טאבאלצעוו וועט זיין קא־טיא׳ס, ניט איהרער...

און קאטיא האט אויך די גאנצע נאכט קיין אויג ניט צו־געטהאן. איינגעשלאפען איז זי ערשט פארטאג...

ניינטער קאפיטעל.

אויף מארגען איז קאטיא אויפגעשטאנען א בייזע און א שטרענגע. ווי די מוטער און די שוועסטער האבען נאר א קוק געטהאן אויף איהר, ווי זי האלט די ברעמען אזוי ארונטערגעלאזט, האבען זיי שוין ביידע מורא געהאט א ווארט אויסצוריידען.

—וואס איז מיט איהר ? — האט די אלטע מוטער — מינא האט זי געהייסען — שטילערהייד געפרעגט סאניא׳ן, ווען קאטיא איז געווען אוועקגעגאנגען אויף איהר פיאנא אורא־קען. סאניא האט געשוויגען.

אַ גאַנצען טאָג האָט קאַטיאַ ניט געקענט פאַרגעסען דעם נעכ־טיגען אויף דער נאַכט און זי האָט זיך אַלץ געערגערט: „וואָס פאַר אַ נאַר בין איך! וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין, — אונטער־געבען וועל איך זיך ניט!“

און פאַרנאַכט, ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי גלייך גע־נומען שרייען אויף סאָניאַ'ן:

— פאַר וואָס האָסטו זיך ביז איצט ניט אָנגעטהאָן? ווייסטו דען ניט, אַז מיר דאַרפען שוין געהן אין טעאַטער צו דער רעפּי־טיציע?

— איך שפּיעל ניט, — האָט סאָניאַ שטיל געענטפערט, — און איך וועל צו דער רעפּיטיציע ניט געהן...

— וואָס?

— איך וועל ניט געהן... דער קאָפּ טהוט מיר וועה... איך האָב קיין חשק ניט... סאָניאַ'ס ליפּען האָבען זיך פאַרקרימט ווי צום וויינען.

— וואָס פאַר נייע שטיק פּראָוועסטו? — איז קאַטיאַ גע־וואָרען אין כעס און אָנגעכאַפּט די שוועסטער פאַר דער מאָר־דעטשקע. — דו ביזט אפּנים פון זיינען אַרונטער. גאָר נייע שטיק האָסטו מיר גענומען פּראָווען.

— איך פּראָווע ניט קיין שטיק.

דו ביזט אַ פּאַסקודנע מיידעל! — האָט זיך קאַטיאַ אָנגעהויבען קאָכען. — איבער דיר בין איך אויך אריינגעשלעפּט געוואָרען אין אַ קאָמפּאַניע קאָמעדיאַנטשיקעס... דו מיינסט, אַז מיר אַליין איז טאַקי אַזוי אָנגענעהם אוועקצוגעבען די אויף דער־נאַכטען אויף אַזעלכע נאַרישקייטען?... שוין זאָלסטו זיך אָנטהאָן און געהן מיט מיר! סאָניאַ האָט זיך פון'ם אָרט ניט גערירט.

— דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? — האָט קאַטיאַ אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס. — שוין זאָלסטו זיך אָנטהאָן און געהן!

האָט סאָניאַ אויף איהר די פאַרוויינטע אויגען אָנגעשטעלט און רחמנות'דיג געזאָגט:

— הרג'ע מיך, אויב דו ווילסט, אָבער איך וועל ניט געהן!

— אָבער, אום גאָטעס ווילען, ווי וועל איך ארײנקומען אהין אָהן דיר ? דו פארשטעהסט, עס פּאסט מיר ניט.

— מיך האָט סײ־ווי־סײ קײנער ניט באמערקט. — האָט סאָניא מיט א זיפץ געזאָגט, — און ווען איך וועל ניט זיין, וועל איך קײנעם ניט פעהלען...

קאַטיא האָט געזעהן, אז זי וועט מיט איהר גאר ניט מאכען, האָט זי באשלאָסען צו געהן אליין. אײדער זי איז אוועקגעגאנגען, האָט זי איהר אָנגעזאָגט מיט׳ן הארבען וואָרט:

— אָבער געדענק־זשע, זאָלסט זיך ניט דערוועגען פאר דער מאַמען א טרעהר צו לאָזען ! און אויב איך וועל זיך דערוויסען, אז דו האָסט פאר חער מאַמע׳ן געוויינט, וועל איך דיר דערשטיקען !

אין טעאַטער ארײן איז זי געקומען אן אויפגערעגטע, א צו־טראָגענע. פון איהרע אויגען האָט עס מיט פייער געשפּריצט.

— און וואו איז אײער שוועסטער ? — האָט דער אַקטיאָר טשערנאָוו געפרעגט, גלייך ווי זי איז נור ארײנגעקומען.

— געהט פרעגט זי, — האָט זי געענטפערט און בייז א קוק גע־טהאָן אויף איהם אזוי, אז ער האָט זיך אזש דערשראָקען און מעהר א וואָרט ניט געקענט ריידען.

— פאר וואָס זענט איהר געקומען אזוי שפּעט ? — האָט טאָ־באָלצעוו צו איהר געהאָט א טענה, — דאָס איז ניט גוט, מען דארף זיין פּינקטליך...

האָט זי אויף איהם א בייזען און שטרענגען בליק געוואָרפען און געענטפערט אזוי :

— איהר מיינט אודאי, אז מעהר ווי אײערע רעפּיטיציעס האָב איך ניט אין זינען ?...

איהם איז דאָס דוקא געפעלען געוואָרען און קוקענדיג אויף איהר האָט ער זיך געקלעהרט: „נו, איז דאָס א מיידעל ! ווי טשערנאָוו אויפ׳ן אויער געזאָגט. — דו האָסט געדאַרפט זעהן ווי ישעהן זי איז ! און ס׳אר׳ע א גבורה !"

— דאָס איז דען א מיידעל, דאָס איז א בער ! — האָט איהם ... האָט מיך אָפּגעבאָדען, ווי זי האָט אויף מיר א קוק געטהאָן

ווער איך האָב זי געפרעגט פאַר וואָס איהר שוועסטער'ל איז ניט געקומען ! דאָס איז שוין איין מאָל אַ שטוקע ! — האָט ער עט־ ליכע מאָל דאָס וואָרט איבערגע'חזר'ט.

ביי דער רעפּיטיציע האָט איהר טאַבאַלצעוו אויף אַ גאַנץ ערדלען אופן, געמאַכט אייניגע באַמערקונגען ווי זי זאָל זיך האַל־ טען, ווי זי זאָל ריידען, איז זי געוואָרען בייז אויף איהם און גע־ ענטפערט שטרענג:

—דרעהט מיר ניט קיין מוח, איך בעט אייך, און לאָזט מיך צורות... איך וועל שפּיעלען אַזוי ווי איך פאַרשטעה און ניט ווי איהר פאַרשטעהט... און איך זאָג אייך פריהער, אַז איך וועל ניט טהאָן דאָס, וואָס איהר וועט מיר הייסען, און ביי די רעפּיטיציעס וועל איך זיך ניט מאַכען נאַריש צו שפּיעלען אַזוי ווי מען שפּיעלט פאַר פּובליקום.

טאַבאַלצעוו האָט זיך פאַרשעהמט. אויף אַזאַ שטרענגען ענטפער האָט ער זיך גאָר ניט געריכט. דאָס איז איהם ניט אַנגע־ שטאַנען, אָבער דאָך האָט ער איהר דאָס אַנדערע וואָרט ניט גע־ זאָגט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט איהר ראָלע דורכ־ פיהרען גוט. ער האָט שטאַרק געגלויבט אין חעם, אַז זי איז אַ קינסטלערין דורך און דורך.

און ער האָט קיין טעות ניט געהאַט. אויף דער פאַרשטעלונג האָט קאַטיאַ געשפּיעלט אַזוי גוט, אַז אַלע האָבען איינפאַך גע־ גאַפט. בעסער שפּיעלען די ראָלע איז גאָר אוממעגליך געווען. אויף דער סצענע האָט זי זיך געהאַלטען וואונדערבאַר פיין. עס איז גאָר אוממעגליך געווען צו קוקען גלייכגילטיג אויף איהר אויס־ דרוקספולען פּנים און אויף די צוויי שווארצע געדיכטע ברעמען איהרע. און ווען זי האָט אויף דער ביהנע מיט טאַבאַלצעוו'ען זיך ארומגענומען און זיך צוקושט מיט איהם, האָט זיך די צושויער אויסגעוויזען, אַז דאָס איז ניט קיין טעאַטער שפּיעל, נור דאָס לע־ בען אליין... דאַן איז סאָניאַ געזעסען אַ ניעדערגעשלאָגענע און ליזאַ איז געוואָרען בלאַס ווי די וואַנט און הענד און פיס האָבען איהר אַנגעהויבען ציטערען...

„יא, איך בין אין איהר פארליעבט ! וואהנזיניג פארליעבט !“ האט טאבאלצעוו זיך געקלעהרט ווען ער איז צוזאמען מיט איהר פון דער ביהנע אוועק הינטער די קוליסען.

דער עולם האט געהאלטען אין איין אפלאדירען, אבער דאס פארעל האט גאר ניט געהערט. קאטיא האט דערפיהלט ווי זיינע אומארמונגען ווארפען אריין אין היץ איהר גאנצען קערפער. זי האט זיך עפעס דערפיהלט אזוי שוואך אקעגען איהם, דעם הויכען, שעהנעם, געזונטען יונגען מאן.

הינטער די קוליסען האבען זיי קיינעם ניט באמערקט. ער האט זי אלץ ניט אפגעלאזט פון זיך, אלץ געהאלטען זיין האנד אויף איהר אקסעל, און זי האט מיט איהר גאנצען קערפער גע־ציטערט און געפיהלט, אז זי האט קיין כוח ניט זיך צו וועהרען...

„געשיקט זיך, אז מיר האבען זיך נור וואס טאקי אויף אן אמת געקושט ? ! האט זיך ביי איהר אין מוח א געדאנק געפלאנטערט.

ער האט זיך אנגעבויגען צו איהר, און זיינע אויגען האבען אויסגעקוקט ווי ביי א צומישטען.

— לאזט מיך אפ ! — האט זי שטילערהייד א זאג געטהאן.

האט ער זיך נאך נעהענטער צו איהר צוגעבויגען. זיין אטהעם האט איהר דאס פנים געברענט. זי האט זיך געוואלט ארויסרייסען פון זיינע הענד, אבער... אנשטאט דעם האט זי איהם ווי א פארצויבערטע גענומען קוקען אין די אויגען, עפעס ווי געגען איהר ווילען זיך אויפגעהויבען אויף די שפיץ פינגער און איהם אונטערגעטראגען די ליפען...

און פון דעם אויף דער נאכט אן האט זיך עס אנגעהויבען...

וואס איז געוועזן נאך דער פארשטעלונג האבען זיי ניט גע־דענקט. זיי זיינען געוועזן אזוי פארקאכט איינער אין'ם אנדערען, אז די גאנצע נאכט איז ביי זיי אוועק ווי א שעהנער חלום. זיי האבען גאר ניט באמערקט ווי יונגע לייט, וואוילע יונגען האבען אויף זייער חשבון צווידייטיג געשמייכעלט און אייפערזיכטיגע פרויען האבען אויף זיי מיט קנאה געקוקט און ניט פארגונען. אזוי שנעל ווי מען האט אין טעאטער דיי עלעקטריק אויסגעלאשען און

ס'איז געוואָרען פינסטער, האָבען זיי זיך׳ביידע נאָהענט איינס
לעבען אנדערען אוועקגעזעצט אין א לאָזשע, ווי פאַר'שכור'טע פון
א שטאַרקען ליידענשאַפטליכען באַגעהר.

— נו, מיר זיינען שוין מיט איהר פערטיג ! — האָט א זאָג
געטהאָן איין אַקטיאָר און שעלמיש א וואונק געטהאָן מיט'ן אויג.

— אַבי זי איז שוין אריינגעפאַלען אין זיינע הענד אריין, וועט
ער שוין מיט איהר קיין סך שהיות ניט טאָכען...

עס האָבען זיך אָבער אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען אַנ־
דערש געקוקט דאָרויף.

— עס איז זעהר מעגליך, — האָבען זיי געזאָגט, — אַז זי זאָל
איהם אזוי ארייננעהמען אין די לאַפּקעס, אַז ער זאָל זיך שוין פון
איהר ניט קענען אויסדרעהען... זי שיינט צו זיין פון די מיידלאַך,
וועלכע ווייסען ווי איין און ווי אויס...

טשערנאָוו האָט טאַבאַלעוו'ען שטאַרק מקנא געווען.

— א מזל פון א מענשען ! — האָט ער זיך געקלעהרט. — אַזאַ
שעהנע געזונטע מיידעל אריינגעקראַגען ! ווי איהם געהט דאָס, צום
שווארצען יאָהר זאָל עס געהן !

לעבען דער לאָזשע האָט גאָר פלוצלונג ווי א געהיימניס־
פולער גייסט, אויסגעוואַקסען סאָניא, אין גאַנצען אָנגעטהאָן אין
ווייסען. זי איז געווען אזוי ריהרענד שעהן, אַז טשערנאָוו
האָט זיך אַזש שיער ניט צו־וויינט. ער האָט גוט גע־
וואוסט, אַז די קליינע איז אויך פאַרליעבט אין טאַבאַלצעוו'ן און
ער האָט באַשלאָסען, אַז אצינד איז אַ יושר זי צו „טרייסטען"
אביסעל...

איז ער צוגעגאַנגען צו איהר און זי אַנגענומען פאַר דער האַנד.

— איהר ווייסט סאָניא, — מאַכט ער אזוי צו איהר אין א
פריינדליכען טאָן. — אייער שוועסטער קוקט אויס ווי א קאַלבאַס־
ניצא...

סאָניא האָט זיך אומגעקוקט און זיך פאַרקרימט. זי וואָלט
געוועזן אזוי גליקליך וועז ער, טאַבאַלצעוו, וואָלט לעבען איהר גע־
שטאַנען ! און דאָ שטעהט גאָר טשערנאָוו...

מיט אמאל האט זי געטהאן אן עפען די טהיר פון דער צוויי־טער לאזשע און א וואונק געטהאן צו טשערנאוו'ן, אז ער זאל איהר נאכגעהן. ער האט געפאלגט.

— פארמאכט די טהיר! — האט זי איהם געזאגט.

די לאזשע, וואו סאניא האט זיך אוועקגעזעצט מיט טשער־נאוו'ן איז געווען אין עק, פונקט אנטקעגען יענער לאזשע, וואו טא־באלצעוו איז געזעסען מיט קאטיא'ן.

— אך זענט איהר א שטיפערקע! — האט טשערנאוו געזאגט און אהן קונצען אנגענומען סאניא'ן פאר דער האנד. זי האט איהם געלאזט אנגעהמען איהר האנד און בשעת מעשה אנגע־שטרענגט געקוקט אין יענער לאזשע און געזעהן ווי טאבאלצעוו זיצט אזוי נאהענט לעבען איהר שוועסטער, ווי ער האלט זיין קניע לעבען איהרער, בויגט זייך אזוי צו איהר... און מיט אמאל דער־הערט זיך א פרעהליכער, גליקליכער פרויען געלעכטער...

נערוועז האט סאניא א פינטעל געטהאן מיט די אויגען און א דריק געטהאן טשערנאוו'ן ביי דער האנד.

— איהר האט מיך ליעב? — האט זי שטיל געפרעגט אליין ניט הערענדיג וואס זי פרעגט.

— איהר זענט צויבערליך שעהן! — האט טשערנאוו צוקער־דיג זיס געענטפערט און ארומגענומען די מיידעל פאר דער טאליע.

זי האט זיך אפילו צו איהם ניט צוגעקוקט, גלייך עס וואלט איהר געווען אלץ איינס צו ער נעהמט זי יא ארום צו ניין. זי האט אלץ געקוקט אהין, אין יענער לאזשע און זיך איינגעהערט צו יעדען שארך.וואס האט זיך פון דארטען געטראגען.

— ניין! ניין.. איך קען ניט! — האט זיך מיט אמאל פון יענער לאזשע דערהערט קאטיא'ס אויפגערעגטע שטימע.

ווי סאניא האט דאס דערהערט, האט זי היסטעריש אנגעהויי־בען לאכען, און עפעס ווי געגען איהר ווילען האבען זיך ביי איהר, דורך'ן געלעכטער, אויך ארויסגעריסען די ווערטער:

— ניין! ניין... איך קען ניט! איהר פארשטעהט? איך קען ניט!...

גלייך איהם וואָלט גאַר ניט אַנגעגאַנגען וואָס סאָניא לעבט אצינד איבער, האָט ער זי נאָך פעסטער ארומגענומען פאַר דער טאַליע און זי שטאַרק צוגעטוליעט צו זיך. — און דאָס האָט אויף איהר אזוי געווירקט, אַז זי האָט אַזש מיט'ן גאַנצען קערפּער אַ ציטער געטהאָן. טשערנאָוו האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז זיין אָנוועזענהייט רופט דאָס ביי איהר אַזאַ ליידענשאַפטליכען געפיהל ארוים, און ער האָט שוין באַשלאָסען, אַז איצט איז דער בעסטער מאָמענט זי פעסט ארומצונעהמען און איהר אַ קוש טהאָן. אָבער נאָך איידער ער האָט אוספּייעט זיך אַ ריהר טהאָן, האָט זי זיך אויסגעדרעהט צו איהם מיט'ן פּנים, און ציטערענדיג ווי אַ בלאַט, האָט זי בעטענד געזאָגט:

— איך בעט אייך, גיט מיר אַ קוש! אָבער אַזוי, אַ שטאַרקען קוש...

און אין אַ מינוט ארום האָט זי זיך ארויסגעריסען פון זיינע הענד און זיך גענומען וואַרפען. — „ניין ניט דאָס האָב איך גע־מיינט!” „איך וויל זיך פאַרגעסען!” גאַט מיינער, וואָס טהוט זיך מיט מיר?!”

„נו איז דאָס אַ מיידעל — אַ ברען!” — האָט זיך טשערנאָוו געקלעהרט, און אויף דעם חשבון האָט ער זי שוין זיכער געפרעגט:

— אַ יאָ, איהר האָט מיך ליעב?

סאָניא האָט איהם אָבער גאַר ניט געענטפערט. זי האָט כמעט ניט געהערט, וואָס ער האָט גערעדט צו איהר. אין מיטען דארינען האָט זי זיך געגעבען אַ שטעל אויף, אַז עפּען געטהאָן די טהיר און אויסגעשריען הויך אויפ'ן קול:

— נו איהר געהט אהיים, טשערנאָוו?

דערמיט האָט זי געוואָלט איבערהשרעקען קאַטיא'ן און טאַבאַל־צעוו'ן, וועלכע זיינען אין דער צווייטער לאָזשע געזעסען צוגעטו־ליעט איינער צום אַנדערען, און ווען זי האָט געזעהן ווי איהר האָט זיך דאָס ניט איינגעגעבען, האָט זי אויסגעשאָסען אַ היס־טערישען געלעכטער...

אויפ'ן וועג אהיים האבעןביידע שוועסטער — אי קאטיא אי סאניא — צווישען זיך קיין ווארט ניט גערעדט. ביידע זיינען צו־פיעל געווען פארטהאן אין זייערע אייגענע געפיהלען און ריידען האבען זיי ניט געקענט...

טאבאלצעוו איז געגאנגען אהיים צוזאמען מיט טשערנאוו'ן, וועלכער האט איהם געהאלטען אין איין קלאפען אין קאפ אריין וועגען דאס, וואס פאר א „פייערדיגע" מיידעל סאניא איז. אבער טאבאלצעוו האט גאר ניט געהערט, וואס מען האט גערעדט צו איהם. דער קאפ איז איהם געווען פארנומען מייט אנדערע גע־דאנקען און געקלעהרט האט ער אזוי: „וועט זי קומען צו מיר אהיים ווען איך וועל זי רופען?... איך מוז זי זעהן ביי זיך!... מיר דוכט זיך, אז איך בין גרייט אפילו א פארברעכען צו באגעהן אבי זי זאל זיין מיינע"...

אין דער זעלבער צייט איז איהם געווען א וואונדער אויף זיך אליין. וואס טהוט זיך דא מיט איהם? ! ער פארליערט דאך פשוט דעם קאפ...

צעהנטער קאפיטעל.

א פאר טאג נאך דער פארשטעלונג איז טשערנאוו נאך א גע־שמאקען אנבייסען געמיטליך געלעגען אויפ'ן ווייכען דיוואן ביי טאבאלצעוו'ן אין דער וואוינונג און וואזשנע געריוכערט א גוטען סיגאר, גלייך ער וואלט דא געווען דער גאנצער בעל הבית און גע־הערט די גאנצע וועלט ווי דעם פאר־א־יאהריגען שנעע.

ווי ער איז אזוי געלעגען, האט ער דערהערט ווי אימיצער איז אריינגעגאנגען אין קיך אריין און געגעבען א לעג אוועק א שווע־רען טשעמאדאן. איז ער אראפ פון'ם דיוואן, צוגעגאנגען צו דער שוועל פון דער טהיר, וואס האט געפיהרט אין קיך אריין און זיך דארטען אוועקגעשטעלט.

אין קיך איז געשטאַנען אַ הויכער, געזונטער בלאָנדער יונגער־מאַן, אהן אַ באָרד און מיט צוויי גרויסע בלויע ברילען, עס איז געווען קענטיג, אַז ער קומט אהער ניט דאָס ערשטע מאָל, און דער־פאַר איז טאַקי טשערנאָוו אזוי נייגעריג געווען צו וויסען וואָס פאַר אַ פאַרשוין דאָס איז. אָבער ווי ער איז אזוי געשטאַנען און זיך איינגעקוקט אזוי נייגעריג, איז דער הויכער געזונטער בלאָנדער יונגערמאַן מיט די בלויע ברילען צוגעגאַנגען צו איהם, מיט איין האַנד איהם אוועקגערוקט פון דער שוועל און צוגעמאַכט די טהיר.

טשערנאָוו האָט זיך אפילו פאַרשעהמט, אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט נעענטפערט, ווייל ער האָט פשוט מורא געהאַט צו פאַר־טשעפען מיט אַזאַ גבור...

— געשיקט זיך, אַז איהר דערקענט מיך גאָר ניט, ניאַנעטש־קאַ ? — האָט דער גאַסט ישטילער־הייד געפרעגט די אַלטע דיענסט.

— ניין, איך דערקען אייך ניט. — האָט די אַלטע געענטפערט באַטראַכטענדיג דעם גאַסט פון'ם קאָפּ ביז די פיס.

— דאָס איז דאָך איך, פּאַטאַפּאָוו ! — האָט דער הויכער גע־זונטער בלאָנדער יונגערמאַן מיט די בלויע ברילען ישטילערהייד געזאָגט.

די אַלטע האָט פאַר פרייד אַזש אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד:

— פּאַטאַ...

אָבער ער האָט זי ניט געלאָזט ענדיגען :

— ש־ש־ש ! איצט היים איך ניט פּאַטאַפּאָוו... מיין נאָמען טאָר מען הויך ניט ארויסזאָגען.

— פון וואַנען־זשע קומסטו אצינד ? — האָט די אַלטע ווי אַ געטרייע מאַמע איהם געפרעגט. — אנדריושאַ איז נעבאַך ארומ־געגאַנגען ווי אהן אַ קאָפּ ווען מען האָט דיך פאַרשיקט. אַך, טאַ־טעלאַך מיינע, וואו־זשע ועסטו נעכטיגען ?

— ביי דער אַלטער. — האָט פּאַטאַפּאָוו שטיל געענטפערט.

— דאַרטען מיך צו זוכען וועט קיינעם ניט איינפאַלען.

די אַלטע האָט פון פּאַטאַפּאָוו'ן די אויגען ניט אראָפּגענומען, און זי האָט זיך אַלץ גע'חידוש'ט :

— אהן דער באַרד איז גאַר אוממעגליך דיך צו דערקענען. דו האָסט גאַר אַן אַנדער פּנים באַקומען...

— און דאָס האָב איך טאַקי געוואָלט, ניאַנעטשקאַ. מיך טאָר מען ניט דערקענען, ווייל, אַז מען וועט מיך דערקענען, וועט מען מיך ווידער פאַרשיקען קיין סיביר...

ביים עסען האָט טשערנאָוו געשטעלט פּאָטאַפּאָוו'ן איין פראַגע נאָך דער אַנדערער — פון וואַנען ער קומט, ווער ער איז און מיט וואָס ער באַשעפטיגט זיך. אָבער פּאָטאַפּאָוו האָט איהם אפילו אויף קיין איין פראַגע ניט געענטפערט. ער האָט נור געקוקט אויף איהם פון אויבען אראָפּ, ווי א בעל הבית קוקט אויף א הינטעל...

ביים טיש זיינען דאַן געזעסען נאָך צוויי סטודענטען, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאַלטען ביי טאַבאַלצעוו'ן. האָט טשערנאָוו פאַר זיי געוואָלט ווייזען, אַז ער איז דאַ אַ גאַנצער בעל הבית, אָבער פּאָטאַפּאָוו האָט איהם אַלע מאָל אָפּגעהאַקט די פליגעל; ווען ער האָט איהם געפרעגט אויב ער וויל אַ גלאַז וויין, האָט ער געענטפערט, אַז אויב ער וועט וועלען וויין, וועט ער זיך אַליין נעהמען...

נאָכ'ן עסען זיינען די צוויי סטודענטען אַוועקגעגאַנגען און מיט אַ פּאָר מינוטען שפּעטער איז פּאָטאַפּאָוו אויך אַוועק. דעם שווערען טשעמאָדאַן האָט ער דאַ געלאָזט. דערנאָך האָט טשערנאָוו ביי דער אַלטער דיענסט געוואָלט אויסגעפינען ווער „יענער פּאַרשוין" איז. אָבער די אַלטע האָט איהם שטרענג געענטפערט, אַז עס איז ניט זיין עסק און ער זאָל דאָס מעהר ניט פרעגען, ווייל זי וועט איהם סיי ווי סיי דאַרויף ניט ענטפערען...

מיט אַ פערטעל שטונדע נאָך דעם ווי פּאָטאַפּאָוו איז אַוועק, האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ שטאַרקער קלונג ביי דער טהיר. איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל. די אַלטע האָט זיך מיט שרעק אַ וואָרף געטהאָן, ווייל זי האָט געמיינט, אַז דאָס קומט פּאָליציי. אָבער איהר שרעק איז געוועזען אומזיסט. די טהיר האָט זיך געעפענט און טאַבאַלצעוו איז אריינגעקומען.

ווי ער האָט נור דערזעהן ווי טשערנאָוו דרעהט זיך ארום איבער דער שטוב מעשה בעל הבית און צו־וואַרפט די אַשעס פון'ם

סיגאַר איבער דער פּאָדלאָגע, האָט ער גלייך אָנגעהויבען שרייען אויף איהם:

— וואָס וואַלגערסטו זיך אַרום דו פוילער ליי, דו ? וויפיעל מאָל האָב איך שוין געבעטען, אַז מען זאָל דאָ אַזוי ניט אָנשמו־צען ? ! אַ חזיר־שטאַל האָט מען דאָ געמאַכט ! ניאַנעטשקאַ, איך בעט אייך, נעמט שנעלער אַ שמאַטע, ווישט אָפּ דעם שטויב און ראַמט דאָ אויף אַביסעל...

דער אַלטער איז דאָס געווען אַ גרויסער חידוש ; דאָס ערשטע מאָל קומט איהר אויס צו הערען פון טאַבאַלצעוו'ן אַזעלכע ווער־טער... וואָס איז ער עפּעס גאָר פּלוצים געוואָרען אַזאַ בריה ? גאָר אַ נייעס. און זי האָט איהם געפרעגט :

— נו און עסען ווילסטו גאָר ניט ?

— איך וויל ניט עסען ! — האָט ער בייז געענטפערט.

„ער האָט זיך אודאי אָנגע'שכור'ט און דערפאַר מאַרדעוועט ער זיך“. האָט טשערנאָוו געדענקט. אָבער דאָס מאָל האָט ער דוקא ניט געטראָפען. טאַבאַלצעוו האָט היינט אין מויל אפילו קיין טראָפּען וויין ניט געהאַט; און בייז איז ער גאָר געווען דערפאַר, וואָס ס'איז איהם ניט אָנגעשטאַנען, אַז אין הויז זאָל זיין אַזוי אָנגעשמוצט אין דער צייט ווען צו איהם דאַרף קומען אַ געליעב־טע...

אַ צוטראַגענער און אַן אויפגערעגטער איז ער אַרומגעלאָפען איבער דער שטוב שויבערענדיג זיך די האָר און געהאַלטען אין איין קאָמאַנדעווען :

— עפענט אויף די פענסטער ! לופטערט אויס די שטוב ! ווישט אָפּ דעם שטויב !

און ווען ער האָט דערזעהן דעם נייעם שווערען טשעמאָדאַן אין קאָרידאָר האָט ער זיך דערשראָקען. — אודאי עפּעס אַ נייער פּאַרשוין אָנגעקומען !

—ניאַנעטשקע, ווער איז געקומען ? — האָט ער אַן אויפגע־רעגטער אַ פרעג געטהאָן.

די אַלטע דיענסט האָט איהם אװעקגערופען אין אַ זייט און שטילערהייד איהם דערצעהלט, אַז פּאַטאַפּאָװ איז געקומען. טאַבאַלצעװ האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער בשורה, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט איהם שטאַרק באַנג געטהאָן פאַר וואָס ער איז געקומען דוקא היינט און ניט מיט אַ פּאָר טאָג שפּעטער, אָדער פריהער... בארוהיגט האָט ער זיך ערשט דאַן ווען די אַלטע דיענסט האָט איהם געזאָגט, אַז פּאַטאַפּאָװ וועט דאָ היינט ניט נעכטיגען; ער וועט ערשט קומען אָהער מאָרגען...

ווען דער זייגער האָט אויסגעקלונגען אַכט איז טאַבאַלצעװ געוואָרען אומרוהיג. — „וועט זי קומען אָדער ניט ?“ — האָט ער זיך ניט אויפגעהערט ברעכען דעם קאָפּ — אַך, ווי גוט וועט זיין ווען זי וועט קומען !“...

די גאַנצע וואוינונג איז שוין געווען צוגעקליעבען, עס איז געווען ריין און ציכטיג אין אַלע ווינקעלאַך. דער איינציגער פלעק אין שטוב איז געווען טשערנאָװ, וועלכער האָט זיך געוואַלגערט אויפ'ן דיוואַן און זיך געפּוילט אויפצושטעהן. איז טאַבאַלצעװ צוגעגאַנגען צו איהם און פּאָרזיכטיג געזאָגט:

דו מוזט מיר ענטשולדיגען, גוטער ברודער. געסט דאַרפען צו מיר באַלד קומען און דערפאַר קענסטו ביי מיר היינט ניט נעכטיגען...

— געסט דאַרפען קומען, — האָט טשערנאָװ מיט אַ צינישען שמייכעל נאָכגעזאָגט, — מיך קענסטו דאָך ניט נאַרען. איך ווייס, אַז אַ דאַמע דאַרף קומען צו דיר...

— דו קענסט ביי מיר היינט ניט נעכטיגען ! — האָט טאַבאַלצעװ שוין אַביסעל בייזלאַך געזאָגט.

— דאָס איז זעהר פיין ! — האָט טשערנאָװ אַנצופריעדען אונטער דער נאָז געבורטשעט. — וואו־זשע וועל איך נעכטיגען ? אַ טייערער פריינד ביזטו מיר; אין אַזאַ קאַלטער ווינטער־נאַכט טרייבסטו מיך ארויס אויף דער גאַס !...

— זיי ניט בייז אויף מיר, — איז טאַבאַלצעװ געוואָרען ווייך־

בער. — נאַ דיר צעהן רובעל און געה שלאָף איבער אין אַ האָטעל...
איך זאָג דאָך דיר — היינט קענסטו ביי מיר ניט נעכטיגען!

טשערנאָוו האָט דאָס צעהנרובעל גלייך אַריינגערוקט טיעף אין קעשענע און זיך גענומען אָנטהאָן. כמעט אַ האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געהאַלטען אין איין אָנטהאָן און שפּעטער, ווען ער האָט זיך שוין קוים מיט צרות אָנגעטהאָן און שוין אפילו אויפגעהאָנגען דעם שטעקען אויף דער לינקער האַנד, האָט ער זיך אין קיך ערשט אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטהאָן צו טאַבאַלצעוו'ן אַזוי:

— הער זיך איין, אַנדריושאַ, ערלויב מיר באַטש צו שלאָפען ביי דיר אין קיך. אויף מיין עהרען־וואָרט, אַז איך וועל דיר ניט שטערען צו פאַרברענגען מיט דער דאַמע וויפיעל דו וועסט אַליין וועלען... און ווירקליך: צום שוואַרצען יאָהר זאָלסטו געהן, דו וועסט דאָך ניט פאַרברענגען מיט איהר אַ גאַנצע נאַכט!...

— דו וועסט זיך פאַרנעהמען פון דאַנען צו גיין! — האָט טאַבאַלצעוו אויסגעשריען קריצענדיג מיט די צייהן, — שוין זאָל דיין זוואַניע דאַ ניט זיין, אַז ניט וואַרף איך דיך גלייך אַרויס פון דאַנען! דו הערסט?

טשערנאָוו'ען האָבען הענד און פיס גענומען ציטערען און ער איז שנעל אַרויס וואַרטשענדיג אומצופריעדען.

ער האָט זיך שוין געהאַט פאַרקירעוועט אין אַ זייטיג געסעל, אָבער באַלד האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און אָנגעהויבען געהן פּאַמעלאַך. עס האָט איהם ניט געלאָזט רוהען און ער האָט זעהר געוואָלט וויסען וואָס פאַר אַ דאַמע עס וועט קומען צו טאַבאַלצעוו'ען נעכטיגען — די מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ צו קאַטיאַ? אויב די שעהנע מאַדאַם זאַסיעצקאַיאַ וועט קומען, פאַרגינט ער איהם ניט אַזאַ גליק... זי איז דאָך אַזאַ געשמאַקינקע, אַזאַ ריהרעוודיגע, אַזאַ רייצענדע... און אויב קאַטיאַ וועט קומען צו איהם, פאַרגינט ער איהם אויך ניט אַזאַ גליק... זי איז דאָך אַזאַ שעהנע און אַזאַ געזונטע מיידעל... און ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אָן אַ זייט וואַרטען.

לאנג ווארטען האט ער ניט געדארפט. באלד איז אנגעפאהד־רען א שליטען, אין וועלכען עס איז געזעסען א יונגע דאמע. און ווי טשערנאוו האט נור א קוק געטהאן פון דער ווייטענס אויף איהר, האט ער גלייך דערקענט, אז דאס איז קאטיא.

דעם קאפ אנגעבויגען, די אויגען ארונטערגעלאזט צו דער ערד איז זי פון׳ם שליטען ארונטער און זיך געלאזט געהן צו טא־באלצעוו׳ס וואוינונג. טשערנאוו איז שוין געווען גרייט צוצו־געהן און זיך באגריסען מיט איהר, אבער ווען ער האט זיך דער־מאנט ווי טאבאלצעוו האט אויף איהם מיט זיינע צוויי גרויסע אויגען בייז א קוק געטהאן. האט ער דעם מוטה פארלוירען און זיך געלאזט געהן ווייטער אן אומעטיגער, א ניעדערגעשלאגענער, גלייך ווי ער וואלט ווירקליך ניט געהאט וואוהין זיך אהינצוטהאן...

שפאנענדיג אזוי א פארזארגטער האט ער געקלעהרט דערפון דאס עס קען זיין, אז טאבאלצעוו איז אין קאטיא׳ן טאקי אויף אן אמת פארליעבט, און פון דעם געדאנק איז איהם אויפ׳ן הארד־צען געווארען שווער; איצט האט ער נאך מעהר ווי אלע מאל געפיהלט זיין עלענדקייט, אז עס וואלט געווען זעהר גוט ווען לעבען איהם וואלט איצט געווען סאניא, קאטיא׳ס שוועסטער... ווי גליקליך וואלט ער געווען! ניט אפגעבענדיג זיך קיין חשבון, ניט קלעהרענדיג וועגען דעם, וואס שפעטער וועט זיין, וואלט ער זי געקושט און געצערטעלט...

א פאר מינוטען איידער קאטיא איז געקומען, איז טאבאל־צעוו ארומגעגאנגען ווי א צומישטער. — „וועט זי טאקי קומען? ! — האט ער זיך אליין געפרעגט. — זי, קאטיא? וואס פאר א גליק! נעבטען איז זי אויף דער רעפּיטיציע געזעסען אן אומע־טיגע, א בלאסע און ווען ער האט אויף איהר אנגעשטעלט דעם ליידענשאפטליכען, תאוה׳דיגען בליק פון זיינע אויגען, האט זי אויסגעדרעהט דאס פנים אז א זייט גלייך זי וואלט זיך געשעהמט מיט זיין בליק זיך צו באגעגענען... איהרע ליפען האבען דאן גע־ציטערט... זיין הארץ איז געווען איבערפילט מיט פרייד, ווייל ער איז געווען זיכער, אז זי וועט דעם נסיון ניט ביישטעהן און זי וועט

זיך איהם איבערגעבען... ער האָט זיך געוואָלט הערמאָנען צו ער האָט איהר נעכטען עפּעס פאַרשפּראָכען און ווען ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער האָט איהר קיין זאַך ניט פאַרשפּראָכען ווען ער האָט זי געבעטען, אַז זי זאָל צו איהם קומען, איז איהם געווען זעהר אַנגענעהם... נו, אודאי, אפילו איהר וועט ער זיין פרייהייט ניט אוועקגעבען... חתונה האָבען מיט איהר וועט ער ניט...

די אויערען אויפגעשפּיצט, אַ נערוועזער, אַ צוטוטמעלטער, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט לעבען דער טהיר און זיך איינגעהערט צו יעדען שאָרך, וואָס האָט זיך פון יענער זייט געהערט. — „דוכט זיך, אַז אָט הערט ער ווי זי אָטהעמט... דוכט זיך, אַז זי שטעהט אַצינד פון יענער זייט טהיר און שלאָגט זיך מיט דער דעה — „יאַ אָנקלינגען אָדער ניין?“.

מיט אַמאָל האָט ער געגעבען אַז עפען די טהיר און ער האָט זי דערזעהן.

— קאַטיאַ! — האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע פרעהלאַך אויסגערופען, און זי ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענד... נאָך אין פאָדער צימער האָבען זיי זיך ביידע שטאַרק ארומגענומען, זיך פעסט צוגעטוליעט איינער צום אַנדערען און זיך פון׳ם אָרט ניט גערירט.

— זיינען מיר אַליין? — האָט זי שטילערהייד געפרעגט.

— אודאי אַליין. — האָט ער מיט פרייד געענטפערט. — טהו זיך אויס טייערינקע! ניין, קום בעסער אהין צו מיר אין צימער... דאָרטען וועסטו זיך אויסטהאָן...

ער האָט זי אָנגענומען אונטער׳ן אָרם און זי גענומען פיהרען צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט גערעדט צו איהר שטיל, ליידענ־שאַפטליך, מיט אַ ציטער אין זיין שטימע, און ער האָט גאָר אַליין ניט באַמערקט ווי ער איז מיט איהר איבערגעגאַנגען אויף „דו“ אַז אין דעם מאָמענט איז פאַר איהם גאָר אוממעגליך געווען איהר צו זאָגען „איהר“. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער קען זי שוין יאָהרען און יאָהרען, אַז ער האָט די גאַנצע צייט געוואָרט, אַז זי זאָל קומען צו איהם...

פון נעכטען ביז היינט איז אין זיין הארצען א שטארקע ענדערונג פארגעקומען. נעכטען האט ער זיך ניט געשעהמט צו קלעהרען, אז אויב ער וועט ניט אויסנוצען די געלעגענהייט פון איהר קומען צו איהם און זי ניט ברענגען דערצו, אז זי זאל זיך איהם איבערגעבען, וועט ער זיין א נאר, א גרויסער נאר. און איצט ווען זי האט אנגעשפארט איהר קאפ אן זיין ברוסט און אויסגעקוקט עפעס אזוי אומבאהאלפען און אומבאשיצט פאר זיין שטארקער, ברענענדיגער ליידענשאפט, זיינען איהם זיינע אויגען פול געוואָרען מיט פריידענס־טרעהרען און ער האט געפיהלט, אז ער האט זי טאקי אויף אן אמת ליעב...

קיין זינדיגע געדאנקען האט ער שוין מעהר וועגען איהר ניט געקענט האבען כאטש איהר קערפער האט איהם גערייצט. און ער האט זיך געגעבען דאס ווארט, אז ער וועט זי ניט ברענגען צו אזא לאגע, אז זי זאל דארפען וויינען; אז ער וועט מיט איהר די גאנצע נאכט פארברענגען אזוי אומשולדיג, ניט ווי מיט א פרוי, נור ווי מיט א חבר; אז מארגען וועט זי ווידער קומען צו איהם און ער וועט לאנג זיצען מיט איהר ארומגענומען, זי צערטלען און קושען און זיך פיהלען גליקליך...

— טייערינקע מיינע, ליעבינקע מיינע! — האט ער איהר עטליכע מאל געזאגט און זיך אוועקגעשטעלט פאר איהר אויף די קניע. זי האט ארויפגעלעגט ביידע הענד אויף זיינע אקסעל און דערביי האט זי אויף איהם געווארפען אזא בליק, וואס האט אלעם פארשפראכען...

דערנאך...

דערנאך זיינען געקומען אנדערע מאמענטען, אזעלכע וואס האבען געמוזט קומען, ווייל זיי זיינען געווען אומפארמיידליך ווי דער שיקזאל אליין... אין יענע מאמענטען האבען זיי שוין געמוזט זיך איבערווארפען מיט גאר אנדערע בליקען, זיך אנדערש צערטלען און זיך אנדערש באוועגען... זיי האבען געמוזט ריידען אנדערש... די שטארקע, ברענענדיגע ליידענשאפט האט זיי ביידען

אין גאַנצען באַהערשט און ווי אַ בליץ האָט זי זיי אין די אויגען אַ בלענד געטהאָן...

זיי זיינען ביידע געווען פאַר'שיכור'ט פון דער ברענענדיגער ליידענשאַפט, און עס האָט פּאַסירט דאָס, וואָס עס האָט געמוזט פּאַסירען... זי האָט זיך איהם אין גאַנצען איבערגעגעבען...

קיינער איז ניט שולדיג געווען. זי האָט זיך איהם אַליין אויפ'ן האַלז אַ וואַרף געטהאָן באַלד נאָכדעם ווי ער האָט זי אין די ליפּען אַ קוש געטהאָן... ווען ער וואָלט אַפילו געוואָלט, וואָלט ער אויך ניט געקענט פאַנאַנדערנעהמען די צוויי שטאַרקע הענד איהרע, וועלכע האָבען זיך אַרום זיין האַלז פאַרוואָרפען; ער וואָלט בשום אופן ניט געווען געקענט אָוועקשטויסען פון זיך איהר געזונטען קערפּער, וואָס האָט זיך ווי וואַהנזיניג צוגעטוליעט צו איהם, ציטערענדיג מיט אַלע פיברען פון דעם שטאַרקען באַגעהר נאָך גליק און ליעבע... ווען דאָס גאַנצע הויז וואָלט דאַן איינגעפאַלען, וואָלטען זיי דאָס ביידע אַפילו ניט באַמערקט... וואָס איז געווען אַ מאָמענט, וואָס פאַרדונקעלט אַלע פריהערדיגע איבערלעבונגען און מאַכט דעם מענשען צו פאַרגעסען אַן אַלעס און אַן אַלעמען...

און נאָך דעם...

נאָך דעם איז געקומען ווידער אַן אַנדער מאָמענט, ווען זיי האָבען זיך ביידע עפּעס ווי מיט אַמאָל אויסגענילכטערט... ערשט דאַן האָבען זיי זיך געכאַפּט, אַז די לאַנגע ווינטער־נאַכט איז אוועק אומבאַמערקטערהייד...

מיט אַמאָל איז קאַטיאַ'ן קאַלט געוואָרען, עס האָט איהר אָנגעהויבען קלאַפּען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, און זי האָט קוים אַרויסגערעדט די ווערטער:

— ווי שפּעט איז איצט?

— גאָט מיינער! — האָט זי זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטהאָן ביים קאָפּ, און די ליפּען איהרע האָבען אָנגעהויבען ציטערן. אָבער באַלד האָט זי זיך באַרוהיגט. קלאָגען זיך דאַרף זי ניט פאַר קיינעם; פון טענות האָבען צו איהם איז אויך אָפּגערעדט, ווייל זי האָט נעכטען געוואוסט, אַז עס וועט אַזוי זיין... און חוץ דעם: פאַר

אזא גליקליכער נאכט לוינט זיך אריבערצוטראגען די שרעקליכסטע ליידען און די גרעסטע שאנדע... און דאך... דאך האט איהר העלדישע נשמה א ציטער געטהאן ביים געדאנק, אז זי, וועלכע איז אלע איהרע יאהרען געווען אזא דרייסטע און אזא שטאלצע, וועט איצט מוזען אנקלינגען אין דער היים ביי דער טהיר ניט אהן מורא, און פארשעהמט ארונטערלאזען די אויגען, ווען זי וועט זיך טרעפען מיט דער דיענסט... אי דאס וועט נאך זיין גוט, אויב די דיענסט וועט עפענען די טהיר. וואס וועט זיין אויב סאניא, די שוועסטער איהרע, וועט גאר עפענען די טהיר ?... עס קען דאך זיין אז יענע ווארט דארטען אויף איהר און קען ניט איינשלאפען... נו, אודאי, זי איז דאך אויך פארליעבט אין איהם... און אפשר ווארט גאר די מאמע אליין ?... גאר געגען איהר ווילען האט זיך א טיעפער זיפץ פון איהר הארצען ארויסגעריסען און זי האט באהאלטען דאס פנים איןביידע הענד.

אלעס איז זי געווען גרייט איבערצוטראגען, נור ניט אט די קלייניגקייטען.

אנטקעגען שיין פון דעם לאמפ, וואס האט זיך שוין אנגעהויבען אויסלעשען, האט טאבאלצעוו געזעהן ווי קאטיא קוקט פאר זיך אזוי פארצווייפעלט. און ער האט זי שעהמעוודיג געפרעגט :

— קאטיא, טייבעלע מיינס, וואס איז דיר ? וואס טהוט זיך מיט דיר ?

אזוי ווייך האט ער דאס געפרעגט, ווייל זיין הארץ איז טאקע געווען פול מיט רחמנות צו איהר, נאכדעם ווי ער האט זיך מיט איהר אנגעזעגענט.

ער האט ארויפגעלעגט זיין האנד אויף איהר ענטבלויזטע אקסעל, האט זי א ציטער געטהאן ווי פון א בריה, און אזוי שארף א קוק געטהאן אי אויף זיך אי אויף איהם אין דערזעלבער צייט. עס האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז ער איז איהר אצינד א ווילד פרעמדער מענש. זי האט זיך פאר איהם אזוי פארשעהמט, אז

זי האָט איהם גלייך אין די אויגען ניט געקענט קוקען, איז זי שנעל אַראָפּ פון בעט און פאַרלאָשען דעם לאָמפּ.

זיצענדיג אויפ'ן בעט, האָט טאַבאַלצעוו מיט ביידע הענד אַרומגענומען זיינע פיס און שטיל זיך איינגעהערט ווי קאַטיאַ אָטהעמט אַזוי שווער, גלייך אָט־אָט וועט זי באַקומען היסטעריקע.

פון ערפאַהרונג האָט טאַבאַלצעוו גוט געוואוסט, אַז אָט דער מאָמענט, נאָך דעם ווי ביידע ווערען אָפּגעקיהלט פון דער ליידענ־שאַפט, איז זעהר אַן ערנסטער... ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אויב אַ פרוי איז טאַקע ליעב און טייער, מוז מען אין אַזאַ מאָמענט זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט איהר, און וועגען מעסטען יעדער וואָרט און יעדע מינע... אַ שטאָלצע פרוי וועט קיינמאָל ניט מוחל זיין, ווען מען באַגעהט זיך נאָך דעם מיט איהר ניט גענוג פאָר־זיכטיג און עדעל... און אַ קלוגע פרוי ווייסט דעם אונטערשיעד פון ליעבע ביז ליידענשאַפט... און עס איז אַך און וועה צו דעם מאַן, וועלכער רעכענט זיך ניט מיט אָט דעם סאַמע ערנסטען מאָ־מענט, וואָס קומט נאָך דעם ווי מען שטעלט צופריעדען די תאוה...

איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם האָט ער געהערט ווי זי טהוט זיך אָן אין דער פינסטער אַזוי שנעל און נערוועז, גלייך אימיצער וואָלט זי געיאָגט אין נאַקען, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט מורא פאַר זיין שווייגען און נאָך מעהר פאַר זיין רייד...

— קאַטיאַ, צו וואָס איילסטו זיך אַזוי? — האָט ער מיט אַ ציטערדיגע שטימע אַ זאָג געטהאָן, כאָטש ער האָט זיך שטאַרק געסטאַרעט צו זיין וואָס רוהיגער, — אָט וועל איך זיך באַלד אָנ־טהאָן, וועל איך פאַר דיר מאַכען קאַפע, און דערנאָך וועל איך דיך אָפּפיהרען אהיים...

זי איז געבליבען שטעהן ווי פאַרגליווערט און קיין וואָרט ניט געענטפערט.

— מיר וועלען ביידע טרינקען קאַפע, — האָט ער ווייטער גערעדט, — דאָס איז זעהר נויטיג... מיר זיינען ביידע איצט זעהר אויפגערעגט... עס וועט געדויערען ניט מעהר ווי אַ פערטעל

שטונדע... איך וועל דיך ניט לאזען געהן אהיים אליין ! דו הערסט, טייערינקע ?

קאטיא האט שווער אפגעזיפצט איין מאל און צוויי מאל. עס האט איהר אנגעהויבען שטיקען אין האלז און זי האט א פאל געטהאן אויפ'ן דיוואן. ער איז צוגעלאפען אהין, איז געפאלען פאר איהר אויף די קניע:

— קאטינקא, ליעבענקע, טייערינקע מיינע !

פול מיט צוטרויען האט זי מיטביידע הענד אנגענומען זיין קאפ און איהם אנהויבען קושען. מיט זיינע צוויי שטארקע הענד האט ער זי ווידער ארומגענומען. זיי האבען זיך ביידע לאנג געקושט און געצערטעלט, און דאן האבען זיי ביידע געפיהלט, ווי עפעס וועבט זיך איבער זייערע קעפ און פאראייניגט זיי אזוי שטארק, אז קיין מאכט אין דער וועלט וועט זיי ניט קענען שיידען : אז איינער אהן דעם אנדערען וועלען זיי זיך שוין ניט קענען באגעהן, ווייל זייערעביידע לעבענס האבען זיך אין איין און דער זעלבער צייט פאראייניגט.

די קאפע וואס זיי האבען געטרונקען איז געווען אזוי געשמאק און דער פריהמארגען אין דעם ווארימען צימער איז געווען אזוי אנגענעהם. דרייסט און מוטהיג האבען זיי זיך איצט אין די אויגען געקוקט, און ביידע האבען געהאט דאס געפיהל, אז זיי זיינען שוין לאנג פארהייראט און האבען זיך ניט וואס צו שעהמען איינער פאר'ן אנדערען...

דוכט זיך א קלייניגקייט — א גלאז קאפע. און דאך האט דאס אזוי פיעל אויפגעטהאן...

און טאמער איז דאס נאך ניט געווען גענוג, איז טאבאלצעוו'ן איינגעפאלען אזא געדאנק :

— ווייסטו וואס, טייערינקע מיינע, — מאכט ער צו איהר גאנץ ערנסט און אויפריכטיג, — ווען איך וועל דיר אפפיהרען אהיים, וועל איך בלייבען שטעהן אין דרויסען ווארטען... אויב דיין מאמע שלאפט נאך ניט, זאלסטו גלייך צוגעהן צו איהר און זאגען פשוט אז דו ביזט געווען ביי דיין חתן. יא, קאטיא, אזוי

זאָלסטו זאָגען: „איך בין געווען ביי מיין חתן"... זאָלסט איהר אויך זאָגען, אז איך, דער חתן, שטעהט פון יענער זייט טהיר און וואַרט, אז זי זאָל מיר נור זאָגען איין וואָרט, כדי איך זאָל קענען אוועקגעהן א רוהיגער...

די ווערטער זיינען ביי איהם ארויסגעקומען אזוי איינפאַך און נאַטירליך, גלייך אַנדערש וואָלט גאָר ניט געקענט זיין.

— גאָט מיינער! — האָט קאַטיאַ א זאָג געטהאָן און זיך פרעהלאַך פאַנאַנדערגעלאַכט. איצט האָט זי שוין קיין זאַך ניט געשראָקען.

שטיל, אויף די שפּיץ פינגער זיינען זיי אין פאָדער־צימער אריין. אין מיטען דערינען האָט דער האַן אין קיך אָנגעהויבען קרעהען. זיי האָבען ביידע א קוק געטהאָן איינער אויפ'ן אַנדערען און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— דאָס גיט ער אונז אַ מזל טוב, — האָט טאַבאַלצעוו געזאָגט, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט, און פאַרלאָשען דאָס איינציגע שוועבעלע.

ווען ער האָט איהר אין דער פינסטער געהאַלפען אַנטהאָן די ווארימע קאַמאַשען און נאָך אַמאָל דערפיהלט אין זיינע הענד איהרע ווארימע, שעהנע פיס, האָט ער ווידער אַמאָל דערפיהלט אַזאַ שטאַרקען באַגעהר זי צו האָבען, אז עס האָט איהם אַזש גענומען שטיקען אין האַלז... דאָך האָט ער זיך קאָנטראָלירט, איינגעהאַלטען די ליידענשאַפט זיינע אָבער דערנאָך, ווען ער איז שוין מיט איהר אין שליטען געזעסען, האָט ער זי געהאַלטען אין איין טוליען צו זיך און דערביי האָט ער זי זעהר געבעטען, אז זי זאָל מאָרגען אויף דער נאַכט קומען צו איהם כאָטש אויף איין שטונדע...

— דו מוזט קומען צו מיר מאָרגען, טייערינקע מיינע, מיידעלע מיינס, — האָט ער זי געבעטען. — אויב ניט, וועל איך די גרעסטע נאַרישקייט אָפּטהאָן...

זיי זיינען צוגעפאָהרען צו דעם הויז וואו זי האָט געוואוינט. שטילערהייד האָט זי ביי דער טהיר אַנגעקלונגען און באַלד, גלייך

אימיצער וואלט דארט אינווענדיג געשטאנען און געווארט, האט זיך די טהיר געעפענט.

אין הויז איז געווען פינסטער, אבער קאטיא האט גלייך דער־קענט סאניא'ן, און דאס הארץ האט איהר געזאגט, אז די קליינע פארשטעהט אלעס...

— — די מאמע שלאפט? — האט זי מיט א פארשטיקטע שטי־מע ניט דרייסט געפרעגט די שוועסטער.

— ניין, מיר זיינען ביידע די גאנצע נאכט ניט געשלאפען. — האט סאניא בייזליך געענטפערט.

סאניא'ס טאן האט קאטיא'ן א שטאך געטהאן אין הארצען. ווי וואגט זי מיט א י ה ר אזוי צו ריידען! דאס בלוט האט איהר א שפאר געטהאן אין פנים אריין, מוטהיג און שטאלץ האט זי אן עפען געטהאן די פאדערשטע טהיר און א געשריי געטהאן צו טאבאלצעוו'ן, וועלכער איז געשטאנען אין דרויסען:

— אנדרעי, קום אריין! די מאמע שלאפט ניט...

הענט און פיס האבען סאניא'ן אנגעהויבען ציטערען. מיט ביידע הענד האט זי זיך געגעבען א כאפ ביים הארצען, און ווי אז איבערגעשראקענע זיך צוגעשפארט צו דער וואנט. עס האט איהר גענומען שווינדלען אין די אויגען און זי האט געזעהן ווי א הויכער מאן האט אריבערגעשפאנט די שוועל...

— קאטיא, — האט זיך מיט אמאל דערהערט דער מוטער'ס שטימע פון'ם צווייטען צימער. א גאנצע נאכט איז די אלטע מוטער געזעסען א פארזארגטע, א פאראומערטע, און אלץ גע־האלטען אין איין קלעהרען וועגען קאטיא'ן און סאניא'ן. ארום דריי א זייגער ביי נאכט איז די קליינע א פארוויינטע אריינגע־לאפען צו איהר אין צימער, איינגענורעט דעם קאפ אין קישען און גענאסען מיט טרעהרען... דאן האט די אלטע זי געבעטען, אז זי זאל זיך בארוהיגען, ניט מאכען קיין סקאנדאל און ווארטען ביז קאטיא וועט קומען.

א צוטומעלטע, ווי אין חלום, איז קאטיא צוגעגאנגען צו דער מוטער'ס בעט, געפאלען פאר איהר אויף דער קניע און איינ־

פאַך, גלײַך זי וואָלט זיך גאָר ניט צוגעהערט צו איהרע אײ־גענע ווערטער, געזאָגט:

— מאַמאַ, גיב מיר דײַן ברכה! איך בין אַ כלה געוואָרען פאַר טאַבאַלצעוו'ן...

— קאַטיאַ! — האָט די אַלטע ניט מיט איהר קול אויסגע־שריען. — וואָס רעדסטו, טאָכטער מײַנע?!

זי האָט אַליין ניט געוואוסט, די אַלטע, צו זי זאָל זיך פרעהען מיט דער דאָזיגער בשורה צו נײַן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ס'איז פאַר קאַטיאַ'ן אַ גליק, איז אין דער זעלבער צייט פאַר סאָניאַ'ן אַן אומגליק...

— מאַמאַ, — האָט קאַטיאַ ווייטער גערעדט. — ער וואַרט האַרטען... וואָס זאָל איך איהם זאָגען? מאַמעלע, איאַ דו ביזט צופריעדען דערפון? טו פאַר וואָס־זשע וויינסטו? זאָג מיר נור איין וואָרט, מאַמאַ: יאַ!...

פאַר פרייד האָט קאַטיאַ געוויינט און געלאַכט... זי האָט גע־קושט די מאַמע און זיך געטוליעט צו איהר ווי אַ קליין קינד.

אין דעם פאָדערשטען צימער, וואו טאַבאַלצעוו האָט געוואַרט, איז געווען שטיל און פינסטער. מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אטהעם איז טאַבאַלצעוו געשטאַנען און פאַר'עקשנ'ט געהאַלטען די אויגען אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד. און ווען ער האָט מיט אַמאָל די אויגען אויפגעהויבען און דערזעהן עפּעס אַ פיגור צוגעשפּאַרט צו דער וואַנד האָט ער זיך דערשראָקען, און מיט אַ ציטערדיגע שטימע אַ פרעג געטהאָן:

— ווער איז דאָס?

ער האָט זיך געלאָזט געהן צו דער וואַנט זעהן ווער עס שטעהט דאָרטען, ווייל אויף זײַן פראַגע האָט קיינער ניט געענטפערט. און איידער ער האָט נאָך אוספּעיעט צוצוגעהן אהין, האָט סאָניאַ געגעבען אַ לויף צו איהם און עפּעס אזוי ליידענשאַפטליך זיך גע־נומען טוליען צו איהם מיט איהר גאַנצען בויגיגען שלאַנקען קער־פּער, און פאַרוואָרפען ביידע הענד אַרום זײַן האַלז...

װי א כװאליע האבען זיך איהרע געדיכטע, פאנאנדערגעלאָ־זענע האר א לאז געטהאן איבער זיין פנים. ער האט געפיהלט דעם הייסען אטהעם פון איהר מויל און די װארימקייט װאס האט איהם אזש פארכאפט און ער האט זיך געפיהלט װי אין א זיסען חלום.

ערגעץ האט א טהיר א קלאפ געטהאן... האט זיך טאבאלצעװ איבערגעשראקען, זיך א װארף געטהאן און זיך באפרייט פון סאָניא׳ס אומארמונגען.

— הרג׳עט מיך! דערשטיקט מיך... מיר איז שוין אלץ איינס! מיין לעבען איז שוין סיי װי סיי קיין לעבען ניט!... אהן אייך איז פאר מיר די גאנצע װעלט פינסטער! — האט זי שטיל געזאגט, שטיל קריצענדיג מיט די צייהן און רייסענדיג זיך ביי די האר...

עס האט זיך דערהערט קאטיא׳ס שטימע:

— אנדרעי, קום אהער... די מאמע װינשט אונז איהר ברכה...

אין דרויסען האט שוין געהאט אנגעהויבען זשאריען אויף טאג װען טאבאלצעװ איז געפאהרען צוריק אהיים. א צוטומעלטער האט ער דערפון, אז אין דער זעלבער צייט װאס ער איז גליקליך, איז ער אויך אומגליקליך... װארים צופיעל און צו שטארק האט ער איבער זיין גאנצען קערפער געפיהלט די װילדע, ליידענשאפטליכע צערטליכקייטען פון דער יונגער, שעהנער סאניא, װעלכע האט זיך מיט איהר װארימען קערפער צו איהם אזוי געטוליעט...

עס האט איהם ניט באנג געטהאן דארויף, װאס ער האט זי אזוי היים געקושט... װאס פאר א פארברעכען האט ער דען דער־מיט באגאנגען? איז דאס דען אן עבירה? און װאו שטעהט דאס טאקי געשריבען, אז װען א יונגע שעהנע מיידעל װייזט ארוים ליעבע, דארף מען זיך אפטרייסלען פון איהר פונקט װי יוסף הצדיק האט זיך אפגעטרייסעלט פון פוטיפרע׳ן? אין דער זעל־בער צייט האט ער אויך רחמנות געהאט אויף דער מיידעל און

ער האָט ניט געקענט פאַרגעסען ווי זי האָט געקריצט מיט די ציינער און געזאָגט: „הרג'עט מיך! דערשטיקט מיך!"

„אָרימע, אומגליקליכע מיידעל!" — האָט ער פאָר זיך געקלערט. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס איז נאַריש און אַלט־מאָדיש צו באַדויערען... זי איז גאָר ניט אַזוי אומגליקליך, ווי די סאָניאַ! פאַרקעהרט, גליקליך איז דער מענש, וואָס קען אַזוי שטאַרק פיהלען און פיעל ליידען... אַזאַ מיידעל וועט פון לעבען אַלעס נעהמען, און ווען זי וועט שוין האָלטען ביים שטאַרבען וועט איהר געוויס ניט באַנג טהאָן אויף איהר פאַרגאַנגענהייט...

אַ מיעדער האָט ער זיך אַ וואַרף געטהאָן אין בעט אריין. מיט אַמאָל האָט ער ביים עלענבויגען דערפיהלט עפּעס אַ קאַלטע, ביינערנע זאַך. דאָס איז געווען אַ פרויען קעמעלע. אויף זיין פּנים האָט זיך אַ צופריעדענער שמייכעל באַוויזען, און ער האָט דאָס קעמעלע, ווי אַ טייערע זאַך, אוועקגעלעגט אויף דעם מראַמאָרנעם טישעלע. דערנאָך האָט ער צוגעמאַכט די אויגען און זיך איינגעגעהרעט אין דער קאָלדרע. אין בעט האָט זיך נאָך געפיהלט דער גערוך פון דעם פרישען פרויען־קערפּער, און טאַבאַלצעוו האָט זיך געקלערט, אַז דער דאָזיגער גערוך איז דער אָנגענעהמסטער, דער געשמאַקסטער אין דער וועלט.

מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל אויף די ליפּען איז ער איינגעשלאָפען, און עס האָט זיך איהם געחלום'ט אַז לעבען איהם ליעגט קאַטיאַ, צוגעטוליעט צו איהם מיט'ן גאַנצען קערפּער, אָבער אויסקוקען קוקט זי גאָר אויס ווי סאָניאַ...

עלפטער קאַפּיטעל.

אויפגעשטאַנען איז ער מיט אַ שטאַרקען קאָפּ־וועהטאָג, ווי נאָך אַ קרענק. לאַנג האָט ער זיך ניט געקענט אָפּגעבען קיין חשבון, וואָס ביי נאַכט האָט פּאַסירט. אין קאָפּ האָבען זיך איהם

געפּלאָנטערט אזעלכע געדאַנקען, וואָס זיינען געווען ווי חלומות, און די חלומות זיינען געווען אזוי קלאָר, אז ניט קלאָר אין דער זעלבער צייט...

ווען די עלטסטע דיענסט האָט ארום עלף א זייגער פאַרמיטאָג אנגעקלאַפּט ביי איהם אין טהיר, האָט ער נאָך אזוי דייטליך גע־פיהלט סאָניאַ'ן לעבען זיך און דעם זיסען טעם פון דעם קוש וואָס זי האָט איהם געגעבען, אז ער האָט זיך גאָר ניט געוואָלט אויפכאַפּען... אין דער מינוט האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז אויב ער וועט איצט די אויגען עפענען, וועט ער שוין קיינמאָל ניט איבערלעבען אזא זיסען מאָמענט.

ווען די עלטסטע דיענסט האָט געזעהן, אז קיינער עפענט ניט, האָט זי אליין די טהיר געעפענט און איז אריינגעגאנגען. ערשט דאַן האָט טאָבאָלצעוו די אויגען געעפענט אָהן חשק, זיך אוועקגע־זעצט אויפ'ן בעט און א פרעג געטהאָן:

— ווי שפּעט איז עס?

— אָה, טייערינקער, — האָט די עלטסטע דיענסט געענטפערט, — דער האָן האָט שוין לאַנג געקרעהט...

א פאַרוואונדערטע האָט זי באַטראַכט ווי זייַנע קליידער ליגען צוואָוואָרפען, און ווען זי האָט דערזעהן דאָס פּרויען־קעמעלע אויפ'ן מראַמאָרנעם טישעלע, האָט זי אזש א ציטער געטהאָן — „אזוי גאָר! — האָט זי פאַר זיך א קלעהר געטהאָן, — אנדריושאַ ברענגט שוין גאָר אהער מיידלאך אויף ביינאַכט!“...

איהם אליין, טאָבאָלצעוו'ן, איז אויסגעקומען אזוי מאָדנע ווען ער האָט זיך דערמאָנט אז נעכטען ביינאַכט האָט ער אָפּגעפיהרט קאַטיאַ'ן אהיים, און זי האָט איהם פאַר איהר מוטער פאַרגע־שטעלט אלס איהר חתן... איז דאָס ניט געווען קיין ווילדער, משוגע'נער איינפאַל פון זיין זייט? וואָס הייסט עפּעס — ער איז א חתן!... אָבער לאַנג האָט ער וועגען דעם ניט געוואָלט קלעהרען: דער געדאַנק, אז קאַטיאַ איז ביינאַכט ביי איהם געווען און אז היינט וועט זי ווידער קומען, האָט איהם אריינגעבראַכט

אין אַזאַ פרייד, אַז ער האָט אַזש אַ כאַפּ געטהאָן די אַלטע, גע־טרייע דיענסט און זיך גענומען דרעהען מיט איהר...

— לאָז מיך אָפּ, דו ווילדע זאַך! ביזטו פון זינען ארונטער?

— האָט די ניאַניעטשקא ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ שמחה עס איז אויף איהם.

— יאָ, ניאַניעטשקאָ, איך בין נעכטען פון זינען ארונטער... איך געה חתונה האָבען... — האָט טאַבאַלצעוו פרעהלאַך געלאַכט.

די אַלטע איז געבליבען שטעהן אַהן ווערטער. אַ ווײַלע איז זי אַזוי געשטאַנען, געקוקט דאָ אויף דעם פרויען קעמעלע, וואָס איז אויפ'ן מראַמאָרנעם טישעלע געלעגען, און דערנאָך האָט זי גע־פרעגט:

— און ווען וועסטו געהן אָנזאָגען די בשורה דער מאַמען?

— דאָס וועל איך נאָך אַספּעיען צו טהאָן — האָט ער געענט־פערט. — נאָך ניט מאָרגען געה איך חתונה האָבען. אָבער אַ כלה, זאָג איך אייך, ניאַניעטשקאָ, האָב איך! שוין אײַנמאָל אַ כלה! אין גיכען וועל איך זי פאַר אייך פאַרשטעלען, זאָלט איהר זי אויפ־נעהמען אַזוי פיין, שעהן!... דאָס איז פאַרשטעהט איהר מיך, אַ מיידעל מיט כאַראַקטער. אַ שטאָלצע און קלוגע... אַ קעניגין, זאָג איך אייך, איז זי! אַזעלכע מיידלאַך זײַנען ניטאָ אַ סך...

די אַלטע האָט ווייטער געכאַפּט אַ קוק אויף דעם קעמעלע, אַ דרעה געטהאָן מיט די ליפּען, אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אַוועק צוריק אין קיך אַרײַן... אויף דער צונג זײַנען איהר גראָדע געלעגען אַ סך פראַגען, וועלכע האָבען זי רוהען ניט גע־לאָזט; זי האָט געוואָלט פרעגען פאַר וואָס עס איז איהם עפּעס גאָר אין מיטען דערינען אײַנגעפאַלען אַ חתן צו ווערען, און אויב שוין יאָ אַ חתן צו ווערען, טאָ פאַר וואָס דוקאַ מיט אַזאַ מיידעל, וועלכע קען ביי זיך פועל'ן צו בלײַבען נעכטיגען ביי אַ יונגען מאַן?... און נאָך און נאָך פראַגען זײַנען איהר אויף דער צונג געלעגען. אָבער זי האָט גאָר ניט געפרעגט.

טאַבאַלצעוו האָט זיך לאַנג געוואַשען דעם קאָפּ מיט קאַלטע וואַסער. ער האָט זיך נאָך אַלץ געפיהלט אונטערן אײַנדרוק פון

די זיסע חלומות. אט האט ער געקלעהרט וועגן קאטיא'ן און אט וועגן סאניא'ן... ער האט זיך אין זיינע אייגענע געפיהלען ניט געקענט פאנאנדער־פלאנטערן; ער וואלט געקענט שווערן, אז ער איז פארליעבט אין זיי ביידען.

אין באנק, וואו ער האט געארבייט, איז ער דעם טאג געווען בלויז א פאר שטונדען. קיין ארבייט האט ער ניט געקענט טהאן; ווי א צומישטער איז ער געזעסען איבער די דיקע ביכער און ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט איהם. און ארום איינס א זייגער האט ער זיך אויפגעהויבען און ארייגעגאנגען אין דער פארוואל־טונג, וואו אלע דירעקטארען האבען איהם גוט געקענט.

— וואוהין געהט איהר דאס אוועק אין מיטען העלען טאג?

— האט איהם איין דירעקטאר געפרעגט. — איהר פאהרט שוין אפשר ווידער אוועק שפיעלען טעאטער?

— נאך ערגער — האט טאבאלצעוו מיט א שמייכעל געענט־פערט. — איך געה בעטען ביי א מיידעל די האנד... איהר מאכען א הייראטס־פארשלאג...

— וואס רעדט איהר! — האבען זיי זייערע אויערען ניט געגלויבט. ווארים זיי האבען גוט געוואוסט אז טאבאלצעוו איז א גרויסער דאמען־העלד, אז ער איז פעהיג צו באצויבערען פרעמדע ווייבלאך. אבער ער זאל גאר חתונה האבען — דארויף וואלטען זיי זיך קיינמאל ניט גערעכנט...

— דאס וואס איהר הערט! — האט ער גאנץ ערנסט געענט־פערט.

— און וואס־זשע איז אייך עפעס אין מיטען דערינען אנגעקומען? — האט איהם איין דירעקטאר געפרעגט. — קענט איהר דען ניט ווארטען ביז זונטאג, ווען איהר וועט זיין פריי פון דער ארבייט?

— איך קען ניט — האט טאבאלצעוו געענטפערט. — עס זיי־נען פאראן זאכען וואס מען קען ניט און מען טאר ניט אפלייגען אויף שפעטער... אויף ווידער זעהן! און ער איז ארוים פונקט דאן ווען אלע דירעקטארען האבען אויסגעשאסען א געלעכטער...

גנוואַלט האָט טאַבאַלצעוו אָנקומען פונקט צום אָנבייסען, כדי ער זאָל קאַטיאַ'ן טרעפען אין דער היים. ער האָט געפיהלט, אַז ער מוז זי זעהן, ווייל היינט איז ער אין איהר פאַרליעבט נאָך מעהר ווי נעכטען. אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט ער זי דוקא אין דערהיים ניט געטראָפען. זי איז פונקט ווי אַלע טאָג אויפגע־שטאַנען אין דער פריה, אָפּגעגעסען ברעקפעסט און איז אוועק אויף איהרע פּיאַנאָ־אוראָקען (לעסאָנס), ווי געוועהנליך. און קומען האָט זי געדאַרפט ערשט פּינף אַ זייגער פאַרנאַכט.

ווייל די דיענסט האָט געזעהן אין וואָס פאַר אַ שעהנע קאַ־רעטע ער איז צוגעפאָהרען, האָט זי פאַר איהם ברייט די טהיר גע־עפענט און איהם אריינגעלאָזט.

— די באַרישניא (מיידעל) איז ניטאָ — האָט זי געזאָגט אזוי אוטערטעניג, גלייך ווי זי וואָלט שולדיג געווען אין דעם, וואָס די „באַרישניא" איז ניטאָ.

— נו, און איהר מוטער איז דאָ ? — האָט טאַבאַלצעוו גע־פרעגט.

— אודאי איז זי דאָ — האָט די דיענסט געענטפערט. — ווען מען האָט קיין פּיס ניט, מוז מען שטענדיג זיין אין דערהיים...

— טו זייט־זשע אזוי גוט און גיט איהר איבער מיין קאַרד.

קאַטיאַ'ס מוטער, מינא, איז, ווי די מעהרסטע פרויען, געווען זעהר אַ נייגעריגע. ווי זי האָט נור דערהערט ווי אין פאָדער־צי־מער רעדט מען, האָט זי שוין אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ אין יע־נער זייט און נייגעריג געקוקט אהין. לעבען איהר אויפ'ן בעט איז געזעסען סאָניא, מיט אויגען פאַרשוואָלענע פון טרעהרען. נאָך אין דער פריה, ווי קאַטיאַ איז נור אוועק, איז זי מיט אַ געוויין אריינ־געלאָפען צו דער מוטער און אזוי לאַנג געקלאָגט אויף איהר אומ־גליק, וואָס טאַבאַלצעוו געהט אַ חתן ווערען פאַר קאַטיאַ'ן, ביז זי איז אַנשלאָפען געוואָרען...

— אַ פריץ וויל אייך זעהן — האָט די דיענסט געזאָגט דער אַלטער, איבערגעבענדיג איהר די קאַרד.

די אַלטע האָט איבערגעלעזען דעם נאָמען, און די הענד האָ־בען איהר אָנגעהויבען צו ציטערען. מיט שרעק האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף דער שלאָפענדער סאָניא'ן און געבעטען די דיענסט אַז זי זאָל זי מיט'ן שטוהל אריינפיהרען אין פאָדער־צימער.

נאָך איידער טאַבאַלצעוו האָט איהר די האַנד דערלאַנגט, האָט זי אָנגעהויבען וויינען.

— „גאָט מיינער!“ — האָט זי שיער ניט אויסגעשריען. דאָס הארץ האָט אין איהר געוויינט, ניט פאַר פרייד נור פאַר צרות. קיין נאָר איז זי ניט געווען, און זי האָט גוט פארשטאַנען אַז ניט קאַטיאַ איז פאַר טאַבאַלצעוו'ן אַ פּאָר, נור סאָניאַ...

טאַבאַלצעוו האָט זיך שוין געהאַט אוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל לעבען איהר, נור באַלד האָט זי דערהערט ווי זי זאָגט אַזוי שטיל. באַהאַלטענדיג דאָס פּנים איןביידע הענד: „מיין פּאַטשייל־כעל... וואו איז מיין פּאַטשיילכעל? עס איז דוכט זיך האָרטען אין שלאָף־צימער“... האָט ער זיך צוריק אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט געהן אין שלאָף־צימער דערלאַנגען דער אַלטער דאָס פּאַ־טשיילכעל.

אויף דער שוועל פון'ם שלאָף־צימער איז ער געבליעבען שטעהן אַ פארציטערטער, ווען ער האָט דערזעהן ווי סאָניא ליעגט אין בעט. אַלעס וואָס ער האָט ביינאַכט איבערגעלעבט אין חלום, האָט איהם איצט ווי מיט אַ שטאַרקען האַמער אַ קלאַפּ געטהאָן אין קאָפּ...

און מערקווירדיג! ווי ער האָט נור די אויגען אויף איהר אָנ־געשטעלט, האָט זי זיך גלייך אויפגעכאַפּט. עס איז געווען שווער צו זאָגען צי איהר מאָרך געפינט זיך נאָך איצט אויך אין דרעמ־לענדען צושטאַנד צי ניין, ווייל זי איז גאָר ניט געווען איבער־ראשט ווען זי האָט איהם דערזעהן, גלייך זי וואָלט אַ לאַנגע צייט געוואַרט אויף איהם. עס איז אויך געווען שווער צו זאָגען, צי זי דערקענט דאָס פּאָר אַ פּאָרטזעצונג פון איהר חלום, צי פאַר אַ ווירקליכקייט... אַ פריידענס־זיפץ האָט זיך פון דער טיעפענים פון איהר הארצען ארויסגעריסען און איהרע אויגען האָבען גענומען שיינען ווען זי האָט איהם אויף דער שוועל דערזעהן... עפּעס אַזאַ

זיסער, ליעבליכער שמייכעל האָט איהר פּנים באַשטראַהלט, זי האָט זיך גלייך געגעבען אַ זעץ אַוועק אויפ'ן בעט און ליידענ־שאַפטליך אויסגעצויגעןביידע הענד צו איהם: אהער! צו מיר! שנעלער!

אַ געהיימע קראַפט האָט טאַבאַלצעוו'ן אַ שטופּ געטהאָן צום בעט, וואו סאָניא איז געלעגען. ער האָט זי שטאַרק ארומגענומען, זי שטייף צוגעטוליעט צו זיך און ווידער אַמאָל דערפיהלט די באַריהרונג פון איהרע בריסטען, קניע, איהר גאַנצער קערפּער, איהרע ליפּען און דעם הייסען אָטהעם פון איהר מויל, וואָס האָט איהם אויף אַ ווײַלע פאַר'שכור'ט...

ער האָט געזעהן דעם פייערדיגען גלאַנץ פון איהר האַלב פאַר־מאַכטע אויגען, און אין דער מינוט איז זי איהם אַזוי געפעלען גע־וואָרען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען און געמוזט זי קושען ליידענשאַפטליך נאָך און נאָך...

ער האָט גאָר פאַרגעסען וואו ער איז און צוליעב וואָס ער איז אהער געקומען. ערשט ווען די אַלטע האָט אין פאָדער־צימער אַ הוסט געטהאָן, האָט ער זיך געגעבען אַ ריס אָפּ פון סאָניא'ן און איז אַוועק פון איהר אַ בלאַסער, אַן אויפגערעגטער...

דערנאָך האָט ער שוין קיין מוט ניט געהאַט צו ריידען מיט דער אַלטער וועגען דעם, צוליעב וואָס ער איז געקומען אהער. עפּעס האָט איהם די צונג גאָר ניט געדיענט און דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט, כדי ניט אויסצוגעבען זיין פאַרלעגענהייט, האָט ער גערעדט און אויסגעהערט אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען איהם גאָר ניט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען, אין דערביי האָט ער באַ־מערקט, ווי סאָניא שטעהט אַ פרעהליכע אויף דער שוועל פון'ם שלאָף־צימער און שמייכעלט אַזוי צופריעדען, ווייזענדיג איהם די שעהנע צייהנדלאַך איהרע.

לאַנג זיצען האָט ער ניט געקענט, און ער איז אַוועק, איבער־לאָזענדיג זיי ביידע אונטער דעם צויבער פון אַ שעהנעם פריהלינגס־טרוים.

סאָניא האָט איהם הינטער דער מאַמעס פּלייצעס באַגלייט מיט

לופט־קושען און אלץ צופריעדען געשמייכעלט, אזוי ווי זי וואלט איהם אהן ווערטער געזאגט: „דו וועסט זיין מיינער... דו וועסט זיין"...

— נו, מאמאטשקא — האט זיך סאניא רחמנות'דיג א ווארף געטהאן דער אלטער אויפ'ן האלז, ווען טאבאלצעוו איז שוין גע־ווען פון יענער זייט טהיר, — זאג דו אליין, איז דען מעגליך אזא שעהנעם בחור ניט ליעב צו האבען?...

די מוטער האט גאר ניט געוואלט וויסען פאר וואס סאניא'ן איז מיט אמאל געווארען אזוי גוט אויפ'ן הארצען... זי איז געווען צופריעדען דערפון, וואס איהר ליעבע טאכטער האט זיך באַ־רוהיגט, נאכדעם ווי זי האט א גאנצע נאכט געוויינט און געקלאגט און זיך געשוואוירען אז אין דעם טאג ווען קאטיא וועט מיט טאַ־באלצעוו'ן געהן צו דער חופה, וועט זי זיך דאס לעבען נעהמען...

און קאטיא האט זיך א גאנצען טאג עפעס אזוי מאדנע געהאל־טען אין דעם אינסטיטוט וואו זי איז געווען א פיאנא־לעהרערין. עס האט זיך אלעמען אויסגעוויזען, אז זי געהט ארום ווי אין א חלום, אדער ווי א מענש ניט פון דער וועלט. עפעס איז זי איבער נאכט גאר אן אנדערע געווארען; גאר ניט ווי איהר שטייגער איז געווען האט זי צו די שילערינס געשמייכעלט, און ניט געווארען בייז ווען זיי האבען ניט אזוי גוט געשפיעלט און פאלש דעם טאן גענומען.

— אונזער לעהרערין איז עפעס היינט גאר אויפ'ן זיבעטען הימעל, — האבען זיך די שילערינס געשושקעט, און איין שילערין האט דערצעהלט אזוי:

— נעכטען האט זי אויף מיר אזוי געשריען, ווען איך האב ניט ריכטיג דעם טאן גענומען, און היינט האב איך אזוי געצימבעלט אויף דער פיאנא, אז עס האט אזש מיר די אויערען געריסען, און זי האט מיר אפילו קיין איין ווארט ניט געזאגט... עפעס איז מיט איהר ניט גלאטיג, מיט אונזער שטרענגער צנועה...

די פארוואלטערין פון'ם אינסטיטוט האט פון קאטיא'ן זעהר שטארק געהאלטען דערפאר, וואס זי איז געווען די בעסטע לעהרע־

רייז ווען זי האַט זי דעם טאָג דערזעהן, איז זי געבליעבען שטעהן פאַרגאַפט און פאַרוואונדערט געקוקט אויף איהר. עס איז געווען אַזוי מאָדנע — דוכט זיך די זעלבע מיידעל, טראָגט די זעלבע קליידער, איז פאַרקאַמט אַזוי ווי אַלע מאָל, און דאָך... דאָך האָט זי עפּעס באַקומען... אין איהר שמייכעל האָט זיך שוין באַוויזען דאָס ווייבליכע, וואָס האָט איהר צוגעגעבען אַ באַזונדער מין חן און די אויגען האָבען גאָר אַנדערש געגלאַנצט... מען האָט גלייך געקענט זעהן אַז די מיידעל פיהלט זיך גליקליך.

דער פאַרוואַלטערין האָט מען קיין פינגער איז מויל ניט געדאַרפט אריינלעגען, ווייל זי איז געווען אַ דורכגעטריבענע, קלוגע און ערפאַרענע פרוי. כאָטש זי איז שוין אַלט געווען אַ יאָהר צוועלף און דרייסיג, איז זי דאָך געווען זעהר אַ שעהנע, אַ שלאַנקע האָט אויסגעקוקט אַ סך אינגער פון איהרע יאָהרען און געלעבט מיט אַ געליעבטען, וועלכער איז געווען אַ סך אינגער פון איהר... אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט; קיינער האָט ניט געוואוסט פון די מאָמענטען, ווען זי האָט זיך געפיהלט גליקליך אין די אָרמס פון איהר געליעבטען, און קיינער האָט ניט געוואוסט ווען זי האָט שטילערהייד ביטערע טרעהרען פאַרגאָסען קלעהרענדיג דערפון, וואָס איהר געליעבטער איז צו איהר פאַלש און לעבט אַ ריאי מיט אַנדערע פרויען...

ביי זיך אין האַרצען האָט זי געקלעהרט, אַז עס וואָלט געווען פיעל בעסער ווען קאַטיאַ וואָלט אַזוי געלעבט מיט איהר געליעבטען אָהן חופּה־קדושין; זי זאָל זיין פאַרזיכטיג און קיין קינדער ניט האָבען; עס זאָל זיין שטיל און קיינער זאָל דערפון ניט וויסען... זי האָט זעהר מורא געהאַט, די פאַרוואַלטערין, אַז זי זאָל נאָך ניט אָנווערען קאַטיאַ'ן אַלס לעהרערין. זי האָט דאָס ניט געוואָלט, ווייל קאַטיאַ איז געווען די בעסטע פּיאַנאָ־לעהרערין און אַלע האָבען פון איהר געהאַלטען אַ וועלט.

ארום פיער אַ זייגער האָט זיך קאַטיאַ געלאָזט געהן אַהיים. זי איז געגאַנגען שנעל, געוואָלט אויספּעיען צו קומען אַהיים אין צייט צום עסען. און געהענדיג אַזוי, האָט זי איין געדאַנק ניט גע־

לאזט רוהען: געהן צו איהם היינט אויף דער נאכט אויך צי ניין?... עס איז איהר אזוי שווער געווען דאס צו באשליעסען, און ווי זי האט זיך ניט געסטארעט ניט צו קלעהרען וועגען דעם, האט זי אלץ ניט געקענט. זי האט ניט געקענט פארגעסען, אז זי האט איהם צוגעזאגט; אז היינט אויף דער נאכט וועט זי ווידער קומען...

זי האט אויך געקלעהרט וועגען דעם, אז עס וואלט געווען זעהר גוט ווען ער וואלט בעסער היינט אויף דער נאכט געזעסען אביסעל ביי איהר אין הויז, ווי עס פאסט פאר א לייטישען חתן. איז אין דער זעלבער צייט האט זי געקלעהרט, וואס פאר א תירוץ זי זאל זאגען אין דער היים ווען זי וועט היינט ווידער קומען שפעט אין דער נאכט אדער פארטאג...

ווי זי איז אזוי געגאנגען א פארטראכטע, האט זי פלוצים דער־פיהלט ווי אימיצער האט זי שטארק א כאפ געטהאן ביי דער האנד. דאס איז געווען ער.

— שוין באלד א שטונדעווארט איך דא פאר דיר אויפ'ן פראסט — האט ער געזאגט און, אננעהמענדיג זי אונטער'ן ארם, האט ער זי צוגעפיהרט צום שליטען וואס איז אויפ'ן ראג געשטא־נען — זעץ זיך אוועק, טייערע! — האט ער שטילערהייד ליידענ־שאפטליך געפליסטערט. — קום צו מיר בלויז אויף איין פערטעל שטונדע...

— אבער ווי קען איך דאס? מען ווארט דאך אין דער היים־פאר מיר מיט'ן עסען? — האט זי געזאגט, שוין זיצענדיג אויפ'ן שליטען און פיהלענדיג זיך אזוי שוואך געגען איהם.

— דאס איז גאר ניט! — האט ער געענטפערט און שוין א קאמאנדעווע געטהאן צו זיין קוטשער (פוהרמאן): סערגעי, פאהר, אבער שנעל...

— ווען די ביסטרע פערדלאך האבען ווי די צוויי שדים זיך א לאז געטהאן מיט'ן שליטען איבער'ן ברייטען שליאך, האט טאבאל־צעוו קאטיא'ן ארומגענומען און באדעקט איהר פנים מיט הייסע קושען.

זיי זיינען ביידע געווען ווי פאר'שכור'ט און ניט געקענט זעהן

וואָס ארום זיי טהוט זיך. אין דרויסען איז שוין דאן געווען פינ־סטערלאך, די נאכט האָט שוין אָנגעהויבען צו פאַלען און די לאַמ־טערנעס זיינען נאָך ניט געווען אָנגעצונדען. אויפ'ן שליאך איז געווען פוסט, זעלטען ווען מען האָט דאָ אַ פאַרבייגעהער באַגעג־נענט. אָבער ווען עס זאָלען דאָ אפילו געווען געהן טויזענדער מענשען וואָלט דאָס פאַרליעבטע פּאָריל זיי סיי ווי סיי ניט באַ־מערקט; זיי וואָלטען זיך סיי ווי סיי געקושט...

דער קוטשער איז שוין געווען געוואוינט דערצו, אַז זיין יונגער פּריץ זאָל כאַפּען אַ דאַמע און פאַהרען מעט איהר אין אַ האָטעל פאַרברענגען. האָט ער איצט אויך גאָר קיין קשיות ניט געפרעגט און זיך אין מיטען דערינען געגעבען אַ שטעל אָפּ לעבען דעם האָ־טעל, וואו ער פלעגט זיך געוועהנליך אָפּשטעלען ווען ער האָט גע־פיהרט טאַבאַלצעוו'ן מיט אַ דאַמע...

דאָס אָפּשטעלען זיך גאָר פּלוצים האָט טאַבאַלצעוו'ן אויסגע־ניכטערט, און ווען ער האָט דערזעהן דעם האָטעל, איז ער געוואָרען אַזוי בייז, גלייך מען וואָלט זיינע ריינסטע געדאַנקען באַשמוצט, און ער האָט מיט כעס אַ געשריי געטהאָן:

— וואָס האָסטו זיך דאָ אָפּגעשטעלט, אידיאָט! פאָהר ווייַ־טער!

דער נאַאיווער קוטשער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך און וואָס ס'איז געוואָרען, און ער האָט אַ טרייב געטהאָן די פערד ווייטער... וואָס אַרט דאָס איהם? דער פּריץ וויל ווייטער, זאָל זיין ווייטער...

— אָך, עס איז אַזוי גוט צו פאָהרען! — האָט קאַטיאַ מיט בעגייסטרונג געזאָגט קוקענדיג אויף טאַבאַלצעוו'ן מיט פאַרליעב־טע אויגען.

זי האָט נאָך געדאַרפט זיין אויף איין פּלאַץ געבען איין אוראָק (לעסאָן), האָט ער מיט איהר אָפּגעמאַכט, אַז באַלד נאָך דעם ווי זי וועט פאַרטיג ווערען מיט'ן אוראָק, וועט ער ווידער צופאָהרען מיט זיין שליטען און זי נעהמען אהיים...

— בלויז איין שטונדע ווע‏לען מיר פאַרברענגען צוזאַמען ביי

מיר אין הויז — האט ער איהר געזאגט — ניט מעהר ווי איין שטונ־דע... איצט מעגען מיר דאך אלעס... איצט ביזטו שוין מיין כלה און קיינער וועט ניט וואגען אויף דיר קיין שלעכט ווארט אויס־ריידען... און אין אלגעמיין, וואס דארפסטו זיך רעכענען מיט יענעמס מיינונג ? דו ביזט דאך אזא שטאלצע, אזא שטארקע און אזא דרייסטע ! פאר וועמען האסטו מורא ?...

ווען זי האט איהם צוגעזאגט, אז זי וועט היינט אויך זיין ביי איהם, איז ער אוועק אהיים, א פרעהליכער און א צופריעדע־נער. ביי זיך האט ער שוין געקלעהרט אזוי : קאטיא'ן וועט ער פארשטעלען בלויז פאר דער אלטער דיענסט און די גאנצע חברה, וואס וואוינען ביי איהם אין הויז, די אלע לעדיג־געהער און אומ־זיסטיגע פרעסער דארף מען אין גאנצען געבען דעם וועג... ער ווערט דאך א נייער מענש און מעהר קען ער זיך מיט אזעלכע זאכען ניט אפגעבען... אבער ווי ער האט אזוי געקלעהרט וועגען דעם האט ער זיך דערמאנט און זיין בעסטען ליעבסטען פריינד פאטאפאוו... מיט איהם, ס'פארשטעהט זיך, טאר ער די באציהונגען ניט איבער־רייסען ! ער קען דאס ניט ! אבער דאך... וואס האט עס איהם גראדע איצט אין מיטען דערינען. דוקא היינט אנגעטראגען אהער !... דוקא היינט ווען קאטיא דארף צו איהם קומען... פאר וועהטאג האט זיך פון זיין הארצען א טיעפער זיפץ ארויסגעררי־סען... נייז, מיט איהם, מיט פאטאפאוו'ען מוז ער זיך רעכענען... ער האט זיך אפילו געשעהמט פאר זיך אליין, וואס ס'פאלען איהם גאר איין אזעלכע געדאנקען און ער האט זיך מיט כעס א ריס געטהאן ביי די האר פון'ם קאפ. א מינוט איז ער געווען בייז אויף אלעם און אלעמען, וואס קען איהם שטערען צו געניסען פון קאר־טיא'ס ליעבע...

אבער דאס מזל האט איהם צוגעשפיעלט. ווען ער איז אריינ־געקומען צו זיך אין הויז, האט איהם די אלטע דיענסט דערלאנגט א בריעף, און טאבאלצעוו האט גלייך פארשטאנען, אז דאס איז פון איהם פון פאטאפאוו'ן.

אַן אומגעדולדיגער, שטעהענדיג אַזוי אַנגעטהאָן, האָט ער דעם בריעף געעפענט און מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטהעם גענומען לייענען:

„ווידער אַמאָל איז מיר ניט באַשעהרט צו זעהן זיך מיט דיר, אַנדריושאַ. עס טהוט מיר האַרציג באַנג, אָבער איך קען זיך גאָר ניט העלפען. איבער ניט פאַראויסגעזעהענע אורזאַכען מוז איך שוין אַנטלויפען פון מאָסקווע. גראַדע האָב איך אין גאַס באַגעגענט אַ באַקאַנטען, וועלכען איך האָב שוין אַ שטיק צייט ניט געזעהן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ריידען מיט איהם, און שטעל דיר פאָר: ווי איך שטעה אַזוי און רעד מיט איהם, דערזעה איך ניט ווייט דאָס פּרצוף פון אַ שפּיאָן. אָבער מיר האָט זיך דאָך איינגעגעבען איהם צו פאַרדרעהען דעם קאָפּ אַזוי, אַז ער האָט גאָר ניט באַמערקט ווי איך בין פאַרשוואונדען געוואָרען און אָפּגעווישט יעדען שפּור פון זיך. אָט דעם בריעף שרייב איך דיר פון׳ם וואָקזאַל... גיב אַכטונג אויף מיין טשעמאָדאָן. עס איז זעהר גוט, וואָס איך בין היינט אין דער פריה ביי דיר ניט געווען. ווען איך וואָלט ביי דיר היינט געוועז, וואָלט מען דערנאָך זיכער ביי דיר געמאַכט אַן אָביסק. אַזוי אָבער האָסטו ניט, וואָס מורא צו האָבען... ווען עס וועט קומען צו דיר אַן אַרבייטער, מיט׳ן נאָמען פּיאָדאָר, זאָלסטו איהם געבען דעם טשעמאָדאָן (סעטשעל). דעם דאָזיגען בריעף זאָלסטו באַלד צורייסען... איך דריק דיין האַנד, אַנדריושאַ! און ווי דענקסטו, מיר וועלען זיך נאָך אַמאָל זעהן? זיי געזונד.

דיין פּ.

טאַבאַלצעוו האָט פאַרברענט דעם בריעף ביים פייער פון׳ם לאָמפּ, צוטרעטען די אַשעם מיט׳ן פוס און בשעת ער האָט דאָס געטהאָן האָט איהם אַזוי געריסען דאָס האַרץ אויף זיין בעסטען פריינד, וואָס ווייסט ניט פון קיין רוה, האָט ניט קיין היים, וואו רוהיג דעם קאָפּ אַנצושפּאַרען און ווערט פאַרפאָלגט פון שפּיאָנען און פּאָליציייסקע אויף יעדען שריט און טריט... אָרימער סטיאָפּאַטשקאַ!

אין׳ם עס־צימער איז אויף אַ ווייכער שטוהל געזעסען דער אַקטיאָר טשערנאָוו, גערויכערט אַ גוטען סיגאַר און אַלע מאָל אַ

זופּ געטהאָן פון'ם בעכערעל וויין, וואָס ס'איז פאַר איהם אויף א קליין טישעל געשטאַנען. געזעסען איז ער וואַזשנע, ברייטלאַך, אָבער אויף זיין פּנים איז דאָך געווען פאַרשפּרייט א שאָטען פון אומעט... און אומעטיג איז ער געווען איבער דעם, וואָס די אַלטע דיענסט, וועלכע האָט שוין געוואוסט טאַבאַלצעוו'ס סוד, האָט איהם מיט א שטונדע צוריק געענטפערט מעשה בעל'הבית'טע, אַז זי וועט איהם קיין וועטשערע ניט געבען ביז הער פריץ וועט ניט קומען.

— וואָס איז דאָס פאַר א נייעס! — איז טשערנאָוו געווען אומצופרידען פון איהר ענטפער, — עס איז שוין באַלד זיעבען א זייגער, דער פריץ דיינער קען קומען דער שווארץ יאָהר ווייסט איהם ווען און איך בין הונגעריג, איך שטאַרב עסען! גיב עסען, זאָג איך דיר! — האָט ער מיט כעס א געשריי געטהאָן, גלייך מען וואָלט טאַקי געווען מחויב איהם אויסצוהאַלטען מיט עסען און אויסשטעהן אַלע זיינע קאַפּריזען...

די אַלטע האָט מיט איהם ניט געוואָלט אָנהויבען און זי האָט איהם געגעבען עסען, אָבער דערלאַנגענדיג דאָס עסען צום טיש האָט זי געזאָגט: — „פּרעסט, פּרעסט! באַלד באַלד וועט דער פריץ אַלע „קעסט־קינדער" ארויסטרייבען... עס איז שוין געקומען א סוף צו אייך אַלעמען! אוים אומזיסטע שלאָפערס! א סוף!

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט טשערנאָוו נייגעריג גע־פרעגט אויסטרינקענדיג א בעכעריל וויין.

— איך מיין, אַז באַלד־באַלד וועלען מיר האָבען א בעל הבית'טע... זי וועט נעהמען פיהרען דאָס הויז אויף איהר שטייגער און וועט אייך אַלעמען די אַלע פוילענצער און לעדיג־געהער ארויס־מאַרדעווען פון דאַנען! אָט וואָס איך מיין! און הלואי וואָלט זי שוין וואָס גיכער געקומען אַהער, וואָלט איך אויפגעהויבען בייד־דע הענד און געדאַנקט גאָט מיט'ן גאַנצען הארצען...

טשערנאָוו האָט זיך שיער מיט'ן ביסען דערוואָרגען. ער האָט אויפגעהערט קייען און אַנשטעלענדיג פאַרוואונדערט די אויגען אויף דער דיענסט האָט ער כמעט ווי אויסגעשריען:

— דו ביזט אַן אַלטער נאַר און רעדסט פון היץ !
אַזאַ באַליידיגונג האָט שוין די אַלטע דיענסט ניט געקענט פאַרטראָגען און זי איז אַרויס מיט לשון:
— אַך דו אַזוינער און אַזוינער ! און עס איז אַוועק אַ צעטעל פון קללות און באַליידיגונגען.
דער כעס איז איהר אָבער באַלד אָפּגעגאַנגען ווען זי האָט דער־זעהן ווי ער, אַנשטאָט זיך צו באַליידיגען, זיצט גאָר אַן אומעטיגער, אַ דערשלאָגענער, מיט ביידע עלענבויגענס אָנגעשפּאַרט אָן טיש אַריינקוקענדיג אין דעם פולען בעכעריל וויין, מורמעלט ער אַזוי אומעטיג פאַר זיך: — „אַ בעל הבית'טע !... יאַ־יאַ, אַ בעל הבית'טע !“...
באַמערקענדיג דאָס האָט שוין דער גוטהערציגער אַלטיטשקער באַנג געטהאָן פאַר וואָס זי האָט איהם אַזוי באַליידיגט. דאָס האַרץ איז איהר שוין געוועןפול מיט רחמנות אויף דעם עלענדען, היימ־לאָזען „פּוילענצער“... וואָרים וואו וועט ער זיך טאַקי אַהינטהאָן און וואָס וועט פון איהם ווערען ? אמת טאַקי, ער איז אַ פּאַס־קודנער יונג, אָבער אַ מענש איז ער דאָך... און עס איז דאָך טאַקי אויף איהם אַ גאָט'ס רחמנות ! געקומען אַ הוילער און וועט אַוועקגעהן אַ הוילער...
האָט זי איהם פאַר רחמנות דערלאַנגט צום טיש אַ גוט שטיקעל גאַנז, און אַוועקזעצענדיג זיך ביים טיש האָט זי אָנגעשפּאַרט די באַק מיט איין האַנד און ווי פאַר אַ גוטען פריינד דערצעהלט טשערנאַוו'ן אַלעס, ווי טאַבאַלצעוו פיהלט זיך איצט גליקליך און ווי ער איז היינט אין דער פריה אַוועקגעפאָהרען פון דער היים אַנגעטהאָן אין אַ שוואַרצען פראַק...
— דאָס איז ער ווייזט אויס געפאָהרען צו א י ה ר מוטער בעטען די האַנד. — האָט זי געזאָגט און געזוכט דאָס פאַטשייל־כעל זיך אויסצו־ווישען די פאַרוויינטע אויגען.
דאָס וואָס טאַבאַלצעוו איז היינט אין דער פריה אַוועק אָנגע־טהאָן אין אַ פראַק, האָט טשערנאַוו'ן נאָך אומעטיגער געמאַכט, און עס איז שוין פאַר איהם געווען קלאָהר, אַז קאַטיאַ וועט דאַ

אין דעם הויז זיין די בעל׳הבית׳טע און איהם ווענ זי ווי א שמאַ־טע ארויסוואַרפען אויף דער גאַס... ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביים זעקסטען בעכעריל וויין, האָט ער זיך שיער ניט צו־וויינט, אָבער פונקט דאַן האָט זיך דערהערט א קלונג ביי דער טהיר און טאָבאַלצעוו איז אריינגעקומען. טשערנאָוו איז געווען אזוי צו־טראָגען, אז ער האָט זיך אַזש ניט באַגריסט מיט׳ן בעל־הבית.

מיט שנאה האָט טאָבאַלצעוו הינטען ארום געוואָרפען א בליק אויף איהם און זיך געלאָזט געהן אין צווייטען צימער זיך איבער־טהאָן. דער ליידענשאַפטליכער פארלאַנג צו זיין אליין מיט זיין געליעבטער האָט איהם געבראַכט דערצו, אז ער זאָל אויף אַלע זייטיגע מענשען קוקען מיט שנאה...

און ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און פארשטעקט א סאַלפעטקע (נעפּקין) ביים האַלז, האָט ער זיך געווענדעט צו טשערנאָוו׳ן מיט א ווייכען טאָן, ווי א גוטער פריינד:

— איז דיר נאָך געבליעבען עפּעס געלד? ווייל, פאַר־שטעהסטו מיך, גוטער ברודער, דו קענסט דאָ מעהר ביי מיר ניט זיין...

עס איז איהם אָנגעקומען שווער דאָס צו זאָגען, און כדי צו פארשטעלען זיין פארלעגענהייט, האָט ער אויסגעטרונקען א גלעז־זעל בראָנפען.

— איך האָב דאָס געוואוסט אז דו וועסט דאָס זאָגען. — האָט טשערנאָוו אונטערטהעניג געענטפערט האַלטענדיג די אויגען ארונטערגעלאָזט.

ביי טאָבאַלצעוו׳ן האָבען די נאָזלעכער א ציטער געטהאָן:

— וואָס האָסטו געוואוסט?

— איך האָב געוואוסט און איך וויים שוין אַלעס. — האָט טשערנאָוו געענטפערט און אין זיינע אויגען האָט זיך ווידער באַ־וויזען די שטענדיגע חוצפה זיינע. — פארשטעהסטו מיך, גוטער ברודער. איך האָב נעכטען אויף דער נאַכט געזעהן ווי זי איז גע־קומען צו דיר...

טאָבאַלצעוו איז געוואָרען בייז ווי א צורייצטער טיגער. ער

האַט איצט פאַרשטאַנען, אַז טשערנאַוו האָט זיך אונטערגעקוקט, און ער האָט דעריבער מיט כעס אויסגעשריען:

— דו ביזט אַ לומפּ!

טשערנאַוו'ן האָבען הענד און פיס גענומען ציטערען און ער האָט אַ דערשראָקענער אריינגערוקט דעם קאָפּ צווישען די אַקסלען.

— וואָס דאַרפסטו זיין אַזוי בייז? — האָט ער נאָך גרויסע שוועריגקייטען קוים אַרויסגערעדט. — דו וועסט דאָך סיי ווי סיי חתונה האָבען מיט איהר... און וועמען געהט דאָס אין אַלגעמיין אָן?!

מיט כעס האָט טאַבאַלצעוו פון זיך די סאַלפעטקע אַרונטער־געריסען און זיך געגעבען אַ זעץ אַוועק אויף דער זאַפע. באַלד אָבער איז איהם דער כעס אָפּגעגאַנגען, ווייל ער האָט זיך באַרע־כענט אַז אין דער אמת'ן האָט איהם טשערנאַוו קיין שלעכטס ניט געזאָגט און זיין בייז אויף איהם דאַרף ער ניט... ווייל ער וועט דאָך טאַקי חתונה האָבען מיט קאַטיאַ'ן... דערצו נאָך פּראַוועןן אַ חתונה מיט אַלע פּיטשעווקעס. נו, אודאי, ווען מען האָט ליעב אַ פרוי, מוז מען איינגעהן אויף פּשרות... ער אַליין האַלט טאַקי ניט פון די דאָזיגע נאַרישע צערעמאָניעס, אָבער אַזוי ווי זי האַלט יאָ דערפון, האָט ער קיין רעכט ניט צו פאָדערען, אַז זי זאָל האַנדלען אַזוי ווי ער וויל.. אָבער עס טהוט איהם דאָך באַנג נאָך דער פרייהייט... ווען ער וועט חתונה האָבען, וועט ער דאָך מעהר שוין ניט קענען לעבען אַ טאָג... ער וועט זיין אַ פאַרקויפטער מענש מיט פליכטען... אָבער, וואָס קען מען זיך העלפען? ליעבע איז ניט קיין קלייניגקייט... זאָל זיין חתונה האָבען!

— איז דיר נאָך געבליעבען עפּעס געלד? — האָט ער טשער־נאַוו'ן ווידער אַ פרעג געטהאָן. אָבער שוין אָהן כעס.

— וואָס פאַר אַ געלד? — האָט טשערנאַוו געענטפערט און געוואָרפען אויף איהם אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג.

— טפוי, צום שוואַרצען יאָהר זאָלסטו געהן! — איז טאַבאַל־צעוו ווידער געוואָרען אין כעס. — איך האָב דאָך דיר נעכטען געגעבען צעהן רובעל.

— ס'א גוואלד ! צעהן רובעל ! — האט זיך טשערנאוו פאנאנדערגעלאכט. — צעהן רובעל איז אויך א מטבעה ? איך בין געווען איין מאל מיט א דאמע אין א האטעל, איז געווארען אויס צעהן רובעל...

טאבאלצעוו האט זיך פאנאנדערגעלאכט :

— הער זיך איין, גוטער ברודער, — האט ער איהם געזאגט, — דו הער נור אויף צו פראווען פוילע שטיק און פארגעס גאר, אז עס זיינען פאראן דאמען, וועלכע געהן מיט יונגע לייט אין האטע־לען... נא דיר פופציג רובעל און געה דינג פאר זיך א צימער. ביי מיר קענסטו מעהר ניט וואוינען... און פארגעס ניט, אז זומער וועל איך דיר קיין גרויסע סומען געלד ניט קענען געבען.

און זאגענדיג דאס האט ער פון דער קעשענע ארויסגענומען געלד און אפגעצעהלט פאר טשערנאוו'ן פופציג רובעל : — נא !

טשערנאוו איז געזעסען א ברוגז'ער און זיך צום געלד ניט צוגעריהרט.

— נו, פאר וואס נעהמסטו ניט דאס געלד ? — האט איהם טאבאלצעוו געפרעגט. — דו ביזט נאך ניט צופריעדען ? הא ?

האט טשערנאוו מיט פאראכטונג אויפגעהויבען די ברעמען און אריינרוקענדיג דאס געלד אין קעשענע האט ער געמאכט אזא ברוגז'ע מינע, אז עס האט שוין ביי טאבאלצעוו'ען דער מינדעס־טער צווייפעל ניט געקענט זיין, אז ער איז שטארק אומצופריעדען און ברוגז...

„אט דאס הייסט אן איינגעגעסענע בריאה !" — האט טאבאל־צעוו פאר זיך געקלעהרט.

— וואס פאר א ווערדע האט ביי מיר דאס געלד ! — האט טשערנאוו באריהמעריש געזאגט. — ביי מיר האט געלד קיינמאל קיין ראלע ניט געשפיעלט.

— איך זאג דיר, אז צו דיין חוצפה איז גאר קיין גלייכען נישטא ! — האט זיך טאבאלצעוו פרעהליך פאנאנדערגעלאכט און ברייטלאך אויסגעצויגען די פיס. — כא־כא־כא ! ער איז נאך אומצופריעדען ! עס קומט איהם נאך ארויס !...

טשערנאָוו האָט שוין דאַמאָלסט געהאַלטען ביים זיבעטען בעַ־כעריל וויין און עס האָט שוין ביי איהם ניט אויסגעמאַכט צו ריי־דען וואָס עס קומט נור אויף דער צונג. האָט ער געמאַכט אַן אַק־טיאָרסקע מינע און דראַמאַטיש ריהרענד געזאָגט אַזוי:

— דו טרייבסט מיך ארויס צו ליידען ארימקייט און נויט און האָסט נאָך דעם מוטה צו לאַכען פון מיר?

— אָבער הער זיך איין, גוטער ברודער, — האָט שוין טאַבאַל־צעוו פארלוירען די געדולד. — אַלעס איז גוט מיט אַ מאָס. אפילו דיין חצפה, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט, מעג אויך האָבען אַ מאָס... פאַרגעס ניט, אַז דו ביזט ניט ביי מיר דער איינציגער; איך האַלט אויס נאָך עטליכע מענשען...

— אומשטיינסט געזאָגט, אַ פּאָר סטודענטען... — האָט טשער־נאָוו מיט פאַראַכטונג אַ בורטשע געטהאָן אונטער דער נאָז.

— נו און סטודענטען זיינען ביי דיר קיין מענשען ניט, דו אידיאָט איינער! איז טאַבאַלצעוו ווידער געוואָרען בייז.

— מענשען אָבער ניט קיין קינסטלער! — האָט טשערנאָוו מיט שטאָלץ געזאָגט. — איך בין ניט קיין סטודענטעל, נור אַ קינסטלער, אַ שוישפּיעלער, אַן ארטיסט!

טאַבאַלצעוו איז אויפגעשטאַנען איבערלאָזענדיג די ניט אויס־געטרונקענע קאַפּע אויפ'ן טיש.

— איך זעה דאָך, טשערנאָוו, אַז עס איז נישטאָ מיט דיר וואָס צו ריידען, — האָט ער איהם אומגעדולדיג געזאָגט, — דו האָסט זיך שוין ווידער אָנגעטרונקען און פאַרשטעהסט ניט וואָס מען רעדט צו דיר. אַלזאָ זאָג איך דיר אַן מיט'ן הארבען וואָרט, אַז אויב דו וועסט זיך ארייןלאָזען אין טרינקען, וועסטו ליגען טיעף אין דער ערד, ווייל איך וועל דיר קיין געלד ניט געבען... דו הערסט?

— מיר זיינען שוין אַלע גרייט דערצו אַז דו זאָלסט אונז פון דיין שטוב ארויסטרייבען. — האָט טשערנאָוו געזאָגט לאָזענדיג דערביי אַן אַקטיאָרסקע טרעהר. — אַט אַזוי איז דאָס שוין: ווען

מען איז א בחור, א פרייער מענש, איז מען גוט און וואויל, און אבי מען האט חתונה ווערט מען גאר אן אנדער מענש...

אט די ווערטער האבען ביי טאבאלצוו'ן אין הארצען אנ־געריהרט א טיעפע וואונד און ער האט געזאגט:

— דאס איז ניט אמת! ניט אלע ווערען אנדערע מענשען ווען זיי האבען חתונה. מיין באציהונג צו מענשען וועט נאך דער חתונה זיין דיעזעלבע ווי פאר דער חתונה!... פונקט אזוי ווי איך בין אצינד א פרייער מענש, אזוי וועל איך אויך זיין נאך דער חתונה אויך! דאס איינציגע, וואס וועט זיך ענדערען איז דאס, וואס אנשטאט „בחור" וועט אין מיין פאספארט זיין פארשריעבען „פארהייראט". דאס אלעס! אבער אנדהעי טאבאלצעוו וועט אלע מאל זיין א פרייער מענש!

טשערנאוו האט א פייף געטהאן און זיך דערנאך פאנאנדער־געלאכט: — כא־כא־כא! א פרייער מענש וועט ער זיין! דו מיינסט אודאי, אז זי, די כוואטסקע מויד וועט דיך לאזען זיין א פרייער מענש?

— טאקי ווייל זי איז אזא כוואטסקע, אזא מוטהיגע האב איך זי ליעב. — האט טאבאלצעוו געזאגט. — עס איז אמת, אז זי איז ניט אזוי שעהן ווי איהר שוועסטער סאניא. אבער וואס איז סאָ־ניא? א צובאלעווועטע רייצענדע מיידעל... מען לעבט אפ מיט איהר דריי מאנאטען און זי ווערט דערעסען... דו געפין מיר א פרוי מיט א פעסטען כאראקטער, א פרוי א פערזענליכקייט... האסט געזעהן א סך אזעלכע?

— נו, און די מאדאם זאסיעצקאיא? — האט טשערנאוו גע־פרעגט.

— די מאדאם זאסיעצקאיא? האט טאבאלצעוו ווי פאר זיך א פאר מאל איבערגע'חזר'ט. — מען מוז צוגעבען, אז זי איז וויר־קליך א אינטערעסאנטע פרוי. זי ווייסט א סך און פארשטעהט א סך, אבער... אבער ווען איך דערמאן זיך, אז זי, אזא שעהנע יונגע פרוי, האט ביי זיך גע'פועל'ט צו וואוינען מיט אן אלטען מאן, א מיאוס'ן בעל עבירה'ניק, וועלכער האט זיך אויסגעוואלגערט

איבער אַלע פאַריזער קאַפּע־שאַנטאַנען; ווען איך שטעל זיך פאָר וואָס ער מוז מיט איהר צואַרבייטען כדי זי זאָל אויפרייצען זיין פאַרשלאָפענע ליידענשאַפט — דאַן איז מיר נמאס ומאוס זי א קוש צו טהאָן...

— ס'א געוואַלד! וואָס פאַר א אונטערשיעד? אַבי א שעהנע, געשמאַקע ווייבעלע איז שוין אַלעס גוט... — האָט טשער־נאָוו געזאָגט.

— ביי דיר איז אַלעס גוט, ווייל דו ביזט קיינמאָל ניט גע־ליעבט געוואָרען פון א שטאָלצער פרוי, פון א פרוי מיט כאַראַק־טער. — האָט טאַבאַלצעוו ווייטער גערעדט. — און איבעריגענס, — האָט ער זיך פּלוצים פאַרכאַפּט — איבעריגענס וויל איך מיט דיר ניט ריידען וועגען דעם... גענוג!

— מעגסט זיך זיין בייז אויף מיר אָדער ניט — האָט זיך טשער־נאָוו ווייך אָנגערופען — צוהאַק מיר דעם קאָפּ אויף צווייען — איך קען זיך בשום אופן ניט פאָרשטעלען דיך אַלס א בעל הבית'ל... איך ווייס ניט, וואָס פאַר א מין טריפה'נע בלוט עס טריפט אין מיינע אָדערען, מיט א שטילער, אָרענטליכער פרוי איז מיר אומעטיג און לאַנגווייליג צום שוואַרצען יאָהר!... ווען איך וואָלט שוין יא באַשלאָסען חתונה צו האָבען, איז דוקא מיט אַזא ברענעדיגער מיי־דעל ווי סאָניא...

טאַבאַלצעוו האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט און אליין ניט באַ־מערקט ווי ער האָט נערוועז די ליפּען געביסען. און טשערנאָוו האָט ווייטער גערעדט:

— דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען וואָס פאַר א מין אויס־וואָרף זי איז! און דוקא דערפאַר געפעלט זי מיר אַזוי שטאַרק! דאָס איז פאַרשטעהסטו מיך, איינע פון יענע פרויען, צו וועלכע מען קען ניט האָבען דעם מינדעסטען צוטרויען... קיין איין מי־נוט קען מען מיט איהר זיכער ניט זיין... און דוקא דערפאַר גע־פעלט זי מיר! ווען איך וואָלט מיט איהר חתונה געהאַט, וואָלט איך זי געשלאָגען דריי מאָל א טאָג... ווי א גזלן וואָלט איך זי גע־קאַטעוועט... אָבער דוקא מיט אַזא פרוי קען מען זיין גליקליך...

טאבאלצעוו האט דערויף גאר ניט געענטפערט טיעף פאר־רוקט די הענד אין די הויזען־קעשענעס האט ער גענומען שפאנען איבער'ן צימער הין און צוריק, און ווייל טשערנאוו האט נאר וואס אזוי גערעדט וועגען סאניא'ן, האט ער דערפיהלט א שטארקע שנאה צו איהם; אפילו אין גערדאנק האט ער איהם סאניא'ן ניט פארגונען, און ווען ער האט אין דעם מאמענט אויף איהם א קוק געטהאן,, האט ער ווי א נייעם באמערקט, אז טשערנאוו איז טאקי א שעהנער און א געזונטער יונג און אז פרויען האבען ליעב אזא. און אין דעם מאמענט איז ער איהם געווארען א שונא.

— וואס פאר א רעכט האסטו אזוי צו ריידען וועגען סאניא'ן?

— האט ער ניט אהן בעם א פרעג געטהאן טשרנאוו'ן.

— וואס מיינסטו דערמיט? — האט טשערנאוו אזוי וואזשנע א זאג געטהאן — מיין נשמה איז דען פון קלאטשע? דו ביזט זיך פארליעבט אין קאטיא'ן און איך בין מיר פארליעבט אין סאניא'ן...

— וואס? דו ביזט פארליעבט אין סאניא'ן?

— נו, יא... איך בין פארליעבט אין סאניא'ן... און וואס קוקסטו אויף מיר עפעס אזוי מאדנע? וואס מיינסטו, איך בין ניט קיין מאנסביל? דו מעגסט און איך טאר ניט?...

— אזוי גאר? — האט טאבאלצעוו זיך אין מיטען דערינגען נערוועז פאנאנדערגעלאכט — ביזטו הייסט עס, פארליעבט אין סאניא'ן? נו, און דו האסט זי כאטש א מאל שוין א קוש געטהאן?

— א מאל? — איך האב ניט אזוי פיעל האר אויפ'ן קאפ, וויפיעל מאל איך האב זי געקושט און זי מיך.

טאבאלצעוו האט זיך ווידער נערוועז פאנאנדערגעלאכט און אנגעהויבען ציטערען מיט'ן גאנצען קערפער.

„ווארט, כ'וועל זי אומיסטנע פרעגען, צי דאס איז אמת! — און ער האט עפעס אזוי מאדנע א קוק געטהאן אויף טשערנאוו'ען...

יענער האט א צופריעדענער זיך געגעבען א שטעל אוועק און א ציה געטהאן מיט די אקסלען.

— נו, און אויסער א קוש? — האט טאבאלצעוו פלוצים גע־פרעגט און זיך אנגעטהאן א כח צו גענעצען כדי עס זאל ניט היי־

סען, אַז די גאַנצע געשיכטע געהט איהם ניט אַן, נור ער פּרעגט דאָס גלאַט אַזוי זיך.

— דערווייל איז נאָך אויסער אַ קוש גאָר ניט געווען — האָט טשערנאָוו געענטפערט — אָבער עס וועט זיין... עס וועט זיין. דאָס ווענדט זיך בלויז אָן מיר... ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט זי שוין לאַנג געווען מיינע... אָבער ביי מיר איז דאָס ניט מעהר ווי אַ שטיפעריי...

ווי טאָבאַלצעוו האָט דאָס נור דערהערט, איז ער אַן אָנגעצונדענער געוואָרען, דאָס גאַנצע בלוט איז איהם אין פּנים אריינגעקומען. איז ער צוגעגאַנגען צו טשערנאָוו'ען, איהם געגעבען אַ נעהם אָן פאַר'ן לאַץ פון'ם רעקעל און אָנשטעלענדיג אויף איהם אַ בייזען בליק, האָט ער שטרענג געזאָגט:

— הער זיך איין, וואָס איך זאָג דיר: זאָלסט זיך ניט דערוועגען צו טשעפּען סאָניא'ן! דו הערסט? !

— וואָס־זשע? — האָט טשערנאָוו נאַרישעוואַטע געפרעגט — דו קלייבסט זיך דען חתונה צו האָבען מיט איידען?

— דאָס איז ניט דיין דאגה! — האָט טאָבאַלצעוו מיט כעס אויסגעשריען — סאָניא איז מיין כלה'ס שוועסטער... דאָס זאָלסטו, זאָג איך דיר, ניט פאַרגעסען!... אין אַלגעמיין... מיט מיר, גוטער ברודער, מאַכט מען ניט קיין שפּאַס! דו קענסט מיך נאָך ניט אין גאַנצען, וואָס פאַר אַ מענש איך בין... זאָג איך דיר, אַז אויב דו וועסט זיך דערוועגען צו טשעפּען סאָניא'ן, וועל איך דיר איבערברעכען די זייטען... דו הערסט?

— „די זייטען"— האָט טשערנאָוו פאַר זיך אַברוגז'ער געבורטשעט — „די זייטען"... ער האָט זעהר געוואָלט זאָגען טאָבאַלצעוו'ען, אַז כאָטש ער איז אַ „פּאָלנער פּראָנצויז", פליסט דאָך אין זיינע אָדערען דאָס בלוט פון סיבירישען מוזשיק, אָבער ער האָט מורא געהאַט דאָס צו זאָגען... און ווי זיין שטייגער איז געווען זיך אָנכאַפּען אַן אַ וואָרט, האָט ער עטליכע מאָל אַלץ דאָס זעלבע איבערגע'חזר'ט: „די זייטען"... „איבערברעכען די זייטען"..

— און געשיקט זיך — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן און גע־פרעגט — אַז דו, טאַבאַלצעוו, וועסט נאָך דער חתונה מיט אנדערע דאַמען קיין ליעבעלע ניט פאַרפיהרען?

— איך ווייס ניט. איך האָב נאָך וועגען דעם ניט געטראַכט... און ווען עס וועט האַלטען דערביי, וועל איך צו דיר נאָך קיין עצה ניט קומען...

— דאָס איז אמת — האָט טשערנאָוו ווייטער גערעדט — דו צו מיר נאָך קיין עצה וועסטו טאַקי ניט קומען. אָבער צוהאַק מיר דעם קאָפּ אויף צווייען — איך קען זיך פאַרט ניט אויסמאַהלען, אַז דו זאָלסט אַלע יאָהרען, דאָס גאַנצע לעבען ליעב האָבען בלויז איין פרוי, און נאָך די אייגענע דערצו...

טאַבאַלצעוו איז ווידער אין כעס געוואָרען:

— גענוג גערעדט וועגען דעם דו וועסט דאָך ניט זיין מיין פרוי און עס איז דעריבער ניט דיין טאַטענס עסק! און ארויס־נעהמענדיג דאָס גאָלדענע זייגעריל פון דער וועסטען־קעשענע, האָט ער ווייך געזאָגט: — הער זיך איין, טשערנאָוו, איך טרייב דיך ניט ארויס פון דאַנען, אָבער איך וויל, אַז אכט אַ זייגער זאָלסטו שוין דאָ ניט זיין!

אויף טשערנאָוו'ס פּנים האָט זיך אַ שמייכעל באַוויזען און ער האָט געזאָגט:

— יאָ, יאָ, עס הויבט זיך שוין אָן! ווי זאָגט דאָרטען די אַלטע דיענסט: „אוים לעדיג־געהער! אוים אומזיסטיגע קעסט־קינדער!“ דער פּריץ ווערט אַ בעל הבית'ל...“

— אַך, דרעה ניט קיין מוח! — איז טאַבאַלצעוו געווען שטאַרק צופריעדען. — וואָס געהער זיך אָן איינעם מיט'ן צווייטען? איך וועל זיין נאָך דער חתונה דער זעלבער, וואָס איך בין איצט. איך וועל קיינעם פון מיין הויז ניט ארויסטרייבען. עס איז ניט מעהר, עס וועט דאָ מעהר ניט זיין קיין שטאַהל, נור אַ ריינע, ציכטיגע הויז, געפיהרט פון אַ גוטער בעל הבית'טע.

עס איז שוין געוואָרען אכט אַ זייגער און טשערנאָוו האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקליבען אוועקצוגעהן. און דאָ דאַרף באַלד אָנ־

קומען קאַטיאַ... איז טאַבאַלצעוו געפאַלען אויף אַ שכל; ער האָט זיך אָנגעטהאָן און זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער טהיר:

— איך דאַרף אַוועקגעהן, טשערנאָוו, קום מיט מיר!

טשערנאָוו האָט שוין געהאַט געוואָלט ענטפערען, אַז ער וועט נאָך דאַ פאַרבלייבען, אַבער ווען ער האָט דערזעהען ווי טאַבאַלצעוו קוקט אויף איהם אַזוי בייז, האָט ער זיך אָנגעהויבען אָנטהאָן.

בייסענדיג נערוועז די ליפען איז טאַבאַלצעוו געשטאַנען אין פאָדער־שטיבעל און אומגעדולדיג געוואַרט. אַז טשערנאָוו זאָל שוין אָנטהאָן די קאַלאָשען (ראַבערס) און דעם וואַרימען מאַנטעל.

— נו, וואָס געדוייערט עס דאַרטען אַזוי לאַנג ביי דיר, צום טייפעל! — האָט ער זיך געבייזערט.

— איך ווייס ניט וואו מיינע הענדשקעס זיינען — האָט טשערנאָוו געענטפערט וועלענדיג געפינען אַן אויסרייד צו פאַרבלייבען דאָ נאָך אַ פּאָר מינוט, כדי ער זאָל זיך דאָ טרעפען מיט קאַטיאַ'ן...

— עס וועט זיין גוט אָהן הענדשקעס אויך...

ווען טאַבאַלצעוו האָט דערזעהן טשערנאָוו'ן אַן אָנגעטהאָנענעם איז איהם געוואָרען גרינגער אויפ'ן הארצען. ער האָט איהם נאָך מעהר אונטערגעאיילט און ווען זיי זיינען ביידע ארויסגעגאַנגען אין דרויסען, האָט זיך טשערנאָוו געלאָזט געהן זיין וועג און טאַבאַלצעוו האָט זיך אריינגעזעצט אין זיין שליטען, וואָס האָט שוין פאַר איהם געוואַרט.

מיט אַמאָל האָט עס איהם ביים הארצען פאַרקלעמט פאַר דעם אומגליקליכען, עלענדען פוילענצער און ער האָט איהם גערופען צו זיך:

— הער זיך איין, גוטער ברודער, — האָט ער איהם ווייך געזאָגט, — געדענק, וואָס איך בעט דיר. זאָלסט זיך אונז אין די אויגען ניט וואַרפען! דו הערסט? אויב דו וועסט זיך אַמאָל לאַזען געהן צו מיר און אויפ'ן וועג וועסטו גראַדע באַגעגענען קאַטיאַ'ן, זאָלסטו פאַרגעסען מיין אַדרעס, זיך ניט דערוועגען צו קומען אַהער!

— דאס איז געמיין ! — האט טשערנאוו זיך געערגערט און איז אוועק א ברוגז'ער.

טאבאלצעוו האט איהם נאכגעקוקט מיט א שמייכעל און געקלעהרט :

— נו, איז דאס א פוינעל ! אזוי פיעל חוצפה האבען איז איינפאך א זעלטענהייט...

צוועלפטער קאפיטעל.

די אלטע מאדאם טאבאלצעוו, אנדרעי'ס מוטער, האט געהאלטען אן אויפפאסערין אין הויז. די אויפפאסערין איז געוועזן זעהר א שעהנע מיידעל, כאטש שוין ניט קיין יונגע. זי איז אלט געוועזן א יאהר עטליכע און דרייסיג, א הויכע, א שלאנקע, מיט א דונקעלע, שווארצליכען פנים און געהייסען האט זי פעדאסיא.

טאבאלצעוו'ן איז זי שטארק געפעלען געווארען און ער האט וועגען איהר ניט איין מאל געזאגט, אז דאס איז א „מיידעל מיט פעפער"...

עס איז שווער געוועזן צו געפינען נאך אזא פארשלאסענע נאטור און אזא פארביסען־שווייגענדיגע מיידעל, ווי די דאזיגע אויפפאסערין איז געוועזן. זי האט קיינמאל קיין איבעריג ווארט ניט גערעדט ; עס האט זיך געדוכט, אז זי זעהט גאר ניט, באמערקט גאר ניט, און דאך האט זי אלעס געזעהן און אלעס געוואוסט.

אלס אן אויפפאסערין אין הויז איז זי ממש געוועזן א זעלטענהייט. אלעס האט זי געקענט : נעהען, שטריקען, אויסנעהען, פארקאמען און אויך מאכען א מאסאזש. הענד האט זי געהאט ווי א צובאלעוועטע מיידעל, וואס טהוט גאר נים. פון שווערע ארבייט האט זי זיך אפגעזאגט, און נאכדעם, ווי זי איז דא אפגעוועזן בלויז א קורצע צייט, האט זי שוין גוט געקענט אלע קאפריזען און

געוואוינהייטען פון דער בעל הבית'טע און געטהאן אזוי, אז אהן איהר זאל מען זיך שוין ניט קענען באגעהן.

די דיענסטען אין קיך האבען זי ניט ליעב געהאט, ווייל זיי האבען אין איהר געפיהלט עפּעס א געהיימע מאכט. אז זי האט גע־הייסען, האט מען געמוזט פאלגען און צו וואס זי האט זיך גענומען, האט מען גלייך געפיהלט, אז דאס טהוט זי ניט קיין אנדערע...

חוץ דעם וואס זי איז געווען א דורכגעטריבענע און באזעסען א שטארקען כאראקטער, איז זי נאך געווען מעהר־וועניגער געביל־דעט, ליעב געהאט צו לעזען ביכער און שטילערהייד, קיינער זאל ניט וויסען, האט זי טאקע גענומען ביכער ביי פימא'ן און ליזא'ן. אבער געלעזען האט זי זיי בלויז ביי נאכט. זי איז אויך געווען א פרומע, מורא געהאט פאר גאט און אפט מאל געגאנגען אין קלויס־טער אריין צוזאמען מיט איהר בעל הבית'טע. גערעדט האט זי מיט א זינדיגער שטימע, איהרע מאניערען זיינען געווען איינגע־האלטענע, סאלידע. געגאנגען איז זי אלע מאל שטיל, ווי אויף די שפּיץ פינגער. מיט קיינעם האט זי קיינמאל זיך ניט געקריגט און די ברעמען האט זי אלע מאל געהאלטען ארונטערגעלאזט.

— אך, וויפיעל טייוואלים און רוחות עס מוזען דאס זיין בא־האלטען אין אט דער מיידעל! — האט טאבאלצעוו איינמאל גע־זאגט.

דערפאר איז די מוטער אויף איהם בייז געווען:

— זאלסט דאס מעהר ניט זאגען! — האט זי איהם באמערקט. פעדאסיא איז פּשוט א שטילע, ארענטליכע מיידעל, און איך וויל ניט, אז דו זאלסט זאגען א שלעכט ווארט אויף איהר!

דריי מאל אין דער וואך פלעגט זי בעטען, מען זאל איהר ער־לויבען געהן נעכטיגען צו איהרער א פארהייראטער שוועסטער. און אלע מאל איז זי דערנאך געקומען צוריק זיעבען א זייגער אין דער פריה א בלייכע, אן אויסגעמוטשעטע, מיט בלויע צייכענס אונ־טער די אויגען.

אויף דעם חשבון האט דער קוטשער (פוהרמאן, אנטרייבער) א געזונטער שייגעץ, וועלכער האט זיך צו איהר צוגעשארט און גע־

כאפט א מיאוס'ען אפשניט, זי געיאָדעט און איהר געזאָגט שטעכ־ווערטלאך.

— וואס קומסטו פון דארטען אזוי אויסגעבלייכט, פון דער שוועסטער דיינער? ווער מוטשעט עס דיך דארטען אזוי?... ווארט, ווארט... איך וועל דיר שוין נאכשפיאָנעווען און איך וועל אויסגעפינען צו וואס פאר א „שוועסטער" דו געהסט דאס נעכטי־גען דריי מאל אין דער וואך...

מיט איהר אויסזעהען און אויך מיט איהר כאראקטער שטריכען איז זי געווען געראָטען אין ליזא'ן. אבער מערקווירדיג! ניט קו־קענדיג דערויף האט ליזא זי פיינט געהאט בתכלית השנאה, און זי האט געקענט שווערען צו אלע הייליגקייטען, אז פעדאסיא פיהלט דאס זעלבע צו איהר, אז זי האט זי אויך פיינט בתכלית השנאה. פאר וואס? דאס האט זי אליין ניט געוואוסט. נאך מעהר, ליזא האט געפיהלט, אז אליין ניט וויסענדיג קלאָהר די אור־זאכע האט זי מורא פאר דער שווייגענדיגער אויפפאסעריו, וועלכע קוקט אויס ווי כשוף־מאכעריו, ווי א מענש, וואס איז שטענדיג פול מיט סודות... און יעדען מאל ווען זי, פעדאסיא, איז צו לי־זא'ן אין צימער אריינגעגאנגען, אזוי שטילערהייד, ווי איהר שטיי־גער איז געווען, האט זי זיך עפּעס אזוי מאדנע געשראָקען...

— איך וויים ניט פאר וואס, — האט זי איינמאל געזאגט טא־באלצעוו'ן, — אלע מאל ווען זי קומט אריין צו מיר אין צימער, פאלט אויף מיר א פחד, גלייך ווי זי וואלט פאר מיר א פלעשעלע סם געטראָגען... איך האב מורא פאר איהר...

— און עס קען נאך זיין, — האט טאבאלצעוו פון זיין זייט צו־געגעבען, — אז זי שטעהט הינטער דער טהיר און הערט זיך אונ־טער... און אט וועסטו זעהן, ווי זי וועט אונז אמאל כאפּען קו־שענדיג זיך, און דאן וועלען מיר ביידע זיין ביי איהר אין די הענד...

און געזאגט האט ער דאס אזוי, אז זי האט בשום אופן ניט געקענט וויסען צי ער מיינט דאס ערנסט צי אין שפאס.

כאטש ליזא איז געווען זיכער, אז פעדאסיא האט זי פיינט, איז דער אמת דוקא געווען פונקט פארקעהרט: פעדאסיא האט

ליזא׳ן דוקא זעהר ליעב געהאַט דערפאַר, וואָס זי איז אזא ריי־צענד שעהנע און אויך דערפאַר, וואָס זי טהוט זיך אָן מיט גע־שמאַק. עס איז איהר אויך געפעלען געוואָרען דאָס, וואָס ליזא איז אזא פאַרשלאָסענע נאַטור און אויך אַזאַ שווייגענדיגע... זי האָט זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט, וואָס זי קוקט אויס אַזוי ווי ליזא און מיט אַלע מעגליכקייטען האָט זי זיך געסטאַרעט איהר נאָכצוטהאָן; געהן אַזוי ווי זי און מאַכען דיעזעלבע באַוועגונגען, וואָס זי...

וועגען ליזא׳ס באַציהונגען צום מאַן האָט זי גוט געוואוסט; עס איז פאַר איהר קיין סוד ניט געווען, אַז ליזא שלאָפט ניט אין איין צימער מיט׳ן מאַן,און זי האָט זי מקנא געווען דערויף, וואָס זי קען ביי זיך פּועל׳ען צו לעבען אָהן אַ מאַן...

ווייל זי האָט געפיהלט, אַז ליזא האָט זי פיינט, האָט זי זיך שטאַרק געהאַלטען פון דער ווייטענס, כאָטש זי האָט איינפאַך גע־טרוימט וועגען ווערען נאָהענט צו איהר.

זי האָט שוין גוט געוואוסט ווי זיך צו האַלטען און אויך גוט פאַרשטאַנען, ווי אויפּפּאַסען אויף דעם אויבערשטען שטאָק, וואו די מאַדאַם טאַבאַלצעווא, אַנדרעי׳ס מוטער, האָט געוואוינט.

— די צווייטע אויפּפּאַסערין — סטיאָשאַ האָט זי געהייסען — איז שוין געווען גאַר אַן אַנדער מענש. זי האָט אויפגעפּאַסט אויף דעם הינטערשטען שטאָק, וואו די קינדער האָבען געוואוינט, און זי האָט זיך געהאַלטען ווייט ניט אַזוי ווי פּעדאָסיא.

דאָס איז געווען אַ לייכטזיניגע, שטענדיג אויסגעפוצטע מיי־דעל, וועלכע האָט שטאַרק געהאַלטען פון דער היינטיגער וועלט און הויפּטזעכליך — פון די היינטיגע מאָדעס. פּעדאָסיא׳ן האָט זי פיינט געהאַט, ווייל זי האָט ניט געוואָלט ליידען, וואָס דער יונגער געזונטער קוטשער שאַרט זיך צו איהר, כאָטש זי בלאָזט אַזוי פון זיך... זי אַליין האָט מיט איהם געלעבט און גאָר ניט געמאַכט קיין סוד דערפון, כאָטש זי האָט גוט געוואוסט, אַז אין דער היים, אין דאָרף, האָט ער אַ ווייב מיט קינדער...

אין יענעם אויף דער נאַכט ווען קאַטיא איז געקומען צו טאַ־באַלצעוו'ען, האָט פאַטאַפּאָוו אָנגעקלונגען פאַרזיכטיג ביי דער טהיר פון דעם הויז וואו אננא טאַבאַלצעווא (אַנדרעי'ס מוטער) האָט געוואוינט.

— וועמען דאַרפט איהר ? — האָט איהם געפרעגט דער אַל־טער סטאַראַזש אַרכיפ. — די יונגע פריצים זיינען דוכט זיך אין דער היים נישטאָ.

— נו, און די אַלטע איז דאָ ? — האָט פאַטאַפּאָוו געפרעגט.

פונקט דאַן ווען ער האָט דאָס געפרעגט, האָט פעדאָסיא שטי־לערהייד געעפענט די טהיר און אַ קוק געטהאַן.

פאַטאַפּאָוו איז געווען צופריעדען דערפון, וואָס דאָס איז אַן אומבאַקאַנטע. גוט אזוי, וועט זי ניט וויסען ווער ער איז און וואָס ער איז...

כדי עס זאָל איהר קיין חשד ניט איינפאַלען, האָט ער געמאַכט אַ וואַזשנע מינע :

— איז מאַדאַם טאַבאַלצעווא אין דער היים ? — האָט ער זיך געווענדעט צו דער אויפפאַסעריןן, — זייט אַזוי גוט און זאָגט איהר, אַז אַ סוחר פון סיביר וויל זיך מיט איהר זעהן...

פעדאָסיא האָט איהם שאַרף אָפּגעמאָסטען מיט די אויגען פון'ם קאָפּ ביז די פיס און ווי זי האָט זיך אַזוי געקוקט אויף איהם האָט זיך זיין פּנים איינגעקריצט אין איהר זכרון און זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט עס ניט פאַרגעסען...

„נו, האָט דאָס אַ פּאָר אויגען — אַזוי ווי מעסערס ! — האָט פאַטאַפּאָוו פאַר זיך געקלעהרט פיהלענדיג אויף זיך איהרע בליקען, — „אַזאַ אַסאַבע וואָלט געקענט זיין אַ גוטע שפּיאָנקע...“

די אויפפאַסעריןן האָט זיך אַ נויג געטהאַן פאַר'ן גאַסט ביז'ן גאַרטעל און מיט שטילע טריט ארויפגעלאָפען אויף די שטיגען. פאַטאַפּאָוו איז געבליעבען וואַרטען אין פאַדער־שטיבעל, קלאַפּענ־דיג אומגעדולדיג מיט די פינגער אַן טיש.

— מען בעט אייך ארויף, — האָט פעדאָסיא מיט איהר שטי־מע, ווי אויסגעזונגען אויסוואַקסענדיג אויף דער שוועל ווי פון

אונטער דער ערד. פּאַטאַפּאַוו איז אַזש רויט געוואָרען אונטער'ן ברענענדיגען בליק פון איהרע אויגען, און ווען ער איז אריינגע־קומען אין'ם אויפנאַהמס־צימער האָט ער דאָס ערשטע שטאַרק צוגעמאַכט די טהיר און ערשט דערנאָך מיט אַ ברייטען שמייכעל אַ קוק געטהאָן אויף דער בעל הבית'טע.

אננאַ איז אויפגעשטאַנען. אַ ווײַלע האָבען זיי זיךביידע איינער אויפ'ן אַנדערען געקוקט. פּאַטאַפּאַוו'ען האָט דאָס הארץ אומרוהיג געקלאַפּט.

— איהר דערקענט מיך גאָר ניט, מאַדאַם טאַבאַלצעווא ?

אַ פריידענס־געשריי האָט זיך פון אננאַ'ס הארץ ארויסגעריסען און זי האָט זיך מיט ביידע הענד אַ לאָז געטהאָן צו איהם. זיי האָבען גאָר אַליין ניט באַמערקט, ווי עס האָט פּאַסירט, וואָס זיי האָבען זיך ביידע שטאַרק ארומגענומען און זיך צוקושט... אין דער צייט איז פעדאָסיא געשטאַנען הינטער דער טהיר און אַלעס גע־הערט...

שפּעטער האָט אננאַ געהייסען פעדאָסיא'ן דערלאַנגען דעם סאַ־מאָוואר אהער אין שלאָף־צימער און ניט אין עס־צימער. זי האָט אויך געהייסען ארויפשיקען אהער ליזא'ן...

אין אַ מינוט ארום איז ליזא אריינגעקומען. זי האָט אויסגע־קוקט צו זיין זעהר אומעטיג און פארבענקט.

ליזא איז געווען שטאַרק איבערראַשט ווען זי האָט דאַ, ביי דער שוויגער אין צימער דערזעהן אַ מאַן. אין דעם צימער פלעגט די אַלטע אויפנעהמען בלויז טאַבאַלצעוו'ן איהר געליעבטען זוהן, און קיינער האָט אהין ניט געטאָרט אריינקומען אָהן מעלדונג. „דאָס מוז זיין עפּעס אַ גייסטליכער אָדער אַ וואַנדערער"... האָט זיך ליזא געטראַכט.

נור ווען פּאַטאַפּאַוו האָט זיך אויפגעהויבען זי צו באַגריסען און זי האָט דערזעהן ווי שעהן ער איז, האָט זי פארשטאַנען, אַז ער איז ניט קיין גייסטליכער.

„ווער קען דאָס זיין ? — האָט זי זיך געקלעהרט. — אַזאַ גרוי־סער... אַזאַ שטאַרקער... אַזאַ שעהנער און מיט אַ קליין מיילכעל,

ווי ביי א פרוי... און מיט אַ ליעבליכען שמייכעל ווי ביי אַ קינד...
ווער קען דאָס זיין ?...

דערנאָך האָט ליזא ארויפגעבראַכט איינגעמאַכטס צו דער טהעע, פארשיעדענערליי פּארבייסענס און אויך געזאַלצענס צו דער וועטשערע. און יעדען מאָל האָט פּאָטאַפּאָוו מיט אַן אומרוהיגען געפיהל און מיט נייגעריגע בליקען נאַכגעפאָלגט איהר יעדע באַוועגונג.

אָפיציעל האָט מען זיי ניט פאָרגעשטעלט איינע פאר די אנדערע. ביים געזעגענען זיך, איידער ליזא איז ארונטערגעגאנגען האָבען זיי זיך ווידער שעהמעוודיג און באַשיידען איבערגעקוקט, זיך געגויגט איינער פאר'ן אנדערען, און ליזא איז איינפאַך געווען איבערראַשט פון זיינע צוויי קינדערשע אויגען. עס האָט זיך איינפאַך ניט געגלויבט, אַז אזא געזונטער יונגערמאַן מיט אזא שטאַרקער מענערשער שטימע, זאָל האָבען אזעלכע צוויי גוטע קינדערשע אויגען.

און וועיל ליזא האָט געזעהן, ווי די שווינגער אליין באַציהט זיך צום גאַסט מיט אזוי פיעל אַכטונג, איז ער געוואָרען פאר איהר נאָך אינטערעסאנטער און זי האָט דערפאר אַ לאַנגע צייט געהאַלטען אין איין קלעהרען וועגען איהם. ווער קען דאָס זיין ?...

פּאָטאַפּאָוו איז דאָ געבליעבען נעכטיגען.

די בעל הבית'טע האָט פאר'ן שלאָף אַנגעזאָגט פעדאָסיא'ן, אַז זי זאָל דעם גאַסט אויסבעטען אין דעם זעלבען צימער„ וואו איהר געליעבסטער זוהן פלעגט שלאָפען; אַז זי זאָל זעקס אַ זייגער אין דער פריה ארייַנטראָגען אהער, אין איהר צימער דעם סאַמאָוואר. זי האָט איהר אויך אַנגעזאָגט, אַז פאר דעם דאָזיגען גאַסט איז זי אַלע מאָל אין דער היים...

— אפילו ווען ער וועט קומען און איך וועל ניט זיין אין דער היים, זאָלסטו איהר ארייַנלאָזען... — האָט זי דער אויפפּאַסערין אַנגעזאָגט.

די אויפפּאַסערין האָט אַלעס אויסגעהערט געהאָרכזאַם, זיך טיעף פארנייגט און איז ארויס פון צימער. זי האָט זיך, פונקט ווי

ליזא, געבראָכען דעם קאָפּ: „ווער קען דאָס זיין?...“ און ער איז אַזאַ שטאַרקער... אַזאַ ישעהנער יונג!...

ווען פּאַטאַפּאַוו איז אריין אין דעם ליכטיגען, אויפגערוימטען צימער, וואָס מען האָט פאר איהם צוגעגרייט, האָט ער געפיהלט, ווי א ווארימער פרייד צוגיסט זיך אין זיין הארצען אריין און ער האָט שוין מיט פארגעניגען געקלעהרט אז היינט ביינאַכט וועט ער זיך סוף כל סוף אויסרוהען אויף ווייכע קישענס און אונטער א ווארימע קאָלדרע, נאָכדעם ווי ער האָט אַזאַ לאַנגע צייט זיך ארומגעבלאָנקעט אויף דער וועלט און אין ערגעץ פון קיין רוהע ניט געוואוסט. אָבער ווען ער איז צוגעגאַנגען צום בעט, גרייט זיך שוין אויסצוטהאָן, האָט ער דערזעהן פּעאַדאָסיא'ן... זי איז גע־שטאַנען לעבען בעט און, ווי זי וואָלט כלומרשט גאָר ניט אויסען געווען, אויסגעקלאָפּט די קישענס...

— אָט דאָ האָט איהר ווייכע שטעקשיך, ליעבער גאַסט, — האָט זי מיט איהר זינגענדיגע שטימע געזאָגט, — און אָט איז וואַ־סער אויף אָפּצוואַשען זיך אין דער פריה... און אפשר ווילט איהר אז איך זאָל פאר אייך אָנציהען דעם וועק־זייגער?

— ניין, מען דארף ניט, — האָט פּאַטאַפּאַוו שעהמעוודיג און שטיל געזאָגט. — איך דאַנק אייך זעהר. איך וועל דאָס אליין טהאָן. און אליין ניט וויסענדיג פארוואָס, האָט ער דערפיהלט א מורא פאר איהר...

פארנייגענדיג זיך טיעף ביז'ן גארטעל, האָט זיך פעדאָסיא געלאָזט ארויסגעהן, אָבער לעבען דער טהיר האָט זי זיך אָפּגע־שטעלט און עפּעס אַזוי שארף און פיעל־באַדייטענד א קוק גע־טהאָן אויף פּאַטאַפּאַוו'ן...

ער האָט אַזש א ציטער געטהאָן מיט זיין גאַנצען ריעזיגען קערפּער, ווען ער האָט אויף זיך איהרע בליקען דערפיהלט. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכע ליכטיגע און זשעדנע אויגען ניט געזעהן!... ווילענדיג ניט ווילענדיג האָט ער איהר געמוזט קוקען אין די אוי־גען אריין, פון וואַנען עס האָט ארויסגעשטראָמט א ים פון צורייצ־טע ליידענשאַפט...

אזוי איז אוועק א קורצע ווייל'ע. פאטאפאוו האט געפיהלט ווי דאס בלוט קומט איהם אין פנים אריין און אין די שלייפען פון שטערן קלאפט עפעס אזוי שטארק, גלייך ווי האמערס וואלטען זיך דארטען אהין און אהער געהוידעט...

— אפשר... אפשר דארפט איהר... נאך עפעס? — האט זי שטיל און פיעל באדייטענד איהם געפרעגט, ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפער פון'ם שטארקען באגעהר וואס האט זי ארומגע־כאפט צו זיין נאהענט מיט דעם דאזיגען געזונטען, שעהנעם יונגען מאן.

— ניין... איך דארף מעהר גאר ניט... — האט פאטאפאוו כמעט בייז געענטפערט און דערביי געפיהלט, אז עס פעהלט ניט קיין סך דערצו, אז ער זאל א צורייצטער זי געבען א שלעפ צו זיך און זי געבען אווארף אין בעט אריין...

נאך א ווייל'ע איז די שעהנע אויפפאסערין געשטאנען לעבען דער טהיר און דערנאך האט זי שטילערהייד ליידענשאפטליך ארויסגעשעפטשעט:

— איך שלאף אין דעם צווייטען צימער... פון יענער זייט וואנט... אויב איהר וועט מיך דארפען, זאלט איהר אנקלאפען אן דער וואנט...

און זי איז פערשוואונדען געווארען אויך אזוי שטיל, גלייך די ערד וואלט זי איינגעשלונגען...

— נו, איז דאס א סחורה! — האט פאטאפאוו פאר זיך שטיל געזאגט און דאס הארץ האט איהם שטארק אומרוהיג געקלאפט...

דערנאך האט ער שוין א גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפען, כאטש ער איז געווען אזוי מיעד און צובראכען. פון איין זייט אויף דער אנדערער האט ער זיך געווארפען און עס האט זיך איהם אלץ געדוכט, אז ער הערט ווי פון יענער זייט וואנט אטהעמט אזוי היים די שעהנע, ליידענשאפטליכע מיידעל מיט די צוויי ליכטיגע ברענענדיגע אויגען...

עס האט זיך איהם אין דער זעלבער צייט אויך געדוכט, אז אין דער פינסטער זעהט ער ליזא'ס פנים... אט די ווילדע, שטענ־

דיג אומעטיגע ליזא האָט אויף איהם עפּעס אַ מערקווירדיגען איינדרוק געמאַכט, כאָטש ער האָט זיך צו פּרויען גאַר ווענינ צו־געקוקט...

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פרוי?" האָט ער אַלץ געקלעהרט, און ווי ער האָט נאָר די אויגען צוגעמאַכט, איז זי גלייך אויסגע־וואקסען פאַר איהם מיט די פעך־שווארצע האָר און מיט דעם שטאָלצען, פאַרבענקטען בליק אין די אויגען...

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פרוי?" האָט ער אָהן אויפהער זיך געבראָכען דעם מוח. — עפּעס קומט זי מיר פאַר אַזוי קענטליך... וואו האָב איך זי געזעהן? אַז ווענמען איז זי געראַטען?...

ער האָט זיך אָבער גאַר ניט געקענט דערמאָנען. איז ער אַזוי אַפּגעלעגען אַ גאַנצע נאַכט אַן אומרוהיגער, אַ צורייצטער, און ערשט פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפען...

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

טאַבאַלצעוו האָט זיך אַליין גע'חידוש'ט און ניט געקענט פאַר־שטעהן וואָס פאַר אַ מענש ער איז געוואָרען זייט ער האָט זיך פאַרליעבט אין קאַטיא'ן. אין אָנפאַנג האָט ער געמיינט אַז נאָכ־דעם ווי זי וועט ביי איהם עטליכע מאָל נעכטיגען וועט זי איהם דערעסען ווערען, פּונקט אַזוי ווי אַנדערע פרויען פאַר איהר, און ער וועט שוין זיין גערן, ווען זי וועט זיך פון איהם אָפּטשעפּען.

אָבער עס איז דוקא ניט אַזוי געווען. וואָס אַמאָל איז זיין ליעבע צו איהר געוואָרען אַלץ שטאַרקער און ברענענדער, און ער האָט זיך ביי איהר אָפּטמאָל כמעט ווי געבעטען:

— קאַטיא, טייערינקע מיינע, לאָמיר חתונה האָבען!

זי איז געווען זיכער אין דעם, אַז ער וועט זיך אין קיין אַנדע־רע ניט פאַרליעבען, זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אין איהר פאַרליעבט ביז איבער די אויערען, און אַזוי ווי זי איז אַלע מאָל

געוועז אַ אויסגערעכענטער, פּראַקטישער מענטש, האָט זי איהם דערויף געענטפערט אַזוי:

— ניין, אַנדריושאַ, איצט קענען מיר נאָך ניט חתונה האָבען, ווייל איך האָב קיין צייט ניט... פריהער מוז איך אָפּ'פּטור'ן די עקזאַמענס אין אינסטיטוט. איידער איך וועל פאַרטיג מיט די עקזאַמענס, קען איך ניט חתונה האָבען...

ביי איהר זיינען די עקזאַמענס געוועזן אַ וויכטיגע פּאַסירונג און אַ גאַנצער יום טוב. אַנדערע מוזיק־לעהרערינס האָבען זיך פאַר די עקזאַמענס געשראָקען, ווייל דער אינספּעקטאָר, אַן אַלטער שטרענגער מאַן מיט אַ שעהנעם אידישען געזיכט, איז געוועזן זעהר אַ קאַפּריזנער און ניט געקענט פאַרטראָגען דעם מינדעסטען פאַלשען טאָן. די מוזיק לעהרערינס פון'ם אינסטיטוט האָבען גע־ציטערט פאַר איהם ווי פאַר פייער, ווייל ער האָט זיך צו זייערע שילערינס געטשעפּעט פאַר וואָס זיי שפּיעלען שלעכט. אָבער קאַטיאַ האָט פאַר איהם קיין מורא ניט געהאַט, ווייל חוץ דעם, וואָס זי איז אַליין געוועזן די בעסטע פּיאַנאָ־שפּיעלערין אין'ם אינסטיטוט, האָבען איהרע שילערינס אויך געשפּיעלט בעסער פאַר אַלע אַנדערע. און אַלע מאָל האָט איהר דער שטרענגער אינספּעק־טאָר שעהנע קאָמפּלימענטען געמאַכט און זי פאַר אַלעמען גע־לויבט:

— אָט דאָס הייסט אַ גוטע פּיאַנאָ־לעהרערין! אָט דאָס מייד־על איז אַ גאָט געבענשטער טאַלאַנט!

אין אינסטיטוט, וואו מען מאַכט דעם אָנשטעל פאַר דער וועלט אַז די מאָראַל ווערט שטאַרק אָפּגעהיט, באַטש אין דער אמת'ן איז דאָס ניט אַזוי, — וואָלט מען ניט געוועזן געוואוסט, אַז קאַטיאַ האָט אַ געליעבטען. איז אָבער טאַבאַלצעוו'ן אָנגעקומען אַ חשק צו באַגעגענען קאַטיאַ'ן ביים ארויסגאַנג, און דאָס איז שוין געוועזן געוועזן בענוג.

דער פּאַרוואַלטערין איז געפעלען געוואָרען דער יונגער מאַן אַזוי שנעל ווי זי האָט איהם דערזעהן און אויף מאָרגען, ווען זי

איז אין אינסטיטוט געקומען, האָט די פּאַרוואַלטערין זי צו זיך אַרייגגערופען אויף אַ פאַרהער:

— איהר האָט אַ חתן? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, איך האָב אַ חתן. — האָט קאַטיאַ דרייסט געענטפערט.

— און איהר האָט איהם ליעב?

— יאָ.

— און ווען וועט זיין די חתונה?

— דאָס האָבען מיר נאָך ניט באַשטימט.

דער פּאַרוואַלטערין איז געפעלען געוואָרען ווי די מיידעל פאַר־ליקענט גאָר ניט, ווי זי ענטפערט אַזוי דרייסט און קוקט גלייך אין די אויגען אַריין, און זי האָט זי דערפאַר אַ קוש געטהאָן אין שטערן.

קאַטיאַ אַליין איז געווען זעהר צופריעדען דערפון, וואָס די פּאַרוואַלטערין האָט מיט איהר גערעדט. עס איז איהר דערנאָך אַ שווערער שטיין פון הארצען אַרונטער. אַן עק! אויסגעזאָגט דעם אמת און זאָל מען וויסען אַז זי האָט אַ געליעבטען! דעם אמת זאָגען איז אַלע מאָל דאָס בעסטע, ווארום זאָגען ליגענס און זיך אויסבאַהאַלטען — דאָס קען זי ניט... עס איז ניט אין איהר טבע.

די פּאַרוואַלטערין האָט איהר דאָך אָנגעזאָגט, אַז פון היינט אָן זאָל זי זיין פאַרזיכטיגער און זעהן, אַז איהר חתן זאָל ניט וואַרטען אויף איהר לעבען אינסטיטוט, ווייל דאָס קען נאָך חלילה האָבען אַ שלעכטע ווירקונג אויף די מיידלאַך...

יאָ, קאַטיאַ איז געווען גליקליך פון איהר ליעבע צו טאַבאַל־צעוו'ן, כאָטש זי איז ניט געווען פאַר'שכור'ט און פאַרבלענדעט אַזוי ווי אַנדערע פאַרליעבטע מיידלאַך. זי האָט אַלע מאָל גע־קוקט אויפ'ן לעבען מיט אָפענע אויגען.

ווייל איהר פאָטער איז פון איהר מוטער אוועק נאָך מיט יאָהרען צוריק און איבערגעלאָזט די פאַמיליע אָהן מיטלען צום לעבען, האָט זי דעריבער געקוקט אויף אַלע מענער ווי אויף פאַר־דאָרבענע מענשען... פאַר איהר, פאַר קאַטיאַ'ן איז געווען קלאָהר,

אז א מאן וואס האט ליעב בלויז ביז ער פיהרט אויס דאס זייניגע... ביז די פרוי גיט זיך איהם איבער... דערפאר דארף א מיידעל — ווי פארליעבט זי זאל ניט זיין אין א יונגען מאן, — שטענדיג זיין פארזיכטיג... זי מוז זעהן, אז איהר געליעבטער זאל איהר קערפער ניט באריהרען איידער ער האט מיט איהר ניט חתונה גע־זעצליך... און זי מוז אויך זעהן, אז עס זאל זיך איהר לוינען חתונה צו האבען. דאס הייסט אז נאך דער חתונה זאל זי מעהר ניט דארפען ארבייטען, נאר דער מאן זאל אויף זיין קאפ טראגען דעם גאנצען יאך פון דער פרנסה, און זי, די פרוי, זאל זיין א בעל הבית'טע און זיך אפגעבען מיט די קינדער... או די הויפט־זאך — ניט לאזען דעם מאן קריכען אויפ'ן קאפ, נור איהם שטענ־דיג האלטען אין די הענד... אנדערש קען ער נאך חלילה צובאר־לעווען ווערען און הינטער דער ווייב'ס פלייצעס בארפיהרען א ליעבע מיט אן אנדערער און נאך האבען אומגעזעצליכע קינדער מיט איהר... ווארום עס איז דאך נישט דא קיין איין מאן קיין חעכטער. אלע זיינען זיי לומפען און אויסווארפען!...

אט אזא מיינונג האט זי געהאט וועגען מענער.

ווי זשע קומט דאס, וואס זי האט, האבענדיג אזא מיינונג, גע'פועל'ט ביי זיך צו קומען צו טאבאלצעוו'ן טעכטיגען גלייך נאך דעם ווי ער האט זי דאס ערשטע מאל גערופען? האט זי טאקע אזוי שטארק געגלויבט אין זיין ליעבע? אין זיין אנשטענדיג־קייט? עס הויבט זיך גאר ניט אן! פון איהם האט זי ערווארר־טעט ווענינער גוטס ווי פון אן אנדערען. נאך מעהר: זי איז געווען מעהר ווי זיכער, אז נאכדעם ווי זי וועט זיך איהם איבער־געבען, וועט ער ווערען צו איהר אין גאנצען אבגעקיהלט און מעהר זיך גאר ניט וועלען טרעפען מיט איהר...

און דאך איז זי געגאנגען צו איהם... ווייל זי האט איהרע געפיהלען צו איהם ניט געקענט דערשטיקען. זי האט איהם אזוי שטארק ליעב געהאט, זי האט אזוי היים געגארט איהם צו האבען, אז זי איז געווען גרייט אויף אלעס, אפילו מיט איהר גאנצען לעבען צו בעצאהלען... פאר פערברייגגען איין נאכט מיט

טאבאלצעוו'ן איז זי געווען גרייט דערנאך אלע איהרע יאהרען אבצוקומען...

דערפאר איז זי געווען אזוי איבערראשט, ווען טאבאלצעוו, נאכדעם ווי עס איז איהם אזוי גרינג אנגעקומען צו קריגען פון איהר דאס וואס ער האט געוואלט — איז גאר צוגעשטאנען צו איהר אז זי זאל מיט איהם חתונה האבען...

דאס האט זי גאר ניט געקענט פערשטעהן. דערויף האט זי זיך גאר ניט געריכט.

און ווייל זי האט געזעהן, אז ער האט זי טאקע אמת ליעב, האט זי שוין צו איהם דעם גרעסטען צוטרויען געהאט און איהם געגלויבט יעדעס ווארט וואס ער האט איהר געזאגט. זי האט אליין קיין ליגענס ניט געקענט זאגען און עס איז פאר איהר געווען גאנץ נאטירליך, אז איהר געליעבטער קען אויך קיין ליגענס ניט זאגען.

ווען איהר מוטער, וועלכע האט זיך שוין געהאט אנגעשטויסען ווי ווייט עס האלט, האט איהר איינמאל געזאגט, אז עס איז ניט קיין פלאן אבצולייגען די חתונה אויף שפעטער, ווייל ווער ווייסט וואס עס קען זיך נאך טרעפען, האט קאטיא אויף איהר א פערוואונדערטע די אויגען אנגעשטעלט און געפרעגט:

— וואס קען זיך דען טרעפען? ער וועט שטארבען צי מען וועט איהם אויסכאפען?

און זי האט אויסגעברייט די מוטער, אז מען דארף ניט איילען און עס איז ניטא וואס צו איילען:

— בעסער, — האט זי געזאגט — וועל איך זיין אין אינסטיטוט נאך דריי מאנאטען, וועל איך האבען דערפאר נאך זעקס הונדערט רובעל. אזא סומע וועט אונז גוט צוניץ קומען, מיר וועלען זיך קענען לאזען מאכען וואס אונז פעהלט... איך האב ניט קיין וועש און מיין פוטער'ל איז שוין אביסעל אבגעריבען... סאניא דארף האבען א חופה־קלייד... און ווער ווייסט? אפשר וועל איך שוין גאר קיינמאל אין מיין לעבען מעהר אזעלכע צייטען ניט האבען... ווער ווייסט וואס נאך דער חתונה וועט זיין...

נישט קשה, — האט זי מיט א שמייכעל צוגעגעבען, — חתונה האבען פרעשפעטיגט מען קיינמאל ניט...

די מוטער האט אויסגעווישט א טרעהר. זי האט זיך דער־מאנט אן יענע גוטע צייטען, ווען זי איז נאך א כלה־מיידעל גע־ווען. זי האט געוואוסט, אז דער שעהנסטער מאמענט אין דער פרוי'ס לעבען איז ווען זי איז א כלה... איידער זי האט חתונה, און קורץ ווי א זומער־חלום איז דאס גליק פון א פרוי...

סאניא האט אבער געהאט אן אנדער מיינונג וועגען דעם. — מיט וואס איז זי אזוי זיכער? וואלט איך געוואלט וויסען. — האט זי איינמאל געזאגט דער מוטער ווען קאטיא איז ניט געווען אין דער היים. קען מען זיין זיכער אין א מאן? קיין מאן טאהר מען ניט גלויבען, און בפרט נאך אזא מאן ווי טאבאלצעוו איז!

ווען די אלטע וואלט געווען אביסעל קליגער, וואלט זי סאניא'ן געשטעלט אזא פראגע:

„ווי קומסטו, א מיידעל פון זיעבעצעהן יאהר, צו וויסען אזעל־כע זאכען?"

נור אזוי ווי זי איז קיין איבעריגע חכמה ניט געווען, און דערצו האט זי נאך גלאט מיט סאניא'ן זיך ניט געוואלט פער־טשעפען, האט זי געמאכט א שווייג און גאר ניט איבערגעפרעגט.

כאטש קאטיא איז געווען אזוי זיכער אין טאבאלצעוו'ס ליע־בע און כאטש טאבאלצעוו האט ארויסגעוויזען זיין ליעבע דערמיט, וואס ער האט קאטאי'ן געקויפט שעהנע מתנות פאר דער חתונה — איז סאניא דאך געווען זיכער אז דאס איז ניט מעהר ווי אזא צערעמאניע, און פריהער אדער שפעטער וועט טאבאלצעוו זיין איהרער... אין גאנצען איהרער... זי איז אויך געווען זיכער, אז זיין פערליעבען זיך אין דער עלטערער שוועסטער איז ניט מעהר ווי א טעות, און סוף כל סוף וועט ער זיך כאפען, אז ער האט געטהאן א גרויסע נארישקייט דערמיט, וואס ער האט זיך אין איהר פארליעבט . . . און דאן . . . דאן וועט קומען איהר, סאניא'ס יום טוב... דערווייל איז זי גרייט צוווארטען יאהרען, לעבען ווי אין א חלום, גאר ניט זעהן, גאר ניט הערען, אבי עס

זאָל זיך נאָך אַמאָל איבער'חזר'ן דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין יענעם פריהמאָרגען ווען זי האָט איהם צוגעשלעפּט צו איהר בעט...

און זי האָט געפיהלט, די קליינע, אז איהרע דאַמאָלסדיגע צערטליכקייטען וועט ער ניט קענען פאַרגעסען, אז ער וועט זיי שטונדען פיהלען און בענקען נאָך זיי... אינסטינקטיוו האָט זי געפיהלט, אז טאַבאַלצעוו איז אַזאַ מאַן, וואָס קען ניט ביישטעהן דעם נסיון ווען אַ יונגע פרוי טשעפּעט זיך צו צו איהם...

און זי האָט באַשלאָסען צו וואַרטען אויף אַ פּאַסיגער געלעגענהייט.

אַלע מאָל האָט זי געמיינט אז אָט־אָט קומט שוין די געלעגענהייט. אָבער זי איז געווען ענטוישט, ווייל טאַבאַלצעוו, כאָטש ער איז יעדען טאָג געקומען צו דער כלה אהיים, האָט זיך דאָך געהאַלטען פיין און לייטיש, און ניט געגעבען סאָניאַ'ן די מינדעסטע אָנצוהערעניש, אז ער דענקט עפּעס וועגען איהר.

זיינע וויזיטען זיינען געווען אַ יום טוב פאַר'ן גאַנצען הויז, אפילו פאַר דער דיענסט. דאָס האָט געבראַכט הערצו, אז אַלע אין הויף, אפילו דער בעל הבית פון'ם הויז און דער דוואָרניק (דזשעניטאָר), זאָלען זיך אָנהויבען באַציהען מיט מעהר אכטונג צו קאַטיאַ'ן און צו איהר פאַמיליע. וואָרים מען מוז דאָך האָבען דרך ארץ ווען מען זעהט ווי אַ חתן פאָהרט צו מיט אַן אייגענער קאַרעטע איינגעשפּאַנט מיט גוטע צוויי פערד, מיט אַ קוטשער וואָס געהט אָנגעטהאָן אַזוי וואַזשנע...

די שכנים און די שכנות האָבען שוין געהאַט פון וואָס צו ריידען און עס איז ביי זיי גאָר קיין צווייפעל ניט געווען, אז דער חתן איז אַ „מיליאָנשטשיק". אפילו דער פּאָליציייסקער, וועלכער איז אויפ'ן ראָג געשטאַנען, האָט אויך געגלויבט אין דעם אז דער חתן איז אַ „מיליאָנשטשיק", און הערפאַר האָט ער שוין צוגעלייגט די האַנד צום דאַשעק אַלע מאָל ווען קאַטיאַ איז פערבייגעגאַנגען פערביי איהם...

קאַטיאַ'ן האָט זיך געדוכט, אז דורך דעם וואָס טאַבאַלצעוו איז

געוואָרען איהר חתן, איז זי געוואָרען גרעסער, אויסגעוואַקסען העכער... און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען אויך, ווייל זייטיגע מענשען האָבען טאַקע אָנגעהויבען קוקען אויף איהר אַזוי ווי זי וואָלט גאָר פּלוצים אויסגעוואַקסען.

עס איז געווען גענוג, אז זי זאָל אַ רוף טהאָן דעם דוואָרניק (דזשעניטאָר), און ער האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטהאָן און אונטערטהעניג אַראָפּגענומען דאָס היטעל פאַר איהר. עס איז געווען גענוג, אז זי זאָל זאָגען דעם בעל הבית פון'ם הויז אז מען דאַרף עפּעס צו רעכט מאַכען, און ער האָט גלייך אַ בעל מלאכה געשיקט, כאָטש ער איז געווען זעהר אַ קאַרגער און געזשאַלעוועט אויסצוגעבען אַן איבעריגען גראָשען.

דער קאָפּ האָט זיך איהר אַזש פאַרדרעהט פאַר גרויס גדולה און אויך דערפון, וואָס זייטיגע מענשען האָבען גאָר אַנדערש גענומען קוקען אויף איהר. ווארים אַלע איהרע יאָהרען איז זי געווען געוואָהנט, אז מען זאָל זי קריוודען אַז זי זאָל ליידען צרות און נויטה, און מיט אַמאָל גאָר אַזאַ איבערקעהרעניש...

נאָך מעהר האָט זיך איהר דער קאָפּ פאַרדרעהט ווען טאַבאַלצעוו'ס מוטער, די צוקונפטיגע שוויגער איהרע, האָט איהר צוגעשיקט אַ מתנה, אַ טייערע פוקסענע פוטער'ל. פון גרויס איבעראַשונג האָט זי אַ מאַך געטהאָן מיט ביידע הענד און איז אַזש רויט געוואָרען, אַזוי אַז טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

אַ גאַנצע וואָך זיינען די פרויען פון גאַנצען הויף — בעל הבית־טעס און דיענסטען — געגאַנגען בעטראַכטען דאָס פוטער'ל ווי עפּעס אַ טשיקאַוועס: מען האָט עס בעטאַפּט, בעקוקט און אייניגע האָבען עס גאָט צוגעלייגט צו די נעז און געשמעקט דערפון... עס האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע פרויען וועלכע האָבען דאָס פוטער'ל אָנגעמאָסטען און זיך געצאַצקעט דערמיט אַקעגען שפּיעגעל. עס האָט זיך געטומעלט מיט'ן פוטער'ל...

— אין אַזאַ פוטער'ל מעג מען שוין פאָהרען אין קאַרעטעז

— האָבען די שכנות געזאָגט. — עס איז שוין איינמאָל אַ פּור־טער'ל!

— און זי וועט טאַקע פאָהרען אין קאַרעטען — האָט די מוּ־טער דערויף מיט זיכערקייט געענטפערט.

אין הויז האָט זיך טאַבאַלצעוו צייטענווייז געהאַלטען אַזוי, אַז מען האָט גיכער געקענט מיינען, אַז פערליעבט איז ער גאָר און סאָניאַ'ן, ניט אין קאַטיאַ'ן. מיט איהר, מיט דער קליינער שוועסטער, האָט ער זיך אַמאָל ערלויבט אַ שטיף צו טהאָן און מיט קאַטיאַ'ן ניט. די קליינע האָט איהם אַלע מאָל בעגעגענט מיט אַ ליעבליכען זיסען שמייכעלע, קאָקעטירט מיט איהם און זיך שוין פאַרגעשטעלט דעם גליקליכען מאָמענט, ווען ער וועט ענדליך זיין איהרער, אין גאַנצען איהרער...

דאָך איז זי געווען זעהר פאַרזיכטיג און זיך געהאַלטען אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט בעמערקען ווי זי בעציהט זיך צו איהם, אַז קיי־נער זאָל ניט וויסען וואָס זי טראַכט...

אַן אייגענער מענש איז טאַבאַלצעוו געוואָרען ביי קאַטיאַ'ס מוטער אין הויז. אַלע מאָל, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער טהעע, האָט ער אריינגעלייגט די צוויי גראָבע פינ־גער אין די קעשענקעלאָך פון דער ווייסער זשילעט, זיך צוגערוקט צו דער וואַנט און אויף זיין שטייגער גענומען דערצעהלען מעשה'־לאָך.

און דערצעהלען האָט ער געקענט שעהן, גלאַטיג און אינטע־רעסאַנט. עס איז געווען גענוג אַז ער זאָל נור די ערשטע פּאָר ווער־טער ארויסריידען, און די פרויען האָבען שוין געלאַכט. אפילו די דיענסט האָט אויך אָנגעקוואָלען פון די שעהנע מעשה'לאָך, וואָס ער האָט דערצעהלט. און ווי זי האָט נור דערהערט אַז ער רעדט דאָרטען, האָט זי זיך גלייך אָוועקגעשטעלט ביי דער טהיר און שוין געווען גרייט צו לאַכען...

אַ שמחה איז געווען אין הויז אַלע מאָל ווען טאַבאַלצעוו איז געקומען. ער האָט מיט זיינע וויזיטען אהער אַ נייעם שטראָם לע־בען אריינגעטראָגען און אַלעמען פרעהליך געמאַכט... דער אַלטער

מוטער האבען זיך אזש די טרעהרען געשטעלט אין די אויגען פאר פרייד און סאניא האט פאר גרויס שמחה אזש אונטערגעטאנצט, געפאטשט מיט די הענד און געבעטען:

— אך, טהייערינקער!... אך, ליעביטקער!... דערצעהל נאך עפעס א מעשה'לע! דערצעהל!...

און קאטיא האט פון איהם די אויגען ניט אראפגענומען און פון'ם טיעפען הארצען געלאכט און זיך געפרעהט.

אין אזעלכע מאמענטען האט זיך טאבאלצעוו'ן געדאכט, אז ער וואלט מוחל געווען אלע אפלאדיסמענטען אין א טעאטער פאר דעם פערגניגען, וואס ער פערשאפט די דאזיגע צוויי מיידלאך...

עס האט לאנג ניט געדויערט, און קאטיא האט זיך ביי טא־באלצעוו'ן אין הויז אויך אנגעהויבען פיהלען ווי אן אייגענער מענש אלע מאל ווען זי איז אהין געקומען. א דאנק איהר שעהנעם בענעהמען זיך און אויך א דאנק איהר שטאלצען האלטען זיך, האט די אלטע דיענסט, וועלכע האט זיך בעצויגען צו טאבאלצעוו'ן ווי אן אייגענע מוטער, זי שטארק ליעב געקראגען. און איינמאל האט זי טאבאלצעוו'ן געזאגט אזוי:

— נו, אנדריושא, אט דאס הייסט א פיינע מיידעל! אט דאס הייסט א כלה פון כלה לאנד!

— האב איך, הייסט עס, געטראפען ניאניטשקא, הא? — האט טאבאלצעוו א צופריעדענער געשמייכעלט. — זי געפעלט אייך, מיין כלה? מיר געפעלט זי אויך...

נו, געוויס דארף זי דיר געפעלען, — האט די אלטע, געטרייע דיענסט ווייטער גערעדט, — פאר דיר איז אזא מיידעל ווי אנגע־מאסטען... זי וועט דיך, פערשטעהסטו, האלטען אין די הענד... און אזוי דארפסטו... זי וועט דיך מאכען פאר א בעל הבית, פאר א לייטישען מענשען... אט דאס הייסט א פיינע מיידעל!

איידער טאבאלצעוו האט באשלאסען צו דערצעהלען זיין מא־מען וועגען דעם, אז ער האט שוין א כלה, האט ער זיך לאנג גער

שלאָגען מיט דער דעה. עס איז איהם זעהר שווער געווען דאָס צו דערצעהלען, ווייל ער האָט גוט געוואוסט אז ווי ליזא וועט זיך דאָס נור דערוויסען, וועט זי האַלטען אין איין וויינען און קלאָגען... ער האָט אָבער דאָך בעשלאָסען צו דערצעהלען, ווייל קאַטיא האָט דאָס געפאָדערט פון איהם...

ער האָט זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט, אז אויף זיין גוטער מור־טער וועט די בשורה אזא שלעכטע ווירקונג האָבען. ווען ער האָט די בשורה האָט איהר ווי מיט א שווערען האַמער א קלאַפּ געטהאָן און זי האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט.

זי האָט ניט געוויינט פאַר פרייד, נור אוים אייפערזוכט... די בשורה האָט איהר ווי מיט א שווערען האַמער א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן קאָפּ און זי האָט זיך ניט געקענט בעפרייען פון דעם שרעק־ליכען געדאַנק, אז אַנדריושאַ, איהר ליעבסטער און טהייערסטער אַנדריושאַ, וועט זיך פערבינדען מיט עפּעס א ווילד־פרעמדער פרוי, וועלכע וועט פערנעהמען ביי איהם אין הארצען דאָס גרעסטע פּלאַץ, און אפשר נאָך ארויסשטויסען פון דאָרטען די ליעבע וואָס ער פיהלט צו איהר, צו דער מוטער...

„אַנדריושאַ'ן נעהמט מען צו!" האָט זי זיך ניט געקענט בע־רוהיגען און געגאָסען מיט טרעהרען, גלייך ווי זי וואָלט איהם בע־וויינט...

— מאַמעלע, פאַר וואָס וויינסטו? — האָט זיך טאַבאַלצעוו געוואונדערט און זיך אוועקגעזעצט נאָהענט לעבען איהר.

מיט ציטערדיגע הענד האָט זי ארומגענומען זיין קאָפּ, איהם צוגעטוליעט צו איהר הארצען און אַלץ ניט אויפגעהערט צו וויי־נען:

— אַנדריושאַ... ליעבסטער זוהן מיינער...

ווען זי האָט זיך בערוהיגט, האָט ער איהר דערצעהלט וואָס פאַר א מענש זיין כלה איז — אז זי האָט געענדיגט אן אוניווערזיטעט און זי איז א גוטע, די בעסטע פּיאַנאָ־לעהרערין אין דעם שטאָדטי־שען אינסטיטוט וואָס פאַר א זעלטענע מעלות זי בעזיצט, ווי זי איז א זעלבסטשטענדיגער מענש מיט א פעסטען שטאַלצען כאַ־

ראכטער און ניט וועלכע זוכט א געלעגענהייט חתונה צו האבען מיט א רייכען יונגען מאן. און דאס האט דער מוטער פערשאפט גרויס פערגעניגען...

ווארים זי אליין, כאטש זי איז געווען אן אלט־מאדישע פרוי, פון דער אלטער וועלט, האט דאך געהאלטען פון דעם געדאנק, אז פרויען דארפען אויך זיין געבילדעט, דארפען אויך זיין זעלבסט־שטענדיגע מענשען. מיט דרייסיג יאהר צוריק איז זי אויך געווען פון יענע פרויען, וועלכע האבען געדענקט, אז מיידלאך דארפען ניט האבען קיין בילדונג, אז זיי דארפען קענען בלויז אזעלכע זאכען וואס זיינען א מעלה צו א שדוך. אבער א דאנק דעם איינפלוס וואס אנדריושא האט אויף איהר געהאט, איז זיא אנדערע געווארען. ווען ער האט אין אוניווערסיטעט אריינגעטראטען, האט זי שוין געהאלטען אזוי ווייט, אז זי האט מיט א סך טויזענדער ארויסגע־האלפען ארימע מיידלאך צו בעקומען א הויכע בילדונג.

עס איז איהר אבער נאך קיינמאל ניט אויסגעקומען צו קומען אין נאהענטער בעריהרונג מיט דעם נייעם טיפ הויך־געבילדעטע פרויען. און אין דער זעלבער צייט וואס זי האט מיט פערגניגען געהערט ווי אנדריושא, איהר געליעבטסטער זוהן, רעדט מיט אזא בעגייסטערונג וועגען זיין כלה, האט זי טיעף ביי זיך אין הארצען געפיהלט עפעס א מורא פאר דעם נייעם טיפ פרוי, וועלכע וועט אין גיכען ווערען איהר שנור...

— אבער, עפעס קומט דאס מיר אויס אזוי מאדנע, — האט די מוטער געזאגט. — דו פערדיענסט אין באנק צוויי הונדערט רובעל א מאנאט און זי פערדיענט אין אינסטיטוט אויך צוויי הונדערט רובעל א מאנאט... ביידע, הייסט עס, גלייכע יחסנים...

עטליכע מאל האט זי דאס איבערגע'חזר'ט, ווייל זי האט זיך דאך ניט געקענט פארשטעלען ווי א פרוי קען דאס זיין אויף איין מדרגה מיט'ן מאן. זי איז דערצו ניט געווען צוגעוואהנט, ווייל ווען איהר מאן האט געלעבט, איז ער געווען ניט נור דער בעל הבית, הער פערדיענער, נור אויך דער הערשער...

— און ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען, זוהן מיינער, האט זי

ווייטער געדעדט, קוקענדיג אויף איהם אזוי ליעבליך — פאלג מיך און זעה, אז נאך דער חתונה זאל זי ניט זיין קיין פיאנא־לעהרערין... ערשטענס, וועט זי זיך קענען מעהר אבגעבען מיט דער הויז־ווירטה־שאפט, און צווייטענס, איז ניט גוט, וואס דער מאן קען ניט זיין דער עלטסטער אין הויז... און וואס פאר אן עלטסטער וועסטו קענען זיין אין הויז, ווען זי וועט פערדיענען פונקט אזוי פיעל וויפיעל דו?

טאבאלצעוו האט פרעהליך און גוטמוטהיג געלאכט:

— דערפאר, מאמעלע, דארפסטו זיך גאר ניט זארגען! זי וועט שוין זיין איינמאל א בעל הבית'טע, ווייל דער געפיהל דאס צו זיין איז איינגעווארצעלט אין איהר... דו וואלסט געדארפט זעהן ווי גוט זי פאסט אויף און ניט אכטונג אויף איהר אלטער, קראנקער מוטער ווי זי באלעוועט איהר קלענערע שוועסטער! איך בין מעהר ווי זיכער, אז זי האט אלע אייגענשאפטען צו זיין א גוטע בעל הבית'טע און א געטריייע, איבערגעגעבענע פרוי. אבער — האט ער מיט א שמייכעל צוגעגעבען, — איך בין ניט זיכער, צי איך וועל זיין א גוטער בעל הבית און א געטרייער, איבערגע־בענער מאן...

די מוטער האט אויף איהם ליעבליך א קוק געטהאן און זיך אויך גוטמוטהיג צולאכט.

נור ווען טאבאלצעוו האט זי געבעטען, אז זי זאל דאס קיינעם ניט זאגען, ווען זי האט געזעהן ווי ער אליין בייסט נערוועז די ליפען, האט זי פערשטאנען, אז ער איז טאקע ניט זיכער אין דעם, צי ער וועט קענען זיין א גוטער בעל הבית און א געטרייער, אי־בערגעגעבענער מאן.

דאן האט זי מיט אמאל געגעבען א הויב דעם קאפ און שארף און דורכדרינגליך גענומען קוקען אויף איהם, ווי זי וואלט פון'ם אויסדרוק פון זיין פנים געוואלט ארויסלעזען זיינע געדאנקען...

און וואס מעהר זי האט אויף איהם געקוקט, אלץ מעהר האט דער חשד זיך צוואוואקסען, אז עפעס קומט דא פאר ניט קיין ריינעס, און זי איז צוגעשטאנען צו איהם:

— וואָס שווייגסטו, אנדריושאַ? עפּעס קומט דאָ פאָר הינטער מיינע פּלייצעס, און איך וויל אַז דו זאָלסט מיר דערצעהלען דעם אמת!...

טאַבאַלצעוו איז רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען און זיך גענגעבען אַ ריס אַב פון חעם שטוהל...

— מאַמאַטשקאַ! אום גאָטעס ווילען! זיי ניט בייז אויף מיר! איך פיהל אַז דו שטויסט זיך אָן, אַז דו ווייסט אַלעס וואָס דאָ אין הויז קומט פאָר... צווישען מיר און... ער האָט מעהר קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען, און עס איז איהם געווען שווער צו פיהלען אויף זיך איהרע שאַרפע, דורכדרינגענדע בליקען...

די אַלטע האָט ביז וועהטאָג פערביסען די ליפּען, פערשעהמט די ברעמען ארונטערגעלאָזט און פערצווייפעלט גענומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ...

דאָס האָט טאַבאַלצעוו'ן אזוי פעהקלעמט ביים הארצען, אז ער האָט זיך שיער ניט פאנאנדערגעווייגט הויך אויפ'ן קול. מיט אַמאָל האָט ער זיך געגעבען אַ וואָרף צו איהר אויף די קניע און זיך אָנ־געהויבען בעטען ביי איהר רחמנות'דיג:

— מאַמאַ, טהייערע מאַמאַ, זיי מיר מוחל! איך ווייס אַז פּארענטפערען זיך פאר דיר קען איך ניט!" איך האָב גאָר ניט אזעלכע ווערטער... גאָט מיינער! — האָט ער ניט מיט זיין קול במעט ווי אויסגעשריען, — וואָס האָב איך געטהאָן??! פאר־וואָס האָב איך ניט פאָראויסגעזעהן וואָס עס קען דערפון ארויס־קומען?!

און נאָך אַמאָל מיט טרעהרען אין די אויגען:

— מאַמאַ, זיי מיר מוחל!...

איהר פּנים איז מיט אַמאָל געוואָרען געל ווי וואקס, גלייך ווי דאָס גאַנצע בלוט איהרם וואָלט פּלוצלונג פערשוואונדען געוואָ־רען. און ווען זי האָט די אויגען געעפענט און דערזעהן ווי איהר געליעבסטער זוהן קוקט איצטער אויס, האָט זי זיך מיט שרעק אַ כאַפּ געטהאָן און שיער ניט אויסגעשריען: „גאָט מיינער, ווי ער איז דאָס געראָטען אין יענעם, אין זיין אמת'ן פאָטער!..."

איהרע פינגער האָבען זיך ציטעריג אין זיינע אַקסלען אַנגעקלאַמערט, און מיט אַ פערשטיקטער שטימע האָט זי מיט שרעק קוים אַרויסגעזאָגט די ווערטער:

— אַנדריושאַ, נור דעם אמת זאָלסטו מיר זאָגען — געשיקט זיך אַז דו ביזט געוועזען אַזוי געמיין און האָסט זי, ליזאַ'ן, געבראַכט צו אַן עבירה?!... אָבער נור דעם אמת, זוהן מיינער, איך בעט דיך, נור דעם אמת זאָלסטו מיר זאָגען!...

— ניין, מאַמע, דאָס האָב איך ניט געטהאָן! — האָט טאַבאַלצעוו כמעט מיט פרייד אויסגעשריען. — איך האָב זיך קאָנטראָלירט... אוים ליעבע צו דיר האָב איך דאָס געטהאָן... און גלויב מיר אויף מיין עהרען וואָרט, אַז דאָס איז דער ריינער אמת!

אין זיין טאָן האָט זי געפיהלט, אַז ער זאָגט דעם אמת, האָט זי זיך מוטערליך צו איהם אַ ציה געטהאָן און מיט דאַנקבאַרע בליקען אַ קוק געטהאָן אויף איהם...

דאָס האָט איהם בערוהיגט, און ער האָט געזאָגט:

— מאַמאַ, איך בין אַזוי צופריעדען דערפון, וואָס די ליעבע צו דיר אָט מיך אויסגעהיט פון אַן עבירה... מיינע בעציהונגען מיט ליזאַ'ן זיינען איצט ניט מעהר ווי ריין־פריינדליכע...

צוויי גרויסע טרערען האָבען זיך איבער איהרע באַקען אַרונטערגעגליטשט. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און עפּעס שטילערהייד געשעפּטשעט.

טאַבאַלצעוו האָט פערשטאַנען אַז זי דאַנקט גאָט.

איז ער אויפגעשטאַנען, זיך אומקגעזעצט לעבען איהר און שעהמעוודיג איהר האַנד אַריינגענומען אין זיינער. זי איז געזעסען לעבען איהם מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ און געשוויגען.

אַן אָנגעצווינגענע שטילקייט האָט אַ ווײַלע געהערשט. דערנאָך האָט זי אַ שווערען זיפץ געטהאָן, גלייך די כחות וואָלט זיך איהר געעקט, און מיט אַנגסט געזאָגט:

— עס איז אַ גרויסע עבירה, אַנדריושאַ, זעהר אַ גרויסע... ערשט איצט פערשטעה איך, אַז מיט'ן מאָן וועט זי טאַקע ניט לעבען... דאָס האָסטו, אַנדריושאַ, איהר דאָס לעבען פאַראומערט...

— אָבער, מאַמאַמשקאַ! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן ביי די האר פון׳ם קאָפּ און זיי אַ שטארקען ריס געטהאָן. מעהר האָט ער קיין ווארט ניט געקענט ארויסזאָגען. ער האָט בלויז שטארק אַ קריץ געטהאָן מיט די צייהן און זיך ווידער אמאָל אַ ריס געטהאָן פאַר די האר...

— אויף מיר דארפסטו קיין רחמנות ניט האָבען, — האָט זי ווייטער גערעדט, שאָקלענדיג פערצווייפעלט מיט׳ן קאָפּ, — נור אויף איהר, אויף ליזא׳ן... ניט ביי מיר דארפסטו בעטען ענטשול־דיגונג, נור ביי איהר... בעט זי, אז זי זאָל דיר מוחל זיין, מיין זוהן... אָבער מיט וואָס ווּעסטו דיין פערברעכען פאר איהר פער־גלעטען? סיי ווי סיי וועט זי דיך שוין קיינמאָל אין איהר לעבען ניט פערגעסען. אָזעלכע פרויען ווי זי פערגעסען ניט אָן אַ גע־ליעבטען... אָבער איך בעט דיר, מיין זוהן, זעה, אז דו זאָלסט זי קיין עבירה ניט ברייגנען... איך בעט דיך...

מיט שרעק האָט ער אויף דער מוטער אַ קוק געטהאָן. און ווען ער האָט זיך איצט פאָרגעשטעלט ליזא׳ס פנים, האָט עפּעס אַ גע־היימער פחד זיין הארץ אָנגעפילט.

איז ער אויפגעשטאנען און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך אליין. איהם, דעם פרייען, זינדיגען מענשען, איז ענג געווען אין דעם צימער, וואו די פרומע מוטער, וואו אפילו די דונקעלע וועגד האָבען געקוקט אויף איהם מיט פאָרוואורף, גלייך זיי וואָלטען איהם מיט׳ן גיהנום געשראָקען...

— מיין עצה איז, — האָט די מוטער ווייטער געזאָגט, — אז דו אליין זאָלסט מיט איהר ריידען. דו אליין זאָלסט איהר דער־צעהלען וועגען דעם, אז דו האָסט שוין אַ כלה... אַ דריטע פער־זאָן טאָר מיט איהר וועגען דעם ניט ריידען.

— יאָ, מאַמאַ, איך וועל דיך פאָלגען. איך וועל אליין ריידען מיט איהר וועגען דעם... עס קען זיין אז מאָרגען זאָל איך איהר דאָס זאָגען — האָט טאַבאָלצעוו איינגעשטימט און אַ קוש געטהאָן דער מוטער׳ס האנד.

נור זי איז ווי פריהער געבליבען אין גאַנצען גלייכגילטיג צו זיינע צערטליכקייטען.

טאַבאַלצעוו האָט דאָס דערפיהלט. דאָס וואָס די מוטער איז אַזוי גלייכגילטיג צו זיינע צערטליכקייטען, האָט איהם שטאַרק וועה געטהאַן. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז מיט אַמאָל האָט זיך צוויי־שען איהם און זיין מאַמען אַ דריטע וואַנט אַוועקגעשטעלט און לאָזט זיי ניט צו נאָהענט אייטעם צום צווייטען'ס האַרצען, און ער האָט זיך אַזוי רחמנות'דיג געבעטען:

— מאַמעלע, טהייערע מאַמע מיינע! זיי ניט בייז אויף מיר! פאַרוואָס קענסטו מיר ניט מוחל זיין?...

איצט האָט ער אויף איהר פּנים קלאָהר איבערגעלעזען די פרעמדקייט.

— עס טהוט מיר וועה דאָס האַרץ, אַנדריושאַ, — האָט זי דורך טרעהרען געזאָגט, — אָבער... דו זאָגסט אַלץ אַז דו האָסט מיך ליעב, אַז דו האָסט פאַר מיר רעספּעקט... ניין... איך גלויב דיר ניט... ווער עס האָט ליעב זיין מאַמע, ווער עס האָט רעספּעקט צו זיין מאַמע, דער באַציהט זיך צו אַלע פרויען הייליג און עדעל... און דו האָסט זיך דען אפילו אויף אַ מינוט פערקלעהרט איידער דו האָסט ליזאַ'ן דאָס לעבען פעראומערט?...

— איך קען דאָס ניט הערען, מאַמע! — האָט ער כמעט ווי אויסגעשריען — דו ביזט ניט גערעכט צו מיר, מאַמע! קענסטו דען צווייפלען אין דעם, אַז דו ביזט ביי מיר אַ הייליגטהום? פאַר דיר בין איך גרייט אוועקצוגעבען אַלע פרויען פון דער וועלט! אפילו מיין צוקונפטיגע פרוי... יאַ, יאַ... אפילו זי אויך! דו מוזט מיר גלויבען, מאַמע!

ער האָט גלייך בעמערקט, ווי די לעצטע ווערטער זיינע האָבען אויף איהר אַ ווירקונג, ווי דער בליק פון איהרע אויגען ווערט וויי־כער, און דערפאַר איז ער שוין ניט אָבגעשטאַנען און ווייטער גע־רעדט:

— מאַמע, — האָט ער האַרציג געזאָגט, פיהלענדיג אַז ער מוז זיך אָנשטריינגען מיט אַלע מעגליכקייטען איהר ליעבע ניט צו פער־

לירען, — מאמע, גלויב מיר, אז אין מיין ליעבע צו ליזא'ן איז ניט געווען קיין זאך וואס זאל דיך בעליידיגען... איך האב ליזא'ן אלע מאל רעספעקטירט...

— זיך פערליעבען אין א פערהייראטער פרוי הייסט ביי דיר רעספעקטירען? — האט זי איהם מיט פארוואורף געפרעגט.

— אבער, מאמע, — האט ער דערויף אנגסטליך געענטפערט, — איך האב רעספעקטירט ליזא'ן און די הייראטה... איך וויל, מאמע, אז דו זאלסט מיך פארשטעהן און איינמאל פאר אלע מאלפועל'ן ביי זיך, אז איך קוק אויפ'ן לעבען ניט מיט דיינע אויגען, נור מיט מיינע אייגענע... איך וויל אויף דיר ניט ארויפצווינגען מיינע מיינונגען, אבער איך בעט דיך, צווינג דו ניט ארויף דיינע מיינונגען אויף מיר... איך וויל אז דו זאלסט פערשטעהן, אז איך קוק אויף ליזא'ן ניט ווי אויף א פערהייראטער פרוי, נור ווי אויף א פרייען מענשען... זאג אויף מיר וואס דו ווילסט, אבער זאג ניט אז איך בין א פרויען־פרעסער און האב ניט קיין רעספעקט פאר פרויען... ניין, מאמע, איך בין ניט קיין פרויען־פרעסער!

ער האט איהר אויך געוואלט זאגען, אז אויב ער לויפט ניט צו די מענער נאך אן ערלויבניס צו לעבען מיט זייערע פרויען ווען ער פערליעבט זיך אין זיי, איז דערפון נאך ניט געדרונגען אז ער איז אן אויסוואורף... אבער ער האט זיך פערכאפט און האט דאס ניט געזאגט.

זי האט געשוויגען. דעם קאפ ארונטערגעלאזט, די ליפען פער־ביסען, איז זי געזעסען שטיל, נידערגעשלאגען און קיין ווארט ניט גערעדט.

אן אומעטיגער און א פערזארגטער איז ער פון דער מוטער'ס הויז אוועק. און כאטש אין דרויסען האט די זון דאן אזוי העל גע־לויכטען, איז איהם דאך געווען פינסטער אין די אויגען. דער מאמע'ס פארוואורפע האבען איהם ווי אנגעברענטע נאדלען אין הארצען געשטאכען, און ער האט געקלעהרט:

— גאט מיינער! אויב עס וועט מיט ליזא'ן חלילה אן אונ־

גליק טרעפען, וועל איך דאָס ניט אריבערטראָגען! איך וועל זיך דאָס לעבען נעהמען!...

און ווי ער האָט אַזוי געקלעהרט, איז איהם מיט אַמאָל איינגע־פאַלען, אַז סאָניאַ, זיין כלה'ס איינגערע שוועסטער, איז זעהר אַ שעהנע און אַ געשמאַקע מיידעל...

איבער דעם האָט זיך דער אויסדרוק פון זיין פנים שוין גע־ביטען. ער האָט אָנגעהויבען שפאַנען לעבעדיגער, זשוואַווער, און שמייכלענדיג אַזוי צופריעדען פאר זיך, האָט ער זיך געקלעהרט, אַז אַ לייטישער מענש וועט ער ווערען נאָכ'ן טויט...

די מוטער זיינע, אַננאַ טאַבאַלצעווא, איז נאָך זיין אַוועקגעהן געזעסען אויפ'ן שטוהל באַוועגלאָז און פארטראכט געקוקט אין פענסטער.

זי האָט אויך געפיהלט, אַז צווישען איהר און איהר געליעב־טען זוהן איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען אַ דיקע וואַנט. דאָס ערשטע מאָל האָט זי היינט דערזעהן אין זיין פנים דעם אויסדרוק פון דעם מאַנסביל, וואָס יאָגט זיך נאָך פרויען... דאָס ערשטע מאָל האָט זי היינט אין איהם דערזעהן דעם זשעדנעם מאַנסביל, וואָס פארלעגט זיך צו קריעגען אַ פרוי און זי אויסנוצען בלויז פאר זיין מאַנסבילשער ליידענשאַפט... דאָס פנים פון איהר ליע־בען אנדריושא'ן ווען זי האָט מיט דער ברוסט באַשיצט געגען דעם טיראַנישען פאָטער — דאָס אָרענטליכע קינדערשע פנים איז מיט אַמאָל פארשטעלט געוואָרען פון אַן אַנדער פנים — אַ פנים פון אַ ליידענשאַפטליכען שעהנעם מאַנסביל, וואָס יאָגט זיך נאָך געננוס פון שעהנע פרויען..

און זי האָט זיך ווידער דערמאָנט, אַז אַזוי פלעגט אין געווי־סע מאָמענטען אויסקוקען יענער, דער סיביריאַק, ווען זי האָט זיך איבערגעגעבען... יענער, פון וועמען זי האָט אנדריושאַ'ן געבוירען...

זי האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי יענער, דער געליעבטער איהרער, האָט הינטער איהרע פלייצעס געלעבט אַ גוטען טאָג מיט איהר דיענסט אויך... דאָס פנים פון דער דיענסט איז איהר טאָך

איצט פאר די אויגען געשטאנען. אזא געזונטע שיקסע איז זי געווען, מיט רויטע, פעטע באקען און מיט שווארצע, גערינגטע ברעמען... די דאזיגע באליידיגונג האט זי דאן ניט געקענט אריבערטראגן... עס האט זי אזוי פארדראסען און געקרענקט, — ביי איהם איז אלץ איינס: א דיענסט! אבי א נקבה... ווען ניט איהר שטאלץ, וואלט זי זיך פאר פארדרוס דאס לעבען גענומען... און ווען ניט איהר שטאלץ, וואלט זי ניט געווען אריבערגעטראגען די שלעכטע בשורה, אז איהר געליעבטער איז דער'הרג'עט גע־ווארען אויפ'ן וועג פון מאסקווא קיין סיביר...

יא, זי האט פיעל ענטווישונג געהאט אין לעבען. און דאך האט זי נאך געגלויבט אין ליעבע און אין מענשען.

טרערען האבען זיך פון איהרע אויגען געגאסען... די ליעבע צו אנדריושא'ן האט זי אלע מאל געטרויסט און זי איז געווען אזוי גליקליך דערפון, וואס ער איז עפעס ניט אזוי ווי אלע קינדער, ניט אזוי ווי אלע מענשען, אז מיט עפעס צייכענט ער זיך אויס און שטעהט העכער פון אנדערע...

דאס האט איהר געגעבען כח און מוטה אריבערצוטראגען די שווערסטע ענטוישונגען און די גרעסטע צרות... און היינט איז דאס אויך אוועק מיט'ן רויך... אנדריושא איז אויך א מאנסביל, וואס באציהט זיך צו פרויען, צו איהר געשלעכט, אהן רעספעקט, אהן אכטונג... ער זוכט אויך נור דעם גענוס, ער איז אויך בלויז אויסען זיין ליידענשאפט צופריעדענצושטעלען... ער איז ניט בעסער פאר אנדערע...

אין דרויסען האט שוין די זון געהאלטען ביים אויסלעשען זיך, און אין דער זעלבער צייט האט א הייסע ליעבע צו א זוהן געהאל־טען אין אויסלעשען זיך אין'ם הארצען פון אן ענטוישטער מאמע...

אין שטוב האט אנגעהויבען ווערען פינסטערלאך, לאנגע שאטענס האבען זיך איבער די ווענט און איבער דער סטעליע פארשפרייט... און דער מאמען האט זיך שוין געדאכט, אז אנ־דריושא איז מיט אמאל געווארען אויס זוהן און איז גאר געווארען ניט מעהר ווי א זשעדנער מאנסביל... און זי האט שוין רחמנות

געהאַט אויף זיך אליין, אויף ליזא'ן און אויף אַנדריושאַ'ס צוקונפ־טיגער פרוי... און אויך אויף אַלע פרויען אין אַלגעמיין; אויף די אַלע פרויען, וועלכע מוזען זיך, איבער אַזעלכע מענער, ענטווי־שען און זיך פיהלען שטענדיג אין דער מורא, גלייך גיפטיגע שלענג און בייזע חיות וואָלטען אין אַ באַהאַלטענים זיך פאַרלעגט אויף זיי...

אַ שווערער אומעט האָט ווי אַ שווערער שטיין געדריקט דאָס האַרץ פון דער אַלטער מאַמע. ביטערע טרערען האָבען זיך פון איהרע אויגען געגאָסען און אָוועקגעטראָגען מיט זיך דאָס שעהנ־סטע און דאָס בעסטע, וואָס עס איז אין איהר לעבען געבליעבען — איהר געליעבטען זוהן אַנדריושאַ, צו וועמען זי האָט אַזוי פיעל צומרויען געהאַט, אין וועמעס אָרענטליכקייט זי האָט קיינמאָל ניט געצווייפעלט...

אין צימער איז שוין געווען גוט פינסטער, אין דרויסען האָט שוין די נאַכט אַלעס אין שוואַרצען אייגנגעהילט, און די ניעדער־געשלאָגענע מאַמע איז געזעסען אַ פאַרוויינטע און געפיהלט ווי די פינסטערע נאַכט דרינגט אריין טיעף אין איהר האַרצען אריין.

מיט אַמאָל איז ביי איהר אין מח אַ באַשלוס געבוירען געוואָ־רען און זי האָט נערוועז אַ דריק געטהאָן דאָס עלעקטרישע גלעקעל די דיענסט איז אריינגעקומען און זיך טיעף פאַרנייגט.

— געה שיק מיר גלייך אריין ליזא'ן האָט זי באַפעהלען דער דיענסט, ניט קוקענדיג אפילו אויף איהר.

זי האָט גאָר ניט באַמערקט וויפיעל צייט עס איז אַוועק ביז ליזא איז אריינגעקומען. ווי אַ פאַרשטיינערטע איז זי באַוועגלאָז אין דער פינסטער געזעסען, און עס האָט זיך איהר געדוכט, אַז זי פיהלט, ווי אַלע האָפנונגען אין איהר האַרצען ווערען אויסגעלאָשען.

ערשט ווען ליזא האָט זיך באַוויזען אויף דער שוועל פון'ם צימער, האָט זי זיך געגעבען אַ כאַפּ ווי אַן איבערגעשראָקענע און אַ הויב געטהאָן דעם קאָפּ.

אַ בלאַסע, אַ שטילע איז ליזא געשטאַנען אויף דער שוועל, ווי אַ יונגע שעהנע הירשין אין אַ ווינקעל פון'ם וואַלד. זי האָט

קיין ווארט ניט געזאגט, נור שטיל, אהן ווערטער מיט די אויגען געפרעגט: „וואסי? וואס האט פאסירט?“

— קום אהער צו מיר, ליזא! — האט די אלטע מיט א פאר־שטיקטער שטימע געזאגט. — נעהענטער צו מיר... פאל אויף די קניע, קינד מיינס!...

ליזא האט געפאלגט שווייגענדיג. איהר גאנצער קערפער האט געציטערט און פון איהרע אויגען האט ארויסגעקוקט די שרעק אליין...

מיט ציטערדיגע הענד האט די אלטע אנגענומען ליזא'ן ביים קאפ, צוגעלייגט די ליפען צו איהרע אויערען און מיט א פארדומפ־טען קול שטילערהייד געזאגט:

— ליזא... אנדריושא איז א חתן געווארען!...

ווי זי האט נור אט די געצעהלטע ווערטער ארויסגעזאגט, האט זיך פון ליזא'ס ברוסט ארויסגעריסען א ווילדער היסטערי־שער קוויטש, גלייך מען וואלט הינטען ארום איהר מיט א מעסער דערלאנגט אין הארצען אריין... מיטביידע הענד האט זי א כאפ געטהאן די שוויגער פאר די קניע, פארווארפען דעם קאפ א הינ־טער און ניט אויפגעהערט צו קוויטשען היסטעריש ווילד...

מיט אלע כוחות האט די אלטע זי א כאפ געטהאן פאר ביידע הענד און דורך די ציינער ארויסגעזאגט:

— שטילער... שטילער... וויין, מיין קינד, וויין! אבער זאלען זייטיגע מענשען דיין געוויין ניט הערען!... זאל אונזער נאמען ניט ווערען צו שאנד און שפאט... בעט גאט, מיין קינד, ער זאל דיר מוחל זיין דיינע זינד... ביי מיר דארפסטו גאר ניט בעטען, — האט זי, גיסענדיג מיט טרערען, געזאגט, — איך אליין בין אויך א זינדיגע פרוי... זעהר א זינדיגע פרוי... איבער מיר איז דאס אלעס... נאר איבער מיר...

און נאך מעהר אנגסטליך:

— ליזאטשקא, אט די אלע זינד האבען זיך אנגעהויבען פון מיר.. ווי א קייט געהט דאס איינס אן אנדערען געפלאכטען... איך בין געוועזען די ערשטע א גרויסע עבירה צו באגעהן, און דער־

נאָך איז שוין געגאַנגען ווייטער און ווייטער. איך באַשולדיג דיך ניט. איך האָב קיין רעכט ניט דיך צו באַשולדיגען !... וואו איז דער אָנפאַנג און וואו איז דער סוף פון די זינד ?... זאָל גאָט אונז ביידען מוחל זיין אונזערע גרויסע זינד, ליזאַטשקאַ... לאָמיר ביידע בעטען גאָט, ווייל מיר זיינען ביידע זינדיגע פרויען...

זי האָט נאָך עפּעס גערעדט, אָבער זי האָט אַליין ניט געהערט וואָס. די גאַנצע ליעבע, וואָס זי האָט צו איהר שעהנער שנור גע־פיהלט, האָט זי מיט ווערטער און לאַסקעס אויסגעדריקט אַזוי שטאַרק, אַז יענע, די ווילד ליידענשאַפטליכע ליזאַ, האָט זיך ענדליך בארוהיגט.

דערנאָך האָט די אַלטע אויפגעהויבען ליזאַ'ן, צוזאַמען מיט איהר זיך אויפגעשטעלט אויף די קניע און שטיל האָבען זיי ביידע געשעפּטשעט אַ תפלה צו גאָט, אַז ער זאָל זיי מוחל זיין די זינד. די תפלה האָט זיי ביידען אַביסעל בארוהיגט, און נאָכדעם האָט ליזאַ געגעבען אַ שבועה, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט זי שוין זיין אַן ערענטליכע, געטרייע פרוי און וועט שוין לעבען מיט איהר מאַן, ווי עס פאָדערט די פפליכט פון הייראַטה...

פיערצעהנטער קאַפּיטעל.

אויפ'ן צווייטען טאָג, אין דער פריה, ווען טאַבאַלצעוו איז נאָך געשלאָפען, האָט אַ משרת'ל געבראַכט אַ בריעף. ער האָט דעם בריעף איבערגעגעבען דער אַלטער דיענסט און געזאָגט :

— דאָס איז פון איהר אַליין, פון דער אַלטער פּריצה.

די ניאַניעטשקאַ האָט זיך דערשראָקען, אַז די הענד האָבען איהר אַזש אָנגעהויבען ציטערען.

— וואָס איז געשעהן ? זי איז קראַנק ?

— איך ווייס ניט. — האָט געענטפערט כוואַטסקע דאָס אינ־געל, וואָס האָט דעם בריעף געבראַכט. — מען האָט מיר געהייסען

אפטראגן דעם בריוו, האב איך געפאלגט. די אלטע פריצה איז צוזאמען מיט דער יונגער שנור, מיט ליזא'ן, אוועקגעפאהרען ער־גיץ אין אן אנדער שטאדט... אין קיך, האב איך געהערט, רעדט מען עפעס, אבער איך ווייס פון גאר ניט... די יונגע שנור איז, דוכט זיך, ועפעס ניט מיט אלעמען... פון נעכטען אן האלט זי אין איין חלש'ן... זי איז אזוי בלאס, ווי די וואנד און האלט אין איין וויינען און קלאגען... אבער וואס ס'איז איהר ווייס איך ניט... אפשר האט זי זיך צוקריגט מיט'ן מאן...

די אלטע געטרייע דיענסט האט פארשטאנען וועגען וואס דא האנדעלט זיך. און כאטש דער זייגער האט נאך אפילו קיין צעהן ניט געהאלטען, האט זי אויף שנעל געגעבען דעם משרת'ל א גלאז קאפע און אליין איז זי געלאפען אויפוועקען טאבאלצעוו'ן.

טאבאלצעוו האט זיך גלייך אויפגעכאפט און ווען די ניא־ניעטשקא האט איהם געזאגט, וואס דער משרת'ל האט איהר דער־צעהלט, האט ער זיך א כאפ געטהאן ביים קאפ.

וער האט פארשטאנען, אז ליזא ווייס שוין אלעס און דאס איז פאר איהם געווען שרעקליך. באלד אבער איז איהם איינגעפאלען, אז עס איז דוקא זעהר גוט, וואס זי ווייס שוין אלעס... ארא פגע־פטר'ט א בארג פון'ם קאפ... און ער איז אזוי דאנקבאר געווען דער מוטער דערפאר, וואס זי האט איהם אזא אומאנגענעהמע אר־ביים פארשפארט...

„מיין מאמע איז טאקע אזא טהייערינקע, אזא גוטע, — האט ער זיך געקלעהרט, — פון אלע צרות ראטעווועט זי מיך ארויס"...

און נאך א בארוהיגענדער געדאנק איז איהם איינגעפאלען:

„אויב זי וויינט און בעט גאט, איז א סימן אז דאס לעבען נעהמען וועט זי זיך ניט... און דאס איז גוט. זעהר גוט"...

די ניאניעטשקא האט איהם דעם בריעף דערלאנגט:

— נא, לייען איבער, דאס איז פון דער מאמען!

אן אומצופריעדענער האט ער דעם בריעף אין דער האנד גע־נומען און אויפגעריסען דעם קאנווערט. ער האט קיין חשק ניט געהאט דעם בריעף צו לעזען, ווייל ער האט פארשטאנען, אז די

מאַמע שרייבט איהם מוסר, און דאָס האָט ער זעהר ניט ליעב גע־האַט...

ער האָט דעם בריעף איבערגעלעזען:

„ליזא וויים שוין אַלעס, — האָט איהם די מוטער געשריעבען. — איך פאָהר מיט איהר אַוועק אין אַן אַנדער שטאָדט. מיר וועלען דאָרטען צוזאַמען זיין אַ וואָך צייט. עס קען אָבער אויך זיין, אַז מיר זאָלען זיך אומקעהרען אַהיים פריהער. סאַי ווי סאַי — דו קום ניט. עס איז גלייכער דו זאָלסט ניט קומען...“

— טהייערינקע מאַמע! — האָט טאַבאַלצעוו אויסגעשריען צודריקענדיג דעם בריעף צו די ליפּען. און ער האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען, אַז די מוטער איז אַוועקגעפאָהרען מיט ליזא'ן אין אַנאַנדער שטאָדט ניט כדי איהם צו טהאָן אַ טובה, נור איהר, לי־זא'ן, ווייל איצט איז איהר שוין ליזא געווען טהייערער פאַר איהם...

— דער משרת'ל וואַרט דאָרטען אין קיך, — האָט איהם די אַלטע דיענסט איבערגעשלאָגען די געדאַנקען.

— נו גיט איהם דאָרטען אַ רובעל פאַר'ן גאַנג, — האָט ער שנעל געזאָגט און ווידער צוגעדריקט דעם בריעף צו די ליפּען...

עס זיינען אָנגעקומען די יום טוב'דיגע טעג און טאַבאַלצעוו האָט זיך אין זיי געפיהרט ווי אַן אמת'ער חתן־בחור. ער איז גע־גאַנגען צו דער כלה צוגאַסט, דאָרטען האָט מען פאַר איהם גע־באַקען לאַטקעס, און ווי עס פּאַסט פאַר אַ לייטישען חתן, האָט ער געזאָגט, אַז די לאַטקעס זיינען טעם גן עדן און ער האָט גאָר אָנ־געקוואָלען. און נאָכדעם האָט ער גענומען די כלה און איהר איי־נגערע שוועסטער סאָניא און אויפ'ן עכט רוסישען שטייגער גע־פאָהרען מיט זיי איבער דער שטאָדט אין אַ קאַרעטע מיט דריי פערד.

נאָך יום טוב איז ליזא מיט דער שוויגער געקומען צוריק אַהיים. עס איז דאַמאָלס געווען אַ זונטאָג אויף דער נאַכט, ווען זיי זיינען צום הויז צוגעפאָהרען. די טהיר האָט פאַר זיי געעפענט פעדאָסיא, די אויפפּאַסערין פון'ם הויז.

— נו וואס הערט זיך עפּעס דא? זיינען אַלע געזונד? — האט די בעל הבית'טע געפרעגט.

— אַלע, — האט פעדאסיא געענטפערט און זיך טיעף פאר־נייגט און צוגעגעבען:

— די גיאַניעטשקא, אייער זוהן'ס אַלטע דיענסט, איז איצטער אויך ביי אונז אין הויז. זי איז שוין דא עטליכע טעג.

אונטערטעניג האט זי ארונטערגענומען די פוטערלאך פון דער אַלטער בעל הבית'טע און פון דער שנור. דערביי האט זי אזוי בגנבה אויף ליזא'ן מיט א שמייכעל א קוק געטהאן. נור באלד איז דער שמייכעל פארשוואונדען און איהר פנים האט שוין וויע־דער אויסגעקוקט לייטיש און סאליד, גלייך ווי זי וואלט גאר ניט געוואוסט, וואס דא טהוט זיך...

טאבאַלצעוו'ס אַלטע דיענסט האט אונטערטעניג א קוש גע־טהאן אין דער האנד די אַלטע בעל הבית'טע. ליזא'ן האט זי בלויז פון דער וויטענס באמערקט און עס האט זיך איהר געדוכט, אז זי איז געווארען א שטיינערנע.

מיט דער אַלטער דיענסט האט טאבאַלצעוו'ס מוטער צוגע־שיקט א בריוועלע צו איהר זוהן, אז ער זאל קומען אהער אויף א וואך צייט.

„איצינד מעגסטו שוין קומען — האט זי איהם געשריעבען — עס מאכט שוין ניט אויס, אז דו זאלסט ריידען מיט איהר".

טאבאַלצעוו האט זיך אַלץ געשלאגען מיט דער דעה צי זאל ער קומען צי ניין. עס איז איהם פארט שווער געווען מיט ליזא'ן אויג אויף אויג זיך צו באגעגענען. ערשט מיטוואך אויף דער נאכט האט ער זיך אנגענומען מיט מוטה און ווי א פאראורטייל־טער זיך געלאזט פאהרען צו דער מאמען אהיים.

אַלע זיינען דאן געזעסען ביים טיש און געטרונקען טהע ווען ער איז אריינגעקומען. בלויז די דאמע איז ביים טיש ניט געווען, ווייל זי האט עפּעס ניט גוט געפיהלט.

געמיינט האט ער, אז ווי ער וועט נור אריינקומען און ליזא וועט איהם דערזעהן, וועט זי ווערען בלאס און נערוועז און זיך

פארליערען ווען ער וועט נעהמעןריידען צו איהר. ווי איבערראשט איז ער אבער געווארען, ווען ליזא האט איהם אזוי קאלט באגעגענט און א קוק געטהאן אויף איהם עפעס אזוי פרעמד און גלייכגילטיג, גלייך צווישען איהם און איהר וואלט גאר קיינמאל קיין זאך ניט פארגעקומען... ער האט דערפיהלט, אז זי איז מיט אמאל געווארען אזוי ווייט פון איהם, ער האט געזעהן ווי זי קוקט גאר ניט צו איהם און ווי זי נעהמט דאך ניט אוועק איהרע אויגען ווען זיינע בליקען באגעגענען זיך מיט איהרע... א פאר מאל האט זי צו איהם זאגאר א שמייכעל געטהאן און באלד נאכדעם זיך געהאלטען אזוי, גלייך ער וואלט איהר גאר אין זינען ניט געלעגען...

פאר איהם איז דאס געווען אומפארשטענדליך. ער האט דאס גאר ניט געקענט באגרייפען...

ליזא'ן האט ער גוט געקענט און ער האט געוואוסט, אז אזא ווי זי הערט ניט אויף צו ליעבען אזוי שנעל. ער האט אויך געוואוסט, אז מעג זי אפילו זיין נאך טויזענד מאלפ רומער ווי זי איז און בעטען גאט אפילו צעהן מאל א טאג, וועט דאס אויך ניט זיין פאר איהר קיין פאלשטענדיגע באפריעדיגונג און איהר ווילדע, ציגיינערשע ליידענשאפט וועט זי אלץ ניט לאזען רוהען... טו וואס־זשע האט דא געקענט פאסירען, אז זי זאל אויף איהם איצט קענען קוקען ווי אויף א פרעמדען ?

אז עפעס א נייעס האט דא פאסירט, אין דעם איז ער געווען מעהר ווי זיכער. אבער ער האט גאר אזוי קלוג ניט געקענט זיין זיך אנצושטויסען וואס דא האט פאסירט.

א קלייניגקייט האט פאסירט::

איין שטונדע נאכדעם ווי די שוויגער און די שנור זיינען פון וואקזאל אנגעקומען, האט א גאסט אנגעקלונגען ביי דער טהיר. די אלטע בעל הבית'טע איז שוין דאן געלעגען ביי זיך אין צימער

דער גאסט איז געווען א ריעזיגער, פעסט־געבויטער געזונטער יונגערמאן,, מיט ברייטע פלייצעס, מיט א בלאנדען בערדעל און מיט צוויי גרויסע, בלויע ברילען. אנגעטהאן איז ער געווען אין א

פוטער׳ל און אין א הויבער, גרויער קוטשמע, וואס די אוקראאינער פויערים טראגען געווענליך.

פעדאסיא האט איהם די טהיר געעפענט, דורכדרינגענד מיט די שארפע אויגען א קוק געטהאן אויף איהם און זי האט איהם ניט דערקענט. אבער ווי ער האט נור די ערשטע פאר ווערטער ארויסגערעדט, האט זי מיט׳ן גאנצען קערפער א ציטער געטהאן, דערפיהלט ווי א זיסער סקרוך איז איהר איבער אלע גליעדער דורוגעלאפען און זי האט מיט איהר שטימע ווי אויסגעזונגען:

— קומט אריין, טייערער גאסט! אט לויף איך שוין זאגען דער בעל הבית׳טע אז א י ה ר זייט דא...

„זי האט מיך דאך דערקענט, די קליפה!“ — איז פאטאפאוו געווען אומצופריעדען. — מיט אזעלכע צוויי אויגען און מיט אזא זכרון וואלט זי געווען א גוטע שפיאנקע“...

— און אויסער דער בעל הבית׳טע איז קיינער ניטא אין דער היים? — האט פאטאפאוו געפרעגט.

— די יונגע שנור איז אויך דא. — האט פעדאסיא געענט־פערט.

ליזא איז דאן אין איהר צימער געלעגען אויף דער ווייכער סאפא. איהרע ליפען זיינען געווען פארביסען און די אויגען האלב צוגעמאכט.

— די שווינגער בעט אייך ארויפגעהן! האט זי מיט א מאל דערהערט די שטימע פון דער אויפפאסערין פעדאסיא, וועלכע האט ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסען לעבען דער טהיר.

ליזא האט זיך אן איבערגעשראקענע א כאפ געטהאן:

— איך קום גלייך ארויף! — האט זי שטיל געזאגט און גע־נומען צורעכט מאכען איהרע צושויבערטע האר.

אין דער שווינגער׳ס האלב־דונקעלען שלאף־צימער, האט ליזא דערזעהן, ווי זי אליין, די שווינגער, ליעגט אויף דער ווייכער סאר־מעטענער זאפע און ביים פענסטער, אויפ׳ן גרויסען שטוהל, זיצט דער געהיימניספולער גאסט...

אַן עהשטווינטע איז זי געבליעבען שטעהן ביי דער שוועל און ניט געקענט ווייטער געהן. און ווידער איז איהר איינגעפאַלען דער געדאַנק:

„ווער קען דאָס זיין דער דאָזיגער געהיימניספולער מענש, צו וועמען „זי אליין" (אַזוי האָט זי גערופען די שוויגער) באַציהט זיך מיט אַזוי פיעל אַכטונג?

— ליזאַטשקאַ, — האָט די שוויגער זי צערטליך אַ רוף געטהאָן, — קום אַהער, באַקען זיך מיט מיינעם אַ קרוב... דאָס איז אַ סיבירער מענש, ניקאָלאַי פּיאָטראָוויטש סטיעפּאַנאָוו...

זיין אמת'ן נאָמען האָט זי מורא געהאַט צו זאָגען...

דער ריעזיגער, געזונטער פּאַטאַפּאָוו האָט זיך אויפגעהויבען און דערלאַנגט ליזאַ'ן די האַנד. אין זיין גרויסער שטאַרקער האַנד האָט זיך ליזאַ'ס ווייכע הענטעל אין גאַנצען באַהאַלטען. זיינע צוויי גרויסע ברענענדיגע בלויע אויגען האָבען פול מיט צוטרויען אויף ליזאַ'ן געקוקט.

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס זי האָט פון זיינע בלויע אויגען ארויסגעלייענט. ווען זי האָט דערזעהן זיין ברייטען און האַרב קינדערשען שמייכעל האָט זי געפיהלט ווי אַ שווערער שטיין וואָלט אין דער מינוט פון איהר האַרצען אַרונטער... דאָס ערשטע מאָל האָט זי דאָן פאַר די לעצטע צוויי וואָכען פריי און ברייט אָפּגעאָטהעמט. און באַלד האָבען זיך אין איהרע אויגען טרערען געוויזען... נור דאָס זיינען שוין ניט געווען קיין טרערען פון אַ באַליידיגטער פרוי, נור טרערען פון אומבאַוואוסטער פרייד...

פּאַטאַפּאָוו האָט איהרע טרערען באַמערקט און ער האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט אַזוי פיעל מיטלייד און רחמנות, אַז עס איז איהר אַזש געוואָרען וואַרים אין האַרצען...

זי האָט איהר האַנד פון זיינע ארויסגענומען, זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע, און די זיסע פריידענס־טרערען האָבען זיך אַלץ געגאָסען פון איהרע אויגען...

וועגען דער דאָזיגער באַגעגניס מיט איהם, האָט זי דערנאָך געזאָגט טאַבאַלצעוו'ן אַזוי:

„ווי איך האב איהם נור דערזעהן, האב איך גלייך דערפיהלט אין איהם א גוטען, ווארימען פריינד... זיין האנד איז אזא שטאר־קע, אזא ווארימע !... איך האב גלייך דערפיהלט, אז אויף איהם מעג מען זיך פארלאזען, אז אנשפארענדיג זיך אן איהם, פיהלט מען זיך אזוי פעסט, ווי מען וואלט זיך אנגעשפארט אן א שטאר־קען פעלז... איך האב גלייך דערפיהלט, אז איך בין ניט אליין, אז איך בין מעהר ניט עלענד... איך האב גלייך דערפיהלט, אז ער האט מיטלייד מיט מיר און פיהלט מיין אומגליק... און בארעכען אליין: ביי דער ערשטער באקאנטשאפט האב איך זיך גאר ניט געשעהמט צו וויינען פאר איהם... גלייך איך וואלט איהם געקענט פון קינד־ווייז אן"...

די שוויגער האט זעהר געוואלט, אז איהר גוטע שנור זאל אן איהר זוהן פארגעסען און זיך בארוהיגען, האט זי איהר דאן גע־זאגט אזוי:

— ליזאטשקא, טייערע, לאד איין צו זיך דעם גאסט, זיי איהם מכבד מיט טהע, גיב איהם אפעסען א גוטע וועטשערע און נאכהעם זאלסטו זאגען פעדאסיא׳ן, אז זי זאל אויסבעטען אין יענעם צימער אויפ׳ן איבערשטען עטאזש... זי וויים שוין וואו. פארשטעהסטו מיך, טייערינקע מיינע. איך בין זעהר מיעד און קען לאנג ניט זיצען. איך מוז זיך געהן לעגען שלאפען...

דאס איז געווען אין א זונטאג אויף דער נאכט, ווען ניקאלאי, ליזא׳ס מאן, איז אין דער היים ניט געווען. ער האט ערגיץ פאר־בראכט מיט זיינער א געליעבטער און געהוליעט אויף וואס די וועלט שטעהט.

אין יענעם אויף דער נאכט איז ליזא עטליכע שטונדען נאכ־אנאנד ביי איהר אין צימער געזעסען מיט פאטאפאוו׳ן און ער האט איהר דערצעהלט אזעלכע זאכען, וואס זיינען ביי איהר געווען אין גאנצען ניי. פון זיינע ווערטער איז פאר איהרע אויגען א שפאנ־געל נייע וועלט אויסגעוואקסען, און דערפאר האט זי מיט א פאר־כאפטען אטהעם געהערט יעדע ווארט, און איהרע אויגען האבען דאן געבלישטשעט פאר גרויס פרייד... זי האט ממש געפיהלט

ווי די אומגעהייערע־שטארקע בענקעניש, וועלכע האט ווי א ישווע־רער שטיין איהר הארץ געשטיקט, הויבט אן ביסלעכווייז פאר־שווינדען און עפעס פארשפרעכענדעס און גוטעס גנב'עט זיך אריין אין א ווינקעל פון הארצען...

ברייטע נייע וועלטען האט מען געדארפט עפענען פאר דער דאזיגער יונגער רייצענד־שעהנער פרוי, וועלכע איז געווען אזוי אומגליקליך אין איהר הייראט און אזוי ליידענשאפטליך און איי־פערזיכטיג אין איהר ליעבע... און דאס האט פאטאפאוו געקענט.

ער האט איהר מיט בעגייסטערונג דערצעהלט וועגען זיין אר־בייט אין דער באוועגונג, וועגען דעם קאמפף, וואס די אונטער־דריקטע מאסען פיהרען אן פאר א שעהנערען לעבען, פאר א ליכ־טיגער וועלט. ער האט איהר דערצעהלט וועגען דער מערקווירדיגער אפפערוויליגקייט און זעלטענעם העלדענמוט, וואס די קעמ־פפער ווייזען ארויס. און זי האט פאר זיך א נייע און ליכטיגע וועלט דערזעהן...

אין יענער נאכט האט זיי קיינער ניט געזעהן און קיינער ניט געהערט. ווי אלטע גוטע פריינד זיינען זיי אין דעם שעהנעם צימער געזעסען נאהענט איינס לעבען אנדערען, און לאנג־לאנג גערעדט.

א סוד, א הייליגער סוד איז געבליבען דאס, וואס עס האט זיי ביידען פארבונדען; אלעס וואס עס איז אין זייערע ביידענס הערצער געבוירען געווארען; אלעס, וואס ס'האט אנגעצייכענט זייער וועג אויף ווייטער...

ליזא האט איינפאך געפיהלט, ווי אין יענער נאכט האט איהר אנגעוועהטאגטע נשמה מיט אמאל פליגלען באקומען און זיך אויפגעהויבען הויך־הויך... וואו עס איז ליכטיג און וואו מענשען זיינען פעהיג צו ליעבען און באגעהן העלדענטאטען אויס ליעבע...

זי איז געווען זיכער, אז קיינער הערט ניט וואס זיי ריידען דא און קיינער זעהט ניט ווי אזוי זיי זיצען דא. אבער זי האט געהאט א גרויסען טעות... די אויפפאסעריין פון'ם הויז, פעדאסיא, וועלכע האט זיך ליידענשאפטליך פארליעבט אין פאטאפאוו'ן

באלד ווי זי האט איהם נור דערזעהן, האט זי זיך אלע מאל שטילערהייד, אויף די שפּיץ פינגער, אויף די שטיגען ארויפגע׳גנב׳עט, פארזיכטיג צוגעלעגט דעם אויער צו דער טהיר פון ליזא׳ס צימער און דורכ׳ן שפּאלט פון דער טהיר אלעס געזעהן...

פאטאפּאוו׳ס סאמעט־ווייכע באסאווע שטימע און זיין קינדערשער געלעכטער האט נאך מעהר איהר ליידענשאפט צורייצט און זי האט אלע מאל געפונען אן אנדער אויסרייד אריינצוגעהן אינוועניג... דאס האט זי איינגעמאכטס און פארבייסענס אריינגעטראגען, און דאס איז זי געקומען אנווארימען דעם סאמאוואר און פארפארען טהע. אלע מאל האט זי אן אנדער אויסרייד געפונען. ווייל זי האט רוהיג ניט געקענט איינזיצען, זיך אין ערגעץ קיין פלאץ ניט געקענט געפינען אין דער צייט ווען ער, פּאטאפּאוו, זיצט אין איין צימער מיט ליזא׳ן...

געוואלט האט זי זעהן פון דער נאהענטס, הערען פון וואס זיי ריידען. אבער דאס האט זיך איהר ניט איינגעגעבען, ווייל אלע מאל ווען זי איז אריינגעקומען און זיך גענומען פארען ביים טיש, האט דער פארזיכטיגער פאטאפּאוו איבערגעהאקט דעם געשפּרעך און קיין ווארט ניט גערעדט.

— לעגט זיך שלאפען, פעדאסיא. — האט איהר ליזא צערטליך געזאגט און איהר געדאנקט פאר וואס זי ברענגט אלע מאל אריין עפּעס אנדערש. — דאס איז ניט נויטיג פעדאסיא, מיר ווילען שוין מעהר גארניט און איהר קענט שוין געהן שלאפען...

פעדאסיא האט זיך טיעף פארנויגט און איז ארויס געגאנגען. און ווען זי איז שוין געווען פון יענער זייט טהיר האט זי שטילערהייד זיך גענומען שטיקען פון געלעכטער אזוי, אז איהר גלאטפארקאמטע קאפּ האט זיך אזש געטרייסעלט.

ווען ליזא וואלט דאס געזעהן, וואלט א פחד אויף איהר געפאלען.

פעדאסיא האט בשום אופן ניט געקענט איינשלאפען. אז אויפגערעגטע האט זי זיך פון איין זייט אויף דער אנדערער געווארפען; אלע מאל האט זי געכאפּט א דרעמעל, נור באלד האט

זי זיך א כאפ געטהאן און מיט'ן גאנצען קערפער אויפגעשוידערט פון דעם געדאנק, וואס פאטאפאוו איז דארטען ביי ליזא'ן אין צימער...

ארום דריי א זייגער ביי נאכט איז זי א צורייצטע ארונטער פון בעט אין איין העמד, אנגעשטעקט די פאנטאפעל און איז ווידער ארויף אויף די שטיגען שטילערהייד און אריינגעקוקט דורכ'ן שליסעל־לאך.

זי האט געזעהן ווי ליזא איז געגאנגען צום טישעל, וואו א קעסטעלע מיט געלד איז שטענדיג געלעגען, און ארויסגענומען פון דארטען עטליכע אסיגנאציעס און געזאגט:

— דא פארמאג איך איצטער ניט מעהר ווי הונדערט רובעל. נאט זיי אייך אוועק פאר אייער באוועגונג... עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס גראדע איצטער האב איך ביי זיך ניט מעהר. איהר לאזט מיר איבער אן אדרעס פון אייערען א מענשען און איך וועל שוין ברענגען אהין א גרעסערע סומע... איך בין א רייכע, איך פארמאג גענוג געלט. און צו וואס דארף איך דאס? און איהר זאגט דאך אליין, אז אויף דורכצופיהרען אייער אידעאל מוז מען האבען וואס מעהר געלט...

— יא, — וואס מעהר געלט אלץ בעסער איז עס. — האט פאטאפאוו מיט א צערטליכען שמייכעל געענטפערט און איהר שטארק געדאנקט.

און ווייטער האט זי געהערט ווי ליזא האט געזאגט אזוי:

— דורך דעם וואס איהר וועט ביי מיר נעהמען געלד פאר אזא גרויסער און הייליגער זאך, וועט איהר ארונטערנעהמען א פלעק פון מיין געוויסען... איהר פארשטעהט, ערשט איצט, נאכדעם ווי איהר האט פאר מיר א נייע וועלט געעפענט, זעה איך ערשט, אז איך האב די גאנצע צייט צופיעל זיך אליין אין זינען געהאט... ערשט איצט איז מיר אזא בזיון וואס איך בין די גאנצע צייט געשטאנען פון דער ווייטענס... און ווען איך וועל שטארבען, וועל איך מיין גאנצען קאפיטאל איבערלאזען פאר דער באוועגונג...

— אזוי גאר? ! — —האט זיך פעדאסיא א טראכט געטהאן

— —איז ער גאָר פון יענע חברה — און זי האָט נאָך מעהר אָנגעשטרענגט געצומענע קוקענע דורכ'ן שליסעל־לאָך...

פּאַטאַפּאָוו האָט איהר געדאַנקט פאַר דעם געלד, וואָס זי האָט בייגעשטייערט אויף דער רעוואָלוציאָנערער ארבייט. זי האָט אָבער געענטפערט אז אַ דאַנק קומט איהם, ניט איהר...וואָרים ווען ניט ער, וואָלט זי אַלץ געבליבען בלינד און וואָלט געמיינט, אַז דאָס בעסטע אין לעבען איז נור אין זינען האָבען זיך אליין און די אייגענע געפיהלען...

— איהר האָט דאָך מיר געטהאָן אַזאַ גרויסע טובה, גוטער מענש וואָס איהר זייט! — האָט זי גאַנץ ערנסט געזאָגט, — איהר האָט דאָך מיך פשוט געראַטעוועט... ווייל... פארשטעהט איהר, איך קען אייך גראָדע איצט ניט זאָגען, ווי נויטיג עס איז פאַר מיר מיט עפּעס אַ גרויסע און וויכטיגע זאַך זיך צו פאראינטערעסירען... אין אנדערם מאָל, ווען מיר וועלען ווערען מעהר באַפריינדעט, וועל איך דאָס אייך אפשר זאָגען... איצטער טהוט עס מיר צו־שטאַרק וועה... — און זי האָט מיטביידע הענד זיך דעם פנים פארשטעלט.

פּלוצים, גלייך אימיצער וואָלט איהם אַ שטויס געטהאָן, איז ער צוגעגאַנגען צו איהר גאַנץ נאָהענט, אראָפּגענומען ביידע הענד איהרע פון'ם פנים און זיי אַ קוש געטהאָן. פריהער איין האַנד און דערנאָך די אַנדערע...

פעדאָסיא'ן האָט דאָס פון יענער זייט טהיר אונטערגעטראָגען און זי האָט ביז וועהטאָג די ליפּען אַ ביס געטהאָן.

אַ ווייל איז אין דעם שעהנעם, ליכטיגען, געראַמען צימער געווען שטיל. אַ פיעלבאַדייטענדע שטילקייט איז דאָס געווען. ליזא און פּאַטאַפּאָוו האָבען לאַנג איינער אויפ'ן אַנדערען געקוקט, און ביידע האָבען דערפיהלט, ווי טיעף אין הארצען נעהמט זיך ביי זיי וועבען אַ הייליגע ליעבע...

ווי זייערע ביידענס פנים'ער האָבען דאַן אויסגעקוקט — דאָס האָט די אויפּפּאַסעריַן, פעדאָסיא, ניט געקענט זעהן, ווייל פּאַטאַפּאָוו איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו דער טהיר און אין

גאַנצען פארשטעלט ליזא'ן. זי האָט אָבער קלאָר געהערט ווי ער האָט איהר מיט אַ גדולה געזאָגט:

— הייסט עס, ליזא, אַז פון היינט אָן און ווייטער זיינען מיר געגאַסען אין איין אידעע און דערצו נאָך גוטע פריינד?

— יאָ, יאָ... פריינד ביז'ן קבר!

מעהר האָט פעדאָסיא ניט געקענט און ניט געדאַרפט שטעהן, און איז שטילערהייד, אויף די שפּיץ פינגער, ארונטער פון די שטיגען.

עפּעס ווי געגען איהר ווילען האָט ליזא מיט'ן גאַנצען קערפּער זיך אַ צאַפּעל געטהאָן און ארונטערגעלאָזט די ברעמען, דערפּיה־לענדיג אויף זיך דעם שאַרפען, ליכטיגען בליק פון זיינע צוויי בלויע אויגען. אזוי פיעל אמת'ע ליעבע און ווירקליכע, ריינע פריינדשאַפט איז אין דעם דאָזיגען בליק פון זיינע אויגען געווען. זי האָט דאָס געפיהלט. און דאָן איז שוין געווען אזוי נאַטירליך, אַז זי זאָל איהם מיט אַזאַ בליק ענטפערען, און שטיל אַ זאָג טהאָן:

— דאָס איז מיין מזל וואָס איהר זייט געקומען...

— און אויך מיין — האָט ער אומעטיג געענטפערט און אַ שווערען זיפץ געטהאָן.

דאָס איז געווען די אורזאכע פאר וואָס ליזא האָט געקענט באַ־געגענען טאַבאַלצעוו'ן אזוי קאַלט און זיך פאַרהאַלטען צו איהם ווי אַ פרעמדע...

דאַמאָלט, ווען טאַבאַלצעוו איז געקומען צו דער מוטער אין הויז, איז ער, ניי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל, גלייך ארויפ־געגאַנגען אויף דעם אויבערשטען שטאָק, וואו די מוטער האָט גע־וואוינט, און נאָך איידער ער האָט אוספעיעט איהר די האַנד אַ קוש צו טהאָן האָט זי איהם שטילערהייד אַ סוד פארטרויעט:

— ער איז ווידער דאָ... ער האָט היינט ביי מיר גענעכטיגט...

— וואָס רעדסטו, מאַמע?! — האָט ער זיך מיט אַ גדולה אַ כאַפּ געטהאָן, — וואו־זשע איז ער?

— איך ווייס גאָר ניט. — האָט די מוטער כלומרשט תמימות'־

דיג גענטפערט. — איך קען דיר ניט זאגען וואו ער איז. פרעג ליזא'ן...

— ליזא'ן גאר ? — האט ער זי אנגעקוקט ערשטוינט.

— יא, ליזא'ן... פעדאסיא האט מיר היינט דערצעהלט, אז נעכטען איז ער מיט ליזא'ן געזעסען ביז דריי א זייגער פארטאג... עפעס האבען זיי גערעדט און גערעדט; פארבראכט ווי אלטע גוטע פריינד... אין דערפריה, ווען איך בין אויפגעשטאנען, האב איך איהם שוין ניט געטראפען... ער איז אוועק. און דו ווייסט דאך, אז ווען ער נעהמט אוועק, ווייסט מען ניט צו ער וועט צוריקקומען.

זי האט גוט געזעהן, ווי די קאלירען בייטען זיך איהם אין פנים, נור זי האט זיך ניט ווייסענדיג געמאכט, און ווי זי וואלט גאר ניט אויסען געווען מיט דעם, האט זי געפרואווט פארדרעהען דעם געשפרעך אין אן אנדער זייט:

— איך זאג דיר, אנדריושא, — מאכט זי אזוי צו איהם — ער האט מיר דערצעהלט אזעלכע זאכען, אז איך האב מיינע אויערען ניט געגלויבט! ער האט דערצעהלט, אז אין ראסטאוו־ביים־דאן האט זיך געטהאן חושך... די ארבייטער האבען דארטען מיט רויטע פאהנען געמארשירט איבער די גאסען... דו האסט געהערט דערפון אנדריושא ?

— יא איך האב דערפון געהערט, מאמע, — האט ער אומגעדולדיג געענטפערט — אבער... יא, דארף איך, הייסט עס, פרעגען ליזא'ן ? הא ?

— גאר אנדערע צייטען זיינען געקומען! — האט די אלטע ווייטער גערעדט, מאכענדיג זיך אלץ ניט ווייסענדיג וועגען דעם, וואס ער איז צוטראגען. — די ארבייטער זיינען געווארען אויפגעקלעהרט און זיי בונטעווען זיך טאקע אויף אן אמת...

— אך, עס טהוט מיר אזוי באנג וואס איך האב איהם ניט געזעהן! — האט טאבאלצעוו זיך געערגערט.

— נו, פארפאלען, — האט די אלטע איהם כלומרשט געפרואווט בארוהיגען, — ער האט זיך זעהר געאיילט, און עס איז אוממעגליך

געוועז איהם דאָ צו פאַרהאַלטען לענגער... ער האָט מיך בלויז גע־בעטען, אַז איך זאָל איהם ערלויבען דאָ אין הויז צו באַהאַלטען געוויסע ביכלאך און נאָך אַנדערע זאַכען. האָב איך איהם ס'פאַר־שטעהט זיך, ערלויבט... און איצט קוקען מיר, איך און ליזאַ, אַרוים אויף איהם, ער זאָל זיך אַהער אַריינכאַפּען אַז אויף דער נאַכט...

— איך בעט דיך, מאַמע! — האָט טאַבאַלצעוו ניט אָהן פאַר־דרוס כמעט אויסגעשריען, — איך מוז דאָך איהם זעהן! אפשר איז דאָך מעגליך, מען זאָל דאָס איהם איבערגעבען? געשיקט זיך, אַז ער האָט גאָר ניט געפרעגט אויף מיר?

— אפנים, אַז ער האָט זיך שטאַרק געאיילט, ניט געקענט וואַרטען און קיין צייט ניט געהאַט דיך צו זעהן... פרעג ליזאַ'ן... זי איז מיט איהם ביז דריי אַ זייגער פאַרטאָג געזעסען... אפשר ווייסט זי?

דערפון וואָס זיין בעסטער פריינד, פאָטאַפּאָוו, האָט דאָ גע־קענט זיין און זיך מיט איהם גאָר ניט זעהן, האָט זיך טאַבאַלצעוו געפיהלט שטאַרק געטראָפען. דאָך האָט ער אין דער זעלבער צייט געפיהלט, אַז ער וועט אַליין היינט־מאָרגען קומען צו איהם. און ער האָט שוין באַשלאָסען, אַז ווען עס זאָל אפילו דעם טאָג דאַר־פען קומען צו איהם די שעהנסטע, אינטערעסאַנטעסטע דאַמע, אפילו צעהן אינטערעסאַנטע דאַמען, וועט ער דאָס אָפּלעגען אויף אַן אַנדערש מאָל...

עס האָט איהם שוין דערנאָך ניט געלאָזט רוהען, און ער האָט זעהר געוואָלט רעדען אַ מיט פאָטאַפּאָוו'ן אַ מיט ליזאַ'ן...

— ליזאַ — האָט ער זיך געווענדעט צו איהר אין דער גרעס־טער פאַרלעגענהייט, ווען מען האָט אין עס־צימער צום טיש גע־גרייט, — האָסטו אפשר צייט צו רעדען מיט מיר אַ פּאָר ווערטער?

זי איז בלאַס געוואָרען. נור באַלד האָט זי זיך באַהערשט און העפליך געענטפערט:

— פאַר וואָס ניט?

זי האָט זיך געלאָזט געהן צו זיך אין אויפנאַהמס־צימער. ער

איז איהר א דערשלאגענער נאכגעגאנגען, און, קוקענדיג אויף דער שלעפע פון איהר קלייד, האט ער זיך געקלעהרט:

„וואס האט דא געקענט פאסירען?"

אין דעם זעלבען צימער, וואו דער לײדענשאפטליכער, שטאר־קער באגעהר אז ליזא זאל זיין זיינע, האט איהם אפט־מאל אזוי געפלאגט, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דער ווייכער זאפע און געווארט, אז ליזא זאל, פונקט אזוי ווי אין יענע צייטען, זיך אוועק־זעצען נאהענט לעבען איהם... אבער זי האט זיך לעבען איהם ניט אוועגעזעצט. ווי א ווילד פרעמדע האט זי זיך אוועקגעזעצט ווייט אויף א שטוהל און זיך געהאלטען אזוי, גלייך זי וואלט זיך מיט איהם גאר ניט אנגעקעהרט...

עס איז איהם אליין אויסגעקומען עפעס אזוי מאדנע און אומ־פארשטענדליך! דוכט זיך אז ערשט נעכטען האט ער געפיהלט, דאס ער וועט זיין א גליקליכער מענש, ווען ער וועט פטור ווערען פון דער דאזיגער איבעריגער ליעבע, וואס איז איהם געוועזן שווער אויפ'ן קאפ! און איצט, ווי ער האט נור דערזעהן ווי זי פאר־האלט זיך צו איהם אזוי קאלט און פרעמד, האט ער גאר דער־פיהלט אז האס הארץ ווערט אין איהם צוריסען פאר פארדרוס און פאר וועהטאג...

„און אין דער אמת'ן טאקע, — איז איהם גאר פלוצלונג איינ־געפאלען א געדאנק, — האט דען ליזא'ס ליעבע מיר ניט פארשאפט די בעסטע אנגענעהמסטע מאמענטען אין לעבען? קיין פרוי, ניט קאטיא און ניט סאניא, קענען ניט פיהלען אזוי שעהן און ערעל ווי זי!...

— ליזא, — האט ער שטיל אין גרוים פארלעגענהייט געזאגט, ניט אראפנעהמענדיג די אויגען פון איהר, — —דו ווייסט דאך שוין אודאי אז איך געה אין גיכען חתונה האבען?...

— איך ווייס, — האט זי שטיל געענטפערט, טאפענדיג מיט איין האנד די בריליאנטענע פינגערלאך פון איהרע פינגער. — איהר זייט שוין לאנג באקאנט? — האט זי פלוצלונג דרייסט און מוטיג הויך א פרעג געטהאן. — און דערצעהל מיר טאקע ווער זי

איז און וואָס זי איז... און האָסטו אפשר איהר בילד ? דערצעהל מיר אַלעס... דאָס מוז אודאי זיין זעהר אינטערעסאַנט !...

ער האָט געשוויגען. עס איז אוועק נאָך אַ מינוט פון פיינ־ליכען שווייגען

אין דער האַנד האָט ליזא געהאַלטען אַ שעהנע, לאַקירטע קעס־טעלע, יאַפּאַנעזישע ארבייט. דאָס איז געווען אַ מתנה, וואָס טאַבאַלצעוו האָט איהר געהאַט געקויפט ערשט מיט אַ קורצע צייט צוריק. זי האָט דאָס קעסטעלע פון איין האַנד אין דער אַנדערער איבערגענומען און בשעת מעשה האָט זי אַזוי, הינטען ארום, אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף טאַבאַלצעוו'ן.

אַ נערוועזער האָט זיך טאַבאַלצעוו געגעבען אַ הויב אויף און זיך אָפּגעשטעלט לעבען טישעל וויפיעל צערטליכקייט, שעהנקייט, און אומעט איז אין ליזא'ס פּנים געווען ! און דאָס האָט איהם אַזוי געריהרט, אַז ער האָט שוין קיין זאַך געקענט טהאָן, נור אַ פאַל טהאָן אויף די קניע פאַר ליזא'ן און זי פעסט ארומנעהמען פאַר דער טאַליע...

אַזוי אומערוואַרטעט און ראַפּטאָם האָט ער דאָס געטהאָן, אַז זי האָט זיך פאַר שרעק אַזש אַ וואָרף געטהאָן און זיך אַ בויג גע־טהאָן צוריק.

— ליזאָטשקאַ, טייערע מיינע — האָט ער מיט אַ ציטערדיגע שטימע אָנגעהויבען. — לאָז מיך אַנקוקען דיין שעהן, ליכטיגען פּנים ! לאָז מיך רעדען מיט דיר כאָטש אַ פּאָר ווערטער ! גאָט מיינער... פון וואָס זאָל איך דאָ אָנהויבען ? מיר האָבען דאָך ביידע אַזוי פיעל שעהנע און זיסע מאָמענטען דורכגעלעבט ! הער מיך אוים, ליזאָטשקאַ ! איך שווער דיר ביי מיין עהרען־וואָרט, אַז דאָס ווינקעלע, וואָס דו האָסט ביי מיר אין הארצען פאַרנומען, האָט קיין אַנדער פרוי ניט פאַרנומען... יאָ, יאָ ! איך האָב דיר ניט פאַרראַטען !... דו הערסט, ליזאַ ? איך האָב דיר ניט פאַר־ראַטען !... איך האָב זיך פאַרליעבט אין אַן אַנדערער. יאָ, דאָס איז אמת ! אָבער ווייסטו פאַר וואָס דאָס האָט פּאַסירט ? דער־פאַר וואָס איך בין ניט קיין מלאך, נור אַ געזונדטער מענש, מיט

בלוט און פלייש, און איך קען זיך ניט באגעהן אהן... נו, ווי זאל איך דיר דאס זאגען? אהן יענער ליעבע, אהן יענע צערטליכקייטען, וואס דו האסט מיר ניט געוואלט געבען.. אבער מיין ליעבע צו יענער מיידעל קעהר זיך גאר ניט אן מיט דער ליעבע וואס איך האב געפיהלט און פיהל נאך איצט אויך צו דיר... צו יענער מיידעל פיהל איך ליידענשאפט, תאוה... אבער צו דיר האב איך די שעהנסטע, עדעלסטע געפיהלען פון מיין נשמה... ליזאטשקא! שטויס מיך ניט אוועק פון זיך און זיי ניט אייפערזיכטיג! קיין פרוי קען אין מיין הארצען ניט פארנעהמען דאס פלאץ וואס דו פארנעהמסט! קיין פרוי אין דער וועלט באזיצט ניט אזעלכע אייגענשאפטען אז זי זאל קענען מיט דיר קאנקורירען! און דערפאר זאג איך דיר, טייערינקע, אז דו דארפסט ניט ליידען!...

אין דער מינוט איז ער ווירקליך געוועזן אויפריכטיג און מיט'ן גאנצען הארצען געמיינט וואס ער האט געזאגט; און געזאגט האט ער וואס ער האט אין דער מינוט געפיהלט.

מיט איין האנד האט ער איהר פעסט ארומגענומען פאר דער טאליע און מיט דער אנדערער האט ער איהר פנים אויסגעדרעהט צו זיך און עס באדעקט מיט הייסע קושען...

אין אנפאנג האט זי זיך געוועהרט, און נאכדעם האט זי א מיעדע די אויגען צוגעמאכט און זיך געלאזט קושען. פון איהרע שווארצע ברעמען איז אויף איהרע באקען א שאטען געפאלען, און דאס האט איהר צוגעגעבען נאך מעהר חן.

טאבאלצעוו האט זיך גאר זאט ניט געקענט אנקוקען אויף איהר.

— זאג מיר דעם אמת, אנדריושא, — האט זי שטיל ארויסגעשעפטשעט, — איא, דו האסט ניט געוואלט חתונה האבען?

— יא, איך האב ניט געוואלט... — האט ער געענטפערט. — אבער... עס האט זיך גראדע אזוי געמאכט, אז איך האב זיך גאר ניט געקענט העלפען.. אז אנדערש מאל וועל איך דיר אלעס דערצעהלען, און דאן וועסטו מיך בעסער פארשטעהן... פארשטעהסטו, ליזאטשקא, ווען דו וועסט דערזעהן מיין קאטיא'ן...ווארט, רייס

זיך ניט אוועק פון מיר !... ווען דו וועסט דערזעהן איהרע אָרענט־ליכע, כשר׳ע אויגען, איהר שמייכעל, וואָס איז פול מיט צוטרויען, דאַן וועסטו פארשטעהן, אַז אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין... און ווייסטו וואָס נאָך איך וועל דיר זאָגען, ליזא ? איך בין מעהר ווי זיכער, אַז איהר ביידע, דו און מיין קאַטיא, וועלען זיך זיין די בעסטע גוטע פריינד... אָט וועסטו זעהן !

ניט עפענענדיג די אויגען, האָט זי אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— און טאַקע, ליזאַטשקא, — האָט ער ווייטער מיט באַגייס־טערונג גענומען ריידען. — שטעל דיר אומיסטען פאַר וואָס פאַר אַ גוטע־פריינדשאַפט עס וועט זיין צווישען אונז אַלע דריי! און וואָס פאַר אַ ים פון שעהנקייט אָט די פריינדשאַפט וועט אין אונזער לעבען אריינטראַגען !

— עס איז ניט נויטיג ! — האָט זי איהם מיט אַמאָל די פלי־געל איבערגעהאַקט. — איך בין דיר מוחל ! איך וועל זיך באַ־געהן אהן דיין פריינדשאַפט און אהן א י ה ר פריינדשאַפט אודאי...

אין איהר פנים איז ניט געווען דער מינדעסטער אויסדרוק פון צער, אָדער אומעט, ווען זי האָט דאָס געזאָגט.

— פאַרוואָס, ליזאַטשקא ? — איז ער פון איהר ענטפער ניט צופריעדען געווען. — האָב איך דען דיר שלעכטעס געטהאָן ? האָב איך דען דיך באַליידיגט ? קענסטו זיך גאָר ניט פאַרשטעלען אַזאַ זאַך, אַז איך בין אין אייך ביידען פאַרליעבט ? עס איז ניט מעהר דיך האָב איך אַנדערש ליעב... און גלויב מיר, ליזאַטשקא, אַז כאָטש איך געה חתונה האָבען פאַר אַן אַנדערער, בין איך דאָך גרייט צו אָפּפערען מיין לעבען, אַבי דו זאָלסט זיין גליקליך... דו גלויבסט מיר ניט ? אַבער גאָט מיינער ! פאַרוואָס קענסטו ניט אריינקוקען טיעף אין מיין נשמה ? הער זיך איין, ליזא ! איך בין אַ צו־וואָרפענער, אַן אומרוהיגער מענש. אַ טבע אַזאַ ביי מיר. ביז איצט האָט מיך קיין פרוי ניט געקענט איינהאַלטען... מיין הארץ, פאַרשטעהסטו מיך, איז ווי אַ גרויסער, שעהנער פּאַלאַץ,

וואו עס ברענען ליכטיג די לאמפען, וואו עס הערשט שטענדיג פרייד און עס קלינגען קושען פון שעהנע פרויען... אזא הארץ איז ביי מיר... אבער דארטען איז פאראן איין צימער'ל, וואו עס איז שטענדיג שטיל. אט דאס צימערל איז שטענדיג פול מיט געהיימניסע און שטענדיג פארשלאסען מיט א שליסעל... און אט דעם שליסעל פון אט דעם צימערל האסטו, ליזא, אין דיינע הענד... האסטו מיך פארשטאנען ? עס איז מעגליך, אז איך וועל יאהרענלאנג אין אט דעם צימערל ניט אריינקוקען... אבער איך וויים, אז דארטען ווערסטו אויף מיר שטענדיג ווארטען, און איך וויים אויך, אז פריהער אדער שפעטער וועל איך זיך מוזען אומקערען צו דיר...

זי האט אויפגעהויבען דעם קאפ און זיך אוועקגעזעצט גלייך אויפ'ן שטוהל.

— דאס איז פאר מיר ניט גענוג — האט זי שטיל און פארטראכט געזאגט. — איך וויל זיין די ערשטע...

ער איז אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צו איהר און זיך אוועקגעזעצט נאהענט.

ער האט אפילו געהאט חשק זי צוצורופען צו זיך, אויף דער ווייכער זאפע. אבער דערצו האט ער איצט קיין מוטה ניט געהאט, און דערפאר איז ער צוגעגאנגען צו איהר.

— איך וויל זיין די ערשטע ! — האט זי נאך אמאל דאס זעלבע איבערגע'חזר'ט, — דו פארשטעהסט ? די ערשטע ! ביי דיר איז זי די ערשטע... ביי מיר ביזטו דער ערשטער... און איך האב קיין מזל ניט, איך בין אלע מאל אין לעבען געווען די צווייטע... וואס איז מיין לעבען ? ווער וועט מיך באוויינען ווען איך וועל שטארבען ? ווער זיך דען געפינען איין מענש, וואס זאל פיהלען, אז דאס לעבען איז פאר איהם געווארען פינסטער דורך דעם, וואס איך בין געשטארבען ? און איך וויל, — האט זי מיט אמאל געגומען רעדען אזוי נערוועז און מיט א ציטערדיגע שטימע, — אז ווען איך וועל שטארבען זאל בלייבען א מענש, וועמען דאס גאנצע לעבען זאל ניט באקומען איבער דעם, וואס ער האט מיך

אנגעוואוירען !... אז ער זאָל אין קיין זאַך קיין טרייסט ניט גע־פינען ! אז ער זאָל אַלע טאָג קומען אויף מיין קבר און וויינען... און ברענגען בלומען... אז ער זאָל קיינמאָל מיט קיין אַנדערער חתונה ניט האָבען... אז ער זאָל אָן מיר קיינמאָל ניט פארגע־סען... נאָך אזא ליעבע בענק איך !

טאַבאַלצעוו האָט פון איהר די אויגען ניט אראפגענומען ווען זי האָט אזוי פייערליך און נערוועז גערעדט. און ער האָט פאַר־שטאַנען, אז עפּעס האָט דאָ מיט איהר פּאַסירט, אז אימיצער א דריטער האָט זיך צווישען איהם און איהר אַוועקגעשטעלט... און ער האָט אויך פארשטאַנען, אז יענער דריטער מוז זיין ניט קיין אַנדערער ווי פּאַטאַפּאַוו...

ווען דער דאָזיגער דריטער וואָלט געווען ניט זיין בעסטער פריינד „סטיאָפּאַטשקא“, וואָלט ער אפשר געוואָרען אייפערזיכ־טיג, און ווער ווייסט צו וואָס די אייפערזוכט וואָלט געפיהרט. אָבער אזוי ווי עס איז ביי איהם דער מינדעסטער צווייפעל ניט געווען, אז דאָס איז פּאַטאַפּאַוו, האָט ער דעם אייפערזיכטס־גע־פיהל אין זיך פארשטיקט און אין דער מינוט איז איהם גאָר איינ־געפאַלען אזא געדאַנק :

„סטיאָפּאַטשקא און ליזא ! ער — איז אַ מענש מיט אזא פלאַמענדיגער נאַטור, אזא שטאַרקער, אזא ערענטליכער און אַ אידעאַלער, און זי — אזא ווילדע, אזא ליידענשאַפטליכע און אזא קאַפּריזנע !... די ליעבע צווישען אזא פּאָרל וואָלט געווען א מערק־ווירדיג גוטע טעמא פאַר אַ פּיעסע“...

און עס האָט איהם שטאַרק באַנג געטהאָן פאַרוואָס ער איז ניט קיין שרייבער. ווען ער וואָלט געווען אַ שרייבער, וואָלט ער דערפון אַ שעהנע פּיעסע געמאַכט און וואָלט אליין די הויפּט ראָלע געשפּיעלט...

דאָך האָט ער ניט געקענט בלייבען אין גאַנצען רוהיג. מיט אמאָל האָט ער גענומען לויפען איבער'ן צימער הין און צוריק און עטליכע מאָל האָס זעלבע איבערגע'חזר'ט :

— איצט פארשטעה איך ! איצט ווייס איך שוין אלעס, ליזא !...

זי האט זיך א ווארף געטהאן ווי אן איבערגעשראקענע אומ־ערוואַרטעט. עס איז איהר געווען אי א וועהטאג אי א שאנדע, וואס עס איז איהם אזוי לייכט אנגעקומען זיך צו דערוויסען איהר סוד. זי האט געפּרואווט עפּעס זאגען, אבער זי האט קיין ווער־טער ניט געפונען.

— ליזא ! — האט ער ווייטער גערעדט אין דעם זעלבען טאן. — זעהסט איך בין ניט אייפערזיכטיג. און דאס איז טאקע אזוי שעהן ! איך פרעה זיך דערמיט, וואס איהר זייט ביידע גליקליך... יא, יא, אויף אזא מענשען ווי ער איז, קען מען זיך ווירקליך פאר־לאזען... ער איז ניט איך... איך בין א צוואַרפענער, און אומ־רוהיגער, און ער איז דאס ניט... אזא מענש ווי סטיפאַטשקא — ווען ער פארליעבט זיך, איז דאס אויפ'ן גאנצען לעבען... און — גאט מיינער, ווי גליקליך איך בין, וואס עס האט זיך אזוי גע־מאכט ! ווייל פארשטעהסטו מיך, איך האב אלץ מורא געהאַט, אז ער וועט חתונה האבען מיט א פשוט'ע מיידעל... איצט איז ער שוין פארזיכערט מיט גליק אויף אלע זיינע יאהרען... יא יא, ליזא, ער איז לייטישער פאר מיר... זיין נשמה איז ניט אזוי צוריסען אזוי ווי מיינע... ווען ער וועט זיין פארליעבט אין א פרוי, וועט ער שוין אויף קיין אנדערע פרויען אפילו ניט קוקען... ער איז ניט אזוי ווי איך... ער איז ווירקליך א גאנצער מענש... שטארק ווי א פעלז. מיין טייערער גוטער סטיאפּאַטשקא !

א פארטראכטע האט ליזא געקוקט אויף דעם יאפּאנעזישען קעסטעלע, וואס זי האט אין די הענד געהאלטען. פון דארטען האט זי ארויסגענומען א שטיקעל פּאפּיער און עס דערלאנגט טאבאלצעוו'ן

אויף דעם שטיקעל פּאפּיער איז מיט א באקאנטער האנד־שריפט געווען אנגעשריבען אזוי : באקומען דריי און ניינציג רובעל, ניקאלאי סטעפּאנאוויטש".

— אויף וואָס האָסטו איהם געגעבען געלד ? — האָט ער נייגעריג געפרעגט. — ער האָט ביי דיר געבעטען ?

— ניין ער האָט ניט געבעטען, אָבער ער האָט מיר דערצעהלט אַזעלכע שרעקליכע זאַכען ווי אונטערדריקטע מענשען ליידען און וואָס פאר א קאַמפף עס ווערט אָנגעפיהרט די אונטערדריקטע מענ־שען צו באַפרייען. האָב איך איהם דערויף געגעבען א ביסעל געלד...

— אהא ! — האָט ער אונטער דער נאָז א בורטשע געטהאָן, און, שפּאַנענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער, האָט ער זיך גע־שויבערט די האָר.

זיין פאַנטאַזיע האָט געאַרבייט שנעל און האַסטיג, און ער האָט זיך ערשט געקליבען צו ריידען און צו ריידען. אָבער אין מיטען דערינען האָט די דינסט אַנגעקלאַפּט אין טהיר :

— דאָס עסען שטעהט שוין אויפ'ן טיש !

— איך ראַטה דיר, ליזא, דאָס דאָזיגע פּאַפּירעל צו פאַרברענען. — האָט ער ערנסט געזאָגט, — אָון אין אַלגעמיין זאָלסטו זיין זעהר פאָרזיכטיג...

שטאָלץ האָט זי מיט'ן קאָפּ א שאָקעל געטהאָן... און טאַ־באַלצעוו'ן איז געוואָרען אַזוי שווער אויפ'ן האַרצען ווען ער האָט דערזעהן ווי זי נעהמט דאָס שטיקעל פּאַפּיער, לעגט עס צונויף אַזוי פאָרזיכטיג און צערטליך און לעגט עס אריין צוריק אין קעסטעלע...

„א סוף צו אונזער ליעבע !“ — האָט ער זיך געקלעהרט, געה־ענדיג צוזאַמען מיט ליזא'ן אין עס־צימער.

ביים עסען האָט טאַבאַלצעוו אַלעמען אָנגעזאָגט וועגען דעם, אַז ער געהט אין גיכען חתונה האָבען. אויף די ברידער, קאַפּיטאַן און ניקאָלאַי, האָט דאָס א טיעפען איינדרוק געמאַכט. אויך די צוויי אויפּפּאַסערינס פון הויז, פעדאָסיא און סטיאָשא, זיינען געוועזען איבערראַשט דערפון. און כאָטש זיי זיינען ביידע געוועזען צוויי פאַרשיעדענע מענשען מיט צוויי גאַנץ באַזונדערע כאַראַק־טערע, האָבען זיי ביידע גלייך שוין רחמנות געהאַט אויף יענער

אומבאקאנטער מיידעל, וועלכע פאלט אריין צו איהם, צו טאַ־באלצעוו׳ן... פון פימאן, קאפיטאן׳ס פרוי, איז שוין אפגערעדט; זי איז געוועזן אזוי איבערראשט, אז זי האָט איהר איבערראשונג געמוזט ארויסגעבען, און זי האט גאנץ אפענהערציג געזאגט אזוי:

— אָבער וואָס פאר א נאריש מיידעל געהט מיט דיר חתונה האבען? דו וועסט דאָך זי אויפ׳ן צווייטען טאָג אוועקווארפען!

— אודאי אז ארימע מיידעל, וועלכע מיינט, אז זי איז אריינגעפאלען אין א שמאלץ־גרוב. — האָט ניקאָלאי, ליזא׳ס מאן, ארויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— נישקשה, אונזער ברודערל אנדריושא איז נאָך ניט קיין נאר און קיין יאָלד אודאי ניט. אז איך און ניקאלאי האבען געקענט נעהמען נדן, וועט ער אודאי נעהמען...

— אזא פויגעל מוז אודאי נעהמען עטליכע מיליאָנטשיקלעך נדן! — האָט פימא פון איהר זייט צוגעגעבען. און ווערענדיג שטארק באגייסטערט האָט זי א קלאפ געטהאן מיט׳ן פויסט אן טיש און געזאָגט:

— נו, אנדריושא, מאך ניט קיין טענות און שיק נאָך שאמפאניער וויין און לאָמיר אביסעל א הוליע טהאָן לכבוד דעם, וואָס דו ביזט שוין א חתן...

האָט טאבאלצעוו פון דער קעשענע ארויסגענומען א גילדענע מטבע און א ווארף געטהאן אויפ׳ן טיש:

— שיקט נאָך שאמפאניער וויין און לאָמיר הוליען!

— באהאלט דאָס געלד צוריק! — האָט די מוטער געזאָגט במעט ווי באפעהלענד. — ביי מיר אין הויז דארף קיינער קיין געלד ניט אויסלעגען. איך וויל אליין שיקען נאָך שאמפאניער וויין.

ווי ענטוישט זיינען אלע געוועזן ווען טאבאלצעוו האט זיי געזאגט, אז זיין כלה האט ניט קיין נדן. די צוויי ברידער זיינען האבען זיך מיט פיעל־באדייטענדע בליקען איבער געווארפען, און ביי ביידען איז אין יענער מינוט געבוירען געווארען איין געדאנק:

„ניט אנדערש, נור די מאמע וועט איהם די גאנצע ירושה איבערלאָזען ווען זי וועט שטארבען.

ניקאלאי האט פיינד געהאט טאבאלצעוו'ן בתכלית השנאה זינט ער האט באמערקט, אז זיין פרוי ליזא, איז אין איהם פאר־ ליעבט. דערפאר האט ער אצינד געקוקט מיט נצחון אויף ליזא'ן, וועלכע איז אזוי אומבאוועגליך און אומעטיג געזעסען. מען האט גלייך געקענט דערקענען, אז ער האט זיך אין איהר א גרויסע נקמה דערלעבט. ער האט זיך געקלעהרט:

„עס ווייזט אויס אז דער ברודערעל מיינער איז אין זיין כלה פארליעבט ביז איבער די אויערען... און זי מוז שוין זיין איינמאל א שעהנע מויד, די כלה זיינע... נו, גוט אזוי! איידער אפשלאגען פרעמדע ווייבלאך, איז שוין גלייכער זיך פארדרעהען דעם קאפ מיט אן אייגענער!

נאך גרעסער איז זייער אלעמענס איבערראשונג געווען ווען טאבאלצעוו האט זיי געזאגט, אז זיין כלה איז דוקא ניט אזא שעהנהייט.

— איהר קענט זי אלע, — האט ער געזאגט — דאס איז יענע מיידעל, וועלכע האט מיט מיר טעאטער געשפיעלט.

— וואס! יענע מיידעל!

— יא, יא, יענע מיידעל!

און ער האט גענומען אויסרעכענען איהרע זעלטענע מעלות:

— דאס איז, פארשטעהט איהר מיך, א מיידעל מיט א זעלטען שטארקען כאראקטער, — האט ער מיט גרויס באגייסטערונג גע־ זאגט. — אזעלכע מיידלאך זיינען ניטא קיין סך! זי איז א גרויסע קינסטלערין אין שפיעלען פיאנא. ווען זי וואלט מיט יאהרען צוריק געהאט א מעגליכקייט, וואלט זי איצט זיכער גע־ ווען א קינסטלערין און די וועלט וואלט מיט איהר געקלונגען! אבער איבער דעם וואס זי איז זעהר א גוטע, איבער דעם וואס זי פארמאגט א בריליאנטענע נשמה און א גאלדען הארץ, האט זי דאס ניט געקענט ווערען. איהר מוטער, פארשטעהט איהר, איז א קראנקע, א קאליקע, און זי, די טאכטער, האט מיט איהר צוקונפט געאפפערט, אבי ניט איבערלאזען די קראנקע מאמע אליין... שוין יאהרען און יאהרען זינט זי האלט אויס מיט איהרע פארדיענסטען

א קראנקע מאמע א קאליקע, און א אינגערע שוועסטער. און איהר האט געדארפט זעהן, ווי א געטרייע טאכטער פאסט אויף אויף א מוטער ! דאס איז איינפאך צו באוואונדערען ! דאס איז ממש א זעלטענהייט !

אזוי שעהן און מיט אזויפיעל התפעלות האט ער וועגען דעם גערעדט, אז אפילו ניקאלאי האט אויפגעשטעלט מויל און אויערען און ביי זיך אין הארצען באוואונדערט די אפפערוויליגקייט און געטריישאפט פון יענער מיידעל.

מיט ברייט־פאנאנדערגעעפענטע אויגען האט ליזא געקוקט אויף טאבאלצעוו׳ן ווען ער האט וועגען זיין כלה גערעדט, און מיט אלע איינצעלהייטען האט זי איצט געדענקט יענעם פיינליכען אויף דער נאכט, ווען ער האט זיך מיט יענער מיידעל אויף דער ביהנע געקושט, און פימא האט זיך עפעס, גאר ניט ווי איהר שטיי־גער איז געווען, טיעף פארטראכט.

מען האט אנגעגאסען די גלעזער מיט שאמפאניער וויין. האט קאפיטאן, דער עלטערער ברודער, איין גלאז אין האנד גענומען און מיט׳ן גאנצען הארצען געזאגט :

— נו, ברודערל מיינער, איך ווינש דיר גליק ! לחיים ! אויף אזא מיידעל, פארשטעהסטו, ברודערל מיינער, קען מען קיין שלעכטס ניט זאגען... נו, געווים, צווישען אונז, סוחרים, איז דאס עפים נייעס — א יונגער מאן נעהמט א מיידעל אהן א נדן ! דאס איז עפים נישט... אבער... עס איז ווייזט אוים אזוי באַ־שערט... לחיים !

מיט די גלעזער אין די הענד האבען זיך אלע אויפגעשטעלט און ארומגערינגעלט טאבאלצעוו׳ן.

ליזא האט אויך אנגעריהרט איהר גלאז אן טאבאלצעוו׳ם, איהם געוואונשען גליק. און נאכדעם ווי זי האט אויסגעטרונקען דעם וויין אין גאנצען, האט זיך אויף איהר פנים א סארקאסטי־שער שמייכעל באוויעזען און זי האט די געדיכטע ברעמען ארונ־טערגעלאזט...

„דאנקען גאט !“ — האט זיך די געטרייע שוויגער געקלעהרט, צוקוקענדיג ווי טאקטיש די שנור האלט זיך.

נאכ'ן עסען האט מען ביי טאבאלצעוו'ן גענומען דאס ווארט, אז היינטיגען זונטאג וועט ער די כלה ברענגען אהער.

ווען טאבאלצעוו האט דאס געזאגט קאטיא'ן, האט זי זיך גע־פיהלט אין דער גרעסטער פארלעגענהייט.

— אנדריושא, — האט זי גאנץ ערנסט געפרעגט, —ווי אזוי קען איך געהן צו אייך אהיים, אז איך האב ניט מעהר ווי אט דאס מלבוש

— נאך בעסער אזוי — האט ער געענטפערט. — אט דאס שווארצע קלייד פאסט דיר זעהר שעהן. און דאס וואס דו האסט קיין ציערונג ניט, איז אודאי גוט. איך האב ניט ליעב, ווען א פרוי טהוט זיך אן און באהענגט זיך מיט איבעריגע שמאכטעס. וואס פשוט'ער מען געהט אנגעטהאן, אלץ שעהנער איז עס.

איהר איז געווען אזוי אנגענעהם פון איהם אזעלכע ווערטער צו הערען, אז איהר פנים האט אזש גענומען שיינען פאר פרייד.

— און עס זאל דיר גאר ניט איינפאלען זיך צו שעהמען, — האט ער איהר אויפ'ן וועג געזאגט. — לערען זיך אויס, טייערע מיינע, צו קוקען מיט פאראכטונג אויף געלד און אויף רייכע מענ־שען... ווארים וואס פארמאגען זיי אויסער געלד ?... אבער דו ביזט א טאלאנט, א קינסטלערין ! זיי קענען זיך צו דיר ניט גלייכען... אן אויסנאהם אין מיין פאמיליע זיינען בלויז צוויי מענשען — די מאמע און ליזא... און זיי וועסטו געווים געפע־לען אט אזא ווי דו ביזט... און אט וועסטו זעהן ווי די עלטערע שוועגערין מיינע, פימא, וועט אויף זיך אנטשעפען צאצקעס און צאצקעס — אויערינגלאך, רינגעלאך, קייטעלאך, קארעלען, פערל און גלאט איבעריגע שמאכטעס... און דאס האב איך אזוי ניט ליעב ! און ווייסטו וואס נאך איך וועל דיר זאגען ? עס איז ביי מיר גאר קיין צווייפעל ניט, אז ווען דו וועסט דארטען יוערען היימישער, וועלען זיי דיר אלע קוקען אין מויל אריין און וואס דו וועסט זאגען, וועט זיין געזאגט. ווייל זיי ווייסען גאנץ גוט,

אז אויב איך געה חתונה האבען מיט א מיידעל, מוז זי זיין אן אויסערגעוועהנליכע...

נאך איז דער פריה האט טאבאלצעוו דורכ'ן טעלעפאן אנגע־זאגט זיין מוטער, אז ארום איינס א זייגער וועט ער זיין מיט זיין כלה. און ווי מען האט נור די בשורה דערהערט, האט מען זיך גלייך גענומען ריכטען אויף זיי. די גאנצע פאמיליע האט שוין אויף זיי געווארט אין צימער פון דער אלטער מאדאם טאבאלצעווא.

ארום צוועלף א זייגער האט מען שוין אוועקגעשטעלט אין דרויסען א משרת'ל, ער זאל זעהן צו חתן־כלה פאהרען שוין. איז ווי דער משרת'ל האט זיי נור דערזעהן פון דער ווייטענס, איז ער אריינגעלאפען א פארסאפעטער און אין איין אטהעם אנגעזאגט די בשורה:

— מען פאהרט!

איז דער טאראראם געוואהען נאך גרעסער. די פרויען האבען זיך גענומען צורעכט מאכען די פריזורעס און די מענער האבען די שניפסען אויסגעגלייכט און די פאלעס פון די פראקען געצויגען. דער אלטער מוטער האבען זיך די קאלירען אין פנים געביטען ווען זי האט דערהערט דעם קלונג ביי דער טהיר, און זי האט געהייסען די קינדער ארונטערגעהן באגעגענען די געסט.

ווען די אויפפאסערין פון דעם אונטערשטען עטאזש האט די טהיר פאר די געסט געעפענט, זיינען שוין אין קארידאר גע־שטאנען די צוויי ברידער, אנגעטהאן אין צוויי שווארצע פראקען מיט ווייסע, געפרעסטע העמדער, און ווייטער אביסעל זיינען גע־שטאנען זייערע פרויען, אנגעטהאן אין טייערע זיידענע קלייהער.

באלד האבען אלע אנגעשטעלט די אויגען אויף דער כלה, גלייך זי וואלט געווען עפעס א טשיקאוואסט. זיי זייען אלע גע־ווען איבערראשט.

„נו, טראגט זי דאס א פוטערל!" — האט זיך די אויפפאסע־רין געקלעהרט, איינהאלטענדיג זיך קוים ניט אויסצושיסען קיין גע־לעכטער.

„און אַנגעטהאַן איז זי גאַר אין אַ שוואַרץ מלבוש !“ —
האָט פּימאַ ביי זיך געקלעהרט, דהעהענדיג מיט דער נאָז. —
געשיקט זיך, אַז זי האָט גאַר קיין העלע קלייד ניט געקענט אָנ־
טהאָן ? זי קוקט דאָך אויס ווי אַ מאַנאַשקע... און זי איז גאָר
ניט קיין שעהנע אויך ! מען קען גאָר זאָגען אַז זי איז אַ
מיאוסע... און קיין איין שטיקעל ציערונג טראָגט זי אפילו ניט...
נו, נו, ער האָט שוין אויסגעכאַפּט די ריכטיגע מציאה, דער שוואַ־
גער'ל !...

און ליזאַ האָט איהרע צוויי גרויסע אויגען ממש אריינגע־
שטאָכען אין קאַטיאַ'ן און זעהענדיג ווי זי געהט אַנגעטהאַן אַזוי
פּשוט און איז פאַרקאַמט אַזוי גלאַט און פּראַסט, איז איהר געווען
זעהר אונאַנגענעם וואָס זי האָט זיך אַזוי פאַרפּוצט אין עסיג און
אין האָניג און זיך באַהאַנגען מיט די דימענטען און בראַליאַנטען.
זי איז הערפאַר געווען ברוגז אויף פּימאַ'ן, ווייל יענע האָט זיך
נאָך אין דער פריה אַנגעזעצט אויף איהר און זי צוגערעדט אַז
זי זאָל זיך אַזוי פאַרפּוצען. אפילו אַ פריזורע האָט זי איהר גע־
מאַכט עפּעס אַזאַ מאָדנע ראַשיגע וואָס וואַרפט זיך צופיעל אין
די אויגען.

עס האָט זי שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס זי האָט פּימאַ'ן גע־
פאָלגט. אַ נאַרישע ווייבעל, אָט די פּימאַ ! זי האָט ליזאַ'ן גע־
זאָגט אַזוי : „לאָמיר איהר ווייזען, דער כלה זיינער, אַז מיר
זיינען אויך ניט אַבי ווער ! זי נעהמט זיך איבער מיט איהרע
טאַלאַנטען, וועלען מיר זיך איבערנעהמען מיט אונזערע בריי־
ליאַנטען !“ אַזאַ נאַריש ווייבעל ! טאַבאַלצעוו'ן וועט דאָס זיי־
כער אויך ניט געפעלען וואָס זי האָט זיך אַזוי פאַרפּוצט... אודאי
וועט דאָס איהם ניט געפעלען.

קאַטיאַ האָט גוט געזעהן ווי מען קוקט אויף איהר און מען
שעצט שוין אָפּ די קליידער, וואָס זי טראָגט. אָבער זי איז ביי
זיך ניט אַראָפּגעפאַלען. ווייל וואָס דאַרף זי ביי זיך אַראָפּפאַ־
לען ? עס איז טאַקע אמת, אַז קיין רייכע, טייערע קליידער
טראָגט זי ניט ; אָבער די קליידער וואָס זי טראָגט יאָ, האָט זי

זיך געמאכט פאר דעם געלד וואס זי האט מיט איהרע אייגענע צעהן פינגער פארדיענט, ניט אזוי ווי זיי, די דאזיגע פוסט־און־פאסניצעס...

מיט אזעלכע געדאנקען האט זי זיך א שטאלצע געלאזט ארויפגעהן אויף די שטיגען און אלע נאך איהר.

אויף די שטיגען האבען זיך די ברידער איבערגעקוקט, און ניקאלאי, ליזא'ס מאן, האט אוספּעיעט שטילערהייד צו זאגען אזא חכמה:

— און איך האב געמיינט, אז דאס האט אונז אונזער ברודער'ל אהער א נייע דיענסט געבראכט...

עס איז קאטיא'ן גאר ניט אנגעגאנגען וואס איהר חתן'ס ברידער קלערען זיך וועגען איהר, ווייל נאך איידער זי האט זיי געזעהן, האט זי שוין געהאט א קלאהרען באגריף, וואס פאר א פאר־שוינען זיי זיינען. ווי עס פאסט פאר א מענשען וואס ווייסט זיין ווערטה, האט זי זיך געהאלטען שטאלץ און יעדען איינעם דרייסט די האנד דערלאנגט.

ביי ליזא'ן האט זי זיך אפגעשטעלט און מעהר ווי אלעמען פריינדליך איהר האנד געדריקט. זי האט דאס געטהאן ניט נור דערפאר, וואס זי האט פון טאבאלצעוו'ס ווערטער געוואוסט אז ליזא איז דער אינטערעסאנטעסטער מענש, נור אויך דערפאר, וואס זי אליין איז געווען איבערראשט פון דער „ציגיינערטעם" שעהנקייט. אזא שעהנע פרוי האט זי נאך קיינמאל אין איהר לעבען ניט געזעהן.

אויך טאבאלצעוו איז געבליבען שטעהן פארגאפט ווען ער האט ליזא'ן דערזעהן. זי איז איהם אין דער מינוט אזוי שטארק געפעלען געווארען, אז ער האט זיך ווידער אין איהר פארליעבט, און עס האט איהם ווירקליך אזוי באנג געטהאן פארוואס ער האט זי ביים ברודער ניט צוגענומען און איז ניט אוועק מיט איהר ערגעץ וויים־וויים פון דאנען...

ווי קאטיא איז נור אריינגעקומען, האט זיך איהר ליזא'ס מערקווירדיג שעהנער פנים גלייך אין די אויגען א יוארף געטהאן.

נאָך איידער מען האָט זי פאַר איהר פאַרגעשטעלט, האָט זי שוין פאַרשטאַנען אז דאָס איז זי — זי, וועגען וועלכער טאַבאַלצעוו האָט איהר אזוי פיעל דערצעהלט. און ווען זי האָט איהר די האַנד דערלאַנגט, האָט זי איהר אזוי ליעבליך אין די אויגען טיעף אריינגעקוקט און גלייך געזאָגט:

— דאָס זענט איהר, די ליזא, א יאָ?

— יאָ, דאָס איז זי, — האָט טאַבאַלצעוו געזאָגט, און א פאַרלעגענער שמייכעל האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזען. — האָט אייךביידע ליעב און זייט גוטע פריינד!

נאָך איידער ליזא האָט קאַטיאַ'ן דערזעהן, האָט זי געהאַלטען אין איין קלערען וועגען איהר טאָג און נאַכט. זי האָט געוואָלט וויסען, וואָס פאַר א פרוי עס קען זיין יענע, וועלכע האָט אין זיך געהאַט אַזאַ מאַכט, אַזאַ צויבער, וואָס זאָל בהענגען דערצו, אַז טאַבאַלצעוו זאָל באַשליסען מיט איהר חתונה צו האָבען. עס איז ביי איהר גאָר קיין פראַגע ניט געווען, אַז יענע פרוי באַזיצט עפּעס אַזעלכעס, וואָס קיין אַנדערע באַזיצט ניט. און זי האָט אזוי געוואָלט וויסען וואָס!

און דערפאַר טאַקע האָט זי אויף קאַטיאַ'ן אזוי דורכדרינגענד געקוקט. ווען זי האָט זי דאָס ערשטע מאָל דערזעהן. פון איהרע אויגען האָט זי געוואָלט ארויסלייענען יענע מאַכט, יענעם צויבער, וואָס האָט ביי איהר טאַבאַלצעוו'ן צוגענומען. און זי האָט דאָס דערזעהן... אין קאַטיאַ'ס אָרענטליכע אויגען, אין איהר שטאָלץ איז יענער צויבער געלעגען...

פון דער ערשטער מינוט אַן איז זי איהר געפעלען געוואָרען; זי האָט שוין געזעהן, ווי קאַטיאַ'ס בליק פאַרשפּרעכט איהר אמת'ע איבערגעגעבענע פריינדשאַפט. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער בעל הבית'טע און מיט דער אויפפאַסערין; זיי האָבען אומגעדולדיג און נייגעריג צו דער טהיר געקוקט. און ווען קאַטיאַ האָט זיך די ערשטע אויפ'ן שוועל געוויזען, האָט די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעווא זי באַגריסט און זי האָט גלייך פריינדשאַפט

דערפיהלט, און זיי האבען זיךביידע צוקושט. מיט ליזא'ן האט זי זיך אויך צוקושט.

ווי פון זיך איז דאס ארויסגעקומען. קיינער פון זיי האט ניט געוואוסט, ווער עס האט דעם ערשטען שריט געמאכט.

פימא האט זיך שוין געפיהלט באליידינגט, זעהענדיג ווי די כלה האט זיך מיט ליזא'ן צוקושט און מיט איהר ניט. דער כעס האט אין איהר שוין געברענט און אויסגעלאזט האט זי איהם צום מאן:

— באלוואן איינער! — האט זי זיך אויף איהם צובייזערט.

— וואס האסטו מיר אנגעטראטען אויף הער שלעפע פון'ם קלייד?

— פארנעהם די שלעפע, וועט מען דיר פארשפארען אנ־טרעטען. — האט דער מאן גוטמוטהיג געענטפערט און זיך ניט געפיהלט באליידיגט דערפון, וואס זי האט איהם אנגערופען „באלוואן".

ווי א קעניגין, פארפוצט מיט געשמאק איז געגאנגען ליזא און אונטער'ן ארם געפיהרט די כלה ארויף אין דעם צימער, וואו טאבאלצעוו'ס מוטער האט שוין אויף איהר געווארט.

אלע זיינען נאכגעגאנגען, און קוקענדיג ווי ליזא פיהרט אזוי מא־יעסטעטיש קאטיא'ן, האט זיך טאבאלצעוו געקלעהרט אז דאס איז זעהר שעהן און אריגינעל. „ליזא איז א מלאך, — האט ער זיך געטראכט, — זי פיהרט דאס אריין מיין קאטיא'ן אין די טויערען פון'ם גן עדן... און אפשר גאר אין די טויערען פון'ם גיהנום?... אבער ווי די זאך זאל ניט זיין, — שעהן איז דאס. זעהר שעהן!"...

די אלטע מאדאם טאבאלצעווא איז געזעסען אויף א ווייכען שטוהל, מיט'ן פנים צו דער טהיר, און הינטער'ן שטוהל איז גע־שטאנען פעדאסיא, די אויפפאסערין פו'ם אויבערשטען עטאזש. זי איז געשטאנען סאליד, סטאטעטשנע, מיט ביידע הענד פאר־לעגט אויף דער ברוסט. מאדאם טאבאלצעווא האט זיך קוים איינגעהאלטען ניט צו ווערען היסטעריש... עס האט איהר א קלאפ געטהאן אין קאפ אריין און עפעס אזעלכע מאדנע צופלאנ־טערטע געדאנקען האבען זיך אין איהר מח ווי א וויכער גע־

נומען דרעהען: אנדריושאַ׳ס כלה... ליזא... ניקאָלאי׳ס ווייב...
קוים מיט צרות האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אויסגעצויגען ביידע הענד. געהן אנטקעגען האָט זי ניט געקענט. ווייל הענד און פיס האָבען איהר געציטערט.

האָט קאַטיא די אַלטע ארומגענומען, זי א קוש געטהאָן אין דער באַק און דערנאָך מיט גרויס אבשיי צוגעטראָגען דער אַלטער׳ס האנד צו איהרע ליפען און א קוש געטהאָן.

טאַבאַלצעוו האָט גלייך באַמערקט, אז זיין כלה האָט מיט איהרע קושען געקויפט זיין מוטער׳ס האַרץ.

אויסגעקומען איז אזוי, אז די כלה האָט מען געמאַכט צו רעדען מעהר פון אַלעמען, און זיי אַלע האָבען זיך צו איהרע ווער־טער מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט.

דאָ אין דעם הויז איז קאַטיא געווען א נייער סאָרט פרוי; עפּעס גאָר א שפּאָגעל נייע כלה אהן נדן. און זיי האָבען זיך אזוי גע׳חידוש׳ט, הערענדיג ווי זי רעדט אזוי איינפאַך און סטאַ־רעט זיך ניט אויסצופּיינען. גלייך דאָס וואָלט גאָר ניט געווען קיין כלה, נור אן ארימע קרובה.

א שטיינער:

די מוטער האָט געזאָגט, אז מען זאָל וואָס גיכער פּראַווען די חתונה, ווייל זי וויל דערלעבען נחת פון איהר זוהן. און ווער ווייסט וואָס שפּעטער וועט זיין... זי איז דאָך שוין אן עלטערע פרוי, א מאַמע...

האָט די כלה דערויף גאַנץ איינפאַך אָבער צערטליך געענט־פערט אזוי:

— אָבער פריהער ווי אין מאַנאַט מאַי קען איך ניט חתונה האָבען.

פאַרוואָס?

— ווייל איך בין א „טשינאָווניק“, א מענש מיט א רעגי־רונגס־שטעלע, און אויף א רעגירונגס־שטעלע מוז מען אויף זיך טראָגען א גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט... און חוץ דעם האָב איך נאָך ניט קיין חתונה־קליידער. איך דאַרף זיי ערשט לאָזען

מאכען, און דא דארף איך גאר אין זינען האבען דעם עקזאמען. באלד וועט א אינספעקטאר אנקומען, און איך וויל, אז מיינע שי־לערינס זאלען ניט דורכפאלען אויפ'ן עקזאמען.

אלע האבען זיך איבערגעקוקט. וואס פאר א כלה איז דאס?! א „טשינאווניק"; אהן נדן, אהן חתונה־קליידער... און זי שעהמט זיך גאר ניט צו רעדען וועגען דעם!

— צוויי הונדערט רובעל א מאנאט באקומט זי! — האט דער עלטערער ברודער, קאפיטאן, איינגערוימט ניקאלאיען א סוד אין אויער. — ביי אונז אין מאגאזין קריעגט דער עלטסטער פריי־קאסטשיק ניט מעהר ווי הונדערט רובעל א מאנאט. איז ער דאך א מאן, און דאס איז א פרוי! און פארגעס ניט, אז דאס צאהלט ניט אבי ווער, נור די „קאזנא", די רעגירונג! דאס, גוטער ברו־דער, איז ניט קיין קלייניגקייט! — האט ער געזאגט, אויפהוי־בענדיג זיין פינגער אין דערהויך, — די רעגירונג פארשטעהסטו מיך, גיט ניט קיין געלד אומזיסט...

— א „טשינאווניק"! — האט ניקאלאי מיט גיפט געזאגט. א גאנצע מאכערקע...

— שוין צעהן יאהר זינט איך האב די רעגירונגס־שטעלע, — האט קאטיא געזאגט. — זיבעצעהן יאהר בין איך אלט געווען, ווען איך האב די שטעלע באקומען, — האט זי צוגעגעבען, און גאר ניט מורא געהאט, אז דורך דעם זאלען זיי זיך דערוויילע געוואהר ווערען ווי אלט זי איז. — און ווען איך וואלט אפגעווען אין אינסטיטוט אלס פיאנא־לעהרערין נאך פינף יאהר, וואלט מען מיר א מעדאל געגעבען און פענסיע געצאהלט.

— טאקע? — האט ניקאלאי זיך געחידוש'ט און אויס־געקוקט זעהר נאריש.

— און איהר ארבייט ניט שווער? — האט פימא געפרעגט, אוועקלייגענדיג פינקטליך די פעלדעלאך פון איהר קלייד.

— דאס ווענדעט זיך ווי מען קוקט אויף דער ארבייט, — האט קאטיא איהר געענטפערט. — איך בין פארנומען פון נייז א זייגער אין דער פריה ביז צעהן א זייגער אויף דער נאכט.

אבער דאס מאכט ניט אוים. אבי מען איז נור א געזונטער מענש און נים קיין פוילער, ווערט מען פון קיין ארבייט ניט מיעד...

ביים רייך־געדעקטען טיש, וואו מען האט געגעסען דעם גו־טען, געשמאקען אנבייסען און געטרונקען דעם טייערען שאמ־פאניער וויין, האט טאבאלצעוו געבעטען קאטיא'ן, אז זי זאל עפעס דערצעהלען וועגען דעם אינסטיטוט־לעבען. און דא האט זי געקענט ארויסווייזען איהר מערקווירדיגען שארפזין און איהר פעהיגקייט צו דערצעהלען א זאך אזוי שעהן, אז אלעם זאל ווי לעבעדיג אויסוואקסען פאר די אויגען.

זי האט דערצעהלט, ווי די פארוואלגטעריז פון אינסטיטוט, וועלכע זיינען מעהרסטענטיילס אריסטאקראטישע דאמען פון גרויסען יחוס, בלאזען פון זיך און האבען פיינט ארימע מענשען; ווי די אלטע מוידען דארטען מיינען, אז יעדער מאנסביל איז א טייפעל און ווי די שילערינס, די אינסטיטוטקעס, זיינען אזוי נא־איוו, אז זיי מיינען, דאס ווען א יונגערמאן גיט א קוש א מיידעל, האט זי א קינד...

אלע האבען געלאכט. ניקאלאי און פימא האבען ממש גע־קייכט פון געלעכטער.

נאכ'ן עסען האט טאבאלצעוו אלעמען געבעטען אריינ־צוגעהן צו פימא'ן אין צימער, וואו א פיאנא איז געשטאנען. דארטען וועט קאטיא שפיעלען אויף דער פיאנא.

האבען זיך אלע פון די שטוהלען אויפגעהויבען. קאטיא האט ליזא'ן אנגענומען אונטער'ן ארם, און ווי צוויי שוועסטער זיי־נען זיי די ערשטע ארוים און אלע נאך זיי.

גאר אן אנדער פנים האט קאטיא באקומען, ווען זי האט זיך ביי דער פיאנא אוועקגעזעצט. אלע האבען דאס גלייך באמערקט. עס האט זיך געדאכט, אז זי איז מיט אמאל אויסגעוואקסען מיט א גאנצען קאפ העכער. איהרע ברעמען זיינען געווארען נאך גע־ריכטער, די באקען זיינען געווארען צערטליך־בלאס און אין די אויגען האט זיך א פייערל אנגעצונדען.

פארזשמורענדיג די אויגען האט זי שנעל א בליק געווארפען

איבער'ן גאנצען צימער, וואו עס איז אין אלע זייטען ווייכע גוטע מעבעל געשטאנען. דערנאך האבען איהרע הענד מיט אזא נערוועזער קראפט געגעבען א לויף איבער די קלאווישען, אז די דאמען האבען זיך אזש דערשראקען.

— אך, וואס פאר א שוואכע פיאנא דאס איז! — האט זי געזאגט.

— וואס? א שוואכע פיאנא? — האט זיך פימא גע־חידושט.

— אודאי א שוואכע — איך האב גאר מורא אויף אזא פיא־נא צו שפיעלען... איך קען זי נאך צוברעכען, וועט איהר נאך זיין ברוגז...

טו שפיעלט זשע נים אזוי שטארק! — האט זיך ניקאלאי דערשראקען. — עס איז דאך אן עבירה אזא גוטע פיאנא צו צו־ברעכען...

„אידיאט!" האט טאבאלצעוו געקלעהרט, קוקענדיג מיט א שמייכעל אויף ניקאלאיען. ער, טאבאלצעוו, און ליזא זיינען שויןביידע געשטאנען לעבען דער פיאנא און קוקענדיג אויף קאַטיא'ן האבען זיי שוין מיט אומגעדולד געווארט, אז זי זאל אנ־הויבען שפיעלען.

— וואס זאל איך שפיעלען? — האט זי דעם חתן געפרעגט.

ער האט איהר געזאגט וואס.

בענקענד־ליידענשאפטליכע און קלינגענהע טענער האבען זיך גלייך איבער'ן צימער א טראג געטהאן. די אלטע מאדאם טא־באלצעווא איז אזש בלאס געווארען ווען זי האט די דאזיגע טע־נער דערהערט.

דא אין דעם הויז האט מען נאך קיינמאל אזא שפיעלען נים געהערט. ווי באצויבערטע, פאר'כשופ'טע זיינען זיי אלע געזע־סען און יעדער איינער האט געפיהלט ווי ער ווערט מיטגעשלעפט אין אן אנהער וועלט, אין א שעהנערע וועלט: יעדער איינער האט איינפאך געזעהן, ווי די מיידעל, וועלכע ציהט פון דער פיא־נא ארוים אזעלכע טענער, וואקסט אליין און שאפט נייע וועלטען.

פאַנטאַסטישע וועלטען. אפילו די דיענער און די דיענסטען זיינען זיך פון דער קיך צונויפגעלאָפען און איבערראַשט און באַצויבערט זיך אויסגעשטעלט לעבען דער טהיר און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם געהערט. און ווען עס איז געקומען צו דעם פּלאַץ, וואו שטורמדיגע טענער יאָגען זיך זיך ווי בייזע כוואַליעס איינער איבער'ן אנדערען, איינער אויפ'ן אַנדערען, איז ניקאָלאַי, דערזעהענדיג ווי קאַטיאַ אַרבייט אַזוי שנעל און האַסטיג מיט די פינגער, געוואָרען אַזוי פאַרגאַפט, אַז ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און מיט אַ וואונק געמוזט צורופען דעם עלטערען ברודער און איהם אַנווייזען:

— „זעה נור אומיסטנע ווי קינציג זי אַרבייט דאָס מיט די פינגער! און וואָס פאַר אַ קראַפט עס ליעגט אין איהר האַנד! דו ווייסט, אַז ווען אַזאַ האַנד דערלאַנגט אַ כמאַל איבער דער מאָרדע, קען מען זיך באַוואַשען מיט בלוט!...

די שוואַכע פּיאַנאָ האָט ניט אויסגעהאַלטען און אַ סטרונע האָט זיך איבערגעריסען. ניקאָלאַי האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטהאַן אַן אַ זייט און איבערגעשראָקען אַ קוק געטהאָן אויפ'ן עלטערען ברודער.

— אַט דאָס הייסט געשפּיעלט! — האָט דער עלטערער ברודער אַנגעקוואָלען. און ליזאַ האָט דאַן שוין אַלעס פאַרשטאַנען:

„אַט דאָס הייסט אַ טאַלאַנט! אַט פאַרוואָס אַנדריושאַ האָט זיך אין איהר פאַרליעבט!“...

קאַטיאַ האָט געענדיגט, מיט אַ קלאַפּ צוגעמאַכט דאָס דעקעל און זיך אויפגעשטעלט אַ צופריעדענע. טאַבאַלצעוו האָט זי מיט פרייד אַ כאַפּ געטהאָן ביי ביידע הענד און זי היים געקושט. אַלע האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום איהר. — נאָך, נאָך! — האָבען ליזאַ און פימאַ זי געבעטען. — שפּיעלט נאָך עפּעס, טייערע! און די מוטער, וועלכע האָט פון תמיד אַן שטאַרק ליעב געהאַט מוזיק, איז געוועזן גערירהרט ביז טרערען.

— ניין מיין קינד, — האָט זי איהר צערטליך געזאָגט, — מען דאַרף ניט מעהר... דו ביזט דאָך אודאי מיעד געוואָרען...

— אודאי ווערט מען מיעד! — האָט ניקאָלאַי זיך ארויסגע־כאפט מיט א גרויסער חכמה. — ווען א פרוי וואשט וועש פינף מינוט ווערט זי אויך מיעד... ובפרט נאָך ווען מען שפיעלט אזוי א, מיט אלע כחות. און מיט... נו, פארשטעהסט איהר מיך, מיט הענד, מיט פינגער, ווערט מען אודאי מיעד! וואָס איז דאָ דער חידוש?

דערהערענדיג אזא קלוגען פארגלייך, האָט זיך קאטיא היל־ביג פאנאנדערגעלאכט.

— איהר וועט דאָך אודאי ניט גלויבען, אז איך שפיעל אמאָל צוויי שטונדען נאכאנאנד? — האָט זי זיך צו ניקאָלאַיען גע־ווענדעט.

— צוויי שטונדען נאכאנאנד? — האָט ער זיך גע'חידוש'ט.

— ווי קען מען דאָס? עס איז דאָך גאָר ניט פאר קיין מענשליכע כחות!

טאבאלצעוו האָט זיך געבעטען אז זי זאָל נאָך עפּעס שפיעלען און זי האָט איהם געפאָלגט.

איידער זי האָט זיך גענומען שפיעלען דאָס צווייטע מאָל, האָט טאבאלצעוו אלעמען געבעטען, אז עס זאָל זיין שטיל.

— הער זיך גוט איין, ליזא! הער זיך גוט איין, מאמע

— האָט ער צו זיי ביידען געזאָגט, — הערט ווי שעהן זי שפיעלט!

דערנאָך, ווען זי איז מיט א שטונדע שפעטער אוועקגעפאָה־רען, האָבען זיי זי אלע באגלייט ביז'ן דער טהיר. די אלטע מוטער און אויך ביידע שנורען, האָבען זיך מיט איהר צוקושט.

מיט איהר שפיעלען און מיט איהר שטאָלצע האלטונג האָט זי אזוי שטארק אויסגענומען, אז ניט נור די בעלי הבתים, נור אויך די דיענסטען האָבען שוין מיט אנדערע אויגען אויף איהר געקוקט. די אויפפאסערין סטיאשא האָט איהר די קאָלאָשען אנגעטהאָן, קאפּיטאָן אליין האָט איהר דאָס ארימע פוטערל דער־לאנגט, און פעדאָסיא האָט מיט גרויס אבשיי פאר איהר די פאָ־דערשטע טהיר געעפענט.

— אַט דאָס הייסט אַ כלה ! — האָבען אַלע צוגעגעבען, סיי די פּריצים און סיי די דיענסטען.

אין יענעם טאָג איז טאַבאַלצעוו געוועזן אַזוי גליקליך, אַז עס איז גאָר צו איהם קיין גלייכען ניט געוועזן.

— אַט דעם טאָג וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט פאַרגעסען ! — האָט ער קאַטיאַ'ן געזאָגט.

(ענדע פון ערשטען טהייל).

צווייטער טהייל

פופצעהנטער קאפיטעל.

טאבאלצעוו׳ס „קעסט־קינדער“, די אלע גימנאזיסטען, סטודענ־טען און גלאט יונגע לייט, וועלכע האבען ביי איהם געגעסען און גענעכטיגט האבען דערשמעקט אז זייער סוף קומט, און זיי האַ־בען גענומען זוכען ארבייט, כדי זיי זאלען האבען פון וואנען צו לעבען.

זייערע פארדיענסטען זיינען אבער געווען קליינע און דערצו נאך ניט קיין זיכערע אויך, האבען זיי דעריבער זיך דאך געמוזט דערווייל׳ע אויפהאלטען ביי איהם אין הויז.

און טאמער איז דאס נאך געווען ווייניג, האט יעדער איינער פון די דאזיגע יונגע לייט נאך געהאט א חבר, וועמען ער האט יעדען טאג געשיקט זיך צוליינען אביסעל און זיך אויסרוהען ביי טאבאלצעוו׳ן אין הויז.

ווי טאבאלצעוו איז דערפון ניט געווען צופריעדען, האט ער זיך דאך ניט געקענט העלפען. מען קען דאך קיין מענשען פון דער שטוב ניט ארויסטרייבען! ובפרט נאך ווען צווישען זיי געפינען זיך אזעלכע, וועלכע מוזען זיך אויסבאהאלטען פון דער פאליציי...

עס איז אויסגעקומען אזוי, אז ער, דער בעל הבית אליין, האט זיך ניט געהאט וואו אהינצוטהאן. און ווען ער האט אמאל געוואלט פארברענגען אן אויף דער נאכט מיט זיין כלה, האט ער מיט איהר געמוזט געהן אין טעאטער, אין א פארק אדער גאר אין א האטעל...

ביי זיך אין הויז האבען איהם פרעמדע מענשען געשטערט...

קאטיא האט איהם איינמאל געפרעגט פארוואס ער טרייבט

ניט ארויס די אלע פוילענצער, האט ער איהר געענטפערט, אז דאס הארץ דערלאזט איהם ניט.

— ווי קען מען דאס מענשען ארויסטרייבען פון דער שטוב?

— האט ער געפרעגט.

— מענשען... — האט זי זיך געערגערט. — דאס זיינען דען מענשען? דאס זיינען דאך גלאט געמיינע חברה־לייט, פויילענצער...

— דו דארפסט אויף זיי ניט זיין בייז און באליידיגען זיי דארפסטו אויך ניט. — האט ער גוטמוטהיג געזאגט. — וואוהין װעלען זיי געהן, אויב איך וועל זיי ארויסטרייבען?

— וואס הייסט וואוהין זיי וועלען געהן? — האט זי איהם ניט פארשטאנען. — וואס־זשע, דו ביזט אין גאנץ מאסקווא דער איינציגער? מיר געפעלט ניט אזא איינפיהרעכץ... מען מוז מאכען א סוף דערצו!

זי האט דאס געזאגט אזוי ערנסט, אז טאבאלצעוו האט זיך ווילענדיג־ניט־ווילענדיג פארטראכט וועגען דעם.

— נו, גוט, — האט ער געפרואווט זי איינגעמען, זעהענדיג אז זי ערגערט זיך שטארק איבער דעם. — מיט דער צייט, שפעטער, וועלען מיר דאס מאכען אזוי, אז זיי, די דאזיגע חברה־לייט, זאלען ביי מיר מעהר ניט זיין... אבער עס זיינען דאך פאראן אויסנאהמען, ווען מען קען אויף קיין פאל פאר קיין מענשען די טהיר ניט פארמאכען. א שטייגער: עס טרעפט זיך אמאל ווען א מענש האט ניט קיין פאספארט און מוז זיך באהאלטען פאר דער פאליציי...

ער האט געמיינט, אז דורך דעם וועט זי זיך בארוהיגען, אבער עס איז געווען פונקט פארקעהרט. דאס האט זי נאך מעהר אויפגערעגט; זי האט גאר ניט געוואלט, אז ער זאל איצט אויך האבען צו טהאן מיט אזעלכע מענשען, וואס די פאליציי זוכט; זי האט געוואלט, אז צוליעב איהר זאל ער אלעס אויפגעבען. זי איז דעריבער געווען אזוי אויפגערעגט, אז זי האט איהם אפילו אויף זיינע קושען ניט געענטפערט...

דאס ערשטע מאל האט זיך טאבאלצעוו דאן ערנסט פאר־
טראכט וועגן דעם, אז ער און קאטיא זיינען צוויי פארשיעדענע
מענשען. אבער א סך קלעהרען וועגן דעם האט ער ניט געוואלט.
ער האט מורא געהאט.

אויף מארגען האט ער זיך אין דערהיים אנגעטהאן א כח
און זיך געווענדעט צו זיינע שכנים מיט אזעלכע ווערטער:

— הערט זיך איין, גוטע ברידער! איך האב אייך אלעמען
ליעב און איהר קענט זיך פיהלען ביי מיר אין הויז פונקט ווי
ביי זיך אין דערהיים. אבער איין זאך וויל איך אייך בעטען:
טהוט מיר א טובה און זייט דא פון אין דער פריה ביז ניין א
זייגער אויף דער נאכט, און דערנאך פון איינס א זייגער ביי־
נאכט ביז אין דערפריה... אט די פיער שטונדען פון ניין ביז
איינס ביינאכט דארף איך האבען פאר זיך... וועט איהר מיר
טהאן די טובה, הא?

אלע יונגע לייט האבען טאבאלצעוו'ן געדאנקט פאר זיין
עדעלקייט, כאטש זיי זיינען פון דער בשורה ניט געווען צופריע־
דען. נור טשערנאוו האט זיך אנגעבלאזען און, געבענדיג אלע מאל
א זופ רויטען וויין פון א זילבערנעם בעכער'ל, האט ער אומצו־
פריעדען און בייז אונטער'ן נאז געבורטשעט.

דער פוילער אקטיאר האט פון די פופציג רובעל, וואס טא־
באלצעוו האט איהם געגעבען, שוין אפילו א גראשען ניט געהאט,
און עס איז איהם געגאנגען אין לעבען ארויסצוציהען נאך א פאר
רובעל, און דארויף איז ער געווען א בריה א יונג.

— הער זיך איין, אנדריושא, — האט ער זיך געווענדעט
צו טאבאלצעוו'ן ברייטלאך. — איך דארף מיט דיר ריידען וועגען
זעהר א וויכטיגע זאך.

וועגען וואס א שטייגער?

— וועגען זעהר א וויכטיגע זאך — האט טשערנאוו דאס
זעלבע איבערגע'חזר'ט, — און איך וויל אז דו זאלסט מיך גוט
אויסהערען.

איך פארשטעה וואס פאר א וויכטיגע זאך — האט טאבאל

צעוו געשמייכעלט, אריינגעוואָרפענדיג זיך אין דעם ווייכען לע־דערנעם שטוהל. — אודאי וועגען געלד, הא? וואָס דען, ווען דו האָסט נאָך געהאַט געלד, האָסטו צוויי וואָכען נאָכאַנאַנד דיין פּנים ניט געוויזען, און איצט, ווען דו האָסט שוין מעהר קיין געלד ניט, ביזטו ווידער געקומען צו מיר.

— איך בין ניט געקומען, ווייל איך האָב דיר ניט געוואָלט שטערן. — האָט טשערנאָוו געגומען רעקלאַמירען, גלייך ער וואָלט איצט געוועזען אויף דער ביהנע.

טאַבאַלצעוו האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און געמוזט אויסשיסען א געלעכטער:

— העי, דו, אַקטיאָר מיינער, דו ביזט איצט ניט אויף דער ביהנע. נור אין א הויז... ריהר זיך אביסעל נאַטירליכער, רעד ווי א מענש און זאָג וואָס דו ווילסט, ווייל איך האָב בלויז א האַלבע שטונדע צייט...

טשערנאָוו האָט ווידער א בורטשע געטהאָן אונטער דער נאָז און ביין אַנגעשטעלט אויף טאַבאַלצעוו'ן א פּאָר אויגען.

טאַבאַלצעוו האָט גוט פארשטאַנען וואָס ער וויל איהם זאָגען, האָט ער אהן צערעמאָניעס אַנגעהויבען אזוי:

— ביזט געקומען זעהר ניט אין קיין גוטער צייט! קיין געלד האָב איך איצט ניט...

— וואָס הייסט דו האָסט ניט קיין געלד?!

— אָט דאָס הייסט! ווער קען נאָך אזוי וויסען וואָס עס הייסט ניט האָבען געלד, ווי דו?!

— אָבער... איך האָב נאָך פאַר מיין צימער ניט באַצאָהלט, און אויב איך וועל היינט ניט באַצאָהלען, וועט מען מיך פון דאָר־טען ארויסוואַרפען אויפ'ן גאַס...

— דאָס וואָלט דוקא ניט געוועזען שלעכט... אָבער, זאָג מיר נור, גוטער ברודער מיינער, פאַר וואָס האָסטו פאַר'ן צימער ניט באַצאָהלט?

— א שעהנע פראַגע! — האָט טשערנאָוו א הויב געטהאָן די אַקסלען אזוי, אז זיי האָבען איהם אזש געגרייכט ביז די אויע־

רען. — וויפיעל האסטו מיר דאס אין גאַנצען געגעבען ? פופציג קארבאָוואָניצעס ! נו, נו, האב איך געגעסען, געטרונקען און... איידער איך האב זיך געריהרט, איז מיר א גראשען ניט גע־בליבען...

— אָבער איך קען דיר מעהר קיין געלד איצט ניט געבען. איך האב דיר פארשפּראָכען צו געבען פופציג רובעל א חודש, וועל איך דיר געבען... און עס איז ערשט צוויי וואָכען זינט איך האב דיר געגעבען א פופציגער...

— און איך קען מיט ווייניגער ווי הונדערט רובעל א חודש ניט לעבען. — האט טשערנאָוו קאלטבלוטיג געזאגט. — דאָס איז מאָסקווא ! דאס געלד ווערט דאָ צווישען די פינגער צוקראָכען... דו דארפסט ניט פארגעסען, אז איך קען זיך ניט פארשטופּען אבי וואו ; איך מוז וואוינען אין א שעהנעם האָטעל, כדי עס זאָל אמאָל קענען קומען צו מיר אַן אנשטענדיגע פרוי...

א ווײלע האט טאבאַלצעוו געקוקט אויף זיין פריינד און ביי זיך אין געדאנק באוואונדערט זיין אויסערגעוועהנליכע חוצפה, און ער האט זיך פאנאנדערגעלאַכט :

— נו, ביזטו א פויגעל ! שווער צו געפינען אזעלכען ! האט זיך טשערנאָוו נאך מעהר אנגעבלאָזען :

— און דו האסט נאך דאס הארץ צו לאכען פון מיר ?

— אָבער דו, לץ איינער ! — האט טאבאַלצעוו אויסגעשריען אזוי, אז עס איז געווען שווער צו דערקענען, צי ער איז טאקע אין כעס צי ניין. — פון דיינע ווערטער קען מען אין אמת'ן מיינען, אז עס קומט דיר נאך ארויס...

— איך זאָג ניט אז עס קומט מיר ארויס, — האט טשערנאָוו ווייטער געשפּיעלט זיין ראָלע — אָבער וואָס הייסט מען נעהמט א גוטען פריינד און מען ווארפט איהם ארויס פון דער שטוב ? ! איז דאס ניט קיין געמיינהייט ?

— אודאי איז דאס א געמיינהייט, ווען מען גיט א מענשען א פופציגער און מען זאָגט איהם, געה און דינג פאַר זיך א צימער...

— אבער מיר נעהמט דא ניט אין געלד, — האט טשערנאיו געמאכט א פרום פנים און געלאזט אן אקטיארסקע טרער. — געלד איז ביי מיר גאר ניט. דער עיקר איז ביי מיר אמת'ע פריינדשאפט, און דו האנדעלסט ניט ווי אן אמת'ער פריינד...

טשערנאוו'ס חוצפה האט טאבאלצעוו'ן ארויסגעבראכט פון געדולד און ער האט קאלט געזאגט:

— הער זיך איין, טשערנאוו! עס מוז נעהמען א סוף! דו קענסט דא ביי מיר ניט זיין פאר קיין פאל! דו פארשטעהסט, דו פארשטעהסט, וואס איך רעד צו דיר, צי ניין?

פאר טאבאלצעוו'ס כעס האט טשערנאוו מורא געהאט ווי פאר פייער, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז ווען ער וועט איהם גוט אריינברענגען אין כעס אריין וועט ער איהם נאך אנברעכען די ביינער און איהם ארונטערוואַרפען פון אלע שטיגען, האט ער אנגעהויבען מיט א רחמנות פנים:

— פאחוואס ביזטו בייז אויף מיר, אנדריושא? איך בין דאך אן ארימער, עלענדער מענש, און צו וועמען דען זאל איך זיך ווענדען נאך הילף אויב ניט צו דיר? מען וועט דאך מיך ארויס-ווארפען פון דער קווארטיר...

— נו, כאפט דיך דער רוח! — האט טאבאלצעוו גוט-ברוד-דעריש א מאך געטהאן מיט דער האנד. — נא דיר נאך פינף און צוואנציג רובעל און געה! מעהר קריעגסטו ניט!

טשערנאוו האט זיך אי דערפרעהט, אי דערשראקען. וואס הייסט עפעס מעהר ניט? שנעל האט ער דעם פינף און צוואנ-ציגער אין קעשענע אריינגערוקט, און באלד גענומען האבען טענות:

— וואס וועל איך מאכען מיט איין פינף און צוואנציגער? איידער איך וועל זיך ריהרען וועט ער אוועק. דא איז דאך מאסקווא...

— אבער, אום גאטעס ווילען! — איז שוין טאבאלצעוו אויף אן אמת בייז געווארען. — וואס בין איך דיר — א טאטע, א מאמע, א שווער, א שוויגער? זיך צוגעטשעפעט צו מיר און

— גיב איהם געלד! שוין זאָלסטו זיך פאַרנעהמען פון דאַנען צו אַל די שוואַרצע יאָהר!

דערפון האָט זיך טשערנאָוו ניט באַליידיגט. ער איז דאָך אַלע טאָג געקומען אַהער נאָכדעם ווי ער האָט ביי זיך אין האָטעל פריהשטיק אָפּגעגעסען און טהע אָפּגעטרונקען. דאָ האָט ער גע־געסען מיטאָג און דערנאָך זיך געוואַלגערט אויף דער ווייכער זאָפע ביז אַרום אַכט אַזייגער אויף דער נאַכט, ווען ער האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און געמוזט אַוועקגעהן.

איינמאָל, ווען טשערנאָוו איז פאַרנאַכט געלעגען אויף דער ווייכער זאָפע און אַזוי וואָזשנע געראויכערט טאַבאַלצעוו'ס אַ גו־טען סיגאַר, האָט ער דערהערט ווי מען האָט ביי דער טהיר אָנ־געקלונגען. איז ער גלייך פון דער זאָפע אַרונטער און אַריין אין פאָדערשטען צימער זעהן ווער עס איז אָנגעקומען.

דאָרטען האָט ער געזעהן, ווי אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן, אָנגעטהאַן מיט אַן אויסגענייהטען רוסישען העמדעל, שטעהט לע־בען דער אַלטער דיענסט און זאָגט אַזוי:

— גיט איבער אייער פריץ, אַז מאָרגען אויף דער נאַכט, ניט שפּעטער ווי ניין אַ זייגער, וועל איך קומען צו איהם. און זאָגט איהם, אַז איך דאַרף איהם האָבען וועגען זעהר אַ וויכטיגע זאַך.

— און ווי איז אייער נאָמען? — האָט די אַלטע דיענסט גע־פרעגט. — דער פריץ וועט דאָך מיך פרעגען ווער עס איז געווען, און איך וועל ניט וויסען וואָס איהם צו ענטפערען.

— עס וועט זיין גוט אָהן אַ נאָמען. — האָט דער אומבאַ־קאַנטער געענטפערט, — ער וועט שוין אַליין וויסען ווער עס האָט אויף איהם געפרעגט. און ער איז אַוועק.

פאַר'ן אַוועקגעהן האָט ער זיך אַ נויג געטהאָן פאַר דער דיענסט און פאַר טשערנאָוו'ן ניט.

און דאָס האָט טשערנאָוו'ן שטאַרק פאַרדראָסען.

— אַט אַ חוצפה'ניק! — האָט זיך טשערנאָוו געקלעהרט. — צו מיר האָט ער אפילו מיט'ן קאָפּ קיין שאָקעל ניט געטהאָן!

— דאס איז דערפאר, ווייל ער האט גלייך דערקענט, אז דו ביזט דא א פרעמדער, — האט איהם די דיענסט געיאדעט.

פארשטאנען האט ער, אז אין דעם שטעקט עפעס א געהיימ־נים וועגען פארטיי־זאכען, האט ער זיך ערנסט פארטראכט און מיט א מאל האט ער זיך א פרעהליכער א פאטש געטהאן אין שטערען...

עס איז איהם איינגעפאלען א געדאנק, אז ער דארף זיך מיט דער דאזיגער געלעגענהייט באנוצען... יא! דאן וועט ער פאר טאבאלצעוו'ן ווערען געפעהרליך, און אבי טאבאלצעוו וועט אנ־הויבען מורא האבען פאר איהם, וועט ער שוין געבען געלד ווי א טאטע... נו, איז דאס אן איינפאל!

צוליעב דעם איז ער שוין אויפ'ן צווייטען טאג ניט אוועקגע־גאנגען אכט א זייגער אויף דער נאכט. נור ניין א זייגער, ביז טאבאלצעוו האט איהם פשוט אנגענומען פאר די אקסלען און איהם געוויעזען די טהיר. און ערשט דאן איז ער ניט אוועק אין זיין וועג, נור זיך אוועקגעשטעלט ביים ראג גאס און געווארט.

ער האט געזעהן ווי יענער „חוצפה'ניק" איז צוגעפאהרען מיט א שליטען, האט ער זיך אפגערוקט, אז א זייט און איהם נאכגע־קוקט, ווי ער געהט אריין צו טאבאלצעוו'ן אין הויז.

דער אומבאקאנטער איז אריין אין הויז, וואו טאבאלצעוו האט שוין אויף איהם געווארט.

— איהר זענט דאס פיאדאר — האט איהם טאבאלצעוו גלייך געזאגט, טראגענדיג איהם אנטקעגען די האנד.

— יא, איך בין דאס פיאדאר, — האט דער אומבאקאנטער געענטפערט. — איך בין געקומען צו אייך נאך דעם טשעמאדאן, וואס פאטאפאוו האט ביי אייך געלאזט...

— גוט, איהר קריעגט איהם גלייך. אבער וואס איילט איהר זיך אזוי? זיצט דא ביי מיר אביסעל, וועלען מיר טרינקען א גלעזעל טהע און גלאט אזוי אביסעל ריידען.

— איך דאנק אייך זעהר, — האט פיאדאר געענטפערט, — אבער לײדער קען איך איצט מיט אייך ניט ריידען, ווייל איך בין

זעהר שטארק פארנומען און איך אייל זיך. אין דרויסען ווארט דא פאר מיר א שליטען.

דא האט ער זיך אפגעשטעלט, דורכדרינגענד א קוק געטהאן אויף טאבאלצעוו'ן און געפרעגט:

— יא, איך האב אייך געוואלט פרעגען — ווער איז דאס דער פארשוין, וועמען איך האב נעכטען ביי אייך אין הויז געזעהן? עפעס געפעלט ער מיר ניט... זענט איהר זיכער אין איהם?... איהר דארפט זיך, פארשטעהט זיך, ניט באליידיגען, הערר טאבאלצעוו... צו אייך האבען טאקע אונזערע מענשען דעם גרעסטען צוטרויען, אבער מען מוז זאגען דעם אמת, אז אונזערע איטעליגענטען, צו קיין שאנדע זאל זיי ניט זיין, ווייסען ניט ווי אזוי צו האלטען א סוד וועגען פארטיי אנגעלעגענהייטען... זיי זיינען ניט גענוג פארזיכטיג... אט דרעהט זיך ביי אייך אין הויז ארום א פארשוין, צו וועמען, ווי מיר שיינט, מען קען קיין צוטרויען ניט האבען...

טאבאלצעוו האט זיך פארשעהמט:

— אבער יענער פארשוין איז דא איצט נישטא.

— יא, דאס ווייס איך, — האט פיאדאר ווייטער מיט פארוואורף געזאגט, — אבער ער שטעהט איצט לעבען הויז און ווארפט אויגען... איך האב דאס אליין געזעהן.

— דאס איז גאר ניט, — האט טאבאלצעוו אין גרוים פארלעגענהייט געענטפערט. — אויב ער שטעהט דארטען און ווארפט אויגען, מיינט ער דערמיט גארניט. ער איז גלאט נייגעריג ווי א פרוי, אבער קיין שלעכטס מיינט ער ניט דערמיט. און איך פארזיכער אייך, אז מארגען וועט ער גאר אלעם פארגעסען...

— עס קען זיין אז איהר זענט גערעכט, אז איהר קענט איהם בעסער, — האט פיאדאר צוגעגעבען. — אבער איהר דארפט דאך ניט פארגעסען, אז אין אזעלכע זאכען מוז מען זיין זעהר און זעהר פארזיכטיג אפילו אין קלייניגקייטען... ווארים איבער קלייניגקייטען זיינען שוין צעהנדליגע און הונדערטע ברידער אונזערע אין די טורמעס פארשפארט געווארען און מיט זייערע לעבענס

באצאהלט... און זאגט מיר וואס איהר ווילט, מיר געפעלט פארט ניט יענער פארשוין... עפעס האט ער דאך געמוזט מיינען דער־מיט, וואס ער האט געפרעגט מיין אנטרייבער וואוהין ער פאהרט...

טאבאלצעוו האט פיאדאר'ן נעהאלפען ארויסטראגען דעם שווערען טשעמאדאן, און אין דרויסען האט ער דערזעהן ווי טשער־נאוו דרעהט זיך ארום ביים ראג גאס און קוקט אלץ אין דער זייט וואו דער שליטען שטעהט.

ווען דער שליטען איז אוועקגעפאהרען, האט טאבאלצעוו שטילערהייד זיך געלאזט געהן ווייטער, צוגעגאנגען ביז צום ראג גאס און א כאפ געטהאן טשערנאוו'ן שטארק פאר דער האנד.

— געמיינער לומפ וואס דו ביזט ! — האט ער פון צווישען די צייהן ארויסגעשיפעט, — וואס שטעהסטו דא ?

טשערנאוו האט זיך אזש צונויפגעשרומפפט פאר וועהטאג.

— איך וועל דיר דער'הרג'ענען אזו ווי א הונד ! — האט טא־באלצעוו, ברענענדיג אין גאנצען פון רציחה, געזאגט, קוועטשענ־דיג טשערנאוו'ס האנד נאך שטארקער.

טשערנאוו האט זיך שטארק דערשראקען. ער האט געציי־טערט ווי אין פיבער, ווייל עס האט זיך איהם געדאכט, אז אט־אט הויבט טאבאלצעוו אויף זיין פויסט און פאהרט איהם אריין אין די צייהנער אריין...

— אז איך האב גאר ניט געמיינט, אנדריושא... — האט ער קוים מיט צרות ארויסגעשטאמעלט. — אויף מיין עהרען ווארט, איך האב גאר ניט געמיינט !...

און זעהענדיג ווי טאבאלצעוו'ס פנים איז אזש רויט פאר רציחה, האט ער זיך אזוי דערשראקען, אז אז האט געגעבען א ווארף ארונטער פון זיך דעם אויבערשטען האק און איז אנטלאפען.

די גאס איז דאן געווען פוסט, מען האט דארטען קיין פארביי־געהער ניט געזעהן.

א צוטומעלטער איז טאבאלצעוו געבליעבען שטעהן מיט'ן ראק אין די הענד, און מיט אמאל האט ער זיך פאנאנדערגעלאכט.

אויף דעם צווייטען טאָג האָט ער באַקומען אַ בריוועלע פון טשערנאָוו׳ן. אין׳ם בריוועלע האָט איהם טשערנאָוו געשריעבען, אַז ער קען גאָר ניט פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ מאָדנער מענש, ער, טאַבאַלצעוו, איז געוואָרען! צי איז ער משוגע צי דול? וואָס הייסט עפּעס ער באַפאַלט אַ מענשען אין מיטען גאַס און וויל איהם דער׳הרג׳ענען? און וואָס הייסט עפּעס ער, טשערנאָוו, מוז זיך פאַרקיהלען, געהענדיג אהן אַ ראָק אין אַזאַ קעלט? זאָל ער זיין אַזוי גוט און איהם אָפּשיקען גלייך צוריק דעם ראָק!...

האָט טאַבאַלצעוו ווידער אויסגעשאָסען אַ געלעכטער:

— נו, איז דאָס אַ פאַרשוין! ער האָט דאָך ממש צו זיך קיין גלייכען ניט! איך זאָל איהם אָפּשיקען זיין ראָק! עס איז דען זיינער? עס איז דאָך גאָר מיינער... נו ווי קען מען גאָר ווערען בייז אויף אַזאַ זעלטענעם פאַרשוין?!

ער האָט איהם אָפּגעשיקט דעם ראָק מיט דער קעבין, און מיט אַ טאָג שפּעטער איז שוין טשערנאָוו ווידער געווען אַ היימישער מענש ביי טאַבאַלצעוו׳ן אין שטוב און גאַנצע טעג אָפּגעלעגען אויף דער ווייכער זאָפע און גערויכערט גוטע סיגאַרס. אַזוי זיי־נען אַוועק גאַנצע דריי וואָכען.

איינמאָל אין אַ יום טוב׳דיגען טאָג, ווען טאַבאַלצעוו איז צוזאַמען מיט זיינע קעסט־קינדער געזעסען ביים טיש און געגעסען מיטאָג, האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער טהיר און די דיענסט האָט געמעלדעט, אַז עפּעס אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן וויל זעהן דעם פריץ.

טאַבאַלצעוו האָט זיך אָפּגעווישט די ליפּען מיט דער ווייסער סאַלפעטקע און איז אריין צו זיך אין אויפנאַהמס־צימער זעהן ווער עס איז געקומען.

פאַר איהם איז געשטאַנען אַ שעהן־געקליידעטער יונגערמאַן פון אינטעליגענטען אויסזעהן, מיט אַ בלאָנדער בערדעל.

— איך בין געקומען צו אייך וועגען זעהר אַ וויכטיגע זאַך.

— האָט דער אומבאַקאַנטער אָנגעהויבען. — מיט דריי וואָכען צו־

ריק איז דא ביי אייך אין הויז געווען מיינער א חבר, פיאדאר איז זיין נאמען...

— יא, יא, איז וואס זשע האט פאסירט? — האט טאבאל־צעוו אומגעדולדיג געפרעגט.

מען האט איהם נעכטען ארעסטירט צוזאמען מיט נאך עט־ליכע אנגעזעהענע טהוער פון דער פארטיי... — האט דער אומ־באקאנטער דערצעהלט.

— וואס רעדט איהר?! ארעסטירט?

— יא...

— איז וואס־זשע קען מען טהאן?

— מען דארף טהאן אזוי, אז אנדערע זאלען ניט ארעסטירט ווערען, — האט דער אומבאקאנטער געענטפערט. — און אט טא־קע וועגען דעם בין איך דאס געקומען צו אייך...

דער אומבאקאנטער האט זיך פארזיכטיג אין אלע זייטען ארומגעקוקט און שטילערהייד געזאגט:

— אין א פאר טאג ארום וועט צו אייך קומען פאטאפאוו... זאלט איהר איהם גלייך זאגען אז מעהר זאל ער אהין ניט קומען, ווייל די פאליציי קוקט דארטען ארום אויף איהם. נאט אייך א נייעם אדרעס, גיט איהם דאס איבער און זאגט איהם אז ער זאל זיין זעהר פארזיכטיג... און א פאר טעג ארום וועט ער קומען קיין מאסקווא. איהם מוז מען אויסהיטען, ווייל ער איז איינער פון די הויפט אנפיהרער פון אונזער באוועגונג... מיר פארלאזען זיך אויף אייך ווי אויף אונזערען א מענשען און מיר בעטען אייך, אז איהר זאלט זיין זעהר פארזיכטיג, ווייל עס שיינט, אז א שפיאן איז נעפאלען אויפ'ן שפור...

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

נאָך איידער טאָבאָלצעוו האָט מיט קאַטיאַ'ן חתונה געהאַט, איז זייער גליק שוין אַביסעל צושטערט געוואָרען איבער קליינינ־קייטען.

איינמאָל ווען טאָבאָלצעוו איז מיט זיין כלה געזעסען ביי זיך אין קאַבינעט, איז ער געוואָרען שטאַרק אומגעדולדיג און זי — ברוגז'לאָך...

— קאַטיאַ, — האָט ער איהר שטיל געזאָגט, — איך בעט דיך, ענטשולדיג מיר! זעהסטו ניט, אַז איך בין איצטער שטאַרק פאַרנומען?... ווען איך וועל האָבען פרייע צייט וועל איך אליין צופאָהרען צו דיר... אָבער איצטער קען איך מיט דיר ניט פאַר־ברייננגען, ווייל איך בין זעהר שטאַרק פאַרנומען... איך האָב קיין צייט ניט... זיי ניט ברוגז אויף מיר, קאַטיאַ.

אַז ערשטווינטע האָט זי איהם אַנגעקוקט

— איך בין ניט בייז אויף דיר, — האָט זי געענטפערט. — איך קען ניט זיין בייז אויף דיר... נור גלאַט איך פאַרשטעה דיך ניט...

ער האָט גוט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי איז אַזוי אומצופריע־דען און אויפגערעגט. שוין פיער טעג זינט ער האָט זיך מיט איהר ניט געזעהן, און איצט, ווען זי איז געקומען צו איהם, דאַרף ער גראַד אוועקגעהן... און צוליעב וואָס דאַרף ער דאָס אוועקגעהן? צוליעב געשעפט? אָבער וואָס פאַר אַ נייעס האָט פּאַסירט? וואָלט ער ערשט מיט עטליכע וואָכען צוריק ניט געווען אויפגע־געבען אַלע געשעפטען זיינע צוליעב איהר קומען צו איהם?... פאַר וואָס־זשע איז ער איצט אַנדערש?...

— וואָס פאַר אַ געשעפטען האָסטו? — האָט זי כמעט בייז־לאָך געפרעגט.

— דאָס קען איך דיר ניט זאָגען, קאַטיאַ... דאָס איז אַ סוד.

דערצו נאך ניט מיין סוד. דערפאר האב איך ניט קיין רעכט דיר דאס צו זאגען...

דערהערענדיג דאס, האבען זיך איהר די קאלירען אין פנים געביטען:

— צווישען אונזביידען, אנדרעי, טארען קיין סודות ניט זיין.

— וואס הייסט, צווישען אונז ביידען טארען קיין סודות ניט זיין?

— דאס וואס דו הערסט! — האט זי קוים אויסגעשריען און, געבענדיג זיך א שטעל אויף, האט זי מיט'ן פויסט געגעבען א קלאפ אין טיש. — צווישען אונז ביידען טארען קיין סודות ניט זיין!

פון איהר שטארקען קלאפ אין טיש איז דער שווערער אש־האלטער ארונטערגעפאלען אויף דער ערד און זיך ווייט אוועקגע־קייקעלט. אבער זי איז געווען אזוי אויפגערעגט, אז זי האט דאס גאר ניט באמערקט. זי האט אויך ניט באמערקט, ווי ער האט זיך ניט אהן שרעק א װארף געטהאן. פון איהרע אויגען האט עס מיט פייער געשפריצט און איהרע ליפען האבען אזש געציטערט פאר כעס.

— איך וויל ניט זיין קיין שפיעלכעל ביי דיר! — האט זי מיט כעס ווייטער אויסגעשריען. — און איך וויל ניט אז דו זאלסט מיט מיר אזוי ריידען!

אין דער מינוט איז זי געווען זעהר שעהן. דער כעס האט איהר א וועלט מיט חן צוגעגעבען. און טאבאלצעוו איז געבליעבען שטעהן אן ענטציקטער. איהר שטעל איז איהם שטארק געפעלען געווארען און די ליידענשאפט צו איהר האט ווידער ערוואכט.

— קאטיא, וואס טהוט זיך מיט דיר? — האט ער ווייך געפרעגט. — געשיקט זיך, אז דאס רעדט אין דיר די אייפערזוכט?

— אך, רעד ניט קיין נארישקייטען! — האט זי מיט פאר־אכטונג געזאגט. — וואס פאר אן אייפערזוכט? ! צו וויסען זיין אייפערזיכטיג? איך קען בלויז ניט פארשטעהן וואס ס'איז געשעהן. מיר זיינען דאכט זיך די זעלביגע מענשען, וואס מיט

א חודש צוריק, און דאך דערקען איך דיך ניט... עפּעס זיינען נאָר דיינע אויגען געוואָרען אַנדערש... דו קוקסט אויף מיר ווי א פרעמדער.

איהר שטימע האט געציטערט. זי האט זיך אוועקגעזעצט א שטאָלצע, און דאס איז שוין געווען געגוג, אז ער זאל ווידער זיין אין גאַנצען אונטער איהר הערשאַפט.

— קאַטיא, טייבעלע מיינס... — האט ער איהר צערטליך געזאָגט, — פאר וואָס זאָלסטו ניט פאַרשטעהן אזא געוועהנליכע זאך? עס איז דאך אזוי קלאָר: מיר מעגען זיך טאַקע ווי שטאַרק ליעב האָבען, אבער דאך זיינען מיר צוויי באַזונדערע מענשען און יעדער איינער פון אונז אָט זיך זיינע אייגענע אינטערעסען, זיינע אייגענע פפליכטען... ליעבע אליין איז טאַקע זעהר א גוטע זאך, אבער מיט ליעבע אליין קען מען ניט אָנפיהלען דאס גאַנצע לעבען... דאָס איז ניט גענוג. א מענש מוז האָבען אַנדערע פפליכטען אויך...

וואָס פאר א פפליכטען האָסטו און צו וועמען? צו דער מאַמען? צו ליזא'ן?

ניין, קאַטיא! ניט נור צו זיי... איך בין פאַרבונדען מיט נאָך מענשען, און נאך ווי פאַרבונדען... און די באַציהונגען מיט די דאָזיגע מענשען וועל איך ניט איבעררייסען אויף קיין פאַל... דו דאַרפסט דאך פאַרשטעהן, קאַטיא, אז מיין פאַרגאַנגענהייט איז ביי מיר טייער, זעהר טייער. אין יעדע זאך, וואָס איך האָב געטהאָן ביז איך האָב דיר דערקענט, שפּיעלט זיך אָפּ דאס וואַקסען פון מיין איינענע נשמה. און דאָס איז ביי מיר זעהר טייער... דאָס איז דאך אזוי קלאָר, און פאַרוואָס זאָלסטו דאָס ניט פאַרשטעהן?

ער האט זיך אויפגעהויבען פון'ם שטוהל און אַן אויפגערעגטער זיך אַנגעהויבען ארומדרעהען איבער'ן צימער.

— אבער איך פאַרשטעה דאס פּאָרט ניט! — האט זי זיך אַנגערופען, — פאַר מיר איז דאס פּאָרט ניט קלאָר... פון דיינע רייד קומט אַרויס, אז דו געהערסט ניט זיך אליין. צו וועמען זשע

דען געהערסטו, אויב ניט צו מיר ?... איך האָב דיר אוועקגעגעבען מיין גאנצע נשמה, מיין לעבען, זיך אין גאנצען... ווארט, אנדריושא ! — האט זי געמאכט א באוועגונג איהם צוצולאשטשען צו זיך. — דאס ערשטע מאָל ריידען מיר ערנסט. ביז איצט האָב איך געמיינט, אז מיר קוקען ביידע אויפ׳ן לעבען מיט די זעלביגע אויגען... נו, געשיקט זיך אז איך האָב א טעות געהאט ? דאס וואָלט געווען שרעקליך ! איך קוק אויף אונזער ליעבע אזוי. — האט זי פעסט געזאגט, אונטערשטרייכענדיג יעדער וואָרט. — א לעבען פאר א לעבען ! איך האָב דיר אוועקגעגעבען מיין גאנץ לעבען, און דו דארפסט מיר אוועקגעבען דיין לעבען אין גאנצען ! אָט אזוי דארף דאס זיין און אנדערש קען דאס ניט זיין !...

זי האָט דאָס געזאגט מיט אזוי פיעל פעסטקייט און מיט אזא זיכערקייט, אז ער האָט זי געמוזט באוואונדערען.

„נו, איז דאס א מיידעל מיט א כאראקטער !" — האט ער זיך געקלעהרט. און אין דער מינוט איז זי איהם נאָך מעהר ווי אלע מאָל געפעלען געוואָרען. אין דער מינוט האט זי איהם נאָך מעהר געוואונען ווי מיט לאסקעס...

— דו זאָגסט „פפליכטען". — האָט זי נאָך אמאָל אנגעהויבען אין דעם זעלבען טאָן. — אָבער פארגעס ניט, אז דיינע פפליכטען צו מיר זיינען פאר אלעס... דאס גאנצע לעבען דיינס, דיינע געפיהלען, דיינע פארלאנגען, דיינע געדאנקען — אלעס איז מיינס ! צווישען אונז ביידען קען זיך קיינער ניט אוועקשטעלען... קיין איינציגער מענש קען אונזער ליעבע ניט שטערען. בלויז דער טויט קען אונז שיידען !... אָט ווי איך פארשטעה ליעבע ! אָט ווי איך קוק אויף הייראטה !...

עס איז איהם אזש קאַלט געוואָרען אין אלע גליעדער, ווען ער האָט זיך פארגעשטעלט אזא לעבען.

איבערראשט איז ער דערפון ניט געווען. נאָך איידער ער האָט מיט איהר וועגען דעם גערעדט, האט ער פארשטאנען, אז זי איז א גאנצער מענש מיט א גאנצען, פעסטען און שטארקען

כאַראַקטער און זי וועט זיכער פון איהם אויך דאָס זעלבע פאַר־
דערען. אָבער ערשט איצט איז דאָס ערשטע מאָל פאַר איהם קלאָר
געוואָרען, ווי ווייניג ער פאַסט זיך פאַר אַזאַ פאַמיליען־לעבען
ווי זי שטעלט זיך פאָר. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אין
וואָס פאַר אַ טיפען אַבגרונד זיין ליידענשאַפט צו איהר האָט
איהם אַריינגעצויגען... אַ שרעק איז איהם באַפאַלען.

— קאַטיאַ, — האָט ער אַ זאָג געטהאָן אומעטיג, — מיין
טייערע קאַטיאַ... פאַרגעס ניט, אַז איידער איך האָב דיר דער־
קענט, האָב איך אַ העלפט פון מיין לעבען דורכגעמאַכט... אין
דער דאָזיגער העלפט פון מיין לעבען האָב איך ניט געשלאָפען
און בין ניט געווען קיין עלענדער, איינזאַמער מענש... איך מיין
ניט מיינע באַציהונגען מיט פרויען איידער איך האָב דיר דער־
קענט... דו ביזט ביי מיר די ערשטע און די איינציגע פרוי וועמען איך האָב באמת ליעב. אָבער איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, קאַ־
טיאַ, אַז אויסער ליעבע, האָב איך נאָך פּפליכטען, נאָך אַנדערע
באַציהונגען מיט מענשען... און דו מוזט זיך איינמאָל פאַר אַלע
מאָל צופּאַסען צום געדאַנק, אַז דאָס לעבען וואָס איך האָב דורכ־
געמאַכט אהן דיר קען איך בשום אופן ניט אויסמעקען! איך
וויל דאָס ניט! דאָס איז אַ טייל פון מיין נשמה... און אַט דער
טייל, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, מוז זיין אַ סוד...

— ניין!... ווען מען האָט זיך ליעב, טאָרען קיין סודות ניט
זיין! ... אויב דו וועסט פאַר מיר עפּעס בעהאַלטען, וועל איך דיר
דאָס קיינמאָל ניט מוחל זיין!... איך בין דיר ניט נור אַ ווייב,
נור אויך אַ חבר... דו האָסט דאָך אַליין מיך אויסגעקליבען. צו־
ליעב וואָס זשע האָסטו מיך גענומען? כדי דו זאָלסט מיך קושען
און שלאָפען מיט מיר? ניין, אַנדריושאַ! באַליידיג מיך ניט
און טרעט מיך ניט מיט די פיס!... געדענק וואָס איך זאָג דיר:
איך אַליין זאָג קיינמאָל קיין ליגען ניט און איך וויל ניט אַז מען
זאָל מיר זאָגען ליגען!... מיין לעבען, ביז דער צייט וואָס דו
האָסט מיך דערקענט, איז פאַר דיר ווי אַן אָפענער בוך. אַלעס
האָב איך דיר דערצעהלט, פון קיין זאַך האָב איך קיין סוד ניט

געמאכט, און איך וויל, אז דו זאלסט פאר מיר אויך קיין סודות ניט האבען... און אויב דו וועסט האנדלען אנדערש, וועסטו מיך דערמיט דער'הרג'ענען!

ער איז אזש בלאס געווארען דערהערענדיג איהרע ווערטער.

— אבער, אום גאטעס ווילען, קאטיא! — האט ער אנגסטליך געזאגט, — דאס איך דאך נישט מיין סוד, און דערפאר האב איך קיין רעכט ניט עס דיר צו דערצעהלען...

— אלץ איינס! אלעס וואס עס האט א שייכות מיט דיר, איז מיינס!

אטעמענדיג שווער און אהן ווערטער זיינען ביידע איינער אקעגען אנדערען געשטאנען, גלייך זיי וואלטען זיך אין כחות פערמאסטען, ווער עס איז שטארקער...

מיט אמאל האט ער זיך געגעבען א זעץ אוועק אויף דער ווייכער זאפע, פערשטעלט דאס פנים מיט ביידע הענד און זי האט געהערט ווי ער האט שטארק מיט די צייהן א קריץ געטהאן...

א פחד איז אויף איהר געפאלען. עס האט זיך איהר אויסגעוויזען ווי צוויי שווארצע פליגעל וואלטען מיט אמאל איבער איהר קאפ א קעלט א יאג געטהאן...

ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ און ניט קוקענדיג איהר אין די אויגען, האט טאבאלצעוו ווידער אנגעהויבען ריידען.

ער האט איהר דערצעהלט, אז ער האט א גוטען פריינד, וועמען ער איז דאנקבאר פאר די אלע גוטע מעלות, וואס ער פארמאגט... ווען ניט יענער פריינד, וואלט ער אפשר ניט געווען דאס וואס ער איז...

איינציצען רוהיג האט ער ניט געקענט, איז ער אויפגעשטאנען, גענומען ארומשפאנען הין און צוריק א נערוועזער, און אויפגערעגטער און דערצעהלט ווער זיין גוטער פריינד איז, און וואס פאר א מענש ער איז...

באטש ער האט ניט געדענקט איהר צו דערצעהלען דעם גאנצען אמת וועגען דעם, וואס מען האט זיין גוטען פריינד, פאטאפאוו'ן, פערשיקט אין סיביר, ווי ער איז פון סיביר אנטלאפען

און ווי ער דרעהט זיך אוים פון דער פאליציי, וואס פערפאלגט איהם אויף שריט און טריט — האט ער איהר דאך דערציהלט.

ווארים ער האט זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, אז קאטיא'ן זאל אזא אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנטער מענש ניט געפעלען... ער האט גערעדט אזוי שעהן, און מיט אזוי פיעל בעגייסטערונג וועגען די העלדענטהאטען פון זיין בעסטען פריינד, וועגען זיין מערקווירדיגע אפפערוויליגקייט פאר די ארימע און אונטערדריקטע. ער איז אליין בעגייסטערט געווארען ריידענדיג וועגען פאטאפאוו'ן, אז עס איז איהם גאר ניט איינגעפאלען צוצוקוקען זיך ווי קאטיא נעהמט דאס אויף; עס האט איהם אויך גאר ניט געקענט איינפאלען, אז מיט זיינע בעגייסטערטע רייד וועגען זיין פריינד, קלאפט ער און אין א פערשלאסענע טהיר...

ער האט אזוי גערעדט און גערעדט מיט התפעלות און מיט ליעבע, און מיט אמאל האט ער דערהערט ווי קאטיא האט ניט מיט איהר קול אויסגעשריען:

— גענוג! איך וויל מעהר גאר ניט הערען... שווייג! דו הערסט, וואס איך זאג דיר? שווייג!

ווען זי דערלאנגט איהם דאן מיט א האמער איבער'ן קאפ וואלט איהם א סך ניחא'ער געווען. ער האט זיך קוים איינגעהאלטען ניט צו ווערען אין דער רציחה. וואס טהוט זיך דא?!...

— קאטיא, — האט ער מיט איינגעהאלטענעם כעס ארויסגעזאגט, — איך פאדער פון דיר אז דו זאלסט זיך באציהען צו מיר ווי צו א מענשען! אויב דיר געפעלט ניט אזעלכע מענשען ווי מיין גוטער פריינד איז, אויב דיר איז קיינמאל אין לעבען ניט אויסגעקומען זיך צו טרעפען מיט אזעלכע אינטערעסאנטע מענשען, בין איך אין דעם ניט שולדיג... איך וויל אויף דיר ניט ארויפצווינגען מיינע מיינונגען איך וויל אבער אויך ניט אז דו זאלסט אויף מיר ארויפציהען דיינע מיינונגען... און וואס בין איך שולדיג אין דעם, וואס דו ביזט ערצויגען געווארען אין אן אינסטיטוט, וואוהין א פרייער געדאנק דרינגט קיינמאל ניט אריין...

אין איהרע אויגען האט זיך א פייערל אנגעצונדען:

— אַט די אַלע מענשען, וואָס דענקען אַזוי ווי דו, זיינען אויס־וואורפען, פאַרברעכער ! דו זאָגסט אַז זיי זיינען העלדען ? ניין, דאָס איז ניט אמת ! פאַרברעכער זיינען זיי ! בונטאָווּשטשי־קעס... און איך האָב זיי אַלעמען פיינט, אַזוי ווי די שפּינען !...

ווי אַ מענש וואָס שטעהט ביים ברעג פון אַ טיעפען אבגרונד און ציטערט אימיצער זאָל איהם ניט אַ שטופּ טהאָן, אַזוי האָט זיך טאַבאַלצעוו געפיהלט, דערהערענדיג פון קאַטיאַ'ן אַזעלכע ווערטער. ער האָט ניט געקענט איינשטעהן און אויך ניט איינ־זיצען אויף קיין אָרט. ער האָט דערפיהלט, אַז עס איז איהם דאָ לעבען איהר געוואָרען אַזוי ענג — נור דערשטיקט צו ווערען...

און זי האָט זיך ווי אַ צורייצטע טיגערין ארומגעדרעהט הין און צוריק איבער'ן צימער. פון איהרע אויגען האָט עס מיט פייער געשפּריצט, פון איהרע ווערטער האָט זיך אַ מערקווירדיגע קראַפט געפיהלט. אין דער מינוט האָט זי אויסגעזעהן ווי פון גראַניט אויסגעגאָסען.

לאַנג איז טאַבאַלצעוו געזעסען אַ פאַרטראַכטער. ער האָט אַלץ געקלערט וועגען איהר, און אויסגעקומען איז דאָס ביי איהם אַזוי :

„נו געוויס, אַנדערש קען ניט זיין ! זי איז פעסט איבער־צייגט אין איהרע אָפּגעשטאַנענע מיינונגען... ביי איהר איז דער צאַר אַ געזאַלבטער פון גאָט און דאָס פאַמיליען־לעבען — אַ היי־ליגטהום... אַט אַזאַ מענש איז זי, ווייל זי האָט אַזאַ ערציהונג געקראָגען... — און ארויפצווינגען אויף איהר מיינע מיינונגען בין איך ניט מחויב... פאַרקעהרט, עס פּאַסט איהר גאָר צו זיין אַזוי ווי זי איז... און אַזוי ווי זי איז האָב איך איהר ליעב... דאָס איינציגע וואָס איך דאַרף יאָ טהאָן — איז, זי אויסלערנען אַכטען יענעמ'ס מיינונגען אויך“...

דאָס מאָל האָבען זיי ביידע געשוויגען. און אין דעם שווייגען האָט זיך שוין געפיהלט די קאַלטקייט פון די ערשטע ענטוישונגען.

מיט אַמאָל איז זי צוגעגאַנגען, זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהם און אַ קוש געטהאָן זיין האַנד.

— קאַטיאַ! טייערינקע... וואָס וועט זיין? — האָט ער אויסגעשריען מיט וועהטאַג. ווייל ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז פאַר אַט דעם קוש וועט ער טייער באַצאָהלען...

— אַנדריושאַ... טייערער! — האָט זי שוין גאַר מיט אַן אַנדער טאָן גענומען ריידען צו איהם. איך וואָלט מיין לעבען אוועקגעגעבען, אַז דאָס אַלעס וואָס מיר האָבען איצט ביידע איבערגעלעבט, זאָל פאַרגעסען ווערען ווי אַ בייזער חלום... בעט איך דיך, טייערינקער, באַרוהיג מיך און גיב מיר דאָס וואָרט, אַז...

— אַז וואָס?

— אַז דו וועסט ניט זיין אַזאַ... ווי דער גוטער פריינד דיי־נער!...

— אַה, נאַרישקייטען! דאָס דאַרפסטו מיך נאָך בעטען, ווייל ווען איך וואָלט אפילו געוואָלט זיין אַזוי ווי ער, קען איך דאָס אויך ניט. דו פאַרשטעהסט, מיין נאַטור איז ניט אַזאַ... מיר דערלאָזט ניט דאָס האַרץ צו געהן הרג'ענען אַ מענשען, מעג ער זיין ווי שלעכט און שעדליך פאַר דער געזעלשאַפט. איך קען אויך ניט געהן אַליין אַגיטירען צווישען אַרבייטער אויף די פאַבריקען... איך קען ניט זיין אַזאַ ווי ער...

מיט פרייד האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן:

— און דאָס איז אַלעס וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר!

אויף טאַבאַלצעוו'ס פּנים האָט זיך אַ לייכטער שמייכעל באַ־וויזען, ווייל אין דעם אויסדרוק פון איהרע אויגען האָט ער געזעהן, אַז זי קלעהרט זיך אַזוי:

„דערווייל איז דאָס גענוג, און דאָס איבעריגע וועל איך שוין שפּעטער אויפטהאָן“.

ער האָט זי צערטליך אַרומגענומען און זי האָט שטיל און פאַרטראַכט איהם אין די אויגען געקוקט.

דאַ האָט ער דערזעהן אַ געלעגענהייט פאַר איהר אַביסעל זיי־נע געדאַנקען און געפיהלען אויסצודריקען און ער האָט אָנגעהויבען:

— ווען איך בין געווען אין אויסלאנד האב איך זיך געדרעהט אין פארשיעדענערליי קרייזען און זיך באגעגענט מיט פארשיעדענערליי מענשען. מיט א באזונדער מין דורשט האב איך אין זיך אנגעזאפט אלערליי איינדריקע, אלערליי נעפיהלען, ווערטער, פארלאנגען און ליידענשאפטען... פונקט ווי א שוואם נעהמט זיך אריין די וואסער. אזוי האב איך אין זיך אריינגענומען די אלע איינדריקע אין יענע קרייזען, וואו איך האב זיך געדרעהט... אבער קיין זאך האט מיך ניט צופריעדענגעשטעלט, קיין זאך האט מיך ניט געקענט אנזעטיגען און קיין זאך האט מיך ניט געקענט אין גאנצען באהערשען... אט אזא מענש בין איך... אן אומרוהיגער א צו־ווארפענער... אט א שטייגער, איך בין א סאציאליסט, און דאך בין איך ניט קיין מיטגליעדער אין דער פארטיי... ווייסטו פאר וואס? ווייל איך קען זיך ניט אונטערוווארפען קיין דיסציפלין פון קיין מענשען...

זי האט איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט און עפעס אזוי זשעדנע אין זיינע אויגען אריינגעקוקט.

— עס זיינען געווען צייטען, — האט ער ווייטער גערעדט, — ווען איך האב זיך אליין פיינט געהאט דערפאר וואס איך בין אזא אומרוהיגער מענש. אבער איך האב זיך גארניט געקענט העלפען, אט אזוי בין איך: ווען איך בין דא ציהט מיך אהין, און ווען איך בין דארט ציהט מיך אהער... עס לאזט מיך ניט רוהען... אלע מאל געפעלט מיר עפעס אנדערש — אן אנדער אידעאל, אן אנדער מענש... איך געדענק, אז איך בין געווארען א סאציאליסט דערפאר, וואס ס'איז מיר זעהר שטארק געפעלען געווארען די שעהנקייט פון אט דער באוועגונג. איך האב געגאפט דערהפון, וואס איין געדאנק ציטערט אן די הערצער און מוחות פון טויזענדער און טויזענדער מענשען אויף דער גאנצער וועלט; איך האב באוואונדערט די אויסערגעוועהנליכע מאכט פון דער באוועגונג, וואס קען מיט אזא צויבער אויפוועקען אזוי פיעל פארשלאפענע בערען, אזוי פיעל פארשלאפענע ריעזען, וועלכע ווייסען אליין ניט וואס פאר שטארקע כחות זיי האבען; איך האב בא־

וואונדערט די מאכט פון דער באוועגונג, וואס קען ווי דורך א כישוף ברענגען דערצו, אז מענשען זאלען זיך ווי א שטארקע כוואליע א הויב טהאן און ארויפוואַרפען א פחד אויף די אלע הערשער...

— און אין דער זעלבער צייט — האט ער ווייטער געזאגט, ארומנעהמענדיג זי פאר דער טאליע, — האט עס מיך אלץ ניט געלאזט רוהען, און איך האב אלץ געזוכט נאך און נאך נייעס... בין אוועק צו די אנארכיסטען... דאס איז געווען אין פאריז. צופעליגער ווייזע האב איך זיך אין קאפע־הויז באקאנט מיט א פראנצויז. ווען ער האט דערקענט, אז איך בין א רוסישער, האט ער מיך גענומען אויספרעגען וועגען רוסלאנד זאכען — אזעלכע, וואס ער האט פון די צייטונגען ניט געקענט וויסען. איך האב איהם אלעס דערצעהלט, און אויף אזא'ן אופן זיינען מיר אזוי ווי צוגעוואקסען געווארען איינער צום אנדערען... א מערקווירדיגער אינטערעסאנטער מענש איז דאס געווען! ער האט גערעדט אזוי שעהן וועגען דעם אנארכיזם, אז איך האב געפיהלט, ווי צו הערען איהם שטונדען־לאנג... א גאנצען טאג זיינען מיר שוין איינער פון דעם אנדערען ניט אפגעטראטען און אויף דער נאכט האט ער מיך איינגעלאדען צו געהן מיט איהם צו אן אנארכיסטישער פארזאמלונג, וואו ער האט געדארפט האלטען א רעדע.

— ווי שעהן און איבערצייגענד ער האט גערעדט! — האט טאבאלצעוו פאר גרויס התפעלות מיט דער האנד א מאך געטהאן. — ער האט מיך אריינגעבראכט אין אזא גוטער שטימונג, אז איך האב זיך אזש צוקושט מיט עפעס א איטאליענישען ארבייטער, וועלכער איז גראדע לעבען מיר געזעסען...

— אזא משוגעת! — האט קאטיא מיט א שמייכעל באמערקט.

— דער דאזיגער אויף דער נאכט האט זיך אבער געענדיגט זעהר טרויעריג — האט ער פארטגעזעצט, ניט הערענדיג גאר איהר באמערקונג — די געגנער פון די אנארכיסטען, אנהענגער פון אן אנדער פארטיי, האבען זיך אין זאל אריינגעריסען און עס איז געווארען א גאנצער טאראראם. פריהער האט מען זיך אנגעהויבען

שפּאַרען און דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען צו קלעפּ... ווי די רוצחים האָט מען זיך איינער אויף'ן אַנדערען געוואָרפען, ביז בלוט האָט מען זיך געשלאָגען... איך האָב אויך גלאַט ניט אָפּגעשני־טען: אין דער מהומה האָט מען מיך אויך אַריינגעשלעפּט. עפּעס אַ געזונטער בחור האָט מיך אַ כאַפּ געטהאָן פאַר'ן האַלז און מיך גענומען וואַרגען, האָב איך מיט כעס אָנגעכאַפּט אַ שטוהל אָפּ־געבראָכען אַ פיסעל און דערלאַנגט יענעם בחור איבער'ן הוילען קאָפּ, אָבער אַזוי מיט אַלע כוחות... איך האָב צו זיך ניט צוגעלאָזט און געשלאָגען רעכטס און לינקס, און דער סוף איז געווען, אַז מען האָט מיך אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין טורמע.

— וואָס ? ! — האָט זי זיך אין שרעק אַ כאַפּ געטהאָן — דו ביזט געזעסען אין טורמע ? !

— שרעק זיך ניט, איך בין געזעסען אין טורמע, אָבער קיין שטאַרקע באַווייזע געגען מיר זיינען ניט געווען, האָט מען מיך באַפרייט און אַרויסגעטריבען פון פּאַריז...

— אוי, גאָט מיינער, אַנדריושאַ, ביזט גאָר אַן אַנאַרכיסט ?

— וואָס ? ! איך אַן אַנאַרכיסט ? — האָט ער זיך האַרציג פאַנאַנדערגעלאַכט. — איך, דער רייכער סוחר'ישער זוהנדעל — אַן אַנאַרכיסט ! ניין, קאַטיאַ, דו דאַרפסט זיך ניט שרעקען. איך בין אַלעס — איך בין אַנדרעי טאַבאַלצעוו ! איך בין איך !...

דער זייגער האָט אָנגעהויבען קלינגען. האָט זיך קאַטיאַ אויפ־געהויבען און געזאָגט:

— הייסט עס אַז איך מעג שוין געהן... דיין גוטער פריינד דאַרף דאָך באַלד אָנקומען...

— איך האָף, קאַטיאַ, אַז דו וועסט ניט זיין בייז אויף מיר ?

— האָט ער געזאָגט, אַ קוש טהוענדיג איהר האַנד — איך האָב דאָך קיין אַנדער ברירה ניט און מוז דיך בעטען, אַז דו זאָלסט איצט געהן אהיים. פאַרשטעהסטו מיך, מיט דעם מענשען האָב איך זיך שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזעהן, און ווער ווייסט צי וועל איך איהם נאָך אַמאָל זעהן ? אַז ער ווערט פון דער פּאָליציי פאַר־פאָלגט אויף שריט און טריט. מיט איהם קען טרעפען, אַז ער זאָל

ארויסגעהן פון דאַנען און מען זאָל איהם ארעסטירען און פארשי־קען קיין סיביר אויף אייביגער קאַטאָרגע, אָדער איהם גאָר פאר׳־משפּט׳ען צום טויט...

מיט די לעצטע ווערטער האָט ער נאָך אַ סך ערגער געמאַכט. ווי זי האָט נור דערהערט וואָס עס קען טרעפען, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן:

— אַזאַ געפעהרליכער מענש איז ער? קען מען איהם דאָך ארעסטירען אַט דאָ ביי דיר אין הויז און דיך אויך צוזאַמען מיט איהם? גאָט מיינער! נו, זאָג אַליין, ווי זאָל איך ניט האַסען אַט דעם מענשען כאָטש איך האָב איהם נאָך קיין מאָל ניט גע־זעהן? איבער איהם קענסטו דאָך אויך אריינפאַלען, און דאַן איז דאָך מיין גאַנצער לעבען צובראָכען! ווי־זשע זאָל איך איהם ניט האַסען?...

עס האָט מיט טאַבאַלצעווי׳ן אַזש אָנגעהויבען צו וואַרפען, ווען ער האָט פון איהר מויל אַזעלכע ווערטער דערהערט. דאָך האָט ער זי געצערטעלט און מיט אַלע מעגליכקייטען געפּרואווט זי איינ־געהמען און באַרוהיגען.

ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס דער כעס האָט אין איהר גע־זאָרען, ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס ער האָט געהאַט אַ פול מויל מיט ווערטער, האָט ער איהר דאָך גאָר ניט געזאָגט, נור שטיל האָט ער זיך איהר געהאָלפען אָנטהאָן, זי ארויסגעפיהרט אין דרויסען און איהר געהאָלפען זיך ארויפזעצען אויפ׳ן שליטען, וואָס האָט פאַר איהר געוואַרט.

זי האָט אויך קיין וואָרט ניט געזאָגט, נור מיט פאַרוואָרף גע־קוקט אויף איהם, און דאָס איז ביי איהם געווען טויזענד מאָל ער־גער ווי טענות און טרעהרען..

ביים געזעגענען זיך האָט זי איהם בלויז אַ פּאָר ווערטער גע־זאָגט:

— מאָרגען אין דער פריה זאָלסטו מיר גאָר אָהן אַ תירוץ לאָזען וויסען וואָס דו מאַכסט. אַנדערש וועל איך אַ גאַנצען טאָג זיין אומרוהיג...

ער האט דאס איהר צוגעזאגט, און ווען ער איז אריין צוריק צו זיך אין קאבינעט, האט ער פרייער אפגעאטהעמט און זיך גע־געבען א ווארף אויפ'ן ווייכען דיוואן. אין דעם מאמענט האט ער געהאט דאס געפיהל גלייך ער וואלט זיך גור וואס פון א שווערער משא באפרייט. דער דיענסט האט ער אנגעזאגט, אז ווען פאטא־פאוו וועט קומען זאל זי גלייך פארשליעסען די טהיר און מעהר קיינעם ניט אריינלאזען...

ווען דער שליטען האט זיך פון דעם שמאלען שטילען געסעל פארקירעוועט אויף דער ברייטער גאס, האט קאטיא דערזעהן, ווי א הויכער, געזונטער יונגער מאן מיט שווארצע ברילען און מיט א הויכער קוטשמע, איז דעם טראטואר אריבערגעגאנגען. האט זי גלייך פארשטאנען אז דאס מוז זיין דער גוטער פריינד, און, נאך איידער זי האט זיין פנים געזעהן ווי עס באדארף צו זיין, האט זי שוין געפיהלט א שטארקען האס צו איהם, גלייך ער וואלט געווען איהרער א שרעקליכער שונא...

זיבעצעהנטער קאפיטעל.

פאטאפאוו איז געקומען. ווי אמת'ע גוטע פריינד האבען זיי זיך איינער איבער דעם אנדערען דערפרעהט, און באלד זיינען זיי שוין געזעסען ביים טיש לעבען א זודיגען סאמאוואר און גע־טרונקען טהעע.

טאבאלצעוו איז געווען שטארק אויפגערעגט, און דער גע־שפרעך זייערער האט זיך עפעס ניט געבונדען... עס האט זיך געדאכט, אז יעדער איינער באהאלט עפעס פאר'ן אנדערען דאס וויכטיגסטע, דעם עיקר, דעם תוך פון דער אייגענער נשמה... טא־באלצעוו'ן האט זיך געדאכט, אז פאטאפאוו מאכט בלויז דעם אנ־שטעל אז ער איז צופריעדען דערפון, וואס ער זעהט זיך מיט איהם. עס האט זיך איהם אויך אויסגעוויזען, אז זיין בעסטער

פריינד קוקט זיך איצט צו איהם צו ווי אַ פרעמדער מענש... עס זיינען געווען מינוטען ווען עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז אַ דיקע וואַנט האָט זיך גאָר פּלוצלונג צווישען זיי אוועקגעשטעלט און זיי זעהען ניט איינער דעם אַנדערען...

אַלע מאָל האָבען זיי אָנגעהויבעןריידען וועגען אַן אַנדער זאַך און עס האָט זיך אַלץ ניט געקלעפּט.

איז טאַבאַלצעוו ענדליך אַרוים מיט לשון און אָפענהערציג און פריינדליך, ווי זיין שטייגער איז געווען:

— סטיאָפּושקאַ! — מאַכט ער אַזוי צו איהם, — וואָס טהוט זיך דאָ? עפּעס האָב איך איצט דעם געפיהל, גלייך צווי־שען אונז ביידען וואָלט זיך אַ טייך אויסגעגאָסען. אַזאַ ברייטער, גרויסער טייך, מיט שטורעמדיגע כוואַליעס... איך שטעה פון איין זייט ברעג און דו פון דער אַנדער זייט ברעג; מיר שרייען זיך איבער, מיר רופען איינער דעם אַנדערען. אָבער דער ווינד פאַרטראָגט אונזערע ווערטער. מיר זעהן איינער דעם אַנ־דערען אָבער מיר הערען ניט וואָס מיר שרייען...

פּאָטאָפּאָוו האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און זיך פאַר־נאַנדערגעלאַכט מיט זיין קלינגענדען קינדערשען געלעכטער, פון וואָס טאַבאַלצעוו'ן איז גלייך וואַרימער געוואָרען אויף דער נשמה.

— דו ביזט אַזאַ מאָדנער מענש, אַז איין גאָט זאָל זיך אויף דיר דערבאַרעמען! — האָט ער געזאָגט. — און ריידען רעדסטו אַזוי שעהן, גלייך אָט וואָלט געשטאַנען אַ זעצער גרייט עס אוועק־צוטראָגען צום דרוקען... אַ מעשה מיט אַ טייך און מיט כוואַ־ליעס... טשודאַק וואָס דו ביזט! וואָס פאַרשטעהסטו דען ניט? עס איז שוין פיער יאָהר אַז מיר האָבען זיך ניט געזעהן. אין אַ יאָהר איז פאַראַן דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג טעג... וויפיעל־זשע איז דאָס צוזאַמען? אַנו, באַרעכען... איין טאָג איז אין אַנדערען ניט געראָטען; היינט טרעפט זיך אַזאַ זאַך, מאָר־גען אַן אַנדער זאַך... מילא, ווי די זאַך זאָל ניט זיין — קיין איי־גענע ברידער זיינען מיר דאָך ניט... אין די פיער יאָהר צייט האָב איך געהאַט אַזוי פיעל באַגעגענישען: אין די פיער יאָהר האָט

יעדער איינער פון אונז אזוי פיעל איבערגעלעבט... נו, ווייסט מען ניט פון וואס פריהער אנצוהויבען... דאס איז אזוי קלאר און פשוט, אז די מעשה מיט'ן טייך און מיט די כוואליעס פאסט זיך גאר ניט אהער ; דאס איז גלאט שעהן פערעדט... און דאס וואס דו זאגסט, אז מיר זיינען זיך געווארען פרעמד ? עה, נארישקייטען !... איך האב די גאנצע צייט אן דיר ניט פארגעסען ! ווען איך בין געווען פארשיקט אין סיביר האב איך זעהר אפט געקלעהרט פון דיר. ניט איינמאל, גוטער ברודער, פלעג איך זיך לעגען שלאפען מיט'ן געדאנק, אז עס וואלט געווען גוט, ווען איך זעה כאטש אין חלום אנדריושא'ן... און דאס איז גאר קיין חידוש ניט אויך : ווען מען קומט אפ אויף דער וועלט, ווען מען איז קיינמאל ניט זיכער מיט'ן מארגענדיגען טאג, ווען מען בלאנקעט זיך ארום און מען האט אין ערגעץ קיין רוהע ניט — דאן איז אנגענעהם צו קלערען אפילו פון אזא פריינדשאפט, וואס וועט ניט געדויערען אייביג...

— סטיאפושקא, וואס רעדסטו ? — האט זיך טאבאלצעוו שטארק באליידיגט. — געשיקט זיך אז דיר פאלט איין, אז אונזער פריינדשאפט וועט ניט געדויערען אייביג ?

— אך, גוטער פריינד מיינער, דו ביזט א נאאיווער מענש ! וואס דארפסטו זיך אזוי באליידיגען און זיך קאכען ? אודאי וועט זיך די פריינדשאפט אונזערע ניט געדויערען אייביג. אט וועסטו חתונה האבען און אלעס וועט זיין אויס...

— ווער האט עס דיר דערצעהלט אז איך געה חתונה האבען ?

— האט טאבאלצעוו געפרעגט און איז רויט געווארען ביז איבער די אויערען.

שעהם זיך ניט בחור. — האט פאטאפאוו געלאסען געענטפערט. — דאס האט מיר ליזא דערצעהלט.

— ווער ?

— ליזא.

— און דו ווייסט, אנדריושא, — האט פאטאפאוו געביטען דעם טאן — אין איהר פנים איז פאראן עפעס א גאנצע וועלט

מיט אומעט. דו ווייסט ניט פאַר וואָס דאָס איז ? זי מוז זיין זעהר אַן אומגליקליכער מענש.

שטאַרק פאַרביסען די ליפּען, האָט טאַבאַלצעוו געשוויגען. ער איז געווען איבעררראַשט פון דעם וואַרימען, דורשטיגען און ליידענשאַפטליכען בליק, וואָס האָט פון פּאָטאַפּאָוו'ס אויגען ארויסגעקוקט, ווען ער האָט פון ליזאַ'ן גערעדט.

און זי האָט דיר גאָר ניט געזאָגט פאַרוואָס זי איז אומגליקליך ? — האָט ער שטיל נייגעריג געפרעגט.

פּאָטאַפּאָוו האָט ניט גלייך דאַרויף געענטפערט. זיין פּנים האָט זיך אַנגעכמורעט, דער שטערן האָט זיך ווי פון זיך אליין פאַרקוועטשט און ער האָט געענטפערט :

— מיר האָט זי גאָר ניט געזאָגט. אָבער... איבעריגענס... איך שטוים זיך אַן, אַז דאָס איז ניט פאַר נחת...

ביידע האָבען אַ ווײלע געשוויגען.

דערנאָך איז פּאָטאַפּאָוו אויפגעשטאַנען פון דער ווייכער זאָפע. אַ הויכער, אַ געזונדטער, אַ ריעזיגער, האָט ער זיך גענומען ציהען אין דער הויך, צוגעגאַנגען צום שרייב טיש און ווען ער האָט דאָרטען דערזעהן ליזאַ'ס בילד האָט ער זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט און איז געבליעבען שטעהן ווי אַ פאַרגליווערטער אין זיין גאַנצער גרויס.

— זי האָט ניט ליעב דעם מאַן און זי לעבט ניט מיט איהם.

— האָט טאַבאַלצעוו אין מיטען דאַרינען געזאָגט, אליין ניט ווי־סענדיג צו וואָס און אָקעגען וואָס ער זאָגט דאָס.

פּאָטאַפּאָוו האָט געשוויגען, ניט אָפּרייסענדיג די בליקען פון ליזאַ'ס בילד...

— זי איז זעהר עלענד און איך בין ביז איצט געווען איהר איינציגער פריינד — האָט טאַבאַלצעוו פאָרטגעזעצט דאָס פריהער־דיגע. — אָבער אַצינד, דענק איך, וועט איהר לעבען אַנעהמען אַן אַנדער ווענדונג. זי איז ניט לאַנג צוריק באַקאַנט געוואָרען מיט זיין צוקונפטיגער פרוי... און איך האָף, אַז זיי וועלען ליעב האָ־

בען איינע די אנדערע... און די הויפט זאך — זי איז באקאנט געווארען מיט דיר...

פאטאפאוו האט מיט אמאל געגומען ליזא'ס בילד אין האנט.

— אנדריושא, — האט ער געזאגט און אין זיין שטימע האט זיך געפיהלט געבעט. — שענק מיר אוועק אט די בילד !...

— איך קען ניט. — האט טאבאלצעוו אין גרויס פארלעגענהייט געענטפערט. — עס איז מיר טאקע זעהר שווער דיר אפצוזאגען. אבער גלויב מיר, אז אט די בילד קען איך דיר ניט אוועקשענקען...

— פארוואס ? — האט פאטאפאוו געפרעגט, קוקענדיג אויף איהם דורכדרינגענד.

— ווייל... איך קען ניט...

און מעהר האבען זיי וועגען דעם ניט גערעדט. זיי האבען זיך בלויז איינער דעם אנדערען טיעף אין די אויגען ארייגגעקוקט און זיך פארשטאנען. ווערטער זיינען געווען איבעריג...

לאנג האבען זיי ביידע געשוויגען און דערנאך האבען זיי זיך אנגעטהאן א כח און גאר אנגעהויבען ריידען וועגען אנדערע זאכען.

גערעדט האבען זיי וועגען באוועגונגס־זאכען. פאטאפאוו האט דערצעהלט ווי די ארבייטער אין די פאבריקען ווערען אויפגעקלעהרט, ווי זיי שטעלען ארויס פאדערונגען און די פאבריקאנטען מוזען נאכגעבען, ניט האבענדיג קיין אנדער ברירה. און טאבאלצעוו האט דאס מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט.

— נו, וואס ווערסטו עפעס זאגען דארויף ? — האט פאטאפאוו מיט נצחון געפרעגט. — גוטע ארבייט ברייגגט גוטע רעזולטאטען. אויפקלעהרען דאס פאלק און איהם רופען צום קאמפף ! — אט וואס מען דארף טהאן אין דעם איצטיגען מאמענט ! ניט אזוי ווי דו, גיסט זיך אפ מיט נארישקייטען — שפיעלסט טעאטער און פארשפרייטסט קונסט.

דאס ווארט „קונסט“ האט ער ארויסגעזאגט מיט אזא איראניע, אז עס האט טאבאלצעוו'ן אזש אונטערגעטראגען.

— אָבער וואָס וועט זיין דער סוף פון אַט דער ארבייט ? — האָט טאַבאַלצעוו דאָ געפונען פאַר נויטיג ארויסצוזאָגען זיינע אַנאַרכיסטישע מיינונגען, פון וועלכע ער האָט די לעצטע צייט שטאַרק געהאַלטען. — וואָס וועט זיין, אַז איהר וועט ארונטער זעצען די איצטיגע רעגירונג ? וועט איהר דאָך אויף איהר פּלאַץ ארויפזעצען אַן אנדער רעגירונג, אייערע אַן אייגענע. און פּונקט ווי די איצטיגע רעגירונג ארעסטירט און זעצט אריין אין די טור־מעס די מענשען וועלכע זיינען נעגען איהר, אַזוי וועט אייער רע־גירונג אויך ארעסטירען און אריינזעצען אין די טורמעס די מענ־שען, וועלכע וועלען ארבייטען געגען איהר...

— ניט נור אין די טורמעס וועלען מיר זיי אריינזעצען, — האָט פּאַטאַפּאָוו געענטפערט — נור אפילו הענגען וועלען מיר אויך ! אַממעהרסטען וועלען מיר הענגען אַט די אַנאַרכיסטען, וועלכע דרעהען אַ קאָפּ און וויסען אַליין ניט וואָס זיי ווילען...

— נו, אַט דאָס זאָג איך טאַקע ! — האָט זיך טאַבאַלצעוו אַ כאַפּ געטהאָן. — טאַקע דערפאַר קען איך זיך ניט אַנשליסען אַן דער פּאַרטיי. ווייל זאָג אליין : מיט וואָס קען מיך דיין פּאַרטיי צוציהען ? דערמיט וואָס זי פּרעדיגט הערשאַפט פון די מאַסען ? אָבער אַז איך האַלט גאָר ניט פון די מאַסען ! איך האַלט, אַז דער איינציגער מענש, די נשמה פון יעדען איינציגען באַזונדער, איז טויזענד מאָל וויכטיגער פאַר די מאַסען... און איהר, סאָציאַ־ליסטען, רעכענט זיך ניט מיט דעם איינציגען מענשען, איהר רע־בענט זיך ניט מיט די נשמות פון איינצעלנע, נור מיט'ן כלל.

מעהר האָט מען ניט געדאַרפט. פּאַטאַפּאָוו איז געוואָרען אַן אָנגעצונדענער. זיין שטאַרקע באַסאָווע שטימע האָט געדונערט, קיין מינוט האָט ער ניט איינגערוהט און אַלץ גערעדט און גע־טענה'ט, כדי צו באַווייזען טאַבאַלצעוו'ן אַז ער איז ניט גערעכט.

— דו זאָגסט אַ ליגען ! — האָט ער מיט כעס הויך אויפ'ן קול געשריען. — מיר רעכענען זיך זעהר פיעל און שטאַרק מיט דער נשמה פון יעדען איינצעלנעם מענשען ! ביי אונז איז ניט די לעהרע דער עיקר, נור דאָס לעבען ! דו זאָגסט, אַז מיר בייטען

אמאל אונזער טאקטיק, אונזער פיהרונג ? דאס איז אמת. אבער ווייסטו פאר וואס דאס איז ? דאס איז דערפאר, ווייל מיר פארבלענדען זיך נים די אויגען מיט די ביכער, נור מיר קוקען מיט אפענע אויגען אויפ'ן לעבען ! דו זאגסט, אז מיר באגעהן אמאל א פעהלער. דאס איז אויך אמת. אבער ווייסטו פאר וואס דאס איז ? דאס איז דערפאר, ווייל מיר זיינען נים קיין הינטער'ן אויווען מענשען ! בלויז אזעלכע פארשלאפענע ברואים וואס זיצען שטענדיג הינטער'ן אויווען באגעהן קיינמאל קיין פעהלערען נים, אבער מענשען וואס געהן צוזאמען מיט'ן לעבען, מוזען אמאל באגעהן א פעהלער אויך... און דו, נאך אזעלכע ווי דו האבען קיין רעכט נים אונז, טהעטיגע מענשען, צו זאגען מוסר !... הינטער'ן אויווען, ציטערט איבער זיין פעלכעל און זאגט אונז מוסר !...

טאבאלצעוו האט געוואלט עפעס זאגען, אבער פאטאפאוו האט איהם נים געלאזט. אהן געצאצקעטע ווערטער, אהן געקרייזעלטע פראזען, נור מיט א פשוט'ע מענשליכע שפראך, האט ער טאבאלצעוו'ס נייעם אידעאל אין גאנצען צוקלאפט.

— וואס מיינסטו ? — האט ער ווייטער מיט א שטארקער באסאווער שטימע געדונערט. — די גאלדענע צייט וועט זיך אזוי פון הימעל ארונטערלאזען ? וואו מען וויל אז מענשען זאלען לעבען, דארף מען קעמפפען דערפאר און נים זאגען קיין מוסר !... קיין נסים פאסירען נים היינטיגע צייטען... פון קליינערהייד אן גלויב איך נים אין קיין נסים און אין קיין שדים... איך בין טיעף איבערצייגט אין דעם, — האט ער גענומען ריידען ערנסטער און איינגעהאלטענער, — אז די וועלט שפרינגט נים, אז משיח ווערט נים געבוירען מיט אמאל... פאמעלאך, אבער פעסט און פאר'עקשן'ט מוז מען שפאנען אלץ ווייטען און ווייטער ; טהאן, ארבייטען, קעמפפען און נים זיך פארשטעלען, אז אט אזוי א, גאר פלוצים, וועט דאס טעלערל פון'ם הימעל אראפפאלען און מענשען וועלען אנהויבען עסען זייגערלאך מיט יויך... ניין, גוטער ברודער, קיין זאך קומט נים אז גרינג, און יעדער געווינס, ווי קליין ער זאל נים זיין, איז זעהר וויכטיג, ווייל דאס גיט די ארבייטער־

מאסען צו מעהר מוטה ווייטער צו קעמפפען, ביז מיר וועלען סוף כל סוף קומען צו אונזער ציעל...

— נו, און וואס וועט זיין דערנאך ? — האט זיך טאבאלצעוו פעסט אן זיין מיינונג געהאלטען. — מיט אייער זיעג וועט איהר דאך בלויז די אויגעהונגערטע קערפערס מאכען זאט, אבער די נשמות וועלען דאך בלייבען אויסגעהונגערטע, און זיי די דאזיגע אויסגעהונגערטע נשמות, וועלכע בענקען נאך אמת'ע שעהנקייט, נאך קונסט און נאך פרייע ליעבע, וועלען זיי דאן אויך בלייבען ניט צופריעדען...

אט די ווערטער האבען פאטאפאוו'ן אריינגעבראכט אין אזא כעס, אז ער האט אזש א ריס געטהאן פון זיך די סאלפעטקע (נעפ־קין) און אזוי שטארק מיט'ן פויסט א קלאפ געטהאן אן טיש, אז די גלעזער און די פלעשלאך זיינען אזש אונטערגעשפרונגען.

— אך, דו סוחר'שער זוהנדעל ! דו פוסט־און־פאסניק — האט ער ניט מיט זיין קול פון צווישען די צייהן ארויסגעברומט — דו !...

טאבאלצעוו האט זיך אזש א ווארף געטהאן. ער האט זיך אין אנפאנג טאקע גוט דערשראקען, אבער באלד האט ער זיך גאר אין מיטען דערינען פאנאנדערגעלאכט :

— סטיאפושקא...

אבער פאטאפאוו האט איהם קיין ווארט ניט געלאזט אויס־ריידען.

— אזא געמיינהייט ! — האט ער זיך געקאכט און זיין פנים איז געווען רויט ווי צונטער. — אזא ניעדערטרעכטיגקייט ! אין א וואוינונג וואס קאסט טויזענדער... זיצענדיג אויף א ווייכען לעדערנעם שטוהל ביי א גוטער גלאז וויין, האט עס די חוצפה צו האקען א טשייניק ועגען פרייע נשמות און פרייע ליעבע... מיר־ליאנען מענשען געהן אויס ווי ליכט און ווערען דערשטיקט אין די דושנע פאבריקען... ארימע פרויען און קינדער חלש'ן נאך א שטיקעל ברויט און שטארבען פאר דער צייט... יונגע לעבענס ווערען אין די פארשטיקטע פאבריקען פארוועלקט פאר דער צייט,

ווייל זיי גיבען אוועק זייערע בעסטע כחות פאר א גראשענדיגען לוין, און ער זיצט זיך דא און פלאפעלט זיך אזוי געמיטהליך און געלאסען וועגען אזעלכע זאכען ווי „קונסט", „שעהנקייט", „פרייע נשמות", „פרייע ליעבע" !... שעהמען וואלסטו זיך גע־מעגט, דו רייכער פוסט־און־פאסניק, דו סוחר'ישער זוהנדעל !... און קוק איהם נור אן, ווי ער פארגעהט זיך אזש פאר געלעכטער!...

טאבאלצעוו האט זיך ניט באליידיגט, פארקעהרט, אין דער מינוט איז איהם פאטאפאוו נאך מעהר געפעלען געווארען און ער האט זיך איהם אויפ'ן האלז געווארפען.

— סטיאפושקא !... ווען דו וואלסט זיך אליין געקענט זעהן ווי שעהן דו ביזט אין דעם מאמענט ווען דו ווערסט בייז ! איך באוואונדער דיין גרויסקייט ווען איך הער דיך רעדען ! דו ביזט דאך אזא גאנצער מענש. קיין איין שפרינקעלע איז אין דיר נישטא... דו ביזט ווי פון איין שטיק אויסגעגאסען !

— און אין דיר איז קיין איינציגען שטריך נישטא... אלעס איז אין דיר אויף פיץ־פיצלאך צוריסען... — האט פאטאפאוו שוין ווייכער געזאגט, און אויף זיין פנים האט זיך א גוטמוטהיגער שמייכעל באוויזען. — און זאג אליין, — האט ער נאך א קורצען שווייגען געזאגט, — בין איך דען ניט גערעכט ? מיליאנען מענ־שען ווייסען גאר ניט וואס עס הייסט „קונץ". זייער לעבען איז אזוי ארים, אז זיי זיינען מקנא די הינט, וואס לויפען ארום אין גאס... אט זיי א מענש און זעה אז אט די אלע גערדריקטע און גע־שטיקטע זאלען אזוי פיעל ניט ליידען קיין נויט, און דאן וועסטו זיך קענען רעדען וועגען אזעלכע זאכען, ווי קונסט און שעהנקייט...

— נו, גענוג, סטיאפושקא, — האט טאבאלצעוו איהם פריינדליך געזאגט, — לאמיר פארגעסען אויף א ווייל, אז מיר זיינען פאליטישע געגנער...

— נו, גוט ! — האט פאטאפאוו געענטפערט. — איך בין דיר מוחל, איך וויל זיך מיט דיר ניט קריעגען. אבער איין זאך וויל איך ווייסען — צי ביזטו מיין שונא, צי מיין גוטער פריינד ?

טאבאלצעוו'ן האט די פראגע איבערגעשראקען.

— דו ביזט משוגע צי מטורף ? ! סטיאָפּושקאַ, ווי קען דיר גאָר איינפאַלען אַזאַ פראַגע צו שטעלען ? ! און דו מיינסט עס טאַקע ערנסט ? דו משוגענער פאַנאַטיקער, וואָס דו ביזט ! ווייסטו דען ניט אַז ביי מיר איז די רעוואָלוציע פּונקט אַזוי הייליג און טייער ווי ביי דיר ? און געשיקט זיך, סטיאָפּושקאַ, אַז די גאַנצע צייט האָסטו מיך ליעב געהאַט בלויז דערפאַר, ווייל איך בין אַן אַנהענגער פון דער באַוועגונג, און ניט דערפאַר ווייל איך בין — איך ? — האָט ער ניט אַהן פּאַרדרוס געפרעגט און זיך שטאַרק אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער האַנד אין דער ברוסט.

פּאַטאַפּאָוו איז רויט געוואָרען און גענומען ריידען אין גרויס פאַרלעגענהייט:

— איך מיין ניט דאָס... דו רעדסט גלאַט נאַרישקייטען !... דו פאַרשטעהסט ניט וואָס איך רעד צו דיר און דו פּלאַפּעלסט אין דער וועלט אריין...

— אָבער טייערער סטיאָפּושקאַ, איך פאַרשטעה דיך אויך ניט... איך האָב אַלץ געמיינט, אַז אונזער פריינדשאַפט האַלט זיך אויף אַ פיעל שטאַרקערען פונדאַמענט ווי פּאַרטיי־פּאָליטיק... און אין נאָמען פון דער דאָזיגער פריינדשאַפט אונזערער פאַרזיכער איך דיר, אַז וואָס עס זאָל זיך אין מיין לעבען ניט טרעפען — איך וועל דיר בלייבען דער זעלבער פריינד וואָס געווען ! קיינער וועט מיך פון דיר ניט אַוועקנעהמען !...

— אַפילו דיין פרוי אויך ניט ?

— יאָ, אַפילו זי אויך ניט !

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אַן ליזאַ'ן און ער האָט נאָך צוגעגעבען:

— און ניט נור מיין פרוי, נור קיין פרוי אין דער וועלט וועט מיך פון דיר ניט אַוועקנעהמען. דו הערסט סטיאָפּושקאַ ? קיין פרוי אין דער וועלט ! ווייל דו ביזט מיר טייערער פון אַלעם אין דער וועלט !

— און דו מיינסט דאָס טאַקע ?

— באשטימט ! — האט טאבאלצעוו ערנסט איהם פארזי־כערט. — און דאס, זאג איך דארפסטו ניט פארגעסען, איצט, ווען איך בין שטארק פארליעבט... ווען מען וואלט מיר געגעבען די ברירה — זעהען זיך מיט דיר אדער פארברענגען א נאכט מיט דער שעהנסטער, ליעבסטער פרוי, וואלט איך גיכער אויסגעקליבען דאס ערשטע...

פאטאפאוו האט צופריעדען געשמייכעלט :

— זעה נור, ווי ער האט זיך דאס הערוואַרימט !

און טאבאלצעוו האט ווייטער גערעדט, שפאנענדיג איבער'ן צימער היו און צוריק :

— געדענק וואס איך זאג דיר, סטיאפושקא : כל זמן דו און אלע דיינע חברים זיינען אונטערדריקטע, די באליידיגטע און געקריוודעטע, בין איך מיט אייך, וועל איך פון דעם קאמפף ניט אפשטעהן און אייך ארויסהעלפען מיט וואס איך וועל נור קענען. אבער אזוי שנעל ווי איהר וועט פארכאפען די מאכט אין אייערע הענד, אזוי שנעל ווי איהר וועט זיך אוועקשטעלען ביים רודער פון דער רעגירונג, וועל איך ווערען דיינער א פאליטישער שונא...

ווען פאטאפאוו האט דאס דערהערט האט ער זיך פרעהליך און געזונד פאנאנדערגעלאכט :

— דאן וועלען מיר שוין זעהן, הלואי האלט עס שוין דערביי.

— און נאך א זאך וויל איך אז דו זאלסט וויסען, — האט טאבאלצעוו ווייטער גערעדט, — אז ווען אנדערע רעוואלוציאנערע פארטייען וועלען זיך צו מיר ווענדען נאך הילף, וועל איך זיי אויך ניט ענטזאגען, פונקט אזוי ווי איך ענטזאג דיר ניט... פאר מיר איז וויכטיג ניט די פארטיי, נור די רעוואלוציע...

דאס איז געווען ווי בוימעל אויפ'ן וואסער. פאטאפאוו'ן דעם פארברענטען סאציאליסט, ביי וועמען זיין פארטיי איז געווען דאס טייערסטע אין דער וועלט, האט דאס אונטערגעטראגען און ער האט מיט פארקריצטע צייהען אויסגעשריען :

— פאררעטער !

האָט זיך טאַבאַלצעוו ווידער פאַנאַנדערהגעלאַכט און איהם ווידער פריינדליך אַרומגענומען:

— סטיאָפּושקאַ, טייערער מיינער, ווי שעהן דו ביזט, ווען דו ווערסט אין כעס!

— געה דיר אַוועק פון מיר! איך האָב דיך ניט ליעב... — האָט איהם פּאָטאַפּאָוו מיט דער האַנד אָפּגעשטופּט פון זיך. — איך האָב ניט ליעב אַזעלכע, וואָס וואַרפען זיך אין אַלע זייטען... איך האָב ליעב, ווען אַ מענש איז אַ גאַנצער, אַן אויסגעהאַלטע־נער און ווייסט וואָס ער וויל...

און דאַ האָט ער זיך מיט אַמאָל ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט אַזוי קינדעריש און שעהן:

— דו אַנאַרכעסט וואָס דו ביזט! כאַ־כאַ־כאַ! אַנאַרכיסט! עס איז נאָך אַ נס וואָס עס איז אין רוסלאַנד ניטאָ קיין סך אַזעל־כע אַנאַרכיסטען ווי דו ביזט... ווען עס וואָלט חלילה געווען אַ סך אַזעלכע, וואָלט געווען אַ געפאַהר די גאַס אריבערצוגעהן... כאַ־כאַ־כאַ!

טאַבאַלצעוו האָט זיך געפונען באַליידיגט פון זיינע ווערטער:

— סטעפּאַן, לאַכען פון מיר דאַרפסטו ניט! איך רעד מיט דיר גאַנץ ערנסט.

— נו, און דערפאַר לאַך איך טאַקע. — האָט זיך פּאָטאַפּאָוו ביי די זייטען געהאַלטען. — עס איז איצט ביינאַכט און איך בין אַ שרעקעדיגער... איך וועל שוין די גאַנצע נאַכט מורא האָבען צו שלאָפען, ווייל עס וועלען זיך מיר האַלטען אין איין חלום'ען באָמ־בעס... כאַ־כאַ־כאַ! און איבעריגענס, כאַפּט דיך דער וואַטעג־מאַכער! זיי דיר וואָס די ווילסט, אַבי זיי מיר אַ גוטער פריינד, ווייל נאָך אַלעמען האָט דיך דער רוח ניט גענומען און דו ביזט דאָך אַ וואוילער בחור...

עס איז געוואָרען גאַנץ שפּעט. טאַבאַלצעוו האָט אויסגעבעטען פּאָטאַפּאָוו'ן אויף דער ווייבער זאָפע. אָבער שלאָפען זיינען זיי ניט געגאַנגען. עס האָט זיי ביידען באַנג געטהאָן זיך צו שיידען. זיי האָבען געהאַט פון וואָס צו ריידען און צו ריידען.

כאטש זיי זיינען ביידע געווען מיעד, זיינען זיי דאך לאנג ביים טיש געזעסען אין עס־צימער, און פאטאפאוו האט אזוי שעהן און אינטערעסאנט דערצעהלט, וואס ער האט איבערגעלעבט זינט ער האט זיך מיט טאבאלצעוו׳ן ניט געזעהן — ווי ער האט אין סיביר זיך געפלאגט, ווי עס האט זיך איהם איינגעגעבען פון דארטען צו אנטלויפען, ווי ער האט ארגאניזירט די ארבייט אין טיפליס, און ביים דאן, ווי קונציג ער האט זיך אומעדום אויסגעדרעהט פון די פארפאלגונגען פון דער פאליציי ; ווי אין איין שטאדט האט ער געטראגען א בארד און אין דער צווייטער איז ער שוין געווען אפגעראזירט גלאט ווי אן אקטיאר ; ווי ער איז געפאהרען קיין אויסלאנד און געקומען צוריק, — אלעס האט ער דערצעהלט אזוי שעהן און אינטערעסאנט, אז טאבאלצעוו׳ן האט אזש דער אטהעם פארכאפט צוהערענדיג דאס...

— אלעס איז גוט. — האט פאטאפאוו אנגעקוואלען דערפון וואס עס גיט זיך איהם אזוי קונציג איין זיך אויסצודרעהען פון דער פאליציי. — איך בין שוין געווארען א פאלגער אקטיאר אויף דעם געביט, איז אבער א צרה וואס איך בין צו געזונט און צו הויך, צום שווארץ־יאהר ! מיין ריעזיגע פיגור איז פאר מיר א שטיק אומגליק... און איך בין זיכער, אז מען האט ניט איין הויכען, געזונטען יונג ארעסטירט, מיינענדיג אז דאס האט מען מיך געפאקט... און ווי געפעלט דיר עפעס איצט מיין בערדעל ?

— א פיין בערדעל.— האט טאבאלצעוו פריינדליך געשמייכעלט, — אבער דאס פריהערדיגע האט דיר שעהנער געפאסט צום פנים... אויב דו ווילסט אויסנעהמען ביי פרויען, זאלסטו זיך פארלאזען דאס בערדעל אזוי ווי פריהער... און די ברילען זאלסטו אויך ארונטערנעהמען ווען דו וועסט זי באגעגענען מיט ליזא׳ן טארסטו זיך „איהר“ ניט פארשטעלען...

פאטאפאוו האט זיך אביסעל פארשעהמט.

עס לוינט זיך טאקע ארייננצופאלען אין די הענד פון דער פאליציי, אבי „איהר“ געפעלען צו ווערען...

— און דו דענקסט, אז עס לוינט זיך ניט אלעס איינצושטע־

לען, ווען מען איז פאַרליעבט ? — האָט טאַבאַלצעוו איהם גע־פרעגט, קוקענדיג שאַרף און דורכדרינגענדיג אין זיינע אויגען.

איז פּאַטאַפּאָוו נאָך מעהר רויט געוואָרען :

— ווי האָב איך גאָר צייט זיך צו פאַרליעבען ? דער קאָפּ איז מיר גאָר ניט דערביי... נור דיר ליגען אין זינען אַזעלכע נאַ־רישקייטען...

ער האָט זעהר מורא געהאַט אַז טאַבאַלצעוו זאָל מיט איהם דאַ ניט אָנהויבען ריידען וועגען ליזאַ'ן, האָט ער אַזוי קונציג פאַר־דרעהט דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער זייט.

דו ווייסט, אַנדרעי, — מאַכט ער צו איהם ערנסט, אַוועקשטעל־לענדיג אויפ'ן טיש די ניט אויסגעטרונקענע גלאָז וויין, — אין אויסלאַנד האַלט מען זעהר שטאַרק פון דיר צווישען די געלאַסען... מען האָט מיר דאָרטען דערצעהלט זעהר אַ סך שעהנע זאַכען וועגען דיר. דו האָסט דאָרטען זעהר פיעל אויסגעהאָלפען אין דער אַרבייט, און דערפאַר דאַנק איך דיר ווירקליך מיט'ן גאַנצען האַר־צען... כדי אויסצודריקען דיר מיין דאַנקבאַרקייט, וועל איך נאָך אַמאָל טרינקען מיט דיר לחיים... לאָמיר זיין געזונד, אַנדריושאַ !...

דער האָן אין קיך האָט שוין געקרעהט, און זיי זיינען נאָך אַלץ געזעסען ביים טיש און גערעדט. ווי אמת'ע גוטע פריינד, ווי אייגענע צוויי ברידער, וועלכע האָבען זיך יאָהרען לאַנג ניט געזעהן, האָבען זיי זיך איינער פון דעם אַנדערען ניט געקענט אָפּרייסען.

און ווען טאַבאַלצעוו האָט פּאַטאַפּאָוו'ן אַריינגעקוקט אין די צוויי גרויסע בלויע אויגען, האָט ער זיך אַליין געשטעלט די פראַ־גע :

„ווער איז מיר טייערער — ער צי קאַטיאַ ? און עס איז איהם אין יענעם מאָמענט גאָר דער מינדעסטער צווייפעל ניט געווען, אַז פּאַטאַפּאָוו איז איהם טייערער פון קאַטיאַ'ן, פון ליזאַ'ן פון אַלעם אין דער וועלט...

אכצעהנטער קאפיטעל.

איינמאל אין יום טוב'דיגען טאג איז טאבאלצעוו'ס מוטער, צוזאמען מיט איהרע צוויי עלטערע זיהן, קאפיטאן און ניקאלאי, געקומען צו גאסט צו קאטיא'ס מוטער.ביידע מחותנת'טעס האבען זיך צוקושט און, אליין ניט ווייסענדיג קלאר פארוואס, זיך פאנאנדערגעוויינט.

פארוואונדערטע האבען ניקאלאי און קאפיטאן באטראכט די ארימע וואוינונג וואו יעדער שטיקעל מעבעל איז געווען געקויפט פאר קאטיא'ס שווער פארהארעוועטע געלד. ווען דאס וואלט גע־ווען פריהער, וואלטען זיי, די צוויי רייכע סוחרים זיכער געווען געדרעהט מיט דער נאז. אבער איצט, נאכדעם ווי זיי האבען גע־הערט קאטיא'ן שפיעלען אויף דער פיאנא, נאכדעם ווי זיי האבען שוין מיט איהר געווען באקאנט, האבען זיי שוין מיט דער נאז ניט געקענט דרעהען.

מיט עטליכע טעג שפעטער, אויך א יום־טוב'דיגען טאג, זיי־נען געקומען צו גאסט פימא און ליזא, ביידע פארפוצט, פארפיר־מירטע, אנגעטהאן אין רייכע פוקסענע פוטערלאך. פימא האט אויך געטראגען די טייערע בריליאנטענע אוירינגלאך, וועלכע זי פלעגט ניט אויסטהאן אפילו ביי נאכט, ווייל זי האט אלץ מורא געהאט עס זאל נאך חלילה ניט אויסברעכען קיין פייער און זי זאל פארגעסען אן זיי, אן די טייערע בריליאנטען...

ליזא האט קיין אוירינגלאך ניט געטראגען, ווייל טאבאלצעוו האט איהר איינמאל געזאגט אזוי:

— צו וואס דארפסטו האבען אוירינגלאך? דיינע אויערען זיינען אזוי אויך שעהן, און דערמיט וואס דו הענגסט אויף זיי אן איבעריגע צאצקעס, מאכסטו זיי מיאוס... טראגען אויערינגלאך איז א רעשטעל פון יענע אלטע צייטען, ווען מענשען זיינען נאך געווען ווילד און זיך געציערט מיט נאזבאנדען און אויערינגלאך.

פון דאן אן האט זי אויפגעהערט טראגען איהרע טייערע

בריליאַנטענע אויערינגלאַך. און זינט זי האָט דערזעהן ווי קאַ־טיאַ טהוט זיך אַן אזוי איינפאַך און נעט, האָט זי זיך אויך אויפ־געהערט צו פוצען אזוי ווי פריהער. זי האָט בלויז געטראָגען אָדער אַ שווארצע, אָדער אַ ווייסע מלבוש. איצט איז זי אויך געווען אַנגעטהאָן זעהר שעהן, מיט געשמאַק, אָבער איינפאַך און נעט, אָהן איבעריגע צאַצקעס.

קאַטיאַ האָט ביידע צוקונפטיגע שווענערינס אויפגענומען מיט אַ באַזונדער מין פרייד. זי האָט זיך צווישען ביידען אוועקגע־זעצט און זיי אַנגענומען פאַר די הענד, און באַלד האָט שוין פימאַ דערפיהלט אין איהר אַן אייגענעם מענשען.

פון ליזאַ'ן איז שוין אַפגערעדט! זי איז באַלד ווי צוגעוואַק־סען געוואָרען צו קאַטיאַ'ן.

און אַנדערש האָט דאָס ניט געקענט זיין. אין פאַרגלייך מיט איהר, מיט דער גרויסער פּיאַנאַ־שפּיעלערין, האָט זי זיך געפיהלט קליין און אראָפּגעפאַלען ביי זיך... עס האָט גאָר קיין רעדע ניט געקענט זיין וועגען אוועקשטעלען זיך מיט איהר אויף איין מדרגה... און עס האָט גאָר קיין רעדע ניט געקענט זיין וועגען אייפערזוכט...

פאַר איהר איז קאַטיאַ געווען ניט נור אַ טאַלאַנטפולע פּיאַ־ניסטקע, נור אַ זעלבסטשטענדיגע, אַ שטאָלצע און עס איז פאַר איהר געווען קלאָר, אַז אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין, אַז טאַ־באַלצעוו האָט זיך געמוזט פאַרליעבען אין אַ פרוי ווי קאַטיאַ איז, ווייל נור אַזאַ ווי זי פאַרדיענט פון איהם געליעבט צו ווערען... די ערשטע לאַסקע וואָס קאַטיאַ האָט איהר ארויסגעוויזען, האָט אַלעס ענטשיידעט. ליזאַ איז שוין געווען איהרע, ווייל זי האָט געפיהלט, אַז צו איהר האָט זי זיך ניט וואָס צו גלייכען...

גאָר אַנדערש אָבער איז געווען די באַגעגעניש מיט סאָניאַ'ן, קאַטיאַ'ס שוועסטער. פון דער ערשטער מינוט אַן איז איהר סאָ־ניאַ ניט געפעלען.

צוויי פאַרשיעדענע מענשען זיינען זיי געווען, קאַטיאַ און סאָ־ניאַ. קאַטיאַ האָט זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט קיין מאָ־

דעם און זי האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, וואָס מען טראָגט יאָ און וואָס ניט. און סאָניאַ איז שוין דוקא געווען אַ גאַנצע ווייסעריין אין מאָדע זאַכען; זי האָט געוואוסט די פּרייזען פון די טייער־סטע שטאָפען, כאָטש זי אליין האָט דאָס ניט געקענט קויפען. קאַטיאַ האָט זיך געוואונדערט: — „פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלעם? אליין פּאַרמאָגט עס ניט קיין לייטיש קליידעל אָנצו־טהאָן, און עס ווייסט"...

סאָניאַ האָט אויך געוואוסט אַלע סודות און געהיימניסע פון'ם גאַנצען הויף: וועלכע פרוי עס איז דעם מאַן געטריי און וועלכע ניט; ווער מיט וועמען עס לעבט; ווער עס קריעגט זיך מיט'ן מאַן און ווער ניט... אַלעם האָט זי געוואוסט און וועגען אַלעם האָט זי געריעדט שלעכטס... אויף קיין איינציגען מענשען האָט זי קיין גוט וואָרט ניט געקענט אויסרעדען... פון דער מאַדאַם קאָנקינאַ האָט זי געלאַכט און וועגען דער שעהנער מאַדאַם זאַ־סיעצקאַיאַ האָט זי זיך געהאַט אַזאַ מיינונג: „אמת טאַקע, זי איז אַ שעהנע, אַ חן'עוודיגע און אַ רייצענדע, און דאָס וואָס זי לעבט מיט'ן אַלטען מאַן צוליעב געלד איז אויך ניט קיין עולה, נור פון דעסטוועגען איז זי אַ גרויסע פּאַסקודסטוואָ"...

אַז קיין גוטס האָט זי אויף קיינעם ניט געקענט זאָגען. און טאַמער האָט מען איהר אַמאָל אָנגעוויזען אויף אַ פּאַרליעבטע פּאָרל האָט זי אַ דרעה געטהאָן מיט דער נאָז און געזאָגט אַזוי:

— ס'אַראַ גרויסע מציאה! ליעבע האָט דאָס עפּעס אַ ממשות? אָט האָט מען זיך ליעב און אָט איז אוים ליעבע! איין האַלב יאָהר לעבט מען אָפּ צוזאַמען און דערנאָך געפינט זיך דער מאַן אַן אַנדער געליעבטע... אָט אַזאַ וועלט איז דאָס!

זי האָט קיינעם ניט געגלויבט און צו קיינעם קיין צוטרויען ניט געהאַט. זי האָט זיך בלויז אינטערעסירט מיט נייע מענשען, מיט נייע פּנים'ער, אָבער ליעב געהאַט האָט זי קיינעם ניט, ניט די שוועסטער און ניט די אייגענע מוטער. זי האָט בלויז געהאַט אַ ליידענשאַפטליכען באַגעהר צו לעבען און געניסען, אָבער קיין גלויבען אין קיין ליעבע האָט זי ניט געהאַט.

דערצו האָט זי נאָך פאַר קיינעם קיין אַבשיי ניט געהאַט, און זי האָט אויף קיין פאַל ניט געקענט צוגעבען, אַז אימיצער איז העכער אָדער אינטערעסאַנטער פאַר איהר.

עס איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט געווען, וואָס סאָניאַ האָט ליזאַ'ן פיינט געקראָגען פון דעם ערשטען מאָמענט וואָס זי האָט זי דערזעהן. ווי האָט זי זי געקענט ליעב האָבען, ווען זי, ליזאַ, איז אַזאַ שעהנע און איז אָנגעטהאָן אַזוי רייך — מיט אַ פוקסענעם פוטערל און מיט אַ הוט מיט אַ טייערען פעדער ?...

איהר טאָן און איהר בלאָזען פון זיך האָט ליזאַ'ן שטאַרק פאַרדראָסען, און זי האָט שוין דערפיהלט, אַז זי האָט די דאָזיגע מיידעל פיינט בתכלית השנאה. דאָס זעלבע האָט סאָניאַ אויך געפיהלט.

נאָך גרעסער איז די דאָזיגע געגענזייטיגע שנאה געוואָרען ווען טאַבאַלצעוו איז אַהער אָנגעקומען. ליזאַ האָט ניט געקענט פאַרטראָגען דאָס שמייכעל, מיט וועלכען סאָניאַ האָט טאַבאַלצעוו'ן באַגעגענט, און דערפאַר האָט זי שוין נאָכדעם פון זיי ביידען די אויגען ניט אַראָפּגענומען און אַלץ געוואָלט זעהן ווי ער באַציהט זיך צו איהר, צו אָט דער „פוסטער מיידעל", ווי זי האָט סאָניאַ'ן שוין ביי זיך אין געדאַנקען אָנגערופען.

קיין פאַרגעניגען האָט דאָס איהר ניט פאַרשאַפט. פון טאַבאַלצעוו'ס באַציהונגען צו סאָניאַ'ן האָט מען געקענט דרינגען, אַז ער איז צו איהר ניט גלייכגילטיג ; ער האָט זיך פאַרהאַלטען אַזוי, גלייך ער וואָלט זיך געקליבען חתונה האָבען ניט נור מיט קאַטיאַ'ן, נור מיט סאָניאַ'ן אויך...

איבער דעם איז שוין ליזאַ געווען שטאַרק צוטראָגען און נערוועז. און ווען זי איז אַהיים געקומען, איז זי עטליכע טעג נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיגע און זיך געפיהלט בלוטיג געקרענקט און באַליידיגט...

פימאַ האָט אויך פיינט געהאַט סאָניאַ'ן, אָבער צו קאַטיאַ'ן איז זי זעהר צוגעבונדען געוואָרען. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און זי איז מיט איהר איבערגעגאַנגען אויף „דו", געוואָרען מיט איהר

שטאַרק באַפריינדעט און זיך צוגעטשעפּעט צו איהר, זי זאָל איהר ערלויבען צוגרייטען די חתונה־קליידער.

— צו וואָס זאָלסטו זיך באַמיהען ? — האָט קאַטיא געזאָגט.

— איך מאַך ניט קיין סך קליידער און איך וועל זיך באַגעהן אָהן דיין הילף...

— געה שוין, געה, וואָס רעדסטו ? — האָט איהר פימאַ געזאָגט. — קליידער זיינען ניט קיין קלייניגקייט ! און זי האָט איהר אויסגערעכענט אַ גאַנץ צעטעל וואָס פאַר קליידער זי דאַרף האָבען.

לויט פימאַ'ס צעטעל איז אויסגעקומען, אַז מען דאַרף און מען דאַרף, אַז עס איז גאָר קיין שיעור ניטאָ. אויסער די נויטיגע חתונה־קליידער מוז מען האָבען עפּעס אַ האַלב דוצען ברייטע זיידענע קאַפּטענס, בלוזעס און בלוזקעלאַך און נאָך שמאַטעס און שמאַטעס...

— צו וואָס דאַרף מען דאָס האָבען ברייטע זיידענע קאַפּטענס ? — האָט קאַטיא געפרעגט.

— וואָס הייסט צו וואָס ? — האָט זיך פימאַ גע'חידושט.

— אין וואָס דען קען מען זיך וואַלגערען אויף דער ווייכער זאָפע, אויב ניט אין אַ זיידענעם קאַפּטען מיט ברייטע אַרבעל. וואָס פאַלען אַריבער אָט אַזוי אַ ? און אין וואָס דען קען מען זומער טרינקען טהע אין גאָרטען, אויב ניט אין אַ זיידענע בלוזע ? און וואָס דען קען מען אָנטהאָן אין דער פריה ווען מען שטעהט אויף, אויב ניט אַ ברייטען, זיידענעם מאָרגען־מאַנטעל, וואָס פאַרשפּילעט זיך אָט אַזוי אַ ?

קאַטיא האָט איהר נאָכגעגעבען צו ביסלאַך, ווייל זי האָט שוין אויך געפיהלט, אַז זיך וואַלגערען אויף אַ ווייכער זאָפע, אָנגעטהאָן אין אַ ברייטען זיידענעם קאַפּטען, איז גאָר ניט אַזוי שלעכט...

עפּעס האָט זי אין מיטען דער אַרבייט אין אינסטיטוט אָנגעהויבען פיהלען אַ מיעדקייט איבער'ן גאַנצען קערפּער. און איינמאָל האָט איהר דאָרטען אין מיטען דערינען אַזוי אָנגעהויבען שווינדלען אין

די אויגען, אַז זי האָט געמוזט אַריינגעהן אין אַ באַזונדער צימער און זיך צולייגען אַביסעל...

אין אַ פרייען טאָג, ווען זי איז געווען אין דערהיים, איז איהר גאַר פלוצים געוואָרען אַזוי ניט גוט אויפ'ן האַרצען, אַז זי האָט געמוזט אויסטהאָן דעם קאָרסעט און זיך צולייגען אַביסעל אויף דער זאָפע.

טאַבאַלצעוו איז דאַן אויך געווען אין הויז, האָט ער פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, און ער האָט זיך שטאַרק פאַרלוירען... ער האָט געקושט איהרע הענד, אויף וועלכע אַ קאַלטער שוויים האָט אַרויסגעשלאַגען, און אין די אויגען האָט ער איהר אַריינגעקוקט מיט אַזאַ ליעבשאַפט, מיט אַזוי פיעל צערטליכקייט, אַז עס האָט זי אַזש ביז טרערען געריהרט און זי האָט אָנגעהויבען עפּעס אַזוי אומנאַטירליך צו לאַכען:

— אַנדריושאַ... זעה נור, האָט זיך קאַטיאַ דערשראָקען? כאַ־כאַ־כאַ! דו מיינסט טאַקע איך בין קראַנק? עס איז מיר גאָרניט... אודאי איז מיר גאָרניט... נור גלאַט אַזוי איז מיר אָנגעקומען אַ חשק זיך צו וואַלגערען אַביסעל אויף דער זאָפע...

„שוין צייט אויפצוגעבען די אַרבייט — האָט קאַטיאַ אָפטמאָל זיך געקלערט ביי די אָוראַקען, און געפיהלט ווי עס ציהט זי צו דער ווייבער זאָפע...

קאַטיאַ'ס חתונה קליידער זיינען פאַר פּימאַ'ן געווען אַ נייע טהעמאַ צו רעדען. זי האָט אַלעמען פאַרקלאָפּט דעם קאָפּ דערמיט, און זי האָט געהאַלטען אין איין דערצעהלען וואָס פאַר אַ מאָדנע מיידעל קאַטיאַ איז.

— איהר פאַרשטעהט אַ מעשה? — מאַכט זי אַזוי איינמאָל צו דער שוויגער. — איך האָב קוים געפּועל'ט ביי איהר, אַז זי זאָל זיך מאַכען אַ פּאָר זיידענע קאָפּטענס... ביי איהר איז רעכט, אַז מען קען זיך באַגעהן אָהן דעם...

— נו, קען עס זיין אַז זי האָט ניט קיין געלד פאַר וואָס זיך צו מאַכען זיידענע קאָפּטענס. — האָט איהר ליזאַ איבערגעשלאָגען די רייד.

— אודאי — האט די שוויגער אונטערגעכאפּט. — אויסהאַל־טען א פאמיליע איז ניט קיין קליינינקייט... אנדריושא אליין דארף מיט איהר וועגען דעם איבעררעדען. ער איז א חתן, דארף ער זי פארזארגען מיט חתונה־קליידער, און מיר דארפען זיך אין דעם ניט מישען...

דאס האט זי אומיסטען אזוי געזאגט, ווייל ווי זי האט נור דערהערט אז די כלה, ווענען זי האט שוין אוספּעיעט ליעב צו קריעגען, דארף זיך אנטהאן א כח נאכצוקומען די חתונה־הצאות, איז איהר שוין איינגעפאלען א פּלאן, און זי האט שוין געפונען א געלעגענהייט איהם דורכצופיהרען.

שטילערהייד, קיינער זאל ניט וויסען האט זי גערעדט מיט טאבאלצעוו'ן וועגען דעם, און איהם איינפאך געצוואונגען צו נעהמען ביי איהר ניט ווענינער ווי דריי טויזענד רובעל און גע־בען קאטיא'ן אויף חתונה־קליידער.

— פארשטעהסטו מיך, מיין זוהן, — האט זי איהם צערטליך געזאגט, — איך וויל אז זי זאל זיך מאכען די שעהנסטע קליי־דער און אויך אויספּוצען שעהן איהר שוועסטער, און זאלען שלעכטע מענשען מיט לאנגע צינגער ניט האבען פון וואס צו רע־דען! אבער געדענק — הייסען זאל עס אז די דריי טויזענד רובעל וואס דו גיסט איהר אויף קליידער, זיינען דיינע, און איך וויים גאר ניט דערפון...

טאבאלצעוו איז געווען איבעררראשט פון זיין מוטער'ס אויסער־געוועהנליכער גוטהערציגקייט. אויף אזוי פיעל האט ער זיך גאר ניט געריכט, ער האט איהר זעהר געדאנקט דערפאר.

ווען ער האט קאטיא'ן דאס געלד געבראכט, האט זי דאס ניט געוואלט נעהמען, אבער ער איז צוגעשטאנען אז זי מוז דאס נעה־מען, און זי האט איהם געפאלגט.

— דו ביזט דאך א מלאך, אנדריושא! — האט זי געזאגט.

די צייט פון דער חתונה איז געקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער. די עקזאמענס אין אינסטיטוט זיינען אוועק, און עס האט זיך אנגעהויבען א פארשטעלונג, אין וועלכער קאטיא האט זיך

אַממעהרסטען אויסגעצייכענט. איהרע שילערינס האָבען אויף דער פאַרשטעלונג שטאַרק אויסגענומען מיט זייער שפּיעלען און פון איהר אַליין איז שוין אַפּגערעדט. זי איז געווען די העלדין פון'ם אבענד. איהר שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ האָבען אַלע באַוואונדערט, די גרעסטע מוזיקאַלישע מבינים, וואָס זיינען צו דער פאַרשטעלונג אין אינסטיטוט געקומען, האָבען זי שטאַרק געלויבט און איהר די בעסטע קאָמפּלימענטען געמאַכט.

קאַטיאַ האָט געבעטען די פאַרוואַלטונג פון'ם אינסטיטוט, אַז מען זאָל ערלויבען דער גאַנצער פאַמיליע טאַבאַלצעוו צו קומען צו דער פאַרשטעלונג, און כאָטש געוועהנליך האָט מען קיין זייטיגע מענשען צו דער פאַרשטעלונג ניט ערלויבט צו קומען, האָט מען אָבער צוליעב קאַטיאַ'ן פאַר דער פאַמיליע טאַבאַלצעוו געמאַכט אַן אויסנאַהם און ארויסגעשיקט פאַר זיי בילעטען.

ווען טאַבאַלצעוו'ס מוטער האָט באַקומען די איינלאַדונג מיט אַ בילעט, האָט זי זיך שיער ניט צואוויינט פאַר פרייד. גלייך דאָס וואָלט געווען אַ הייליגע און זעהר טייערע זאַך, האָט זי דעם בילעט באַהאַלטען אין דעם קעסטעל, וואו זי האָט געהאַלטען אַזעלכע זאַכען וואָס זיינען איהר זעהר טייער געווען — אַנדריושאַ'ס בלאַנדע לאָקען פון דער צייט ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגעלע פון פינף יאָהר, די ערשטע שיכלאַך זיינע, דאָס ערשטע העמדעלע, זיינע אַמאָליגע שילער־העפטען און זיינע בריעף פון אויסלאַנד.

אָבער געפאָהרען צו דער פאַרשטעלונג איז זי דאָך ניט... די לעצטע צייט האָט זי זיך געהאַלטען אַזוי ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר מענשען, און זי איז אין ערגעץ ניט ארויסגעפאָהרען.

— דו און ליזאַ וועלען מיר שוין אַלעס דערצעהלען, — האָט זי דעם זוהן געזאָגט.

ביי דער דאָזיגער פאַרשטעלונג אין אינסטיטוט האָט זיך קאַטיאַ געפיהלט נאָך אַ סך גליקליכער ווי אין יענעם טאָג ווען זי האָט דאָ אַליין מיט אַ מעדאַל דעם קורס געענדיגט... אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר איהר געעפענט — אַ וועלט, וואו עס ערוואַרטעט

זי ניט נור פרייד און גליק, נור אויךליידען און אפפערוויליג־קייט... זי האט דאס גוט געוואוסט, זי האט דאס גוט געפיהלט, און אט די געפיהלען האט זי איצט אין שפיעלען אריינגעלעגט... ניט קיין אונערפארענע, שעהמעוודיגע שילעריין האט איצט גע־שפיעלט, נור א פרוי, וועלכע האט שוין פארזוכט דעם טעם פון גליק און דעם סוד פון׳ם לעבען; א פרוי, וועמעס פערזענ־ליכקייט עס האט זיך ענטוויקעלט אונטער דעם הייסען אטהעם פון ליעבע... און די אלע אנגעזעהענע געסט, די וואזשנע הערען מיט די גאלדענע קנעפ און מיט די שטערענדלאך האבען ממש גע־גאפט פון איהר שפיעלען. מעהר פון אלע האבען געגאפט ליזא און טאבאלצעוו. עס האט זיך געדוכט, אז פון דארטען, פון די פינגער פון דער מערקווירדיגער פיאניסטקע, ציהען זיך אהער אזעלכע אומזעהבארע פעדים און וועבען זיך אריין אין זייערע הערצער...

— טייערינקע, הארציגע מיידעלע מיינע! — האט טאבאל־צעוו זיך געקלעהרט, קוקענדיג אויף דער כלה. — דא, אין דעם אינסטיטוט האסטו געוואקסען, דא האסטו אין איינזאמע שטונ־דען געטרוימט פון גליק און ליעבע, וואס דו האסט ניט געקענט האבען איבער דעם, וואס דו האסט געדארפט אויסהאלטען דיין ארימע מוטער און סאניא׳ן... און אט די זעלבע פיאנא האט גע־וויינט און געזונגען אונטער דיינע פינגער... און אומבאוואוס־טערהייד האבען די טענער פון דיין שפיעלען גערופען מיך... מיך!״

אלע אנגעזעהענע געסט האבען געוואוסט, אז קאטיא געהט אין גיכען חתונה האבען, און זיי האבען דעריבער אלע געקוקט אויף טאבאלצעוו׳ן.

— דו ביזט די קעניגין פון היינטיגען אבענד! — האט טא־באלצעוו געזאגט קאטיא׳ן, ווען זי האט קוים מיט צרות געפונען א פאר פרייע מינוטען און זיך אוועקגעזעצט לעבען די אייגענע. דאס נייע מלבוש וואס זי האט געטראגען, האט איהר זעהר שעהן צום פנים געפאסט און זי האט אויסגעקוקט מערקווירדיג חן׳עוו־דיג און אינטערעסאנ

— ווי שעהן זי איז איצט ! — האָבען זיך איהרע שילערינס געשושקעט.

און די פּאַרוואַלטעריןְ האָט זיך גאָר געפרעגעלט פאַר נחת קוקענדיג אויף איהר. „די ליעבע האָט זי גאָר פאַר אַ אַנדער מענשען געמאַכט". — האָט זי זיך געקלעהרט, קוקענדיג ווי טאַבאַלצעוו נעהמט די גאַנצע צייט פון איהר די אויגען ניט אַראָפּ...

סאָניאַ איז אויך געווען אַ גאַנצע מחותנת׳טע ביי דער פאַרשטעלונג. אויסגעפּוצט אין אַ נייעם ווייסען מלבוש, איז זי געזעסען ארומגערינגעלט פון אַ גאַנצען קרייז שילערינס פון׳ם אינסטיטוט. אַלע מיידלאַך האָבען זי נייגעריג איבערגעפרעגט ווער טאַבאַלצעוו איז און וואָס ער איז, און זי האָט זיי אַלעמען געענטפערט, וואַרפענדיג פאַר איינוועגס ליעבליכע בליקען צו טאַבאַלצעוו׳ן...

אַ וואונדערבאַרער, מערקווירדיגער אינטערעסאַנטער אָבענד איז דאָס געווען. נאָך די אַלע נומערען וואָס מען האָט דורכגעפיהרט, האָט קאַטיאַ צולעצט ווידער געשפּיעלט, און ווען זי האָט געענדיגט, האָט דער גאַנצער עולם לאַנג און שטאַרק אַפּלאָדירט. די אַנגעזעהענע געסט מיט די מעדאַלען אויף די ברוסטען און מיט די גילדענע קנעפּ, האָבען זי דערנאָך ארומגערינגעלט און איהר אויס דאַנקבאַרקייט די האַנד געדריקט.

— קאַטיאַ, דו ביזט אַ גרויסע קינסטלערין ! — האָט איהר טאַבאַלצעוו מיט ענטהוזיאַזם געזאָגט. — און עס טהוט מיר אַזוי הארציג באַנג, וואָס מיין מאַמאַ איז דאַ ניטאָ !... זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהר איבערגעבען וואָס דאַ איז פאָרגעקומען. ווי דו האָסט געשפּיעלט. אָבער צי קען מען דאָס מיט ווערטער איבערגעבען ?...

קאַפּיטאַן, טאַבאַלצעוו׳ס עלטערער ברודער, האָט זייטע אייגענע אויגען ניט געגלויבט, זעהענדיג ווי אַזעלכע גרויסע מענשען, מיט מעדאַלען און מיט גילדענע קנעפּ, גיבען אָפּ קאַטיאַ׳ן אַזוי פיעל כבוד... ער האָט זיך פּשוט פאַרלוירען און ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. — ווער איז דער ? ווער איז

יענער ? — האט ער נייגעריג געפרעגט סאניא'ן, אנווייזענדיג אלץ מאל אויף אן אנדער אנגעזעהענעם גאסט מיט גילדענע קנעפ.
און סאניא האט געענטפערט: דאס איז א גראף, דער איז א באראן, און יענער איז א פירסט...
— טאקע ?
— אודאי... האט איהר דאס גאר ניט געוואוסט ?
ביידע ברידער, קאפיטאן און ניקאלאי, האבען זיך פארוואונדערט איבערגעקוקט, ווען זיי האבען געזעהן ווי קאטיא שטעהט און רעדט מיט אן אמת'ן גראף און שמייכעלט דערביי אזוי שטיפעריש און פריי.
— נו, ווי געפעלט עס דיר ? — האט קאפיטאן שטילערהייד א פרעג געטהאן ניקאלאיען. — אפנים זי איז ניט קיין פשוט'ע מיידעל...
— וואס דען, — האט ניקאלאי געענטפערט. — אז קאזנא (רעגירונג) צאהלט געלד, מסתמא האט עס די ווערטה... „קאזנא" ווייסט וואס זי טהוט"...
עס איז שוין געווען האלבע נאכט ווען די שמחה האט זיך געענדיגט. ווען די הייכע בעאמטע מיט די גילדענע קנעפ זיינען שוין געהאט אוועקגעפאהרען, איז די פארוואלטערין פון דעם אינסטיטוט אליין א גרעפין פון פעטערבורג, צוגעגאנגען צו קאטיא'ן, זי פריינדליך אנגענומען פאר דער האנד, צערטליך צוגעטוליעט צו איהר די באק און געזאגט:
— איך דאנק אייך, קאטיא, ניט נור ווי א פארוואלטערין, נור ווי א פיאניסטקע... איהר זייט ווירקליך א גרויסע קינסטלערין ! און מיט אמאל איז זי רויט געווארען, אין גרוים פארלעגענהייט גענומען שמייכלען און שעהמעוודיג געזאגט:
— שטעלט מיך פאר פאר אייער חתן...
קאטיא האט זי פארגעשטעלט.
ווי עס פאסט פאר א מאנירליכען קאוואליער, האט טאבאלצעוו דער גרעפין א קוש געטהאן אין דער האנד, און זי האט זיך, אונטער זיינע ברענענדיגע, שארפע בליקען דערפיהלט ניט ווי א פאר־

וואַלטעריז, נור ווי אַ יונגע פרוי... אַזוי שאַרף זיינען זיינע מאַנס־בילשע בליקען געוועזן, און זי האָט זיך אַזש פאַרשעהמט און איז נאָך מעהר רויט געוואָרען...

— איהר נעהמט ביי מיר צו אַן אוצר, וואָס איז גאַר ניט אָפּ־צושאַצען, — האָט די גרעפין געזאָגט, סטאַרענדיג זיך מיט אַלע מעגליכקייטען אויסצומיידען טאַבאַלצעוו'ס שאַרפע מאַנסבילשע בליקען.

— אַך, וואָס פאַר אַ אינטערעסאַנטע, שעהנע פרוי זי איז! — האָט טאַבאַלצעוו געזאָגט קאַטיאַ'ן נאָכדעם ווי די פּאַרוואַלטערין איז אוועק, — וואָס פאַר אַ ליעבען, שעהנעם שמייכעל זי פאַר־מאָגט!... וואָס איז זי, אַן אלמנה?

אַ פאַרוואונדערטע האָט קאַטיאַ די גרעפין מיט די אויגען באַ־גלייט. טאַבאַלצעוו'ס ווערטער וועגען דער שעהנער גרעפין זיי־נען פאַר איהר געוועזן אַן איבערראַשונג. אין דעם מאָמענט האָט זי פאַר זיך דערזעהן די זשעדנע נשמה פון אַ מאַנסביל...

די שילערינס פון'ם אינסטיטוט האָבען קאַטיאַ'ן ארומגע־רינגעלט. אייניגע האָבען זי מיט באַגייסטערונג געקושט און איהר געוואונשען גליק, און אַנדערע האָבען אַזוי געוויינט, אַז קאַ־טיאַ האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און זיך אויך געמוזט צוזאַ־וויינען...

פאַר איהר איז איצט אַלעס געווען אַזוי ניי און מאָדנע. ווי אַלעס האָט זיך עפּעס מיט אַמאָל אַזוי געביטען! די פּאַרוואַל־טערין, אַ גרעפין, רעדט צו איהר ווי מיט אַ גלייכען מענשען; די לעהרער קוקען אויף איהר ווי אויף אַ שעהנער, אינטערעסאַנ־טער פרוי; די שילערינס, וועלכע האָבען זי אַלע מאָל פיינט גע־האַט דערפאַר, וואָס זי איז אַזאַ שטרענגע, נעהמען זי איצט ארום און קושען זי: און חער לאַקיי פּיאָדאָר מאַכט פאַר איהר אַ וואָרע, עפענט פאַר איהר די טהיר און האַלט שוין גרייט דעם טייערען מאַנטעל איהרען, און ווען זי זעצט זיך אריין אין דער קאַרעטע פאַרנוויגט ער זיך ביז'ן גאַרטעל...

— ווי שעהן און זיס דער לעבען איז; — האָט זי שטיל מיט

גרוים פארגעניגען געפליסטערט, צוטוליענדיג זיך צו טאבאלצעוו'ן.

— אוצר מיינער ! זיסע מיידעל מיינע ! — האט ער איהר געזאגט, קושענדיג איהרע אויגען אין דער קארעטע.

די דיענערשאפט פון'ם אינסטיטוט האט שוין געהאט פון וואס צו רעדען, נאכדעם ווי די פארשטעלונג האט זיך געענדיגט און קאטיא מיט'ן חתן זיינען אוועקגעפאהרען.

— דער חתן איז א דימענטענער מענש ! — מאכט אזוי דער לאקיי פיאדאר צו דער אויפפאסערין מאשא. — א גאנץ פינפער'ל האט ער מיר געגעבען !... אט דאס הייסט אן אפענע האנד און א ברייטע נשמה !...

— און וויפיעל האבען דיר די ברידער זיינע געגעבען ? — האט מאשא נייגעריג געפרעגט.

— איינער קענטיג א קארגער הונט, האט מיר געגעבען בלויז צוואנציג קאפיקעס. און דער צווייטער, קענטיג נאר, גאר א קארגער הונט, האט מיר גאר ניט געגעבען... דערפאר איז זיין פרוי א דימענטענע נשמה. אזא שווארצע, ווי א ציגיינעריןְ, א שעהנע און אזא הויכע. זי האט מיר געגעבען א גאנצען רובעל... סוחרים, צום שווארץ יאהר וואלטען זיי געמעגט געהן ! ציטערען איבער'ן גראשען, קליינע מענשעלאך... ניט אומזיסט זיינען זיי אזוי אנגעשטאפט מיט געלד...

— און זי די לערערין אונזערע, איז אפנים טאקע שטארק פארליעבט אין איהר חתן, — האט מאשא נאכדענקענד געזאגט.

— אבער, עך... אזוי קורץ ווי א זומער נאכט וועט איהר גליק זיין !...

— פאר וואס דענקסטו אזוי, מאשענקא ? — האט פיאדאר געפרעגט.

— ווייל אזוי איז דאס... איך בין שוין א גוטער מבין אויף אזעלכע חברה לייטלאך ווי ער איז... איך האב די גאנצע צייט געקוקט אויף איהם און איך האב גוט געזעהן, ווי ער עסט מיט די אויגען אלע מיידלאך... דאס איז שוין איינמאל א חברה־מאן ! קיין איין מיידעל האט ער פון אויג ניט אפגעלאזט... און דו האסט

געדאַרפט זעהן ווי זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען ווען ער האָט גערעדט מיט דער גראַפין ! פּונקט ווי ביי אַ קוטער... ער האָט זי איינפאַך אויסגעטהאָן אַ נאַקעטע מיט די אויגען... און וואָס פאַר אויגען ער האָט דאָס ! קיין מיידעל קען אַזעלכע בלי־קען ניט בייזשטעהן... וואָס דאַרפסטו דאָ קלעהרען, איך בין שוין אַ גוטער מבין אויף אַזאַ מיידעל־פרעסער...

— עס קען זיין. — האָט פיאָדאָר צוגעגעבען און מעהר ניט אַרויסגעוויזען קיין חשק צו רעדען וועגען דעם.

אוועקגעפאָהרען איז די פאַמיליע טאַבאַלצעוו נאָך דער פאָר־שטעלונג צו קאַטיאַ׳ס מוטער אהיים. אין אָנפאַנג האָט מען געדענקט צו פאָהרען צו דער אַלטער מאַדאַם טאַבאַלצעווא. די אַלטע אַליין האָט זיי איינגעלאַדען צו קומען צו איהר עסען וועטשערע נאָך דער פאָרשטעלונג. אָבער קאַטיאַ האָט ביי דער אַל־טער אַליין געפּועל׳ט אַז די געסט זאָלען פאָהרען צו איהר מוטער.

— מיין מאַמע איז דאָך אַ קראַנקע, אַ קרומע, — האָט קאַ־טיאַ געזאָגט. — זי האָט אין איהר לעבען אַזוי ווייניג נחת געהאַט. טו לאָמיר איהר פאַרשאַפען דאָס פאַרגעניגען און קומען צו איהר.

איז געבליעבען אַזוי ווי קאַטיאַ האָט געוואָלט.

קאַטיאַ׳ס מוטער, מינאַ, האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף די געסט. אַ זודיגער סאַמאָוואַר איז שוין געשטאַנען אויפ׳ן וויים־געדעקטען טיש און אין די קריסטאַלענע וואַזעס זיינען געווען אָנגעלייגט גוטע פרוכטען.

אַ מאָדנער געפיהל האָט באַהערשט קאַטיאַ׳ן, ווען זי האָט דערזעהן איהר אַלטע, קרומע מאַמע זיצען אָן אויסגעפּוצטע ביים טיש אויבען אָן. זי איז איהר אויפ׳ן האַלז געפאַלען און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— וואָס וויינסטו קינד מיינס ? — האָט די מוטער געפרעגט, גלעטענדיג זי איבער׳ן קאָפּ.

— פאַר פרייד, מאַמעניו... פאַר פרייד... אַט זעהסטו מאַ־מעניו, אַט לאָך איך שוין גאָר... גיב מיר דיינע הענד, מאַמע !

איך בין דאך היינט אזוי גליקליך ! עס איז מיר אזוי גוט, אז איך האב אזש מורא...

און נאך אמאל :

— מאמעניו איך בין אזוי גליקליך ! אזוי גליקליך !...

סאניא'ן האט איהר פרייד ווי מיט א שארפען מעסער גע־שטאכען...

די „ברידערלאך", קאפיטאן און ניקאלאי, האבען שוין דער־ווײלע געהאט א געלעגענהייט אריינצוגיסען היבשע עטליכע גלעז־לאך בראנפען. נור אפילו ווען זיי זיינען ביידע געווען גאנץ ניש־קשה'דיג שכור'לאך, האבען זיי זיך דארטען געהאלטען מאניער־ליך סטאטעטשנע. ווארים קאטיא'ס גרויסקייט איז זיי נאך אלץ געלעגען אין זינען און זיי האבען איצט פאר איהר גרוים אבשיי געהאט...

דא איז געווען די לעצטע שמחה פאר דער חתונה, וואס די כלה האט אויפגענומען די געסט ביי זיך אין הויז.

— מיין לעצטע מיידעלשע שמחה איז דאס. — האט קאטיא געזאגט, צופאלענדיג צו ליזא'ן, און ווידער אויסגעשאסען אין א געוויין...

קיינער האט ניט געקענט פארשטעהן פארוואס קאטיא איז אזוי טערוועז. בלויז איין טאבאלצעוו האט דאס פארשטאנען... היינט פארנאכט, נאך איידער די פארשטעלונג האט זיך אנגעפאנ־גען, האט זי איהם צו זיך אין צימער אריינגערופען און, רויט ווע־רענדיג ביז איבער די אויערען, האט זי איהם שעהמעוודיג געזאגט:

— אנדריושא איך שוואנגער...

— קאטיא, טייבעלע מיינס ! — האט ער זי אנגעכאפט ביי ביידע הענט און זיי באדעקט מיט הייסע קושען. — טאקע ? !

— ביזטו צופריעדען הערצון, אנדריושא ? — האט זי איהם געפרעגט, צושפארענדיג איהר באק צו זיין אקסעל, ווען ער איז מיט איהר אויפ'ן בעט געזעסען.

דאן האט זי געפיהלט ווי ער נעהמט זי גאר אנדערש ארום, ווי א געזונטער א שוואכען, ווי א מוטער נעהמט ארום איהר קינד.

מיט די דאָזיגע אומאַרמונגען האָט ער זי געוואָלט באַשיצען פון ליידען, פון צרות.

און זי האָט דאַן געפילט ווי אַן אומבאַהאָלפענער מענש, וועמען עס קומט אויס אַ שרעקליכע זאַך איבערצולעבען. ווייל אין דעם מאָמענט האָט זי זיך דערמאָנט איהר מוטער'ס אומגליקליכען פאַמיליען־לעבען; ווי דער פאָטער האָט זי פאַרלאָזט אָהן מיטלען צום לעבען; ווי איהר ברודער'ל איז געשטאָרבען ווען זי איז נאָך געווען אַ קליינע מיידעלע פון זיעבען יאָהר; ווי די מוטער האָט דאַן, נאָכ'ן ברודערל'ס טויט, די וועלט איינגעלעגט און אויף קיין פאַל זיך ניט געקענט באַרוהיגען. זי האָט זיך אויך דערמאָנט אַן איהרער אַ גוטער חבר'טע, וואָס מען האָט פאַראויסגעזאָגט אַ גלענצענדע צוקונפט. ערשט פאַר־אַ־יאָהרען איז זי, די חבר'טע איהרע, געווען אַ גליקליכע כלה, און מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז זי פון אַ קינפעט געשטאָרבען... און ווער ווייסט צי מיט איהר וועט אויך ניט טרעפען דאָס זעלבע ?...

— זאָג מיר, קאַטיושאַ, — האָט טאַבאַלאַשוו ליעבליך געזאָגט, ווי אַזוי דו האָסט אויסגעפונען אַז דו שוועגערסט...

— כ'ווייס... — האָט זי שעהמעוודיג געענטפערט, — עס איז עפּעס געווען אַזוי מאָדנע... מיט אַמאָל האָב איך דערפיהלט, ווי עס גיט זיך אַ וואָרף אַ קינדעלע... דאָס ערשטע מאָל... דו פאַרשטעהסט ? איך האָב געהערט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט מיר אַזוי אומרוהיג...

און עפענענדיג אַזוי ברייט איהרע בלויע אויגען, האָט זי אַן אונטערטעניגע, אַ ווייבליכע געקוקט אויף זיך אַליין ווי זי וואָלט זיך מיט די בליקען געוואָלט דורך און דורך נעהמען.

— דו פאַרשטעהסט, אַנדריושאַ, — מאַכט זי צו איהם, — דאָס איז דאָך עפּעס אַ... נו, איך ווייס אַליין ניט וואָס... און איך, נאַרישע מיידעל, האָב זיך גאָר ניט געהיט... איך האָב געטראָגען דעם קאָרסעט אַזוי ווי אַלע מאָל... אַך, ווי דערלעבט מען דאָס שוין !

זי האָט איהם אָנגענומען פאַר דער באָרד, אויפגעהויבען זיין

פנים, איהם ארייגגעקוקט אין איין אויג, דערנאך אין דער אנדערער און געפרעגט:

— און א יא, אנדריושא, דו וועסט עס ליעבען, דאס קינדערלע אונזערס?

— נאך ווי אזוי ליעב האבען! — האבען זיך ביי איהם די ווערטער פון'ם מויל ארויסגעכאפט. — אויף דער גאנצער וועלט וועט פאר מיר קיינער ניט עקזיסטירען, אויסער דיר, מיין גוטע, ליעבע קאטיא!

מיט א וואך שפעטער האט מען געפראוועט די חתונה.

אויף א גרויסארטיגען, רייכען שטייגער האט מען די חתונה געפראוועט. אזוי האט געוואלט טאבאלצעוו'ס מוטער.

ליזא האט אנגעטהאן דאס ווייסע זיידענע קלייד, וואס זי האט ניט געטראגען די גאנצע דריי יאהר זינט זי האט חתונה געהאט מיט ניקאלאיען. אין די האר און אין פאסיקעל האט זי בלומען אריינגעשטעקט, און דאס האט אזוי געפאסט, אז זי האט זיך שוין געמוזט ווארפען אין די אויגען מיט איהר שעהנקייט און רייץ. און ווען זי איז פון דער קארעטע ארויסגעגאנגען, האבען אלע מחותנים פאר איהר א וועג געמאכט, און מענשען וועלכע האבען זי ניט געקענט, האבען זיך שטילערהייד געשושקעט:

— וואס פאר א שעהנע כלה!

זי האט דאס געהערט, און אויף איהר פנים האט זיך א ביטערער שמייכעל באוויזען.

ביי איהר אין געדאנק איז אויסגעקומען, אז פונקט ווי קאטיא האט זי אויך א רעכט צו הייסען טאבאלצעוו'ס כלה, און דערפאר האט זי איצט איהר חופה־קלייד אנגעטהאן...

ווייל זי האט געדענקט וואס טאבאלצעוו האט איהר געזאגט: „איך האב איך ביידען אלץ איינם שטארק ליעב, — האט ער איהר געזאגט, — און געדענק, אז ווען אפילו ווען איך וועל חתונה האבען מיט איהר, וועל איך דיר ניט פאררראטען... אין מיין נשמה איז פאראן איין פארשלאסענער ווינקעלע, צו וועלכען בלויז דו האסט דעם שליסעל"...

אַט די ווערטער האָט זי גוט געדענקט און זי האָט איהם גע־גלויבט ! זי האָט זיך אונטערגענומען דעם איינפלוס פון דער דאָ־זיגער גייסטיגער, נשמה׳דיגער ליעבע, וואָס זי וועט ניט אָפּטרעט־טען קיינעם, אפילו זיין פרוי...

אהן ווערטער האָט זי מיט קאטיא׳ן ביי זיך אין די געדאנקען אַז אָפּמאַך געשלאָסען — יעדע פון אונז זאָל זיך פון איהם איהר חלק נעהמען !... און וואָס ניקאָלאַי איז איהר מאן, מאכט אויך ניט אויס... וואָס איז זי שולדיג אין דעם, וואָס מיט דריי יאָהר צוריק איז זי מיט איהם אונטער דער חופה געשטאַנען ?... סאַי ווי סאַי האָט זי מיט איהם ניט געלעבט — זי איז נאָך אַ מיידעל. פון איהר קערפּער וועט קיין מאן ניט געניסען... און די נשמה גע־הערט צו איהם, צו טאַבאַלצעוו׳ן...

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז זי די אונטערפיהרערין געווען, און מיט אַזעלכע געדאַנקען אַז זי אליין אויך אַ כלה געווען...

און דאָס האָט איהר געגעבען מוטה אַלעס אריבערצוטראָגען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל זיך פיהלען גוט און אויף איהר געזיכט זאָל אַזאַ זיסער שמייכעל שוועבען...

אַנדערש אָבער איז געווען מיט סאָניאַ׳ן. זי האָט וועגען טאַ־באַלצעוו׳ן אַזוי ניט געקענט קלעהרען. איהר נאַטור איז גאַר אַן אַנדערער געווען ; די ליידענשאַפט צו טאַבאַלצעוו׳ן האָט אין איהר געברענט און געזאָדען, און הערפאַר איז זי איצט געווען אַזוי בלאַס און נערוועז, אַז זי האָט ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט איהר...

פאַר דער חופה, נאָך אין דערהיים, האָט זי אַלע מאָל געווייגט און געלאַכט. עטליכע מאָל האָט זי שטילערהייד, קיינער זאָל ניט זעהן, דאָס חופה־קלייד אויף זיך אַנגעמאָסטען און זיך אַקעגען שפּיעגעל אַוועקגעשטעלט. און אין קאָפּ האָט עס ווי מיט אַ האַ־מער געקלאַפּט : „טאַבאַלצעוו געהט היינט צו דער חופה מיט קאַטיאַ׳ן !...“

וואונדערבאַר שעהן איז טאַבאַלצעוו געווען, ווען ער איז אין קלויסטער געשטאַנען. אַלע דאַמען האָבען זיך געשפּיגעלט אין

איהם... ער אליין האט אויף דער גאנצער צערעמאניע געקוקט ווי אויף א נארישקייט, און דערפאר האט זיך אויף זיין פנים א גרינג־שעציגער שמייכעל פארשפרייט. אבער ווען ער האט דערזעהן ווי ליזא און סאניא זיינען אויפגערעגט און די כלה איז פארוויינט, איז ער אויך געווארען ערנסט און זיך טיעף פארטראכט.

די כלה האט אויף איהם קיין איין קוק ניט געטהאן. מיט אן ארונטערגעלאזטען קאפ איז זי לעבען איהם געשטאנען און מיט'ן גאנצען קערפער געציטערט.

„טייערינקע", — האט ער איהר שטילערהייד געזאגט. און באמערקענדיג ווי זי ציטערט אזוי, האט ער זיך פארכאפט און דערפיהלט אזא טיעפען רחמנות צו איהר... איצט האט ער נאך מעהר ווי אלע מאל דערפיהלט, ווי ווייניג שאנסען עס זיינען פאראן, אז זי זאל ביי איהם זיין גליקליך; ווי ווייט עס איז איהר פארשטעלונג פון פאמיליען־לעבען פון געדאנקען. איצט האט ער מעהר ווי אלע מאל דערפיהלט, ווי אפילו נשגען זיין ווילען וועט ער איהר די ערגסטע שמערצען און ליידען פארשאפען. און דערפאר איז ער געווארען בלאס ווי די וואנט...

נאך דער צערעמאניע האט זי אויפגעהערט ציטערען. האט זיך אבער אין מיטען דערינען ליזא אזוי צוכליפעט, אז פימא האט זיך אזש דערשראקען... און סאניא איז געשטאנען אין דער זייט א פאראומערטע, א ניעדערגעשלאגענע און די גאנצע צייט די אויגען ניט אויפגעהויבען...

און אלץ איבער איהם, איבער טאבאלצעוו'ן...

קאטיא האט געגעבען טאבאלצעוו'ן דעם ערשטען עפענטליכען קוש, און דערביי האבען איהרע אויגען געשטראהלט פון גליק און פרייד. „אט דאס הייסט א גליקליכע כלה!" האבען זיך מענשען געשושקעט, און קאטיא, וועלכע איז געווען זעהר פרום און גאטס־פארכטיג, איז נאך דער צערעמאניע געגאנגען איבער'ן קלויסטער און געקושט אלע בילדער... טאבאלצעוו האט ביי זיך אין הארצען געלאכט דערפון. ווען זי האט די בילדער געקושט, איז ער גע־שטאנען מיט דער מאדאם קאנקינא און מיט דער שעהנער מאדאם

זאסיעצקאיא, וועלכע האט צו איהם אזוי ליעבליך און קאקעטיש געשמייכעלט און געזאגט:

— נו, ארייגגעפאלען . בחור'ל, הא?

— איצט איז שוין אלעס קאפוט! — האט זיך פימא אויך גע'חכמה'ט אויף זיין חשבון. — קאטיא וועט דיר שוין געבען די יאהרען אין די הענד אריין...

טאבאלצעוו האט געשמייכעלט און בגנבה אלע מאל געכאפט א קוק אויף ליזא'ן...

און אין דער צייט ווען אלע זיינען געווען אין קלויסטער ביי דער צערעמאניע, איז אננא, טאבאלצעוו'ס מוטער, ביי זיך אין צימער געשטאנען אויף די קניע, ביידע הענד צונויפגעלעגט און מיט טרערען אין די אויגען געבעטען גאט, אז ער זאל איהר מוחל זיין איהרע אמאליגע זינד און זאל פאר זיי ניט באשטראפען אנ־דריושא'ן...

פון'ם קלויסטער זיינען אלע אוועקגעפאהרען צו טאבאלצעוו'ן אהיים. אהין האט מען געבראכט אנדריושא'ס אלטע מוטער און עס האט זיך ערשט אנגעהויבען די ריכטיגע שמחה. מען האט גע־טרונקען שאמפאניער וויין, געגעסען גוטע געשמאקע מאכלים און געהוליעט אויף וואס די וועלט שטעהט. און דערנאך ווען די שמחה איז שוין געווען געענדיגט, האבען אלע געסט באגלייט דאס יונגע פאר־פאלק צום וואקזאל, פון וואנען זיי זיינען אוועקגעפאהרען קיין קיעוו אויף א לוסט־רייזע...

נײנצעהנטער קאפיטעל.

עס איז שוין געווען פארנאכט ווען ליזא איז געקומען צוריק פון'ם וואקזאל, וואו זי האט באגלייט דאס יונגע פאר־פאלק. ביי זיך אין צימער האט זי זיך אויסגעטהאן און זיך אוועקגעלעגט אויף דער ווייכער זאפע זיך אפרוהען אביסעל.

ליגענדיג אויף דער ווייכער זאפע, האבען זיך מיט אמאל אפ־געטהאן פון איהר נשמה די אלע שעהנע טרוימען וועגען דעם, אז טאבאלצעוו'ס קערפער וועט געהערען א צווייטער און זיין נשמה וועט געהערען צו איהר. די גרויזאמע ווירקליכקייט האט די צייהן ארויסגעשטשירעט און מיט נצחון בייז געגומען לאכען גלייך איהר אין פנים אריין... און א ווילדע שרעק האט זי באפאלען און א שרעקליכער פארדרוס האט ווי א בייזע שלאנג דאס הארץ גע־נומען נאגען...

ווי א ווילדע האט זי די אויגען אן עפען געטהאן און זיך גע־געבען א כאפ פון דער זאפע, גלייך זי וואלט זיך געקליבען אויף אימיצען אנצופאלען.

א היסטערישער געלעכטער האט זיך מיט אמאל דערהערט... ווער לאכט עס ? געשיקט זיך אז דאס האט זי אליין געלאכט ? זי אליין ?...

פון איהר ברוסט האט זיך א טיעפער זיפץ ארויסגעריסען און זי האט זיך א כאפ געטהאן פאר די שלייפען פון'ם שטערען...

טאבאלצעוו'ס פנים איז איהר איצטער פאר די אויגען גע־שטאנען. זי האט איצט אזוי קלאר זיך פארגעשטעלט, וואס פאר ליידענשאפטליכע בליקען ער האט אויף קאטיא'ן געווארפען... און אט אזוי, פונקט אזוי, האט ער אויף איהר אויך געקוקט ערשט מיט א יאהר צוריק, ווען ער האט זי געבעטען אז זי זאל זיך איהם איבערגעבען... און איצט קוקט ער אזוי אויף אן אנדערער... איצטער קלאמערען זיך זיינע שטארקע הענד ארום דעם קערפער פון אן אנדערער... איצטער קושען זיינע ליפען אן אנדערע... איצטער...

און גלייך מען וואלט איהר א מעסער אריינגעשטאכען אין הארצען אריין האט זי געגעבען א קוויטש, אז עס האט זיך גע־דוכט, אז די שויבען טרייסלען זיך...

— שא ! שטילער ! גאט איז מיט דיר ! — האט זי לעבען זיך דערהערט א פארשטיקטען קול.

האָט זי זיך נאָך מעהר דערשראָקען, נאָך ברייטער די אויגען געעפענט און דערזעהן ווי לעבען איהר שטעהט די שוויגער, אָנ־געטהאָן אין אַ הוט און אַ מאַנטעל.

— מאַמעניו, מאַמעלע ! — האָט זי מיט אַ פאַרשטיקטע שטי־מע געשריען, פאַלענדיג אויף די קניע און אָנכאַפּענדיג זי פאַר די הענד. — מאַמעניו, איך בין אַזוי אומגליקליך !..

דער אַלטער האָט עס אַ צאַהן און אַ צאַהן געקלאַפּט. זי האָט זיך אויך דערשראָקען, אַז זי איז שיער אין חלשות געפאַלען. דאָך האָט זי זיך באַהערשט, מיט אַלע כוחות אָנגעשטרענגט אויפגע־הויבען די שנור פון דער ערד און זי אַוועקגעזעצט אויף דער זאָפע.

— שווייג, זאָג איך דיר ! הער אויף צו וויינען ! נעהם זיך אין די הענד אריין און הער זיך איין וואָס איך זאָג דיר !... אָבער וויין ניט ! וויין ניט, זאָג איך דיר, ווייל... טאָכטער מיי־נע... איך קען דיר ניט איבערגעבען וואָס איך לעב איצט איבער... איך בין דאָך אויך אַן אומגליקליכער מענש... לאָמיר זיך ביידע איינע דער אַנדערער אַרויסהעלפען...

— אָבער, מאַמעניו,ווי קען איך איצטער לעבען ? אַז אָהן איהם איז מיין לעבען פאַרט קיין לעבען ניט !

— איך וועל דיר אויסלערנען ווי צו לעבען אָהן איהם... טהו זיך שוין אָן ! אָט אַזוי ווי דו שטעהסט, זאָלסט שוין כאַפּען אויף זיך עפּעס אַן אויבערשטעס און — קום ! מיר פאָהרען שוין אַוועק פון דאַנען.

— וואוהין, מאַמעניו ? וואוהין וועלען מיר פאָהרען ?

— אויף אונזער זומער־וואוינונג, קיין סאָקאָלניקי. זיי וועט־לען אין קיעוו פאַרברענגען צוויי וואָכען, וועלען מיר דאָ די צוויי וואָכען אויך פאַרברענגען אויף אונזער זומער וואוינונג, און פאַר איין וועגס וועלען מיר שוין פאַר זיי אויך צוגרייטען אַ פּלאַץ.

— זיי וועלען דען אויך וואוינען מיט אונז צוזאַמען אויף'ן דאַטשע — האָט ליזאַ מיט אַ ציטערדיגע שטימע געפרעגט.

— יאָ. דאָס ווענדעט זיך נור אַן אונז ביידען... אויב מיר ביידע וועלען זיין גוט צו זיי, וועט זיין מעגליך אַז מיר זאָלען אַלע

צוזאמען וואוינען אויף דער דאטשע איבער'ן זומער... קום, מיר פאהרען שוין אהין!

ווי אין חלום איז ליזא דער שוויגער נאכגעגאנגען.ביידע זיינען זיי ארויס אויפ'ן גאניק, וואו א פריש מאיאווע ווינטעל האט זיי אזוי צערטליך ארומגענומען.

— וואוהין פאהרט איהר דאס אויף ביי נאכט? — האט פיימא אן ערשטוינטע געפרעגט. — עס איז דאך שוין באלד צעהן אזייגער.

— דער קאפ טהוט מיר עפעס וועה און איך מוז זיך דורכפאהרען. — האט די אלטע געענטפערט און געהייסען איהר פוהרמאן אנטרייבען.

אין דרויסען איז געווען פינסטער און שטיל. וואס ווייטער זיי זיינען אויפ'ן שליאך געפאהרען, אלץ פינסטערער און שטילער איז געווארען. ווי איינגעוויקעלט אין א מורא'דיגע געהיימניסע, האבען זיך די בוימער פון גערדיכטען וואלד קוים מערקבאר געשאקעלט און ארום און ארום האט זיך אזוי מחיה־דיג געטראגען דער ריח פון פריהלינג. דארטען ערגעץ ווייט צווישען די בוימער זיינען זיך די נאכטיגאלען אזוי זים פארגאנגען און די קוקושקעס האבען איינע די אנדערע איבערגעשריען. און אין ליזא'ס אנגעוועהטאגטער, אויסגעמאטערטער נשמה האט זיך פאמעלאך־פאמעלאך אריינגע'גנב'עט א געפיהל פון אונטערטעניגקייט צום גרויזאמען שיקזאל.

דער סטאראזש פון דער דאטשע, א געזונטער, שטענדיג פארטראכטער און פארהארעוועטער פויער, האט זיי דעם טויער געעפענט, זייביידען אריינגעפיהרט אינוועניג, געעפענט אלע פענסטער און זיי געוויזען ווי אלעס איז שוין דא ריין, ציכטיג און אויסגעוואשען.

אויפמערקזאם האט די אלטע אלע צימערען באטראכט און, ווענדענדיג זיך צום סטאראזש, האט זי אזוי געזאגט:

— וואסיל, מארגען פאהרען מיר אריבער אהער. עסען וועטשערע וועלען מיר שוין דא אויף דער דאטשע... זעה, אז מארגען

זאָל שוין אַלעם זיין פאַרטיג און פאַרגעס ניט די וואָזאַנעס אַרויסצו־שטעלען אַט דאָ אָ...

דערנאָך זיינען זיי בײדע, שווײגער און שנור, אַרומגעפאָהרען נאָך אַ שטונדע, און ליזאַ האָט די גאַנצע צייט געשוויגען, קיין איינציג וואָרט ניט אַרויס גערעדט, גלייך איהר וואָלט שוין געווען אַלץ אײנס וואוהין מען זאָל זי ניט פיהרען און וואָס מען זאָל מיט איהר ניט טהאָן.

כדי ליזאַ זאָל זיך ניט צופיעל פאַרטיעפען אין איהרע געדאַנ־קען האָט די שווײגער זיך געהאַלטען מיט איהר אַן עצה וואו מען זאָל קויפען נײע, שעהנע מעבעל פאַר דעם יונגען פאָר־פאָלק, מיט וואָס מען זאָל דאָס נײע מעבעל באַשלאָגען און ווי אַזוי מען זאָל דאָס אין די חדרים אויסשטעלען. זי האָט געהאַלטען אין איין רעדען צו איהר, און אויפגעהערט האָט זי ערשט דאַן, ווען זי האָט דערזעהן ווי ליזאַ איז איינגעשלאָפען.

זי האָט ליזאַ'ן אויפגעוועקט.

— שטעה אויף, טײערע. די דיענסטען וועלען שוין דאָ אַלעם צוגרייטען, אײנפּאַקען, און מיר וועלען פאָהרען איבער די קראָ־מען קויפען אַלעס וואָס מען דאַרף.

ביז מיטאָג האָבען זיי זיך בײדע איבער די קראָמען אַרומגע־שלעפּט, נאָך מיטאָג ווידער, די אַלטע האָט זי גאָר פון זיך ניט אָפּגעלאָזט. מיט אַ בלייפעדער אין האַנד האָט זי אַלץ גערעכענט, געמאַכט חשבונות און זיך אַלץ באַראַטהען מיט ליזאַ'ן וועגען יעדער קלייניגקייט.

— איך האָב מורא, מאַמעניו, אַז מיר וועלען ניט אוספּעיען אַלעס אײנקויפען און צוגרייטען פאַר זיי. זיי וועלען דאָך דאַר־פען אין קיעוו בלויז צוויי וואָכען פאַרברײנגען... — האָט ליזאַ געזאָגט.

— מיר מוזען אוספּעיען. — האָט די אַלטע געענטפערט, און אַזוי פּאַמעלאַך־פּאַמעלאַך זי פאַראינטערעסירט אין דער אַרבייט. אויב מיר ווילען זיך אויספּײנען פאַר זיי, מוזען מיר אַלעם צו־גרייטען אַזוי, אַז זיי זאָל געפעלען.

און ליזא האט אליין ניט באמערקט ווי זי איז ביסלעכווייז אריינגעצויגען געווארען אין דער ארבייט. עס האט זיך ביי איהר ערוועקט אן אינטערעס צו אט די אלע זאכען און זי האט באקומען א חשק זיך אויסצופיינען פאר אנדריושא'ן און איהם ווייזען וואס זי האט פאר איהם אויפגעטהאן און ווי זי האט פאר זיין באקוועמ־ליכקייט געזארגט. א שטאלץ און א פרייד האט אנגעפיהלט איהר הארץ, קלעהרענדיג וועגען דעם, אז זי וועט צוגרייטען א „נעסט" פאר אנדריושא'ן און פאר דער „טייערער און ליעבער קאטיא" וועלכע איז אייגענטליך גאר ניט שולדיג...

אבער זי איז שוין דאך ניט געווען אזוי גוט געשטימט ווי פריהער. די גוטע שטימונג איהרע האט אוועקגעטראגען יענער מענש, וועמען זי האט ווינטער געזעהן — דער מענש וועלכער איז אין קיינעם ניט געראטען, יענער מענש, וועלכער איז עפעס ניט אזוי ווי אלע געוועהנליכע מענשען...

און יענער, דער הויכער, געזונטער פאטאפאוו, מיט דער באסאווער, מענערשער שטימע און מיט דעם קינדערשען געלעכטער, איז פארשוואונדען געווארען גלייך נאכדעם ווי ער האט איהר בלויז געגעבען אנצוהערעניש, אז ער האט זי ליעב... ער איז פארשוואונדען געווארען ווי עס פארשווינדט א שעהנער, זיסער חלום... אן דער אנצוהערעניש אויף ליעבע האט זי זיך דאן אנגעכאפט ווי א זינקענדער כאפט זיך אן א שטרוי... און ווער ווייסט וואו ער איז איצטער ? ווער ווייסט צי זי וועט איהם נאך אמאל זעהן ?... ער האט איהר דאן פארשפראכען צו שרייבען א בריעף, אבער פון דאן אן האט זי פון איהם קיין איין בריעף ניט באקומען, און ווער ווייסט צי האט ער זי גאר אין זינען ?... אפשר איז גאר די גאנצע באגעגעניש געווען ניט מעהר ווי א חלום...

גאנצע טעג איז זי מיט דער שוויגער געווען פארנומען. געקויפט זאכען, זיי אוועקגעשיקט אויף דער דאטשע און לויט איהר געשמאק. זי האט אליין אויפגעהאנגען די פארהאנגען און די בילדער אין די חדרים, וואס מען האט פאר דעם יונגען פאר־פאלק באשטימט. און ווען זי האט א נאגעל אריינגעקלאפט אין דער

וואַנד, האָט זיך איהר אַלץ געדוכט, אַז דאָס קלאַפּט זי אַ נאָגעל נים אין דער וואַנד, נור צו זיך אין האַרצען אַריין. — און דאָס האַרץ וואָס געהט אויס און גאַרט נאָך ליעבע...

— ווי שעהן דו האָסט אַלעס אויסגעשטעלט! — האָט די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעווא אויסגערופען, ווען זי איז איינמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען אין'ם צימער, וואָס ליזא האָט אויסגעפּוצט פאַר דעם יונגען פּאָר פּאָלק.

— וואַרט, דאָס איז נאָך גאָר נים, — האָט ליזא אַ צופריע־דענע און נים אהן שטאָלץ געענטפערט. — דאָס צימער וועט נאָך אויסקוקען אַ סך שעהנער, ווען מען וועט דאָ אָוועקלעגען דעם פּליושענעם ראַג און מען וועט אויסהענגען די בילדער, וואָס איך האָב געקויפט... אַה, וועט עס דאַן אויסזעהן שעהן!

די שוויגער און שנור האָבען אין דער מינוט איינע אויף דער אַנדערער שפּעט אַזוי פיעל באַדייטענד אַ קוק געטהאָן און ביידע אָנגעהויבען שמייכלען.

ענדע וואָך, ווען אַלעס איז שוין געווען אויסגעשטעלט אַזוי שעהן און מיט געשמאַק, האָט ליזא געזאָגט דער שוויגער אַזוי:

איהר ווייסט, מאַמאניו? איך האָב זיך מתקנא געווען אַז דעם יונגען פּאָר־פּאָלק און עס איז מיר איינגעפאַלען אַ זעלטענער גע־דאַנק!

— אַ שטייגער?

— איך וועל פאַר זיך קויפען פּונקט אַזאַ מעבעל, ווי מיר האָ־בען געקויפט פאַר אַנדריושאַ'ן מיט קאַטיא'ן... אָבער פּונקט אַזאַ! אַזעלכע שטוהלען, אַזאַ טיש און... אַזאַ בעט...

— וואָס־זשע, דאָס מעבעל געפעלט דיר דען אַזוי שטאַרק?

— אוודאי געפעלט דאָס מיר. — האָט ליזא געענטפערט. — עס קאָסט אַפילו אַ סך געלד, אָבער דאָס מאַכט נים. און איהר ווייסט מאַמעלע! — האָט זי מיט אַמאָל אַ פרעהליכע זיך אַ כאַפּ געטהאָן און אָנגעהויבען לאַכען, — ווען איך וועל דאָס מעבעל קוי־פען וועל איך מוזען זאָגען אַ ליגען... ניקאָלאַי וועט נים טאָרען וויסען, אַז עס קאָסט אַזוי טייער, ווייל ווען ער וואָלט דאָס גע־

וואוסט, וואָלט ער זיך לעבעדיגערהייד אויפגעגעסען... ער איז דאָך אזא קאַרגער...

— דאָס מאַכט ניט. — האָט די אַלטע אויך מיט א שמייכעל געזאָגט. — געלד איז דאָך ניט דער עיקר אין לעבען... און ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגען? אין דער הינזיכט איז אַנדריושאַ גערעכט... ער זאָגט שטענדיג, אַז אַ מענש, ווען ער לעבט אויף דער וועלט, דאַרף ער זיך ניט ארומרינגלען ניט נור מיט אַנגענעהמע, אינטערעסאַנטע מענשען, נור אויך מיט שעהנע, טייערע זאַכען... אַמאָל פלעג איך לאַכען פון איהם, ווען ער פלעגט דאָס זאָגען; שעהנע זאַכען זיינען ביי מיר געווען ניט מעהר ווי אַ נאַרישקייט, אָבער איצט בין איך אַליין גאָר אַן אַנדערע געוואָרען און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז שוין גאָר קיין נאַרישקייט ניט... אָט נעהם אַ שטייגער אזא קלייניגקייט ווי אַ דאַטשע. דאַכט זיך גאָר ניט, און פון דעסטוועגען פיהלט זיך, אַז איך ווער דאָ איינגער אויף גאַנצע צוואַנציג יאָהר... די לופט איז דאָך דאָ אַ חיות! היינט דער וואַלד, די בלומען! אַלעס איז דאָ אַזוי שעהן... אָבער, — האָט זי מיט אַ זיפץ צוגעגעבען, — וואָס קומט ארויס דערפון וואָס דאָס לעבען איז אַזוי שעהן, אַז מענשען ווייסען ניט ווי אַזוי צו לעבען!... מען קומט צום שכל ווען עס איז שוין צו שפּעט, ווען מען איז שוין צו אַלט.

ליזא האָט אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטהעם די אָפענהערציגע ווערטער פון דער שוויגער. זי האָט זיך אויף אַ קורצע ווייַלע פאַרטראַכט און נאָכדעם געזאָגט:

— און איך... איך בין אַ מאָדנער מענש! עס טהוט מיר ניט באַנג נאָכ'ן לעבען און איך האָב קיין מורא ניט פאַר'ן טויט...

די אַלטע מאַדאַם טאַבאַלצעוואַ האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— ווען איך בין געווען אין דיינע יאָהרען בין איך אויך געווען אַזוי... און אפשר זיינען אַלע מענשען אַזוי?... דו פאַרשטעהסט, ליזאָטשקאַ. אין די יונגע יאָהרען לעבט מען אין טעות, ווייל מען מיינט, אַז מען וועט שטענדיג זיין יונג... מענשען שעצען ניט און ליעבען ניט דאָס לעבען ווי עס באַדאַרף צו זיין... דאָס לעבען

איז ביי די מענשען געוואָרען אַ געוואוינהייט אזאַ... מען לעבט, מען לעבט און מען ווערט געוואוינט דערצו...

און נאָך מיט אַ ברייטערען שמייכעל האָט זי צוגעגעבען:

— איך מוז זיך מודה זיין, אז ער, אַנדריושאַ, האָט מיך אויסגעלערענט ליעב צו האבען דאָס לעבען און זיך ניט שעהמען דערמיט... עס איז נור די אַלט-מאָדישע מענשען האָבען אונז איינגערעדט, אַז דאָס לעבען אַליין איז גאָרניט און די אויסלעזונג דערפון אייז דער טויט.

געוועהנליך האָט ליזאַ יעדען טאָג געגעסען אין דערהיים, אין מאָסקוואַ און געגעכטיגט האָט זי אויף דער דאַטשע. איינמאָל, ווען זי איז אין שטאָדט געקומען אהיים עסען מיטאָג, האָט איהר אַ דיענער געזאָגט, אַז נאָך נעכטען האָט זי פאר איהר אַ בריעף באַקומען...

— ווי איהר זיינט נור אוועקגעפאָהרען, איז דער בריעף אָנגעקומען. — האָט איהר דער דיענער געזאָגט.

איהרע אויגען האָבען גענומען שיינען פאר פרייד... ענדליך אַ בריעף פון איהם!

דער בריעף איז געווען פון פּאַטאַפּאָוו'ן. ער האָט איהר געשריעבען פון ניזשני נאָווגאָראָד, אַז היינט, אָרום ניין אזייגער אויף דער נאַכט, וועט ער זיין ביי איהר.

— היינט נעכטיג איך דאָ! — האָט ליזאַ געזאָגט דעם דיענער. און כדי ער זאָל קיין זאך ניט חושד זיין, האָט זי איהם דערצעהלט אַ געשיכטע, אַז אַ גרויסער סוחר דאַרף היינט אויף דער נאַכט קומען אַהער צו דער שוויגער, נור אַזוי ווי די שוויגער קען ניט קומען, וועט זי איהם דאָ דאַרפען אויפנעהמען...

דער דיענסט האָט זי געהייסען צוגרייטען וויין און פאַרבייסענס, און אַליין האָט זי זיך פאַרשלאָסען ביי זיך אין צימער און אַ נערוועזע מיט פרייד גענומען לעזען זיין בריעף. דעם ערשטען בריעף פון פּאַטאַפּאָוו'ן...

„איך קוש אייערע הענטלאַך, טייערע! — האָט איהר פּאַטאַפּאָוו געשריעבען. — און איך האָף, אַז איהר וועט זיך

ניט באליידיגיען פון דעם טאן פון מיין בריעף... יעדער מענש מוז דאך האבען עפעס א שעהנעם טרוים, וואס זאל זיין לעבען פארזיסען. און איהר, ליזא, זיינט מיין שעהנסטער טרוים...

„איך דערמאן זיך א פאל: דאס איז געווען מיט א פאר יאהר צוריק, ווען איך בין נאך געווען א סטודענט. איינמאל האב איך געשפאצירט אין פארק, איז לעבען מיר פארבייגע־גאנגען אן ארימער, אויסגעהונגערטער ארבייטער. נור א קוק טהאן אויף זיין פנים, האט מען גלייך געקענט דערקענען, אז דער מענש האט שוין לאנג ניט געגעסען צו זאט, אז ער איז אן אומגליקליכער, עלענדער מענש. און דאך... דאך האט ער געהאלטען א בלום און אלע מאל זי צערטליך צוגעטראגען צו דער נאז און געשמעקט... אט די בלום איז געווען ביי איהם דאס לעבען. מעהר האט ער ניט פארמאגט... און מאדנע! כאטש איך בין דאן געווען איינער פון די זאטע, האב איך דאך געהאט א געפיהל, אז אין פארגלייך מיט דעם דאזיגען ארימען, אויסגעהונגערטען ארבייטער, בין איך גאר־ניט...

„איהר פארשטעהט, ליזא, א בלום אדער א שעהנעם טרוים מוז מען האבען...

„מיטוואך וועל איך זיין ביי אייך. אויב איך וועל אייך ניט טרעפען אין מאסקווא, וועל איך צופאהרען צו אייך אויף דער דאטשע. די לעצטע פאר חדשים האב איך געארבייט ווי א שקלאף, און איך האב כשר פארדיענט זיך א ביסעל אפ־צורוהען און שמעקען דעם אנגענעהמען גערוך פון מיין בלום.

„און איך מוז זיך פאר אייך מודה זיין, ליזא, אז פאר די צוויי חדשים וואס איך האב אזוי שווער געארבייט, האב איך זיך געמוזט אנטהאן א כח און פיהרען א מלחמה מיט זיך אליין, ווייל אלע מאל האב איך געפיהלט ווי אוועקצוואר־פען אט די אלע וויכטיגע ארבייטען און פאהרען צו אייך... דאס וואלט געווען א גרויסע עולה וואס איך אליין און

איך אַנדערע וואָלטען מיר ניט מוחל געווען... איך האָב זיך אַליין באַזיעגט, ווען איך בין צו אייך ניט געפאָהרען. אַפילו קיין בריעף ניט געשריעבען. אָבער דאָס האָט מיך געקאָסט אַ סך געזונד, זעהר אַ סך... ליזאַ, טייערע! איך דאַנק אייך פאַר די ערשטע טרערען וואָס איהר האָט ביי מיר אַרויסגערופען... איך בענש אייך פאַר דעם שעהנעם, זיסען טרוים.

„נאָך אַמאָל קוש איך אייערע הענד, און פאַרבלייב מיט אַמת'ער פריינדשאַפט אייער סטעפאַן“.

מיט'ן בריעף אין די הענד איז ליזאַ געבליעבען זיצען ביי זיך אין צימער און דאָס גאַנצע פּנים האָט איהר געפלאַמט. די ליר־דענשאַפט וואָס ס'האָט זיך פון צווישען די שורות געפיהלט, האָ־בען אַנגעפיהלט איהר האַרץ מיט אַן אומרוהיגקייט און בענקעניש...

ביי זיך אין געדאַנק האָט זי אויף אויסווענינג איבערגע'חזר'ט די ווערטער פון פּאָטאַפּאָוו'ס בריעף... „מיט אַמת'ער פריינד־שאַפט אייער“... איך דאַנק אייך פאַר די ערשטע טרערען„... „איך בענש אייך פאַר דעם שעהנעם טרוים“... ענדליך, הייסט עס, ווערט איהר טרוים פאַרווירקליכט! זי וועט זיין די ערש־טע... און ניט ביי אַבי וועמען, נור ביי אַן אויסערגעוועהנליכען מענשען, ביי אַ העלד, וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט...

אָבער פאַרוואָס איז איהר פרייד ניט גאַנץ? פאַרוואָס אַנ־שטאָט זיך פאַרצושטעלען איצטער דאָס ליעבע פּנים מיט דער בלאָנדער באָרד און מיט דעם קינדערשען שמייכעל, שטעלט זי זיך נאָר פאַר דאָס גלאַט ראַזירטע פּנים פון טאַבאַלצעוו'ן, דעם צערט־ליכען בליק פון זיינע אויגען און זיין פאַלשען שמייכעל?... אַך, ווען זי וואָלט פון זיך געקענט אַרויסרייסען אָט די ברענענדיגע ליידענשאַפט, אָט די פלאַמענדיגע תאוה צו איהם צו דעם גלאַט ראַזירטען יונגערמאַן מיט חעם פאַלשען שמייכעל!... אַך, ווען זי וואָלט אַז איהם געקענט פאַרגעסען! ווי גליקליך זי וואָלט געווען!...

מיט ביידע הענד האט זי זיך דאס פנים פארשטעלט און הארצרייסענד גענומען כליפען...

דער טאג איז אוועק. עס איז געווארען נאכט. און פאטאפאוו איז געקומען. אין דער פינסטער האט זי באמערקט, ווי זיין פנים איז בלאס און ווי ער ציטערט מיט זיין גאנצען גרויסען קערפער. און א שרעק איז אויף איהר געפאלען. אין דער טיעפער שטילקייט האט זיך שוין געפיהלט די טראגעדיע פון דער דאזיגער ליעבע...

פאר פאטאפאוו'ן איז דאס געווען אן ענטשיידענער מאמענט. נאך זיין בריעף האט זיך איהם ליזא געמוזט איבערגעבען. אויב איהר הארץ איז נור געבליעבען פריי, מוז זי דאס אויסדריקען אין צערטליכקייטען...

אבער ליזא איז געזעסען א בלאסע, אן אומעדיגע און אזוי שוואך געשמייכעלט צו איהם... און אנשטאט ארומצונעהמען זי און א קוש טהאן איהר שעהן פנים, האט ער זיך אויפ'ן ראג אוועק־געזעצט לעבען איהרע פיס. באהאלטען דאס פנים אויף איהר קניע, אריינגענומען איהרע הענד אין זיינע און קיין ווארט ניט אויס־גערעדט.

און דוקא ווייל אהן ווערטער, איז אלעס געווען אזוי קלאר...

דעם גאנצען אויף דער נאכט איז פאטאפאוו געווען שרעקליך צוטראגען און אומרוהיג. א שרעקליכער געדאנק האט איהם גע־מוטשעט: „זי איז פארליעבט אין אן אנדערען"... און אין וועך־מען קען זי זיין פארליעבט, אויב ניט אין אנדריושא'ן ?...

ביים טיש, ווען זיי האבען ביידע טהע געטרונקען, האט ליזא דערצעהלט וועגען טאבאלצעוו'ס חתונה. וועגען קאטיא'ן האט זי גערעדט מיט גרוים באגייסטערונג און מיט אכטונג. און דער־פאר האט שוין פאטאפאוו ניט געוואוסט, צי זיין פריהערדיגע השערה וועגען דעם, אז זי איז פארליעבט אין טאבאלצעוו'ן, איז אמת צי ניט...

ערשט ארום האלב נאכט איז דער טאן פון זייער געשפרעך געווארען ווארימער. פאטאפאוו האט ליזא'ן דערצעהלט ווי שווער

און ענערגיש ער האָט די לעצטע פּאָר מאַנאַטען געאַרבייט און וואָס ער האָט אויפגעטהאַן.

איהר זיינט טאַקע געוואָרען אַ תל, — האָט זי איהם אַזוי פריינדליך געזאָגט, קוקענדיג אויף איהם.

— עס איז גאָר קיין וואונדער ניט. מיר ברענען אַזוי לאַנג, ביז מיר ברענען אויס. די כחות שעפּען זיך אויס און קיין נייע קומען ניט צו... און קיין געלד איז אויך ניטאָ. אָט האָט מען אונז אַרויסגעשיקט זיעבען רעדנער איבער די פאַבריקען. איך בין אויך געווען איינער פון זיי. און אין גאַנצען האָט מען אונז צוגעשיקט זעכציג רובעל אַ חודש... נו, עס פאַרשטעהט זיך, קען מען זיך קיינמאָל ניט פאַרגינען אָפּצועסען ווי עס באַדאַרף צו זיין. היינט די פאַרפאָלגונגען פון דער פּאָליציי! וואו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיגט...

— פאַר וואָס־זשע האָט איהר מיר ניט געשריעבען אַז איהר נויטיגט זיך אין געלד? — האָט ליזא געהאַט טענות צו איהם.

— איהר האָט שוין פאַרגעסען וואָס מיר האָבען אָפּגעמאַכט, אַז אַלע מאָל ווען איהר וועט זיך נויטיגען אין געלד, זאָלט איהר זיך ווענדען צו מיר, און איך וועל אייך אַרויסהעלפען?

ער האָט געשוויגען, שפּאַנענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער.

— מיר נויטיגען זיך איצט אויך אין געלד, — האָט ער שעה־מעוודיג געזאָגט. — עס איז מיר אפילו ניט אנגענעהם אייך דער־קוטשען מיט אַזעלכע זאַכען. ווייל נאָך אַלעמען, קענען מיר זיך ערשט אַזאַ קורצע צייט... אָבער וואָס קען מען זיך העלפען, אַז די געלד־פראַגע איז ביי אונז פּאָרט איינע פון די וויכטיגסטע... און פאַרוואָס איך האָב אייך ניט געשריעבען וועגען דעם? איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: עפּעס האָב איך ניט געוואָלט אין אונזער באַציהונגען אַריינמישען דאָס שטענדיגע ליעדעל פון אונזערע רוּ־סישע רעוואָלוציאָנערען...

— און וויפיעל געלד דאַרפט איהר איצט האָבען? — האָט ליזא געפרעגט.

— וואָס רעדט איהר, ליזא! מיר דאַרפען און דאַרפען! אין

איוואנאוואָ־וואָזנעסענסק און אין די סאָרמאָווסקער פאַבריקען ווע־לען מיר גאָר אין גיכען אַלע אַרבייטער ארויסרופען אין סטרייק. און כדי דאָס דורכצופיהרען ערפאָלגרייך, מוזען מיר האָבען טויזענדער.

— איך קען אייך דארויף געבען 5 טויזענד רובעל. — האָט זיך ליזא אזוי לייכט און פשוט געזאָגט. — איך וואָלט געגעבען מעהר, אָבער איך האָב מורא, אז ווען מיין מאַן וועט זיך דערוויסען אז איך נעהם ארונטער פון'ם קאַפּיטאַל, וועט זיך טהאָן חושך...

— וואָס רעדט איהר, ליזא! — האָט זיך פּאָטאַפּאָוו א כאַפּ געטהאָן און די אויגען זיינע האָבען פאר פרייד אָנגעהויבען גלאַנ־צען. — גאַנצע פינף טויזענד רובעל קענט איהר אונז געבען? ! דאָס איז דאָך פשוט אראָפּגענומען א בארג פון די פּלייצעס!...

— אויב איך קען מיט מיין געלד אזא גוטע זאַך אויפטהאָן, בין איך זעהר צופריעדען. — האָט ליזא ערנסט געזאָגט. — און אין אַלגעמיין פארשטעה איך ניט, פאַרוואָס איהר דאַרפט זיך אזוי פיעל דרעהען דעם קאָפּ איבער אזא קליינינקייט ווי געלד? פאַרוואָס זאָלט איהר זיך ניט ווענדען צו מיין שוויגער? זי האָלט זעהר שטאַרק פון אייך, און עס איז ביי מיר גאָר קיין צווייפעל ניט, אז ווען איהר בעט זי, אז זי זאָל אייך ארויסהעלפען מיט א פּאָר טויזענד רובעל, וואָלט זי אייך זיכער ניט ענטזאָגט...

— איך האָב שוין ביי איהר גענוג געלד גענומען נאָך איידער מען האָט מיך קיין סיביר פארשיקט. — האָט פּאָטאַפּאָוו מיט זיין קינדערשען שמייכעל געענטפערט. — און איבעריגענס, ווען עס וועט אונז אויסקומען ענג, וועל איך זיך טאַקע ווענדען צו איהר.

ער האָט זיך געזעגענט ליבען איהר אויף דער ווייכער זאַ־פע, אנגענומען איהר האנד און זי צערטליך געגלעט:

— טייערע, איך האָב צו אייך א בשורה: פאַהרט מאָרגען וועגען דעם צו צו מיינער א באַקאַנטער. זי וואוינט... אָבער וואַרט, פארשרייבט ניט דעם אדרעס... די אדרעסען פון אונזערע מענ־שען טאָהר מען ניט פארשרייבען, נור מען דאַרף זיי געדענקען אויף אויסווענינ... אין אונזער ארבייט דאַרף מען זיין זעהר און

זעהר פאַרזיכטיג... דאָס דאָזיגע באַקאַנטע מיינע איז א נייטאָרין.

— וואָס ? א נייטאָרין ? — האָט ליזא אַן ערשטוינטע איבער־געפרעגט.

— יאָ, א נייטאָרין. — האָט ער געענטפערט. — און איהר דאַרפט דערפון ניט זיין ערשטוינט, ליזאַטשקאַ. גלויבט מיר, אַז דאָס לעבען איז אינטערעסאַנטער פון דעם שפּאַנענדסטען ראָמאַן ! וואָס חידושט איהר זיך דאַרויף, וואָס אין אונזערע רייהען געפי־נען זיך פּשוט'ע נייטאָרינס אויך ? ערשט זיי, די אַרבייטער און די פרויען זייערע, זיינען די אמת'ע קעמפּפער פאַר פרייהייט. זיי קעמפּפען, פאַרשטעהט איהר מיך, פאַר זייערע אייגענע אינטע־רעסען... דאָס, וואָס נייטאָרינס געהען מיט אונז האַנד אין האַנד איז שוין דוקא גאָר קיין וואונדער ניט. א וואונדער איז גאָר דאָס, וואָס א רייכע קראַסאַוויצע העלפט אונז אַרוים מיט געלד...

— אונזער געלד איז אַנגעראַבעוועט — האָט ליזא געזאָגט, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען. — איהר האָט מיר איינמאָל אַליין געזאָגט, אַז די טייערע קליידער און דאָס ציהרונג, וואָס איך טראָג, איז פון דעם בלוט און שוויים פון די אַרבייטער... איך געדענק גוט אייערע ווערטער...

— גוט אַזוי ! — האָט פּאָטאַפּאָוו אַנגעקוואָלען. — אויב איהר געדענקט מיינע ווערטער, איז א סימן אַז ביי אייך אין אייער נשמה, איז נאָך פון פריהער געוועזען פאַרטיג א באָדען פאַר מענשליכקייט... געהמט למשל אייער שווינער ! זי איז ווירקליך אַן אמת'ער גו־טער מענש, כאָטש זי איז אַזא רייכע... וואָס האָט זי שוין דען ניט געטהאָן פאַר מיר ? חוץ דעם וואָס זי האָט אונז שוין מאָסען געלד געגעבען, באַהאַלט זי נאָך ביי זיך אַזעלכע ביכלאָך, וואָס מען טאָהר ניט האַלטען. און איהר ווייסט, אַז ווען מען געפינט ביי איהר די דאָזיגע ביכלאָך, וואָלט מען זי פאַרשיקט אין סיביר ! ליזא'ס אויגען זיינען אַזש דונקעל געוואָרען.

— און מיינט ניט, אַז זי ווייסט דאָס ניט. — האָט פּאָטאַפּאָוו ווייטער מיט התפעלות גערעדט וועגען דער אַלטער מאַדאַם טאַ־באַלצעווא.—נאָך מיט פינף יאָהר צוריק האָב איך איהר געזאָגט מיט

וואס דאס שמעקט. און ווייסט איהר, וואס זי האט מיר דארויף געענטפערט? „זארגט זיך ניט — האט זי געענטפערט — עס וועט גאר קיינעם ניט איינפאלען ביי מיר אזעלכע ביכלאך צו זוכען". שטעלט אייך פאר: א קורצע צייט איידער מען האט מיך פארשיקט קיין סיביר, האב איך אט דא, אין דעם הויז, אין קעלער, באהאלטען צוואנציג טויזענד געדרוקטע פראקלאמאציעס און א טיפאגראפיע... אין פארלויף פון איין וואך האב איך זיי אלע צוטיילט אין די פאבריקען. ניט איך אליין האב דאס געטהאן, נור פעקלא האט מיר אויך ארויסגעהאלפען אין דעם...

— פעקלא? ווער איז די פעקלא?

דאס איז די נייטארין, צו וועמען איך שיק אייך...

און ער האט גענומען לויבען פאר איהר די פעקלא.

— דאס איז, זאג איך אייך, א פרוי מיט א מאסע ענערגיע און מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען! איהר מוטה איז איינפאך צו באוואונדערען! אין יענער צייט איז געווען א געפאהר דאס פנים אין גאס צו ווייזען. אויף שריט און טריט זיינען געווען שפיאנען. זעלטען ווען עס האט זיך אימיצער איינגעשטעלט צו געהן פאנאנדערטיילען פראקלאמאציעס צווישען די ארבייטער אויף די פאבריקען... אם מעהרסטען האט מען מורא געהאט צו געהן אין איין פאבריק, וואו צווישען די ארבייטער אליין איז געווען א סך שפיאנען. און ווער, מיינט איהר, האט זיך אונטערגענומען אין יענער פאבריק צו געהן? פעקלא... צוזאמען זיינען מיר ביידע אהין אוועק. און עס איז געווען מיט נסים, וואס מיר האבען זיך פון דארטען ארויסגעדרעהט...

ליזא'ן איז קיינמאל ניט אויסגעקומען צו באגעגנען זיך מיט אזעלכע פרויען. זי האט געפרעגט:

— איז זי פארהייראט?

— איצט איז זי פארהייראט. אבער דאן איז זי נאך געווען א כלה־מיידעל. חתונה געהאט האט זי אוים ליעבע מיט אן אויפגעקלעהרטען ארבייטער. זיי לעבען זיך פיין און שטיל און האבען קינדער... אה, איז דאס א טייערער מענש! הייגט וואס פאר א

גוטע רעדנעריין זי איז ! עס איז איינמאָל געווען אזא פאַל: מיר, די אינטעליגענטע רעדנער, האָבען אַ גאַנץ היבשע צייט זיך גע־שטרעקט אין הער לענג און אין דער ברייט צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער פון אַ געוויסער פאַבריק, און עס האָט זיך אונז אַלץ ניט איינגעגעבען. וויפיעל מיר האָבען אין די אַרבייטער ניט אַריינגערעדט, און עס האָט געהאָלפען ווי אַ טויטען באַנקעס... איז געקומען פעקלא, גענומען רעדען פאַר זיי אויף איהר שטייגער, און, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? די אַרבייטער זיינען געוואָרען פאַר־ברענטע רעוואָלוציאָנערען! זי האָט אין זייערע הערצער אַ פייער אַנגעצונדען. ווייל געהערדט האָט זי צו זיי מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זי האָט ניט אויסגעלייענט פון ביכער, נור אַרויסגענומען פון'ם לעבען אַליין... שטעלט אייך פאַר: זי האָט זיך ערשט ניט לאַנג אויסגעלערענט לעזען און שרייבען... און אַ זכרון האָט זי — אַ וואונדער אין דער וועלט! וואָס מען האָט איהר געזאָגט, האָט זי געדענקט. דאָס איז, זאָג איך אייך, אַ מערקווירדיג טאַלאַנט־פולע פרוי! און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס זי איז אַזאַ זעלטען גוטע, אויסגעצייכענטע רעדנעריין. וואָרים זי אַליין האָט זיך אין איהר לעבען גענוג אָנגעפּלאָגט. איהר פאָטער איז געווען אַ וועבער און די מאַשין האָט איהם אַ האַנד אָפּגעדרעהט. ער האָט זיך דערנאָך אַ קורצע צייט געמוטשעט און איז געשטאָרבען און די גאַנצע פאַמיליע איז געבליעבען אָהן מיטלען צום לעבען... דער־פאַר האָט זי געוואוסט דעם ביטערען טעם פון נויט און עלענד און וועגען דעם האָט זי מיט די אַרבייטער און אַרבייטערינס גע־רעדט. זי האָט זיי דערצעהלט וועגען דעם ווי די פאַבריק נעהמט ביי זיי די בעסטע יאָהרען צו, די בעסטע כוחות אוועק, און זויגט אויס פון זיי דאָס בלוט; ווי, זיי די פרויען ווערען אַלט און צו־בראָכען צו דרייסיג יאָהר; ווי זיי געבוירען קראַנקע קינ־דער און באַגראָבען זיי קליינערהייד נאָך איידער זיי דער־לעבען צו האָבען כאָטש אַ קאָפּעלע נחת פון זיי. אָט אַזוי האָט זי מיט זיי גערעדט און אָט האָט זיי גענומען. פון יעדען וואָרט איהרען האָט עס איינפאַך געשטראָמט מיט האַס צו די רייכע און

זאטע, וואס אונטערדריקען די אָרימע און אויסגעהונגערטע...

— אויב אזוי האָב איך גאָר מורא, אז זי וועט מיך האסען.

— האט ליזא שטיל געזאגט.

— אַ ניין, אייך וועט זי ניט האסען! — האט זי פּאטאפּאָוו פארזיכערט — נאָך מיט א שטיקעל צייט צוריק האָב איך מיט איהר וועגען אייך גערעדט, און איהר מעגט זיין זיכער, אז ווי זי וועט אייך נור דערזעהן, וועט זי אייך גלייך ליעב באקומען. געהט צו איהר מאָרגען. זי וועט אייך שוין אנווייזען וועמען די פינף טויזענד רובעל איבערצוגעבען, און פאר איין וועגס וועט זי אייך שוין באקענען מיט אונזערע חברים...

— און פאר וואס זאלט איהר אליין דאס געלד ניט נעהמען?

— דאס קען איך ניט. — האט ער געענטפערט.

— פאר וואס?

— ווייל... ווייל עס קען דאך זיין, אז ווען איך בין געגאנגען אהער, האט מען מיר נאכגעשפּיאָנירט... עס קען דאך זיין, אז איך וועל ארויסגעהן פון דאנען, זאל מען מיך ארעסטירען... און דאן — איז אן עברה דאס געלד...

ליזא איז בלאס געווארען. מיט ברייט פאנאנדערגעעפענטע אויגען א קוק געטהאן אויף איהם. געוואלט עפּעס פרעגען, אבער געפרעגט האט זי ניט.

עס איז געווארען שטיל. זי האט א פארטראכטע געקוקט פאר זיך און ער האט פּאמעלעך געשפּאנט הין און צוריק איבער'ן צימער.

— אלע לייטישע מענשען שטעהען צו צו אונז! — האט פּאָר טאפּאוו ווידער אנגעהויבען רעדען. — אט נעהמט, למשל, טאָ־באלצעוו'ן! אזוי דוכט זיך, אז ער איז א זאָרגלאָזער מענש, וואס איז צופריעדען מיט זיך אליין און זוכט בלויז געלעגענהייטען צו לעבען א גוטען טאג און געניסען. אבער אין דער אמת'ען איז ער גאָר אן אנדער מענש... כאטש ער איז א רייכער סוחר'שער זוהנ־דעל, האט ער דאך זעהר פיעל אויפגעטהאן פאר דער באוועגונג. ווען ער איז געווען א סטודענט, האט ער ניט איינמאל דאס לעבען

איינגעשטעלט. און מען קען מיט זיכערקייט זאָגען, אַז מעהר ווי אַ העלפט פון זיין קאַפּיטאַל האָט ער אוועקגעגעבען פאַר דער באַוועגונג. ווייסט איהר דאָס צי ניין?

— ניין, ער האָט דאָס מיר קיינמאָל ניט דערצעהלט.

— און איך זאָג דאָס אַנטקעגען דעם, וואָס איך פּערזענליך קוועל איינפאַך אַז פון דער הייגטיגער צייט און פון די מענשען, מיט וועמען עס קומט מיר אויס צו קומען אין נאָהענטער באַריהרונג — האָט פּאַטאַפּאָוו ווייטער גערעדט — און ווידער מוז איך נעהמען פאַר אַ ביישפּיעל טאַבאַלצעוו'ן... ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט, איז געווען פאַרשטענדליך און נאַטירליך, אַז ער זאָל זיין איבערגעגעבען דער באַוועגונג מיט לייב און לעבען, ווייל אין אַלגעמיין איז ער אַזאַ מענש, וואָס קען באַגייסטערט ווערען פאַר שעהנע און גוטע זאַכען. אָבער יעצט, ווען ער איז שוין געוואָרען סאָלידער און סטאַטעטשנער; איצט, ווען ער איז אַזוי רייך, ווען ער האָט פאַרבונדען זיין לעבען מיט אַ ליעבענדע פרוי — איצט פאַרדיענט ער געלויבט צו ווערען דערפאַר, וואָס ער שטעהט ניט אָפּ פון אונז...

אויף ליזאַ'ס פּנים האָט זיך אַ מילדער און צערטליכער אויסדרוק געוויזען ווען פּאַטאַפּאָוו האָט גערעדט וועגען טאַבאַלצעוו'ן. ער האָט דאָס באַמערקט און פון זיין הארצען האָט זיך עפּעס ווי גענען זיין ווילען אַ טיעפער זיפץ אַרויסגעריסען...

איצט האָט ער אַלעס פאַרשטאַנען. איצט איז פאַר איהם געווען קלאָר, אַז ליזאַ איז אין טאַבאַלצעוו'ן פאַרליעבט...

— ווי עס שיינט, שעצט איהר איהם זעהר, טאַבאַלצעוו'ן?

— האָט ליזאַ שטיל געפרעגט.

— יאָ, יאָ — האָט ער קורץ געענטפערט.

דער סאַמאָוואַר איז שוין געווען קאַלט. דער לאָמפּ האָט שוין אָנגעהויבען אויסלעשען. און זיי האָבען נאָך אַלץ גערעדט און גערעדט.

ווען דער לאָמפּ האָט זיך אויסגעלאָשען, האָט ליזאַ אָנגעצונ־

דען צוויי ליכט. איבער'ן גאנצען הויז האט א טיעפע שטילקייט געהערשט...

זי האט שעהמעוודיג, האלטענדיג די אויגען ארונטערגעלאזט, שטיל געזאגט:

— איך האב געהייסען דער דיענסט מאכען פאר אייך דאס בעט אויבען, אין יענעם צימער... נעכטיגט דא!

פאטאפאוו'ן האבען זיך די קאלירען געביטען אין פנים... נעכ־טיגען אונטער איין דאך מיט איהר... מיט ליזא'ן... אין א פוסטער הויז!

— ניין, ענטשולדיגט מיר, ליזאטשקא — האט ער אין גרוים פארלעגענהייט געענטפערט — איך קען דא ניט בלייבען נעכטי־גען... אבער אוועקגעהן פון אייך גלוסט זיך מיר אויך ניט... טו, ווייסט איהר וואס? מיר וועלען אזוי זיצען און רעדען ביז איהר וועט מיעד ווערען... און ווען איהר וועט ווערען שלעפעריג, זאלט איהר מיר זאגען, וועל איך דאן אוועקגעהן... אזוי שטיל, אויף די שפיץ פינגער וועל איך מיר אוועקגעהן און קיינער וועט מיך ניט זעהן... און נאך א זאך: איהר זענט מיר צו טייער, און איך וויל ניט, אז איבער מיר זאל מען אויף אייך רעדען שלעכטס... און גלאט — האט ער זיך מיט א מאל א כאפ געטהאן פאר'ן קאלנער פון'ם העמדעל, גלייך עס וואלט איהם געווארגען — עס איז בע־סער, אז איך זאל דא ניט בלייבען נעכטיגען...

זי האט פארשטאנען וואס ער מיינט, אז עס איז בעסער, ער זאל דא ניט בלייבען נעכטיגען... איז זי רויט געווארען ביז איבער די אויערען און קיין ווארט ניט געזאגט...

עס איז שוין געוועזען דריי אזייגער ביינאכט, ווען ער האט זיך אויפגעהויבען צו געהן.

— וועט איהר, מארגען הייסט עס, צוגעהן אהין, צו דער נייר־טארין? — האט ער זי געפרעגט, און איהר גענומען אויסמאלען וואו דאס איז.

— ווען זשע וועלען מיר זיך נאך אמאל זעהן? האט זי אן אומעטיגע איהם געפרעגט.

— דאָס קען איך ניט ווּיסען... אַ מאָל קען זיין, אַז מיר זאָלען זיך זעהן אין גיכען אין אמאל קען זיין, אַז מיר זאָלען זיך שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן... איהר ווייסט דאָך, ליזאָטשקא, איך בין אַ מענש, וואָס איז קיינמאָל מיט זיין פרייהייט ניט זיכער...

עס האָט מיט איהר אַ וואָרף געטהאָן מיט שרעק. די פּיס האָר בען זיך איהר עפּעס ווי אונטערגעהאַקט און זי האָט זיך אוועקגע־זעצט.

— וואָס זשע האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען, ליזאָטשקא ?

— האָט ער זי געפּרואווט אַנגעהמען אוועקזעצענדיג זיך לעבען איהר און אריינגעהמענדיג איהר האַנד אין זיינער — אָט אַזאַ מענש בין איך: אָט בין איך פריי און — אָט אונטער גראַטעס... איך קען דאָך ניט זיכער זיין אין דעם, אַז מען זאָל מיך ניט דער־זעהן ווען איך וועל פון דאַנען ארויס... מען זוכט מיך, מען שפּיאָ־נירט נאָך מיר איבער גאַנץ רוסלאַנד... איך האָב קיין רוהיג ווינ־קעלע ניט... ווען איך בלייב נעכטיגען אין הויז, און עס דערהערט זיך אין מיטען דארינען אַ קלונג, אָדער אַ קלאַפּ, וואַרפט דאָס ארויף אַ פּחד אויף אַלעמען... איך מוז זיך אַלע מאָל פאַרשטעלען: אָט טראָג איך אַ באָרד און אָט ראַזיר איך זי אָפּ... איך מוז טראָ־גען אַ פּאַרוק, איך מוז טראָגען בלויע ברילען; און אפילו קיין שטענדיגען נאָמען האָב איך ניט...

און ווי הייסט איהר איצטער ?

— פאַר אייך הייס איך סטעפּאַן פּאַטאַפּאָוו — האָט ער גע־ענטפערט, שפּיעלענדיג זיך מיט איהרע פינגער — אָבער ווען איהר וועט מאָרגען רעדען מיט די מיטגליעדער פון דער פּאַרטיי, זאָלט איהר דעם נאָמען פּאַטאַפּאָוו ניט דערמאָנען, וויל איצט הייס איך — ניקאָלאַי סטעפּאַנאָוו...

אַרעמינקער! — האָט זיך ביי ליזאַ'ן דאָס וואָרט ארויסגע־כאַפּט... — געשיקט זיך אַז איהר ווייסט קיינמאָל ניט פון קיין רוהע און געניסט קיין מאָל ניט פון צערטליכקייטען — האָט זי גע־זאָגט, קוקענדיג פאַרטראַכט אויף איהם. — איהר זייט אַזוי עלענד ווי איך ?... ווי איך... אַזוי אומגליקליך ווי איך ?... —

איהרע לעצטע ווערטער האבען איהם אזוי געריהרט, אז ער איז געווען גרייט צוצופאלען צו איהר און זי אנהויבען קושען, אבער ער האט קיין מוטה ניט געהאט.

— סטיאפושקא, — האט זי שטיל ווי אין חלום ארויסגע־שעפטשעט, ניט בייטענדיג די פאזע.

אין איהר שטימע איז געווען אזוי פיעל צערטליכקייט, אזוי פיעל ליעבשאפט, אז ביי איהם האט זיך אזש פון דער טיעפעניש פון הארצען א פארשטיקטער אויסגעשריי ארויסגעריסען און ער איז געפאלען פאר איהר אויף דער קניע...

מיט שרעק האט זי זיך געגעבען א ווארף צוריק. אבער בלויז אין דעם ערשטען אויגענבליק. זי האט ניט געזעהן זיין פנים, וואס ער האט ביי איהר אויפ'ן שוים באהאלטען. זי האט נור געפיהלט, ווי זיינע שטארקע הענד נעהמען ארום איהרע קניע. זי האט ארויפגעלעגט איהרע הענד אויף זיינע אקסלען...

— סטיאפושקא... — האט זי ווידער שטיל געזאגט אין דעם זעלבען צערטליכען טאן, — איך ווייס און איך פיהל אז איהר האט מיך ליעב... איך ווייס אויך, אז איך מוז האבען אייער ליעבע!... יא, איך מוז האבען אייערע צערטליכקייטען, אייערע לאסקעס... איך קען שוין מעהר ניט אריבערטראגען די קאלטקייט, דעם עלענד!... סטיאפושקא, ווען איהר וואלט געוואוסט, וואס פאר א שרעקליכע זאך איך לעב איצט איבער! איך מוז זיך פארגעסען... באטש ווי עס איז פארגעסען... נו, זייט זשע א גוטער, צערטעלט האט מיך ליעב. זאגט, אז אהן מיר קענט איהר ניט לעבען... זאגט, אז איך בין ביי אייך די ערשטע... זאגט, זאגט! ווייל איך בין אזוי אומגליקליכע! לאמיך פיהלען, אז איך בין ניט אזוי עלענד אין דער וועלט...

איהרע רייד האבען אין איהם אנגעצונדען אזא פייערדיגע ליי־דענשאפט, אזא ברענענדיגע תאוה, אז דער אויסזעהן פון זיין פנים האט זיך אזש געענדערט.

— ליזא... ליזא... — האט ער מיט א פארשטיקטער שטימע קוים ארויסגערעדט — מוטשעט מיך ניט אזוי... פלאגט מיך ניט

אַזוי... איך האָב מעהר קיין כח ניט אריבערצוטראָגען דאָס פייער וואָס ברענט ביי מיר אַט דאָ אין הארצען... לי—זא ! דו מוזט זיין מיינע ! מיין ליזא... — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט זיך איהר געדוכט אַז אַ ווילבער האָט זי געגעבען אַ הויב אין דער לופטען, זי צונויפגעדרעהט, איהר די אויגען פאַר־שאָטען און זי געמאַכט אַזוי שוואַך, אַז זי האָט זיך ניט געקענט וועהרען...

ערשט מיט איין מינוט פריהער האָט זי זיך גאָר ניט געקענט פאַרשטעלען, אַז אַזעלכעס זאָל פּאַסירען... אין דער מינוט ווען זי האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל זי לאַשטשען און צערטלען, האָט זי געדענקט, אַז ער וועט צערטלענדיג זי האָבען אַזוי פיעל ווי־לענס־קראַפט, אַז ער וועט זי ניט ברענגען דערצו, זי זאָל זיך איהם איבערגעבען... בעסער געזאָגט: אין יענער מינוט האָט זי גאָר ניט געדענקט... דאָס איז פּשוט געווען אַן אויסגעשריי פון אַן אנגעוועהטאָגטער, ליידענדער נשמה, וועלכע האָט געבענקט נאָך ליעבע און לאַסקעס... און אַט דער אויסגעשריי האָט געבראַכט דערצו, אַז עס זאָל פּאַסירען דאָס אומפאַרמיידליכע... אנדערש האָט עס ניט געקענט זיין...

און נאָכדעם...

נאָכדעם האָט זי צו איהם קיין טענות ניט געהאַט, ווייל ווי זי האָט זיך נור אויסגעניכטערט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ניט ער און ניט זי זיינען געווען אימשטאַנד בייצושטעהן דעם נסיון און אויסמיידען דאָס, וואָס ס'איז אומעגליך געווען אויסצומיידען... און ווי האָט זי גאָר געקענט האָבען טענות צו איהם, דעם אַרענט־ליכען מענשען, וועלכער איז איצט אויף'ן האַנג לעבען איהרע פיס געלעגען, באַהאַלטען דאָס פּנים אין איהר קלייד און זיך געשעהמט איהר אין די אויגען אריינצוקוקען ?...

ביידע האָבען געשוויגען. דאָס זיינען געווען די באַקאַנטע שרעקליכע מינוטען פון'ם שווייגען נאָך דעם ווי די לייהענשאַפט ווערט אָפּגעקיהלט...

— ליזאטשקא, טייערע, ענטשולדיגט מיר ! — האט זי זיין שטימע דערהערט.

ניט בייטענדיג די פאזע, ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ פון דעם קישען און ניט אויפמאכענדיג די אויגען, האט זי אויסגעשטרעקט די האנד איהם א גלעט צו טהאן איבער'ן קאפ, איז די האנד צוריקגעפאלען.

האט ער דעם קאפ מיט אמאל א הויב געטהאן, און דערזעהענדיג די בלאסע אויסגעשטרעקטע האנד, איז ער מיט די ליפען צוגעפאלען צו איהר און זי באדעקט מיט הייסע קושען.

— ליזאטשקא, טרייבט מיך ארויס פון דאנען !... איך האב געגען אייך געהאנדעלט געמיין... ווי א ווילדע חיה האב איך געהאנדעלט...

זי האט ביי איהם די האנד ארויסגענומען און איהם געגומען גלעטען איבער'ן קאפ און איבער'ן פנים.

— אבער דו ביזט דאך ניט בייז אויף מיר ? — האט ער זי שטיל און פארזיכטיג געפרעגט.

— ניין, — האט זי מיט'ן קאפ א מאך געטהאן.

ער האט געזעהן, ווי די האר זיינען איהר צושויבערט און ווי פון איהרע אויגען גיסען זיך טרערען. אין איהר פאזע און אין די ליניען פון איהר קערפער האט ער ניט געזעהן דעם מינדעסטען סימן פון פראטעסט. אזוי שטיל, כמעט אונטערטעניג, איז זי געלעגען און געוויינט. און דאס האט ביי איהם ארויסגערופען אזא מיטלייד צו איהר, אז טרערען האבען זיך איהם אזש געשטעלט אין די אויגען, און ער האט איהר אויסגעשטרעקטע האנד ווידער מיט הייסע קושען באדעקט.

— ליזאטשקא, וויין ניט. — האט ער זיך ביי איהר געבעטען. הער מיך אויס און פארשטעה מיך... איצט האסטו מיך געוואלט האבען, און איך האב דאס גלייך דערפיהלט... איבער העם האב איך זיך אין גאנצען פארלוירען... אט אזוי איז דאס, ליזאטשקא: גליק אדער אומגליק ברענגט א מענשען דערצו, אז ער זאל זיך פארליערען... אך, ווען דו וואלסט געוואוסט, וואס איך האב איבער־

געלעבט אין דער מינוט פון זיסען גליק !... און בעט מיך ניט, טייערע, אַז איך זאָל אין דעם פאַרגעסען... דאָס איז אומעגליך. אָבער איך ווייס... איך ווייס אַז דו האָסט ליעב ניט מיך, נאָר אַן אַנדערען...

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר צוקאָפּענס, זי צערטליך ארומגענומען און צוגעלייגט זיין קאָפּ צו איהר אַקסעל.

— דו האָסט מיך געבעטען, אַז איך זאָל דיך צערטלען און לאַשטשען, כדי דו זאָלסט זיך פאַרגעסען... אָבער מיין ליידענשאַפט האָט דעם נסיון ניט געקענט בייִשטעהן... אויב איך האָב דיין געבעט ניט פאַרשטאַנען, בעט איך דיך אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין !... ערשט איצט זעה איך איין, אַז ניט דאָס האָסטו געמיינט... ווען מיינע צערטליכקייטען וואָלטען דיר געהאָלפען פאַרגעסען אַן די צרות, וואָלט איך געווען גליקליך... אָבער אין איין זאַך מעגסטו זיין זיכער, ליזא: איך וועל דיר קיינמאָל ניט דערמאָנען אַן דעם, וואָס איז היינט צווישען אונז פאַרגעקומען... מיר זיינען אייגער צום אַנהויבען מיט גאָרניט צוגעבונדען... מיר זיינען בלויז חברים... ביז'ן קבר וועל איך זיין דיין שקלאַף ! ביז'ן קבר... ליזא... איך קען דיר ניט זאָגען, אַז אין דער מינוט ווען איך האָב דיר דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, האָב איך געפיהלט, אַז עס וועט אזוי זיין... און איצט, ליזאַטשקא, געה איך אַוועק... באַרוהיג זיך, קינד און שלאָף איין... אויב מען וועט מיך נור ניט ארעסטירען, וועל איך איבערמאָרגען אויף דערנאַכט ווידער קומען צו דיר...

מיט אַמאָל האָט זי זיך געגעבען א הויב אויף, ארונטערגעלאָזט די פיס און זיך צורעכט געמאַכט די האָר. איהר פּנים איז געווען בלאַס. און ווען ער האָט איהר קאָפּ אין זיינע הענד אריינגענומען און איהר א קוק געטהאָן אין די אויגען, האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַז זיי זיינען פּוסט און דורכזיכטיג.

עס האָט איהם געוואָרפען אין קעלט און אין היץ.

אָבער די ליידענשאַפט צו איהר האָט זיין מורא פאַרטריבען און ער האָט הייס גענומען קושען איהרע קאַלטע ליפּען...

— מיין מלאך !... מיין בלום !... מיין שעהנער טרוים !...

ער איז שוין געשטאנען אין פאָהער־צימער, ווען זי איז אהין אויך ארונטערגעגאנגען פארשליעסען די טהיר. אין דרויסען איז שוין דאָ געווען ליכטיג אזוי ווי בייטאג. אין דעם ווייסען קלייד און מיט דעם בלייכען פנים האט ליזא אויסגעקוקט ניט ווי א לעבעדיגער מענש, נור ווי א גייסט...

— אבער דו וועסט ניט זיין ברוגז אויף מיר, ליזאטשקא?

— האט זיך ביי איהם די פראגע ווידער ארויסגעריסען ווי געגען זיין ווילען...

האט זי אזוי רחמנות'דיג און חן'עוודיג דאס קעפעל אויף זיין אקסעל ארויפגעלעגט און שעהמעוודיג געזאגט:

— איך האב גאר ניט געהענקט, אז איך וועל אזעלכע זיסע מאמענטען אמאל איבערלעבען... איך האב גאר שוין געהאט גע־דענקט אוועקצוגעהן אין מאנאסטיר און ווערען א מאנאשקע...

פאטאפאוו איז רויט געווארען. דאס וואס ליזא איז ביז היינט נאך געווען א מייהעל, האט דער גאנצער פאסירונג צוגע־געבען נאך מעהר באדייטונג... ער האט זיך געפיהלט שטארק גע־שמייכעלט דערפון, וואס ער איז ביי איהר דער ערשטער געווען. דאס הארץ האט איהם אזוי אומרוהיג גענומען קלאפען. אז ער האט אזש דעם אטהעם ניט געקענט כאפען...

— און עס טהוט דיר ניט באנג, ליזאטשקא?

— איך ווייס גאר ניט. — האט זי מיט אנגסט שטיל ארויס־געשעפטשעט.

— זאל דיר ניט באנג טהאן, מלאך מיינער! א פרוי איז אלע מאל פריי... ווי א מילדע הערשערין שענקט זי איהרע צערטליכקייטען... מיר, מענער, האבען איבער אייך קיין רעכטע ניט, און איהר זייט מיט קיין זאך צו אונז ניט פארפליכטעט... את דעם זיסען מאמענט וואס איך האב היינט איבערגעלעבט האסטו מיר אוועקגעשענקט אלס א מתנה... ווען עס וועט דיר זיין שווער אויפ'ן הארצען, זאלסטו מיך רופען און איך וועל קו־מען צו דיר... אבער איך זאג דיר פריהער, אז איך וועל קיינמאל

ניט וואגען דיר צו דערמאנען, וואס עס איז היינט בייטאכט צווישען אונז פארגעקומען...

— און אייפערזיכטיג וועסטו ניט זיין ?

ער האט זיך שטיל פאנאנדערגעלאכט.

— איך וויים ניט פון אזא געפיהל, אייפערזיכטיג קען זיין אזא מאן, וועלכע באטראכט זיין געליעבטע ווי א זאך, וואס באלאנגט צו איהם... אבער איך בין ניט אזא מאן... איך... ליזאטשקא... פונקט ווי איך בין ביי דיר דער ערשטער, אזוי ביזטו ביי מיר די ערשטע. ביז איך האב דיר דערקענט, האט זיך מיר געדוכט, אז ליעבע איז בלויז א קאפריז, א זאך, וואס ניט יעדער איינער קען זיך פארגינען... און איצט... איצט בין איך א גליקליכער מענש ! איצט בין איך דער רייכסטער מענש אין דער וועלט !

מיט צוטרויען האט זי אנגעשפארט דעם קאפ און זיין ברוסט. זי האט געהערט ווי דאס הארץ האט איהם אומרוהיג געקלאפט, און אנגענעהם, זעהר אנגענעהם, איז איהר אין יענער מינוט געווען צו טראכטען אזוי :

„ווי גוט עס איז אט אזוי א דעם קאפ אנצושפארען... אט אזוי אין די אומארמונגען פון אזעלכע שטארקע הענד ! עס איז אזוי ווארים... און שטיל“...

ער איז אוועק.

זי איז ארויף צוריק צו זיך אין צימער א צופריעדענע, א שטראהלענדע. זי האט די אנגעצונדענע ליכט פארלאשען, זיך אוועקגעזעצט אויף דער וויבער זאפע און זיך פארטראכט.

איז דאס געווען א חלום, צי ניין ?

זי האט גענומען דאס שפיעגעלע פון'ם טישעל און א קוק געטהאן.

ווער קוקט דאס אויף איהר מיט אזעלכע צוויי גרויסע,ברייט פאנאנדערגעעפענטע אויגען ? געשיקט זיך אז דאס איז זי, ליזא ? די פרוי פון ניקאלאי טאבאלצעוו ? זי, וועלכע האט די נשמה אי[illegible]געבן איהר מאן'ס ברודער, אנדרעיען, און דעם

קערפער — א פרעמדען מענשען, וועלכען זי האט ערשט בלויז דריי מאל געזעהן? געשיקט זיך, אז דאס איז זי, די זעלבע ליזא? עס קען ניט זיין! ווער זשע קוקט עס פארט אויף איהר מיט אזעלכע גרויסע אויגען? ווער איז זי, די פרוי מיט דעם פארלוירענעם בליק?... זי הויבט ניט אן צו וויסען...

און זי האט זיך אויסגעצויגען אויף דער ווייכער זאפע און צוגעמאכט די אויגען.

ווען זי וואלט געווען די זעלבע ליזא וואס האט מיט דריי יאהר צוריק געהייראט מיט ניקאלאיען, וואלט זי איצט, נאך אזא איבער־לעבונג, געוויינט און געקלאגט. עס וואלט איהר אודאי שטארק באנג געטהאן פארוואס זי האט אזא גרויסע עבירה געטהאן. זי וואלט איצט זיכער געשטאנען אויף די קניע און וואלט געבעטען גאט, ער זאל איהר מוחל זיין איהרע זינד און ניט אפווענדען זיינע בליקען פון איהר.

אבער איצט איז זי שוין גאר אן אנדערע ליזא געווען...

זי האט זיך ניט געשעהמט... למאי זאל זי לייקענען? עס איז איהר דוקא געווען אנגענעהם... עס טהוט איהר ניט באנג...

ווארים זי איז שוין אויך ניט די זעלבע ליזא וואס מיט דריי חדשים צוריק, ווען טאבאלצעוו איז א חתן געווארען, געפאהרען אין קלויסטער אריין איינשטילען איהר ליידענשאפט דורך תפלות צו גאט...

יענע ליזאס זיינען געשטארבען. און איצט, נאך דער ער־שטער, שטארקער לאסקע פון א מאנסביל, איז זי געווארען אן אנדער ליזא, א נייע, וועלכע קיינער און אפילו זי אליין, קענען נאך ניט... און די נייע ליזא וועט שוין ניט זיין קיין אומגליקליכע, קיין עלענדע...

זי האט זיך דערמאנט, ווי פול איהר גאנצער וועזען איז געווען אין יענעם מאמענט, ווען זי האט דארטען, אין פאדער־צימער, אנגעשפארט דעם קאפ אן זיין ברוסט... ווי צערטליך ער האט זי אין זיינע שטארקע ארעמס געהאלטען! אט דאס הייסט גליק! אט דאס הייסט בארוהיגען א טראנק, אנגעווענטאגטע,

צוריסענע נשמה ! דאס האט זיך דאך פאר איהר א גאנצע וועלט געעפענט... קען זי זיך ענטזאגען פון אזעלכע זיסע און אנגענעהמע איבערלעבונגען אין חער צייט ווען דער מענש, וועמען זי האט ווירקליך ליעב, צערטעלט גאר אן אנדערע ?

ניין, זי דארף זיך דערפון ניט ענטזאגען !

זי האט געעפענט די אויגען און אויפמערקזאם, ווי א נייעס, באטראכט דאס צימער. אלעס איז אויפ'ן זעלבען פלאץ געשטא־נען. קיין זאך האט זיך ניט געענדערט... עס איז בלויז איהר לעבען האט זיך געענדערט... און אזוי מיט אמאל, אין איין אוי־גענבליק... עפעס אזוי ווי א ווירבער וואלט זיך אין איהר נשמה ראפטאם אריינגעריסען און אנגעמאכט א גאנצע איבערקערעניש... פון די אלע פריהערדיגע געפיהלען און באגריפען זיינען בלויז רעשטלאך פארבליעבען, און זי האט גענוג מוטה אויף אט די אלע רעשטלאך צו קוקען מיט א קאלטען שמייכעל...

און זי האט זיך דערמאנט א פאסירונג פון איהרע קינדער־יאהרען.

דאס איז געווען דאן ווען זי איז נאך א קליינע מיידעלע גע־ווען. איהר פאטער א רייכער מאן, וועלכער האט צופיעל ליעב געהאט דעם ביטערען טראפען, האט זיך איינמאל שפעט ביינאכט אומגעקעהרט אהיים טויט־שכור און גענומען קאמאנדעווען אויף א ווילדען שטייגער... די מוטער האט ער גע'הרג'עט־געשלאגען, אויף די קינדער האט ער דאן א שרעק ארויפגעווארפען און זיי האבען זיך אין די ווינקעלאך פארדרוקט... דאמאלט האט זיך ליזא אויך באהאלטען אין א ווינקעלע, זיך פארשטעלט די אויערען און צוגעמאכט די אויגען, כדי זי זאל קיין זאך ניט הערען און ניט זעהן... און דערנאך, ווען אין שטוב איז שוין שטיל געווארען, און חער טאטע איז שוין ווי א דער'הרג'עטער געלעגען אין בעט, האט זי די אויגען געעפענט און דערזעהן פאר זיך אויף דער וואנד עפעס אזא הויכע, שווארצע פיגור... ניט טויט און ניט לעבעדיג האט זי דאן ניט מיט איהר קול געגעבען א קוויטש. און ווען די דיענסט איז אריינגעלאפען און געפרעגט וואס דא איז, האט זי

איהר אן איבערגעשראקענע אנגעוויזען אויף דער שווארצער פי־גור... האט זיך די דיענסט פאנאנדערגעלאכט:

— דו נארישע קינד, דאס איז דאך דעם טאטענס טולופ!...

און זי, אזא נארישע מיידעלע, האט געמיינט אז דאס איז א רוח...

דעם זעלבען געפיהל האט זי איצט אויך איבערגעלעבט. מיט אמאל האט זי זיך באפרייט פון אזוי פיעל שוועריגקייטען, וואס האבען אזא לאנגע צייט איהר נשמה געדריקט. און זי האט זיך אליין אין דערהויך געזאגט:

— דאס גאר?...

זי האט זיך אליין פאנאנדערגעלאכט:

— דאס גאר...

און מיט א צופריעדענעם שמייכעל אויפ'ן פנים איז זי איינ־געשלאפען.

צוואנציגסטער קאפיטעל

אויפגעכאפט האט זי זיך, ווייל עס האט זיך דערהערט א שטארקער קלאפ אין טהיר. די דיענסט האט דעם קאפ אינוועניג אריינגערוקט:

— וואס איז מיט אייך, פריצה לעבען? עס איז דאך שוין צוועלף אזייגער.

ליזא האט זיך אויפגעזעצט, זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. אויף איהר פנים איז ניט געווען דער מינדעסטער סימן פון חרטה...

ווי לעבעדיג איז איהר איצט פאר די אויגען געשטאנען טא־באלצעוו'ס פנים. „איך האב איהם דאך ליעב און וועל איהם קיינמאל ניט אויפהערען ליעבען!" — האט זי זיך אליין גע־זאגט. — עס איז ניט מעהר. איצט וועט מיר זיין גרינגער צו לע־בען אהן איהם"...

און וועגען פאטאפאוו'ן האט זי אזוי געקלעהרט:

„איהם האָב איך אויך ליעב... איך ווייס אָבער ניט ווי אַזוי איך האָב איהם ליעב... אָבער וואָס איז דער חילוק — אַבי עס איז מיר גוט"...

זי איז אַראָפּ פון׳ם בעט און זיך פרעהליך פאַנאַנדערגעלאַכט.

עס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהר אַ לעבען. אַ שפּאָגעל נייער, אינטערעסאַנטער לעבען!

נאָכדעם ווי זי האָט זיך שוין אָנגעטהאָן, איז זי אוועקגע־פאָהרען אין דעם אַנדערען עק שטאָדט, צו הער נייטאַריון, וואָס פּאַטאַפּאָוו האָט איהר געהייסען זעהן.

לויט די סימנים וואָס פּאַטאַפּאָוו האָט איהר אָנגעגעבען, האָט זי דאָס הויז גלייך דערקענט און זי האָט זיך געלאָזט געהן אַהין. זי איז אריין אין הויף.

— וועמען דאַרפט איהר, פריצה? פּעקלאַ׳ן? — האָט זי אַ קליינע כוואַטסקע מיידעלע געפרעגט. — אָט דאָ אַ וואוינט זי.

ליזא איז אריינגעגאַנגען אין אַ פינסטערען קאָרידאָר און אָנ־געקלאַפּט אין טהיר.

אין דעם צימער ווי פּעקלא האָט געוואוינט, איז געווען ריין און ציכטיג, כאָטש עס איז גלייך געווען קענטיג, אַז די אָרימקייט איז דאָ זעהר גרויס. אויפ׳ן אויזוועלע האָט עפּעס געזאָדען. אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך געשפּיעלט אַ קליינע באָרפוסע מיידעלע, און אין אַ געפלאָכטענע וויעגעלע, וואָס האָט געהאָנגען פון דער סטעליע, איז געלעגען אַ קליין קינד.

ליזא איז געבליעבען שטעהן ביי דער שוועל. די בעל הבית־טע, אַ שלאַנקע בלייכע פרוי, האָט אויף איהר נייגעריג אַ קוק געטהאָן.

— איהר זענט דאָס פּעקלא?

— יאָ, דאָס בין איך... וואָס האָט איהר געוואָלט? — האָט זי קאַלט געפרעגט ליזא׳ן.

— איך בין געקומען צו אייך מיט אַ שליחות פון אייערען אַ פריינד, פון ניקאָלאַי פּיאָדראָוויטש...

— אה!... ; זיצט! איך ווארט שוין טאקע לאנג אויף איך... — זי האט שנעל דאס פענסטער צוגעמאכט, אבגעשטויבט דעם שטוהל מיט'ן פארטוך און איהם צוגערוקט דעם גאסט. — ענטשולדיגט מיר פארוואס עס איז ניט אויפגערוימט. — האט זי מיט א שמייכעל געזאגט, ווישענדיג זיך די הענד אן פארטוך. — איך בין פארנומען מיט'ן קאכען אנבייסען, און דערפאר האב איך זיך ניט געקענט אנטהאן ווי עס באדארף צו זיין.

ליזא'ן איז פעקלא'ס פנים שטארק געפעלען געווארען. באַזאנדערס זיינען איהר געפעלען פעקלא'ס אויגען, דער שטערן, די ברעמען און די פעך־שווארצע האר.

עס איז גלייך קענטיג געווען, אז דאס איז א פרוי מיט א מעחק־ווירדיג שטארקען כאראקטער, וואס שרעקט זיך ניט אפ פאר קיין זאך. און אויף דעם חשבון, איז ליזא'ן שוין איינגעפאלען אזא געדאנק

„אזא פרוי איז אויף אלעם פעהיג. עס איז זיכער, אז ווען זי וואלט געהאט א שלעכטען מאן, וואלט זי מיט איהם קיין סך טענות ניט געמאכט און וואלט איהם דערווארגען“...

קיין צעהן מינוטען זיינען ניט אוועק, און ביידע פרויען האַבען שוין צווישען זיך גערעדט ווי צוויי אלטע גוטע פריינדינעס. ווארים פעקלא, כאטש זי איז געווען א פשוט'ע פרוי, האט שטארק ליעב געהאט שעהנע פנים'ער, און דערפאר איז איהר ליזא גלייך געפעלען געווארען.

— ווילט איהר אפשר טרינקען א גלעזעל טהע? — האט זי געפרעגט ליזא'ן. — אט וועל איך שוין אויפזידען דעם סאמאוואר.

— מיט פארגעניגען! — האט ליזא געענטפערט, כאטש זי האט איצט דוקא קיין טהע ניט געוואלט. זי האט אבער ניט געוואלט אפזאגען דער ערשטער חבר'טע, מיט וועמען פאטאשוו האט זי צונויפגעפיהרט...

אין דער צייט ווען די בעל הביתטע האט זיך געפארעט מיט'ן סאמאוואר, האט ליזא גענומען דאס קינד אויף די הענד און זיך געשפיעלט דערמיט.

— איהר האָט ניט קיין קינדער ? — האָט פעקלאַ געפרעגט, צושניידענדיג אַ לעמאָן.

אין ליזאַ רויט געוואָרען און אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

— פון קינדער האָט מען אַ סך פאַרגעניגען, — האָט פעקלאַ ווייטער גערעדט. — אָבער אין דער זעלבער צייט נעהמט מען אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט. ובפרט נאָך אַזעלכע מענשען ווי מיר, וואָס היינט זיינען מיר פריי און מאָרגען אַרעסטירט מען אונז... עס איז נאָך גוט, וואָס איך האָב אַ מוטער. ווען מען וועט מיך אַרעסטירען, וועל איך די קינדער איבערלאָזען ביי איהר... און אַט דאָס מיידעלע זעהט איהר ? איך האָב זי געבויהרען אין טורמע...

— וואָס ? איהר זייט געזעסען אין טורמע ? — האָט ליזאַ אַן ערשטוינטע געפרעגט.

— נאָך ווי אַזוי געזעסען ! אַ האַלב יאָהר צייט. און שיער שיער האָט מען מיך קיין סיביר פאַרשיקט... דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען מען האָט איהם, ניקאָלאַי פעטראָוויטש׳ען פאַרשיקט אין סיביר. — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאַ האָט ליזאַ געפונען אַ געלעגענהייט צו ריידען אַביסעל וועגען פאָטאָפּאָוו׳ן. און זי האָט געפרעגט :

— איהר קענט איהם שוין לאַנג, ניקאָלאַי פעטראָוויטש׳ען ?

— שוין זיעבען יאָהר — האָט פעקלאַ געענטפערט. — ער איז געווען מיין לעהרער, מיין וועג־ווייזער. פריהער איז ער געוועזען מיין חתן׳ס לעהרער, און דערנאָך האָב איך אויך באַקומען חשק צו לערנען. ווען ער ערקלעהרט עפּעס אַ זאַך, קען דאָס אפילו אַ קינד פאַרשטעהן. און עס גלוסט זיך צו הערען און צו הערען... ובפרט ווען ער הויבט אָן רעדען וועגען דער צוקונפטיגער אָרדענונג, איז יעדער וואָרט זיינער אַ פּערל... מען קען ניט בלייבען גלייכגילטיג ווען מען הערט איהר רעדען. איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס — אַלע מאָל נאָך זיינער אַ רעדע האָב איך געפיהלט ווי צו וויינען און צו לאַכען אין דערזעלבער צייט... אַ מאָדנער

כשוף ליעגט אין זיינע ווערטער; זיי צינדען אן א פייער אין האר־צען, מען באקומט מוטה, דרייסטקייט און מען איז גרייט אויף אלעס. איינמאל האב איך נאך זיינער א רעדע געטראגען די רויטע פאהן אין א דעמאנסטראציע. מיין חבר'טעס חתן האט מיר אויך ארויסגעהאלפען. דאן האט מען אויף מיר געשאסען, אבער געטראפען האט מען מיין חבר'טעס חתן און מען האט איהם דער־הרג'עט.

ליזא האט זיך מיט שרעק א כאפ געטהאן:

— וואס? מען האט איהר דער'הרג'עט?

— אודאי האט מען איהם דער'הרג'עט! מיר זיינען ביידע געגאנגען דערויף, דער'הרג'עט צו ווערען... וואס דען מיינט איהר, אז א דעמאנסטראציע איז עפעס א שפיעלכעל? א דעמאנסטרא־ציע הייסט קוקען דעם טויט גלייך אין די אויגען אריין, ריזיקירען מיט'ן לעבען יעדע מינוט... אבער דאס איז כדאי! ווי מוטהיג און בראוו מען פיהלט זיך אין יענעם מאמענט! מען ווערט איינ־פאך פער'שכור'ט פון בעגייסטערונג...

— און אייער חבר'טע האט געוויינט, ווען מען האט איהר חתן דער'הרג'עט? — האט ליזא געפרעגט.

— אודאי האט זי געוויינט. נאך ווי אזוי געוויינט! — האט פעקלא געענטפערט. — און וואס איז דער חידוש? זי האט איהם זעהר שטארק ליעב געהאט, און דאס איז געוועז גלייך נאך זייער פערלאבונג... ווען איהר וואלט געזעהן וואס פאר א שעהנע מיידעל זי איז! אין דער פאבריק האט זי זיך צווישען אלע מייד־לעך אנגעזעהן... אלע האבען איהר אויגען געוואָרפען, ווייל זי איז טאקע געוועזן שעהן ווי די זון... און איהר חתן — נאך גאר א יונגער בחור'ל געוועז. און זעהר א שעהנער... ווען מען האט איהם דער'הרג'עט, איז זי שיער פון זינען ניט ארונטער... איינ־מאל איז זי געקומען צו לויפען צו מיר א בלאסע, אן אויפגערעגטע און גענומען וויינען פאר מיר: „פעקלא", — מאכט זי אזוי צו מיר מיט א ציטערדיגע שטימע. — „גיב מיר א רעוואלווער"! — צו וואס דארפסטו דאס? — פרעג איך זי. — „איך מוז", — זאגט זי.

— „אומיצען דער׳הרג׳ענען... איך מוז נקמה נעהמען, ווייל... ווייל אהן איהם קען איך ניט לעבען“... און ווי זי רעדט אזוי געברענט זי ווי א פייער... איך האב געזעהן, אז דא מוז עפעס ניקאטהאן ווערען. האב איך זי גענומען און אוועקגעפיהרט צו לאי פעטראוויטש׳ען און געזאגט צו איהם אזוי: „טאווארישטש, דא האט איהר א נייע טהועריז פאר דער בעוועגונג... ווייזט איהר אן א וועג און זי וועט שוין געהן“...

— און וואס טהוט זי איצט? — האט ליזא נייגעריג געפרעגט.

— זי אגיטירט צווישען די ארבייטער אין די פאבריקען, — האט פעקלא געענטפערט. — און מיט וואס פאר א ברען זי פיהרט דאס אן די אגיטאציע! קיין זאך שרעקט זי איצט ניט אפ. פאר קיינעם האט זי קיין מורא ניט און זי בעט זיך אליין אז מען זאל איהר געבען די געפעהרליכסטע ארבייטען. און וויפיעל האט זי פיהלט איצט צו די אלע אונטערדריקער!

— און ווי איז אין טורמע? — האט ליזא נאך א קורצען שווייגען געפרעגט. — עס מוז זיין זעהר שלעכט צו זיצען אין טורמע...

— געשמאק איז דאס ניט... ווען איך האב דאס קינד אין טורמע געבוירען, איז מיר געווען זעהר שלעכט... אבער, עס איז ניט געפעהרליך. אבי מען לעבט, טראגט מען אלעס אריבער... צוואנציג מענשען זיינען מיר אין איין קאמער געזעסען. בלויז פינף זיינען געווען רעוואלוציאנערען, און די איבעריגע — גנבים, רובער און אויסגעלאסענע פרויען... נו, ס׳פערשטעט זיך, אז אזעלכע מענשען האבען צווישען זיך קיין שלום ניט געקענט האלטען, האט מען זיך שטענדיג ארומגעריסען, זיך געקריעגט. אבער מיר האבען געפונען א וועג ווי צו אפעלירען צו דער דאזיגער חברה אויך, און מיר האבען צווישען זיי אויך אנגעפיהרט אן אגיטאציע... זיי פלעגען די ערשטע צייט לאכען פון אונז, אונז זידלען מיט די ערגסטע ווערטער. אבער מיר האבען זיך געטהאן אונזערם און גע׳טענה׳ט צו זיי אזוי: „נארישע מענשען וואס איהר זייט! פארוואס פערשטעהט איהר ניט, אז איהר זיינט ניט קיין שלעכטע

מענשען, קיין אויסוואורפען, נאר אונגליקליכע מענשען, וועמען די נויטה האט געטריבען צו זיין דאס, וואס איהר זיינט... און מיר אלע מענשען זאלען זיין גליקליך און עס זאל זיי קיין זאך ניט פעהלען. טו פארוואס־זשע זידעלט איהר אונז? פארוואס פאלט איהר אן אויף אונז? שטעלען מיר דען ניט איין אונזער לעבען פאר אייך? ווערען דען אונזערע חברים ניט פערשיקט קיין סיביר איבער דעם, וואס זיי קעמפפען פאר א בעסער לעבען פאר אלע אונגליקליכע און געקריוודעטע מענשען?" און וואס מיינט איהר איז געווארען? אונזער ריידען איז ניט געווען אומזיסט. מיר האבען אזוי לאנג גערעדט איבער זיי, ביז זיי זיינען גאר אנדערע מענשען געווארען, און ניט איינמאל האבען זיי זיך ווי די קליינע קינדער צוואויינט... „ערשט איצט זעהען מיר איין, אז מיר האבען די גאנצע צייט געלעבט אין דער פינסטער און גאר ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט מיר זיינען... מיר אליין פארשטעהען גאר ניט... ווי די בלינדע שאף לאזען מיר זיך פיהרען... טו זייט איהר אונזערע וועג־ווייזער, אונזערע לעהרער".

ליזא האט שוין געהאט אויסגעטרונקען איהר גלאז טהע, אבער זי האט נאך קיין חשק ניט געהאט אוועקצוגעהן. עס האט זיך איהר געגלוסט צו ריידען נאך און נאך מיט דער פרוי, וועלכע איז פאר איהר געווען א נייעס.

— און איהר ארבייט אויך אין א פאבריק? —האט זי גע־פרעגט פעקלא'ן.

— איך וואלט אודאי געארבייט, ווייל מיין מאן פערדיענט זעהר ווייניג, — האט פעקלא געענטפערט, — אבער מען וויל מיך אין קיין פאבריק ניט צונעהמען. אט אזוי איז דאס שוין: אבי מען פאלט איינמאל אריין און מען זיצט אפ אין טורמע א שטי־קעל צייט, וויל שוין קיין פאבריקאנט ניט צונעהמען. און עס קומט אויס, כאטש ציה זיך אויס אין מיטען גאס און שטארב פאר הונגער... וואס־זשע קען איך טהאן? ביז איך געווארען א נייי־טארין. מיין מאן פערדיענט צו ביסלעך, און אזוי קומען מיר אויס ווי עס איז... אמאל בעקומען מיר אביסעל שטיצע פון דער פאר־

טיי, אבער מיר סטארען זיך מיט אלע מעגליכקייטען צו דער פארטיי ניט אנצוקומען, ווייל אין דער פארטיי אליין איז אויך א מאנגעל אין געלד.

— און וועגען דעם בין איך טאקע צו אייך געקומען — איז ליזא צוגעגאנגען צום עיקר. — איך וויל אייך געבען א ביסעל געלד פאר דער פארטיי.

— אבער איך קען ביי אייך דאס געלד ניט נעהמען. וועגען דעם מוזט איהר זיך זעהן מיט מאניא'ן...

— מיט וועמען? מיט מאניא'ן? ווער איז די מאניא?

— וואס? איהר ווייסט גאר ניט ווער מאניא איז? געשיקט זיך, אז ניקאלאי פיאדאראוויטש האט אייך וועגען איהר גאר ניט דערצעהלט?

— דוכט זיך, אז ער האט מיר יא עפעס וועגען איהר דער־צעהלט — האט ליזא פערלעגען געענטפערט. — אבער סאי ווי סאי גיט מיר איהר אדרעס...

פעקלא האט איהר דעם אדרעס געגעבען און איהר אנגעזאגט די סימנים פון'ם הויז:

— דארטען הענגט א שילד אין דרויסען מיט אן אויפשריפט: „מאניא מאיסקי, די שניידערין". זי איז א אידישע מיידעל... זעהר א סימפאטישע און א וואוילע. אלע זונטאג קומען מיר זיך אהין צונויף אבהאלטען א פערזאמלונג, און הייסען הייסט עס, אז מיר קומען אהין מעסטען קליידער וואס זי נייהט פאר אונז...

ליזא האט געגאפט. די שניידערין מאיסקי האט זי גראדע געקענט, ווייל זי האט ניט איינמאל פון פימא'ן געהערט, אז זי איז זעהר א גוטע שניידערין און נייהט קליידער לויט דער לעצטער מאדע. און זי האט א פערוואונדערטע געפרעגט:

— איז זי גאר אויך אין דער פארטיי? טאקע?

פעקלא האט זיך פאנאדערגעלאכט:

— נאך ווי אזוי אין דער פארטיי! און פאר ניקאלאי פיא־דאראוויטש איז זי גרייט אין פייער און אין וואסער צו שפרינ־

נען!... איהר וואונדערט זיך ווי ער קומט צו איהר? גאנץ איינ־פאך: זי האט א שוועסטער א סטודענטקע. די שוועסטער האט א חתן א סטודענט, ניקאלאי פיאדאראוויטשעס א פריינד. נו, זיי־נען זיי אזוי בעקאנט געווארען. און ווען איהר וועט שוין זיין ביי מאניא'ן, זאלט איהר דארטען זעהן בעקאנט ווערען מיט נאך איי־נער פון אונזערע, מיט איינער א פעלדשעריצע, בעזסאנאווא הייסט זי... זעהר אן אינטערעסאנטע מיידעל.

— און איהר האלט דארטען אפ פערזאמלונגען אפט?

— אודאי. מיר האבען איצט א מאסע מיט ארבייט, מוזען מיר זיך צונויפקומען וואס אפטער... אויסארבייטען פלענער, צו־גרייטען אלעס... און מאניא'ס וואהנונג איז פאר אונז ווי געוואונ־שען. עס קען אויף אונז ניט פאלען קיין חשד, ווייל מען מיינט, אז מיר געהען אהין צוליעב שניידעריי...

ליזא איז אויפגעשטאנען ווי א פער'כשופ'טע נאך די אלע זאכען, וואס פעקלא האט איהר דערצעהלט. דער ערשטער געדאנק איהרער איז געווען:

ווי האט ער זיך געקענט פערליעבען אין מיר, קענענדיג אזוי פיעל אינטערעסאנטע פרויען?... וואס בין איך אין פערגלייך מיט זיי?...

— און איהר אליין זיינט דא זיכער? — האט ליזא געפרעגט, אנטהאענדיג די הוט אנטקעגען שפיעגעל.

— נאך ווי אזוי זיכער! — האט פעקלא געענטפערט. — איך פיהל זיך דא ווי אין א קעניגרייך! דער בעל הבית פון'ם הויז, אן אריימער שוסטער, וואלט פאר מיר קיין זאך בארשטש ניט אוועק־געגעבען. און אזוי אלע שכנים. זיי האלטען פון מיר זעהר שטארק און זיינען אין אלע צייטען גרייט זיך איינצושטעלען פאר מיר... דאך האלט איך ביי זיך אין הויז גארניט, ווייל נאך אלעמען בין איך דאך אונטער א פערדאכט ביי דער פאליציי...

ביים געזעגענען זי האבען איינע דער אנדערער ווארים די האנד געדריקט. פעקלא האט ליזא'ן נאכגעקוקט לאנג, ביז זי איז אין

גאַנצען פערשוואונדען און מען האָט זי שוין משהר ניט געקענט זעהן.

פאַרנאַכט איז ליזאַ געקומען צוריק אויף דער דאַטשע. און ווען מען האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס זי איז נעכטען געבליבען אין שטאָדט, האָט זי אַזוי רוהיג און קאַלטבלוטיג געענטפערט, אַז זי האָט ניט געקענט קומען נעכטיגען, ווייל זי איז געווען זעהר מיעד...

זי האָט זיך אַליין געוואונדערט דערויף, וואָס זי האָט אַזוי קאַלטבלוטיג און מיט אַ גרינג האַרץ אַזאַ ענטפער געגעבען. אָבער עס איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען, ווייל איהר לעבען איז איצט אין גאַנצען געווען אַנגעפילט מיט טרוימען און ניט מיט דער ווירקליכקייט...

ביים עסען האָט זי אַלע מאָל נייגעריג געכאַפּט אַ קוק אויף איהר מאַן און דערביי האָט זי זיך געטראַכט, אַז איהם, אָט דעם אַנגעגעסענעם סוחר'ל, וואָלט זי זיך אויף קיין פאַל ניט געקענט איבערגעבען... אַ סקרוך און אַן עקעל איז איהר איבער'ן גאַנצען קערפּער דורכגעלאָפען ביים געדאַנק, אַז צווישען איהר און אָט דעם מאַן וואָלט געקענט פּאַרקומען דאָס, וואָס עס איז פאַרגעקומען צווישען איהר און פּאַטאַפּאָוו'ן...

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? — האָט ניקאָלאַי אַ ברוגז'ער געפרעגט.

האָט זי אַ שמייכעל געטהאָן:

— גאָרניט... גלאַט אַזוי... קענסט ביי מיר פועל'ן, אַז איך זאָל אויף דיר אין גאַנצען ניט קוקען...

— זאָלסטו טאַקע ניט קוקען! — האָט זיך ניקאָלאַי נאַריש געבייזערט. — אַנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגען און קוקט...

ער האָט זיך געקאָכט, דער זאַטער סוחר'ל, און אַליין ניט גע־וואוסט וואָס ס'טהוט זיך מיט איהם. וואָרים נאָך מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק, נאָך דעם ווי ליזאַ איז צוזאַמען מיט זיין מוטער געקומען פון'ם קלויסטער, וואו זיי האָבען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד געבעטען גאָט, אַז ער זאָל איהר איהרע זינד מוחל זיין און איהר העלפען פערגעסען אַן אַנדריושאַ'ן, האָט איהם די מוטער געזאָגט,

אז זי האָט שוין ביי ליזא'ן גע'פועל'ט אז זי זאָל מיט איהם לעבען ווי א פרוי מיט אַ מאַן... דאמאָלט האָבען זיך ביי איהם פון מויל ארויסגעריסען די ווערטער „דאנקען גאָט!" און ביי זיך האָט ער שוין געהאט בעשלאָסען, אז באלד נאָך דעם ווי זי וועט זיך איהם איבערגעבען, וועט ער זי קודם כל אויספּאטשען. און ער האָט שוין אפילו מיט זיך אַליין גערעדט אזוי:

„דאָס ערשטע וועל איך איהר צופלעכטען דעם קובליק און זי גוט אָנרייסען ביי די האָר, און דערנאָך וועל איך זי גוט אויס־פּאַטשען... דאן וועט זי האָבען דרך ארץ פאר מיר... איך וועל איהר ארויסשלאָגען דאָס משוגעת פון'ם קאָפּ".

אָבער פון זיין פּלאַן איז גאָרניט געוואָרען. ליזא האָט ניט נור ארויסגעוויזען דעם מינדעסטען אינטערעס צו לעבען מיט איהם ווי מיט אַ מאַן, נור זי האָט איהם כמעט ווי גאָר ניט בעמערקט און ווען עס איז איהר שוין יאָ אמאָל אויסגעקומען אויסצוריידען מיט איהם אַ וואָרט, האָט זי געקוקט אויף איהם פון אויבען אראָפּ. און דאָס האָט ניקאָלאַיען אזוי געקרענקט, אז ער האָט זיך גאָר ניט אויפגעהערט צו קאָכען.

— אַזאַ שקאָפּע!... אַזאַ...

און געקאָכט האָט ער זיך ניט דערפאר, וואָס ליזא איז איהם אזוי שטארק געפעלען, אז ער האָט געגארט נאָך איהר קערפּער. ניין, ער האָט דוקא אין ליזא'ן קיין שעהנקייט ניט געזעהן; פאר איהם, דער אויסגעלאָסענעם מאָסקווער רייכען סוחר, וועלכער האָט אין אַ פרוי געזוכט ניט מעהר ווי קערפּער, איז ליזא געוועזען צו מאָגער... און אויסגעהונגערט נאָך אַ פרוי איז ער אויך ניט גע־וועזען; ער האָט גאָר געהאט אַ געליעבטע, עפּעס אַ גראָבע, דיקע מויד, פאר וועמען ער האָט אין אַ האָטעל אַ שעהנעם צימער גע־דונגען און איהר געגעבען געגוג געלד אויף צו לעבען... צו איהר, צו יענער דיקער מויד, פלעגט ער זעהר אָפט קומען, זיך אָנ'שכור'ען מיאוס און פערברייינגען מיט איהר נאָך מיאוס'ער... און עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז ווען ליזא וואָלט מיט איהם יאָ אנגע־

הויבען וואהנען, וואלט זי איהם באלד דערעסען און זיין דיקע מויל וואלט ער זיכער ניט אויפגעגעבען... און דאך...

דאך האט עס איהם געקריינקט פארוואס ער קען זיך צו איהר ניט צוריהרען, פארוואס זי קוקט זיך גאר ניט אום אויף איהם. און ער האט זיך געערגערט:

— אזא מאלפע! אזא איינגעדארטע כראנדיע!... ווארט, ווען איך וועל זיך צו דיר דערשלאגען, וועסטו מיך האבען צו געדענקען!...

— מארגען וועל איך ווידער בלייבען נעכטיגען אין שטאדט.

— האט ליזא געזאגט ביים עסען, ניט קוקענדיג אויף קיינעם.

פאר איהם איז דאס גראד געווען גוט, ווייל אויף מארגען האט ער זיין געליעבטער פערשפראכען פערברענגען מיט איהר א גאנצע נאכט. אבער פערדראסען האט עס איהם פארט, און ער האט ניט געקענט צוקלייבען קיין פאסיגווארט מיט וואס זיין פראטעסט אויסצודריקען.

נאכ'ן עסען איז ער א בייזער אריינגעגאנגען צו איהר אין צימער, וואו זי איז געמיטליך געלעגען אויף דער ווייכער זאפע.

— זאג מיר וואס פאר געשעפטען האסטו אין שטאדט, וואס דו בלייבסט דארטען נעכטיגען? — איז ער מיט אמאל ארויס מיט לשון.

— און אז איך וועל דיר ניט זאגען?

— וואס הייסט דו וועסט מיר ניט זאגען? — איז ער געוואָרען אן אנגעצונדענער. — דו נארישע קוה! וואס בין איך דיר א מאן צי ניין?

אויף ליזא'ס פנים האט זיך א איראנישער שמייכעל פערשפרייט.

— פאר דער וועלט הייסט עס, אז דו ביזט מיין מאן... — האט זי איהם מיט פעראכטונג צוגעווארפען.

ניקאלאי איז געווארען ווילד ווי א טיגער:

— דו אויסברייגגערין! דו פערשאלטענע מיאוס'ע קלאפטע

וואס דו ביזט! שוין זאלסטו מיר זאגען, וואו דו טהוסט אהין דאס געלד!

— דאס געלד איז מיינס! — האט איהם ליזא איבערגעשלאגען, ניט ריהרענדיג זיך פון ארט... — איך קען דערמיט טהאן וואס איך וויל... איך וועל וועלען, וועל איך מיין געלד קויפען גאנץ מאסקווא, איך וועל וועלען, על איך דאס געלד אין ים ארייננווארפען... דאס איז מיין געלד, און איך קען דערמיט טהאן וואס איך וויל... און עס איז ניט דיין עסק!

— וואס? עס איז ניט מיין עסק?? וואס מיינסטו דערמיט? איך וועל דיר ווייזען, דו פאסקודסטווע, וואס דו ביזט! אט כאפ איך דיך אן ביי די האר און איך וועל זיי דיר אויסרייסען!...

זיינע געשרייען האבען ליזא'ן געגעבען א טראג אונטער. אין איין אויגענבליק האט זי זיך געגעבען א זעץ אויף, און מיט כעס אויסגעשריען, קריצענדיג מיט די צייהן:

— פאשאל וואן!

ניקאלאי איז געבליבען שטעהן א פערציטערטער. און ווען ער האט דערזעהן ווי זי שטעהט אויף און קוקט אויף איהם מיט אזוי פיעל פעראכטונג, האט ער זיך גענומען רוקען צוריק.

— ארויס! — האט זי נאך מיט מעהר כעס אויסגעשריען, מאכענדיג א שפאן צו איהם. — שוין זאלסטו ארויסגעהן פון דאנען, און קיינמאל זיך ניט דערוועגען אריינקומען צו מיר אהן אן ערלויבניס! דו הערסט?... און אויב ניט, איז — נא!

זי האט שנעל געגעבען א לאז ארונטער די האנד אין קעשענע, און עפעס אז ניקאלאי האט ניט געקענט זעהן וואס דאס איז, א רעוואלווער צי א מעסער. עס האט איהם בלויז פאר די אויגען א בליסטשע געטהאן, און א דערשראקענער אויף טויט האט ער זיך מיט די פלייצעס צו דער טהיר גענומען רוקען.

— וואַרט, איך וועל דיר ווייזען, דו פאסקודסטווע! — האט ער פון צווישען די צייהנער ארויסגעברומט, ווען ער איז שוין ביי דער טהיר געווען, און זיך פארזיכטיג און שנעל ארויסגערוקט. — וואַרט, איך וועל דיר ווייזען!

ליזא האט זיך אויפ'ן קול פאנאנדערגעלאכט גלייך איהם אין פנים אריין...

ערשט אין עס־צימער האט זיך ניקאלאי דערפיהלט אויסער גע־פאהר און ער האט געכאפט דעם אטעם.

אבער נאך איידער ער האט אוספעיעט ווי געהעריג איז דעם אטהעם צו כאפען, האט זיך די טהיר פון'ם צימער געעפענט און ליזא איז אריינגעגאנגען. זי איז געבליבען שטעהן ביי דער שוועל און מיט א איראנישען שמייכעל געקוקט אויף איהם, אזוי ווי זי וואלט איהם אין גאנצען מבטל געווען. פון איהרע אויגען האט מען געקענט ארויסלייענען די ווערטער:

„אויך מיר א מענש!“...

ווי ער האט זי נור דערזעהן, האט ער זיך שוין געוואלט לאזען ארויסגעהן אויפ'ן באלקאן, אבער ער האט זיך אנגענומען מיט מוטה און ווידער מיט גיפט א זאג געטהאן:

— האסט שוין אודאי געפאקט א געליעבטע, הא?

— און אז יא איז וואס? — האט זי זיך פאנאנדערגעלאכט גלייך איהם אין פנים אריין — אויב יא, וועסטו אודאי פאדערען אבטרעט־געלד, הא? אלעס איז דאך ביי דיר א געשעפט, ביי וואס מען קען כאפען א פערדיענסטעל... נו, זאג וויפיעל ווילסטו? פינף טויזענד? צעהן טויזענד? פופצעהן טויזענד?

ער האט דארויף גארניט געענטפערט. די אונטערשטע ליפ זיינע האט עפעס אזוי מיאוס אראפגעהאנגען און זיינע אויגען האבען געפינטעלט...

— אויב דו אליין ווייסט ניט וואס פאר א פרייז צו בעשטימען,

— האט זי איהם מיט א שטאך געזאגט, טא געה היינט צו דיין פאניטשקא'ן, צו דער גראבער מויד און האלט זיך מיט איהר אן עצה וועגען דעם... זי וועט דיר שוין זאגען, וויפיעל דערפאר צו פאדערען...

מעהר האט זי איהם ניט געהאט וואס צו זאגען, און זי האט צוריק פערמאכט די טהיר הינטער זיך.

ניקאלאי האט אין דער מינוט אויסגעקוקט אזוי נאריש און

לעקישעוואטע, אז עס איז גאר אונמעגליך געוועזן זיך איינצוהאלטען און ניט לאכען. ער איז געוועזן בייז, אויפגעטראגען, און פערדראסען האט איהם שטארק אויף פימא'ן, אויף דער שוועגעריז, ווייל ער האט פערשטאנען, אז זי האט דאס דערצעהלט ליזא'ן, אז ער האט א געליעבטע, וועלכע הייסט פאניטשקא...

— ווארט, ווארט! — האט ער מיט'ן קולאק געסטראשעט די צוגעמאכטע טהיר — ווארט, איך וועל דיר ווייזען, דו פאסקודסטווע!...

איין און צוואנציגסטער קאפיטעל.

מיט א פאר טעג שפעטער האט ליזא פון באנק ארויסגענומען זיעבען טויזענד רובעל. פינף טויזענד האט זי אוועקגעפיהרט צו מאניא'ן און צוויי טויזענד האט זי געלאזט ביי זיך.

אין דער צייט ווען ליזא האט געפיהרט דאס געלד צו מאניא'ן, איז ביי יענער אין הויז פארגעקומען א פערזאמלונג פון'ם צענטראלען קאמיטעט פון דער פארטיי.

מאניא, א שעהנע, וואונדערבאר גראציעזע און הויך־געוויקסיגע פרוי. איז געוועזן אנגעטהאן אין א דורכזיכטיגען מלבוש, וואס איז דאן שטארק געוועזן אין דער מאדע. פון הינטער דעם דורכזיכטיגען מלבוש האט זיך ארויסגעזעהן ראזעווע זייד, און איבער דעם האט עס אויסגעזעהן, ווי זי וואלט אויף איהר נאקעטען ראזעווען קערפער א דורכזיכטיגען מלבוש אנגעטהאן.

דאס מלבוש האט איהר זעהר שעהן געפאסט, און פערקאמט איז זי אויך געוועזן מיט געשמאק און אריגינעל. די האר צוטיילט מיט א שרונט און ניט פערדעקט די קליינע ראזעווע אויערען. ארום קאפ זיינען געוועזן די צוויי דיקע צעפ ווי א בלומען־קראנץ. אן אנדער וואלט אזא פריזורע אפשר ניט צוגעפאסט, אבער צו איהר קיילעכדיגען, פול־בלוטיגען פנים מיט די צוויי גרויסע אויגען, האט דאס צוגעגעבען א וועלט מיט חן.

כאטש זי איז געווען א אידישע מיידעל, האט זי דאך ניט אויסגעקוקט ווי קיין אידישע טאכטער, נור גיכער ווי אן אוקראינישע דארפישע שעהנע שיקסע.

אין'ם שעהנעם גאסט־צימער, פארשלאסען ארום און ארום, זיינען ארום דעם זודיגען סאמאוואר געזעסען עטליכע מענשען: פעקלא, די נייטארין, איהר חבר'טע, נאטאשא, א הויכע, שווארץ חנ'עוודיגע מיידעל מיט אן אומרוהיגען בליק אין איהרע צוויי אויגען, וועלכע האבען געשפריצט מיט פייער. לעבען נאטאשאן איז געזעסען מאניא'ס שוועסטער, סאניא, און לעבען איהר — איהר חתן, דער סטודענט. פונקט אזוי ווי מאניא איז געווען שעהן און חנ'עוודיג, אזוי איז איהר שוועסטער געווען מיאוס און ניט סימפאטיש. די ברייטע גראבע נאז האט איהר דאס גאנצע פנים פארשטעלט און די מארדעטשקע איהרע איז געווען פארריסען ארויף. פון'ם ערשטען בליק אויף איהר האט מען גלייך געקענט דערקענען, אז ווען זי וועט אלט זיין א יאהר דרייסיג, וועט זי שוין זיין א פאלנע „אידענע". בלויז איהרע שווארצע ברעמען זיינען געווען שעהן, און דאס האט אביסעל פארדעקט די מיאוס'ע שטריכען פון איהר פנים.

איהר חתן, דער סטודענט זיידמאן, איז געווען א שעהנער אידישער שווארצחנ'עוודיגער יונגערמאן, מיט רויטע בעקלאך, שווארצינקע בערדעל און מיט צוויי לאסטשענדע שטענדיג שמייכלענדע אויגען דערפאר אבער האט ער געהאט צו דיקע פליישיגע ליפען. לעבען איהם איז געזעסען די פעלדשעריצע בעזסאנאווא. א קליינינקע, א דארינקע, א שווייגענדיגע און זעהר ארים און באשיידען אנגעטהאן.

עס איז דא אויך געווען א יונגע פאר פאלק, דער סטודענט קאוושינאוו און זיין פרוי קאטיא, א קורסיסטקע. זיי האבען ערשט מיט א האלב יאהר צוריק חתונה געהאט אין טורמע, און דערנאך, ווען זיי זיינען פון טורמע ארוים פריי, האט מען איהם שוין אין אוניווערסיטעט מעהר ניט אריינגעלאזען און זי האט פארלוירען דעם חשק ווייטער צו לערנען... מיט פארלייגטע הענד

זיינען זיי ניט געזעסען;ביידע זיינען זיי געווען זעהר טהעטיג אין דער באוועגונג. אי ער אי זי האבען געקענט באגייסטערען אן עולם מיט א פייערדיגע רעדע.

די זיצונג האט שוין געהאלטען ביים סוף.

— טאווארישטש, — האט זיך פאטאפאוו געווענדעט צו דער פעלדשעריצא בעזסאנאווא. — וואס קענט איהר אונז באריכטען וועגען אייער ארבייט אין דער פאבריק צווישען די ארבייטער?

איז די פעלדשעריצע רויט געווארען, זיך געגעבען א רוק צו־זאמען מיט'ן שטוהל און אנגעהויבען דערצעהלען ווי איהר ארבייט ברענגט גוטע רעזולטאטען: ווי אבציג ארבייטער פון יענער פאבריק זיינען שוין צוגעשטאנען צו דער באוועגונג. מיט איינעם וואָרט: דער פונדאמענט איז געלעגט, און ערשט איצט דארף מען זיך נאך מיט מעהר מוטה נעהמען צו דער ארבייט.

דער סטודענט זיידמאן איז פון דעם באריכט געווען שטארק צופריעדען:

— דאס איז ווירקליך א סך אויפגעטהאן.— האט ער די בעז־סאנאווא געלויבט. — ווייל די מעהרסטע ארבייטער אין יענער פאבריק זיינען מעהר אדער ווייניגער פארמעגליכע מענשען. זיי האבען זיך זייערע אייגענע שטיבלאך. זייערע פרויען געהען אין קאפעליושען און זייערע טעכטער לערנען גאר אין גימנאזיע... גבירים... און דערפאר איז זיי אזוי שווער צו ארגאניזירען...

— אבער איצט זיינען גאר אנדערע צייטען, — האט די בעז־סאנאווא ערקלעהרט. — די ארבייטער אין אלע פאבריקען הויבען פאמעלעך אן צו קומען צום שכל... אונזער ארבייט איז ניט אומזיסט...

— יא, יא גאר אנדערע צייטען זיינען איצט! — האט פא־טאפאוו אויך צוגעגעבען, מיט א באזונדער מין פארגעניגען גע־בענדיג א גלעט איבער דעם בערדעל.

אין דער מינוט האט זיך ביי דער טהיר דערהערט א קלונג. מאניא איז אריינגעגאנגען אין פאדער־צימער זעהן ווער דאס איז. דאס איז געווען ליזא.

פעקלא אנדרעיעווגא איז דא ? — האט ליזא אין גרויס פאר־לעגענהייט געפרעגט.

זענט איהר אפשר ליזא טאבאלצעווא ? האט ליזא גלייך גע־טראפען. — ביטע ! קומט אריין, מיר ווארטען דא אויף אייך...

פעקלא איז אויך אריינגעקומען אין פאדערשטען צימער, און ווי זי האט נור דערזעהן ליזא'ן, האט זי איהר פריינדליך די האנד אנטקעגען געטראגען.

איך האב געבראכט דאס געלד. נאט עס אייך, — האט ליזא אלץ אין גרויס פארלעגענהייט די ווערטער ארויסגעזאגט שיער ניט אומגעפאלענד. און ווען זי האט דערזעהן ווי זיין הויכע ריע־זיגע פיגור פאר אלע געסט, און ליזא האט געפיהלט ווי אלע קו־קען אויף איהר נייגעריג.

— ניקאלאי פיאדאראוויטש ! — האט מאניא פרעהליך אויס־געשריען. — איהר מעגט אריינקומען אהער. דאס איז אן אייגע־נער מענש געקומען.

מאניא האט פארגעשטעלט ליזא'ן און דערלאנגט פעקלא'ן דאס געלד.

ווען ליזא האט דערהערט פאטאפאוו'ס פארשטעלטען נאמען, איז זי רוקט זיך ארויס פון די פארהאנגען פון'ם צווייטען צימער, איז זי געווארען אזוי בלאס ווי די וואנט. ווארים ערווארטעט האט זי איהם צו זעהן ערשט אויף דער נאכט ביי זיך אין צימער, אבער ניט אט דא א, פאר אלעמען אין די אויגען...

פאטאפאוו אליין האט זיך אויך פארלוירען ווען ער האט דא דערזעהן ליזא'ן. אלע האבען דאס אויף זיין פנים גלייך באמערקט, און דערפאר האבען זיי אויף ליזא'ן נאך מיט מעהר נייגעריגקייט אנגעהויבען קוקען...

מיט ארונטערגעלאזענע אויגען האבען זיי זיך ביי הענד בא־גריסט. עס איז געווארען שטיל, אן אנגעצויגענע שטילקייט איז דאס געווען.

איבערגעריסען די שווייגעניש האט פאטאפאוו.

— איא מיר האבען שוין אונזערע פארהאנדלונגען געענדיגט?
— האט פאטאפאוו געפרעגט.

— יא, — האט די בעזסאנאווא געענטפערט. — מיר האבען שוין געענדיגט, אבער איך וויל מאכען א קליינע באמערקונג, נאך בעסער געזאגט: איך וויל עפעס בעטען ביי אייך, ניקאלאי פיאדאראוויטש.

— גוט, איך הער. — האט פאטאפאוו געענטפערט.

— איך וויל אייך בעטען אט וואס: — האט די בעזסאנאווא געזאגט. — אז איהר זאלט מיר געבען א מעהר פאראנטווארטליכע ארבייט... ווייל — איך וועל זאגען דעם אמת, אז די איצטיגע ארבייט שטעלט מיך ניט אין גאנצען צופריעדען. איך וואלט וועלען אויפטהאן מעהר...

דערהערענדיג אזעלכע ווערטער פון אזא קליינינקער, עדעלינקער פרויקע, איז ליזא געבליעבען זיצען א פארגאפטע. און אויסגעקומען איז ביי איהר, אז דאס גאנצע לעבען איהרס, די ליעבע צו טאבאלצעוו'ן די געפיהלען צו קאטיא'ן דאס שעהנע נייע מעבעל — אלעס איז אזוי נישטיג און אומווירדיג אין פארגלייך מיט די דאזיגע אידעאלען, מיט וועלכע אט די מענשען טראגען זיך ארום...

— איז זי פארהייראטה? — האט ליזא געפרעגט.

— אודאי, — האט מאניא געענטפערט, — זי האט א מאן און צוויי קינדער.

— וואס? זי האט קינדער אויך?

ליזא האט זיך שטארק פארטראכט. זי האט אלץ ניט געקענט פארשטעהן, וואס פאר פרויען דאס זיינען... ווי קען דאס א פרוי, א מוטער פון קינדער, זיצען אין טורמע? ווי קען זי ניט זעהן די קינדער און ניט זיין זיכער צי דער מאן איז איהר געטריי צי ניין?... ניט אנדערש נור דאס זיינען גאר אנדערע נאטורען...

נאכדעם איז מען שוין אלע צוזאמען געזעסען ביים טיש און געטרונקען טהעע. ליזא האט אלעמענס פנים'ער גוט באטראכט,

ווי זי וואלט פון זיי געוואלט ארויסליענען דעם סוד, פארוואס זיי קענען זיין אזעלכע בראווע, מוטהיגע מענשען...

דער אידישער סטודענט זיידמאן האט גערעדט וועגען אונטערנעהמונגען פאר דער באוועגונג. ער האט אויסגערעכענט, אז די אלע אונטערנעהמונגען האבען אריינגעטראגען ווייניג געלד, און באוויזען מיט ציפערען, אז מען דארף וואס גיכער שאפען נאך א סומע.

— אט האב איך גאר געוואלט באקומען פינף טויזענד רובעל.

— האט פעקלא געזאגט און אוועקגעלייגט דאס גאנצע געלד אויפ'ן טיש.

אלע האבען פארשטאנען, אז דאס האט ליזא די פינף טויזענד רובעל געגעבען. אבער זיי האבען זיך געהאלטען אזוי ווי זיי וואלטען דאס ניט פארשטאנען. פאטאפאוו איז רויט געווארען און ארונטערגעלאזט די אויגען.

ליזא איז אויפגעשטאנען.

דער קאפ האט זיך איהר געדרעהט פון די איינדריקע, וואס זי האט דא געהאט. ווען זי האט זיך געזעגענט מיט פאטאפאוו'ן, האט ער איהר שטילערהייד געזאגט:

— היינט אויף דער נאכט וועל איך ווידער קומען...

זי האט שעהמעווודיג די ברעמען ארונטערגעלאזט.

— איך וועל אייך פון דאנען ניט לאזען אוועקגעהן איידער עס וועט ווערען פינסטער אין דרויסען, — האט מאניא געזאגט פאטאפאוו'ן, נאכדעם ווי ליזא איז אוועק, — איהר דארפט זיין פארזיכטיגער און זיך ניט ווייזען אין גאס בייטאג...

— וואס פאר אן אונטערשיעד בייטאג אדער ביינאכט! — האט זיך קאוושינאוו פאנאנדערגעלאכט. — אז ביינאכט איז איצט ליכטיג ווי בייטאג... פאר אונזערע מענשען איז דאס א צרה...

און ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען — האט ער זיך געווענדעט צו פאטאפאוו'ן — זעצט זיך אוועק וועל איך אייך שוין אפראזירען דאס בערדעל... געהט עס?

— פאר קיין פאל ניט ! — האט פאטאפאוו געענטפערט גלע־טענדיג דאס בערדעל, — פאר קיין פאל וועל איך מיין בערדעל ניט ארונטערנעהמען !

— נו, אודאי, — האט זיך מאניא אריינגעמישט. — ער ווייסט אז דאס בערדעל פאסט איהם זעהר שעהן צום פנים, וויל ער עס ניט ארונטערנעהמען...

פאטאפאוו האט געפיהלט ווי ער שעהמט זיך ווי א קליינ־שטעטעלדיגער בחור'ל.

איך דענק אויך, אז עס וואלט ניט געשאדט, אז איהר זאלט דאס בערדעל ארונטערנעהמען, — האט זיך אנגערופען מאניא'ס שוועסטער. — איבער אזא קלייניגקייט לוינט זיך זיכער ניט אריינ־צופאלען...

— דאס איז שוין מיין עסק, — האט פאטאפאוו אביסעל בייז־ליך געענטפערט.

מעהר האט קיינער וועגען דעם א ווארט ניט גערעדט. האט פאטאפאוו דערפיהלט אז די שטימונג איז געווארען א געדריקטע, און אזוי ווי ער האט דאס ניט געוואלט, האט ער געביטען דעם טאן און אנגעהויבען דערצעהלען די איינצעלהייטען ווי ער איז אנטלאפען פון סיביר.

— איהר ווייסט, חברה, — מאכט ער אזוי מיט א גוטמוטהי־גען שמייכעל, — ווי מען האט מיר אפראזירט דאס בערדעל ווען איך בין אנטלאפען פון סיביר ?

— ווי אזוי ?

— מיט א האק...

— געהט אוועק ! — האט זיך זיידמאן פאנאנדערגעלאכט. — מיט א האק ?

— אויף מיין עהרען־ווארט, מיט א האק, — האט זיך פא־טאפאוו געשוואוירען. עס איז געווען אזוי : אויפ'ן וועג בין איך אנגעקומען אין א דערפעל, וואו איך בין פארפאהרען צו א פויער, וועלכער סימפאטיזירט מיט אונז און העלפט ארויס אונ־זערע מענשען מיט וואס ער קען נור. איך האב געבעטען דעם

פויער ער זאָל מיר אָפּגאָלען די באָרד און די וואָנצעס, ווייל ווייטער פאָהרען אזוי איז געווען א געפאהר... מאַכט ער צו מיר אזוי, דער פויער: „איהר ווילט זיך אָפּגאָלען דאָס בערדעל, פריץ? באַראַשאָ... (גוט) אָבער איך האָב ניט קיין ראזיר־מעסער... אויב איהר ווילט, אז איך זאָל אייך גאָלען מיט א האָק, קען איך דאָס גלייך טהאָן... קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט געהאַט. האָב איך זיך אָוועקגעזעצט. ער האָט מיר אַנגעריבען די מאָרדע מיט זייף און דערנאָך גענומען סקראָבען מיט דער האָק... און וואָס זאָל איך אייך זאָגען, חברה? דעם גיהנום וועל איך שוין ניט דאַרפען ליידען... דריי שטונדען נאָכאַנאַנד האָט ער געאַרבייט, ביז ער האָט מיר אַרונטערגענומען די באָרד מיט די וואָנצעס... איהר האָט מיך דאַמאָלט געמעגט אַנקוקען, וואָס פאַר א פּנים איך האָב געהאַט.

— נו, פאַר וואָס־זשע זאָלט איהר זיך איצט ניט לאָזען אַרונטערנעהמען דאָס בערדעל? — האָט מאַניאַ מיט פאַרוואורף איהם געזאָגט. — דאָ זענט איהר דאָך ניט אין געפאהר ווי דאָרטען. די פּאָליציי זוכט דאָך אייך אַרום איבער דער גאַנצער שטאָדט...

— עס מאַכט ניט, עס איז ניט געפעהרליך, — האָט פּאַטאַפּאָוו געענטפערט. — איך וועל זיך שוין ווי עס איז אויסדרעהען...

און קיינער האָט ניט געוואוסט, אז ער וויל זיך דאָס בערדעל ניט אַרונטערנעהמען דערפאַר, ווייל ליזאַ אַליין האָט איהם געזאָגט, אז עס פּאַסט איהם זעהר.

צוויי און צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

ליזאַ איז געקומען אַהיים, זיך געהייסען דערלאַנגען עסען, אָבער זי איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אז זי האָט אין מויל אַריין גאָר ניט געקענט נעהמען.

אין קעלט און אין היץ האָט עס זי געוואָרפען, און געקלעהרט האָט זי אַלץ וועגען דעם, ווי איהרע באַציהונגען מיט פּאַטאַפּאָוו'ן

וועלען זיין אין דער צוקונפט. ווייל פארשטאנען האט זי, אז פון דעם צווייטען באזוך, וואס ער וועט היינט אויף דער נאכט ביי איהר מאכען, העננט אפ די באציהונגען אין דער צוקונפט.

ער האט זיך דאך געשוואוירען, אז ער וועט איהר קיינמאל ניט דערמאנען דאס וואס ס'איז פארגעקומען צווישען איהם און איהר אין יענער נאכט... און ער וועט דאך אודאי האלטען ווארט. זי פיהלט עס, און זי האט זיך שוין פארגעשטעלט, אז ווען ער וועט היינט אויף דער נאכט ווידער קומען, וועט ער מיט איהר רעדען וועגען די נייע חברים און חבר'טעס מיט וועלכע זי איז דורך איהם באקאנט געווארען. און זיצען וועט ער פון דער ווייטענס, אפילו איהר האנד וועט ער ניט אנריהרען...

„אבער וויל איך דאס? — האט זי זיך אליין געפרעגט, — און אויב ער וועט מיך אנהויבען בעטען, אז איך זאל זיך איהם ווידער איבערגעבען, וועל איך קענען ביישטעהן דעם נסיון צו ניין?... און וואס טהוט זיך דא מיט מיר? האב איך איהם טאקע ליעב צי ניין?...

האלטענדיג די אויגען צוגעמאכט, האט זי זיך אין איהרע אייגענע געפיהלען געגריבעלט. טיעף אריינגעקוקט אין איהר הארצען און אן אימה איז אויף איהר געפאלען. עס האט זיך איהר געדוכט, אז זי קוקט אריין אין א טיעפען, שווארצען תהום, וואס האט גאר קיין גרונד ניט...

נאך שרעקליכער איז פאר איהר געווען די שוואכקייט עפעס צו באשליעסען און זיך אפשטעלען אויף וואס ניט איז. פון איהם, פון פאטאפאוו'ן, האט זי געוואלט בלויז ווארימקייט און צערטליכקייט... אבער נור א פריינדליכע, בריעדערליכע צערטליכקייט... אזוי אנשפארען דעם מיעדען קאפ אויף זיין ברוסט... ער זאל ארומנעהמען אזוי פעסט און שטארק... און שווייגען.... נור שווייגען.

מיט א מאל האט זי זיך א כאפ געטהאן מיט אזא שרעק, גלייך אימיצער, עפעס א ליץ וואלט איהר אין אויער א טורקע געטהאן. עס איז איהר איינגעפאלען אזא געדאנק:

„אין אזא ליעבע איז דען פאראן א מארגען, א צוקונפט ?...
יעדער קוש זיינער, יעדע לאסקע קען דאך זיין די לעצטע... און ווען ער געהט אוועק, קען דאך זיין, אז מען זאל איהם אין מיטען וועג ארעסטירען און זי זאל איהם שוין מעהר קיינמאל אין איהר לעבען ניט זעהן"...

א נערוועזע א צוטומעלטע האט זי איבער'ן צימער ווי א ווילדע געגומען ארומלויפען.

איצט איז ער ביי מאניא'ן... ארומגערינגעלט איז ער מיט אזעלכע שעהנע און אינטערעסאנטע פרויען... און יעדע איינע פון זיי איז גרייט אין איהם זיך צו פארליעבען... נו, געווים. האט זי דען ניט געזעהן ווי זיי קוקען איהם אלע אין די אויגען אריין ?...

און מערקווירדיג ! קלעהרענדיג וועגען יענע אלע שעהנע און אינטערעסאנטע פרויען, האט זי קיין אייפערזוכט ניט געפיהלט... ווארים — „ער איז ניט אנדריושא, ביי וועמען יעדער קליידעל איז א גאנצער וועזען... ער איז א גאנצער מענש, און ווען ער איז פארליעבט אין א פרוי, פארדרעהט ער זיך ניט דעם קאפ מיט אן אנדערער"...

אט דער געדאנק האט איהר גרויס פארגעניגען פארשאפט און זי האט זיך פרעהליך פאנאנדערגעלאכט.

ווי א שאטען האט זי זיך ביז זיעבען א זייגער איבער'ן הויז ארומגעדרעהט. אין קיך האט שוין דער סאמאוואר געזאדען. אויפ'ן טיש איז שוין געשטאנען גרייט דער וויין און פארבייסענס מיט די פרוכטען זיינען אזוי שעהן אין די וואזעס געלעגען און געווארט אויפ'ן גאסט. אבער דער גאסט איז נאך אלץ ניט געקומען.

„און אפשר האט מען איהם ארעסטירט ווען ער איז אהער געגאנגען ?" — איז איהר א געדאנק איינגעפאלען.

א שווערער זיפץ האט זיך פון איהר הארצען ארויסגעריסען און זי האט זיך אנגעכאפט ביי די שלייפען פון איהר שטערן.

עס איז אוועק נאך א האלבע שטונדע. דער זייגער האט שוין אויסגעקלונגען אכט.

בלייך ווי די וואנד איז ליזא געשטאנען לעבען זייגער און איז גרוים פארצווייפלונג געבראכען מיט די הענד. ווילד און איבער־געשראקען האבען איהרע אויגען אויסגעקוקט, ווען זי האט זיך גע־נומען בארענקען ווי פוסט און פינסטער איהר לעבען איז. און ערשט אין דעם מאמענט האט זי פארשטאנען ווי וויכטיג עס איז פאר איהר דאס, וואס פאטאפאוו איז אין איהר פארליעבט...

זי האט לאנג געקלעהרט וועגען זיך, וועגען איהר לעבען, וועגען פאטאפאוו'ן. און וואס מעהר זי האט וועגען פאטאפאוו'ן געקלעהרט, אלץ גרעסער איז ער אין איהרע אויגען אויסגעוואקסען.

עס האט זיך דערהערט דאס קלינגען פון דעם עלעקטרישען גלעקעל ביי דער טהיר. זי האט זיך געגעבען א ווארף, א פריידענס־קוויטש האט זיך פון איהר הארצען ארויסגעריסען און זי איז ארונטערגעלאפען פון די שטיגען מיט א גדולה באגעגענען פא־טאפאוו'ן.

— סטיאפושקא! — איז זי איהם גלייך אין די ארמס אריינ־געפאלען מיט אזא פרייד, אז דער אויסדריק פון איהר פנים האט זיך אין איין מאמענט אין גאנצען געביטען. — סטיאפושקא, טייע־רער...

— ליזאטשקא! — האט ער אויך מיט פרייד אויסגעשריען.

זי האט עפעס שטילערהייד געשעפטשעט. אט האט זי גע־לאכט און אט האט זי געוויינט.

דאן האט ער מיט איין האנד געגעבען א שלים צו די טהיר און מיט דער אנדערער האט ער זי געגעבען א כאפ מיט אזא גבורה ווי א וואלף גיט א כאפ א שעפעלע. און ווען די טהיר איז שוין געווען פארשלאסען, האט ער זי ווי א קינד אויף די הענד גענומען און ארויפגעלאפען מיט איהר אויף די שטיגען. באדע־קענדיג איהר צופלאמטען פנים מיט ליידענשאפטליכע, הייסע קו־שען...

א גאנצע נאכט זיינען זיי געווען צוזאמען... — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פינף אזייגער פארטאג איז פאטאפאוו אוועקגעגאנגען.

די שטאדט איז נאך דאן געשלאפען. אויף דער גאס האט מען קיין מענשען ניט געזעהן. אבער פאטאפאוו'ן האט זיך אלץ געדאכט אז אט לויפט מען נאך איהם נאך. אט כאפט מען איהם. האט ער זיך דאריבער אלע מאל איין אן אנדער גאס פארקירעוועט, כדי מען זאל אויף זיין שפור ניט פאלען. ווייל פארליערען די פרייהייט איצט, וואלט פאר איהם געווען נאך ערגער ווי געשטארבען... איצט, ווען ליזא איז זיינע, מוז ער זיין א פרייער מענש...

ער האט גוט געדענקט, וואס זי האט איהם געזאגט איידער ער איז אוועקגעגאנגען.

זיי פארזיכטיג, סטיאפושקא! — האט זי איהם געזאגט.

— פארגעס ניט, אז דו ביזט ביי מיר איין און איינציגער אויף דער גאנצער וועלט... אויף דער גאנצער וועלט איין און איינציגער...

און אין דער זעלבער צייט האט איהם א שווערער געדאנק געפלאגט:

„ניט מיך האט זי ליעב, נור איהם, טאבאלצעוו'ן... אין מיין ליעבע זוכט זי בלויז א טרויסט און ניט מעהר... נו, זאל זיין אזוי... גוט איז דאס!... — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ענדע פון צווייטען טהייל אין ערשטען בוך

פארטזעצונג אין צווייטען בוך.